STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02587

ALE VERK

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פֿון
שלום עליכם

פאַרלאַג איקוף

1953

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO V

PRINTED IN ARGENTINE
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1953

Queda hecho el depósito que marca la ley

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק
פון
שלום עליכם

●

באַנד V

מעשיות פאַר יודישע קינדער
ערשט בוך
מעשיות פאַר יודישע קינדער
צווייט בוך

מעשיות פאַר ייִדישע קינדער

ערשט בוך

אינהאַלט:

דאָס מעסערל — 11

אַפֿן פידל — 31

דער זייגער — 53

ראַבטשיק — 63

מתושלח — 77

כפרות — 91

דאָס פּאָרפּאָלק — 103

פּעמעלע דעם רבינס — 125

באַשעפעניש — 137

צער בעלי־חיים — 151

בלומען — 159

דער יינגסטער פון די מלכים — 177

קדלת וקדשת — 193

דאָס מעסערל

אַ מעשה פאַר יִידישע קינדער

לא תגנוב — זאָלסט ניט גנבענען
(פון די עשרת הדברות)

א.

הערט, יִידישע קינדער, איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה מיט אַ מעסערל; נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַן אמתע, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט מיר טאַקע אַליין. צו קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי קיין חשק ניט געהאַט, ווי צו אַ מעסערל; קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי ניט געגאַרט צו האָבן, ווי צו האָבן אַ מעסערל, אַן אייגן מעסערל. דאָס מעסערל זאָל ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל, זאָל איך דאָס מיר אַרויסנעמען, און וואָס איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדן — און לאָזן מײַנע חברים וויסן! איך האָב נאָר־וואָס אָנגעהויבן גיין אין חדר, צו יוסיל דרדקי, האָב איך שוין געהאַט אַ מעסערל, דאָס הייסט, כמעט, כמו ווי אַ מעסערל. איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט. איך האָב אויסגעריסן אַ געגנדזענע פעדער פון אַ פלעדערוויש, פון איין זײַט אָפּגעהאַקט, פון דער אַנדערער זײַט אויסגעגלעט און האָב מיר פאַרגעשטעלט, עלעהיי ס׳איז אַ מעסערל און סע שנײַדט...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פעדער, וועלכע שוואַרצע יאָר? וואָס איז דאָס פאַר אַרומטראָגן זיך מיט פעדערן? — פרעגט מיך דער טאַטע, אַ קראַנקער ייִד מיט אַ געל אויסגעטריקנט פנים, און פאַרהוסט זיך. — נאַ דיר גאָר פעדערן, שפּילעכלעך — קהע־הע־הע־הע!

— וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד שפּילט זיך? — ענטפערט אים

די מאַמע, אַ נידעריטשקע יידענע מיט אַ זיידן טיכל אויפֿן קאָפּ. — אבי אויסעסן זיך דאָס האַרץ, מײַנע שונאים!

שפּעטער, אַז איך האָב שוין געהאַלטן בײַ „חומש מיט חבור", האָב איך שוין געהאַט כמעט אין אַמתדיק מעסערל, אויך מײַן אייגענע מלאכה: איך האָב דערטאַפּט אַ שטיקל שטאָל פֿון דער מאַמעס „קרײַ־נעלינע" און האָב דאָס אײַנגעזעצט זייער קונציק אין אַ שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל רעכט אָנגעשאַרפֿט אין אַ טאָפּ און האָב זיך דערבײַ געװיינלעך, צעשניטן אַלע פֿינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסל צעבלוטיקט, דער קדיש דײַנער! — שרײַט דער טאַטע און נעמט מיך אין בײַ די פֿינגער אַזוי אַז די ביינדלעך קנאַקן — אַ שיינער בחורקענע, הע־הע־הע!

— אוי, אַ דונער איז מיר! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל און וואַרפֿט דאָס אַרײַן אין אויוון אַרײַן, קוקט נישט אויף מײַן געוויין. — אַצינד וועט דאָס האָבן אַן עק, ווייי איז מיר נישט!

איך האָב אָבער גיך באַקומען אַן אַנדער מעסערל, טאַקע אויף דער רעכטער אמת אַ מעסערל! אַ הילצערן קלעצל, אַ קײַלעכיקס, אַ בײַכיקס, פּאַכאָזשע אויף אַ פּעסל, מיט אַ האַרבאַטע קלינגל, וועלכעס האָט זיך אי געעפֿנט, אי פֿאַרמאַכט. איר ווילט וויסן ווו אַרום האָב איך דאָס באַ־קומען? איך האָב מיר צענויפֿגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פֿון די אָנבײַסנס, און האָב אָפּגעקויפֿט בײַ שלמהלען פֿאַר זיבן גראָשן מזומן, און דרײַ בין איך אים געבליבן שולדיק.

אוי האָב איך דאָס ליב געהאַט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! געקומען אַהיים פֿונעם חדר אַ דערהרגעטער, אַ הונגעריקער, אַ שלעפֿע־ריקער, אַן אויסגעפּאַטשטער (איך האָב, פֿאַרשטייט איר, נאָר־וואָס אָנ־געהויבן צו לערנען גמרא בײַ „מאַטיע מלך־המות" דער גמרא־מלמד: „שור שנגח את הפרה" — אַן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה, און וויבאַלד אַן אָקס שטויסט אַ בהמה, קומט מיר פּעטש...) איז דאָס ער־שטע געווען אַרויסנעמען דאָס מעסערל פֿון אונטער דער שוואַרצער שאַ־פֿע (דאָרט איז דאָס געלעגן אַ גאַנצן טאָג, מחמת אין חדר האָב איך דאָס נישט געטאָרט האַלטן, און אינדערהיים האָט אוודאי קיינער נישט גע־טאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל), נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשנײַדן אַ שטיקל פּאַפּיר, איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב, און ערשט נאָכדעם צעשנײַדן מײַן חלק ברויט אויף קליי־

נישטיקע, קליינטשקע שטיקעלעך, אָנשטאָטן אָפּן שפּיץ פונעם קלינגל און ערשט נאָכדעם לייגן אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגעריייניקט, אויסגע־שײַערט, אויסגעפּוצט, גענומען דאָס שאַרפשטיינדל, וואָס איך האָב גע־פונען בײַ אונדז אַפן בוידעם, אָנגעשפּיגן און גענומען זיך שטילערהייט צו דער אַרבעט — שאַרפן דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע, מיט אַ יאַרמלקע אַפן קאָפּ זיצט איבער אַ ספר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך בײַ דער חלה. איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפן, שאַרפן...

פּלוצים כאַפּט זיך אויף דער טאַטע ווי פונעם שלאָף:

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טוסטו, דו שייגעץ איינער?

גייט צו צו מיר און בייגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפשטיינדל און כאַפּט מיך פאַרן אויער און פאַרהוסט זיך.

— אַ־אַ־אָ? מעסערלעך!? הע־הע־הע! — זאָגט דער טאַטע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפשטיינדל. — אַזאַ יונגאַטש, קראַנק נעמען אַ ספר אין האַנט, קכע־הע־הע!

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קול; דער טאַטע פאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש, און די מאַמע לויפט אַרײַן פון קיך מיט פאַרקאַ־טשעטע אַרבל, מיט אַ גוואַלד:

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכעס? פאַרוואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד? ווײ איז מיר נים!...

— מעסערלעך?... — שרײַט דער טאַטע און פאַרהוסט זיך. — אַ ברעקעלע קינד!... אַזאַ יונגאַטש!... קכע־הע־הע!... קראַנק נעמען אַ ספר אין האַנט? אַ בחורל פון אַכט יאָר!... איך וועל דיר געבן מע־סערלעך, דו פּוסטער בחור איינער!... אין מיטן דרינען גאָר מעסער־לעך, קכע־הע־הע!...

גוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מײַן מעסערל? וואָס האָט דאָס בײַ אים אַזוינס פאַרזינדיקט?... פאַרוואָס איז ער אַזוי אין כעס?...

איך געדענק מײַן טאַטן כּמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל, און תּמיד אין כעס, תּמיד ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ

מינדסטער נארישקייט ווערט ער אַנגעצונדן און וויל מיך נאָר דורם זײַן.
אַ גליק, וואָס די מאַמע פאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פון זײַנע הענט.

און דאָס מעסערל מײַנס האָט מען פאַרוואָרפן אַזוי ווײַט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג כסדר געזוכט און געזוכט און האָב דאָס נישט גע־קאָנט געפינען אין ערגעץ! איך האָב ערנסט באַוויינט דאָס האָרבאַטע מעסערל, דאָס גוטע מעסערל. און ווי ביטער און פינצטער מיר איז געווען אין חדר, אַז איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך וועל קומען אַהיים מיט געשוואָלענע באַקן, מיט רויטע אונטערגעריסענע אויערן פון „מאַטיע מלאך־המותס הענט, דערפאַר וואָס אַן אָקס האָט געשטויסן אַ בהמה, — צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן? עלנט בין איך געבליבן אָן דעם האָרבאַטן מעסערל. עלנט ווי אַ יתום, און קיינער, קיינער האָט ניט געזען מײַנע טרערן, וועלכע איך האָב שטילערהייט פאַרגאָסן בײַ זיך, אויף מײַן בעטל, באַנאַכט, קומענדיק פונעם חדר. שטיל האָב איך מיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפן געוואָרן, און אויף מאָרגן פרי ווידער אין חדר אַרײַן, ווידער „שור שנגח את הפרה" — אַן אָקס וואָס האָט געשטויסן אַ בהמה, ווידער מאַטיע מלאך־המותס קלעפּ, ווידער דעם טאַטנס כעס, דעם טאַטנס הוסט, דעם טאַטנס קללות, — ניטאָ קיין פרײַע מינוט, קיין פריילעכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין איינ־ציק שמייכעלע פון קיינעם, פון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, עלנט אויף דער גאַנצער וועלט!...

ב.

פון יענער צײַט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר, און אפשר אַנדער־האַלבן. איך האָב שוין כמעט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן דאָס האָרבאַטע מע־סערל. עס ווײַזט אויס, אַז מיר איז אָבער אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים, אַז מײַנע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פאַר מע־סערלעך, איז געבוירן געוואָרן אַ נײַ מעסערל אויף מײַן אומגליק, גאָר אַ שפּאָגל־נײַ מעסערל, אַן אַנטיקל, אַ חריפות, כ'לעבן. אַ וואָזשנע מע־סערל, מיט צוויי קלינגלעך, טײַערע שטאָלענע קלינגלעך, שאַרפע ווי חלפים, מיט אַ ווײַס ביינערן קלעצל, מיט אַ מעשענעם „קאַסטן", מיט רויטע מעשענע שטיפטיקלעך — איך זאָג אײַך, אַן אַנטיקל, אַן אמתדיקס, אַ „זאָוויאַלאָווס!"... *

*) „זאָוויאַלאָוו" — די געוויסע מעסער־פאַבריק.

ווי קומט צו מיר דאָס דאָזיקע טײַערע מעסערל, וואָס איז גאָרניט אַף מײַן מיסט געוואַקסן געוואָרן? דאָס איז אַ גאַנצע מעשה, אַ טרויע־ריקע, נאָר גאָר אַ שיינע מעשה; הערט איך בעט אײַך, מיט קאָפּ.

וואָס פאַר אַ פּנים האָט בײַ מיר געהאַט דער „גלות", דער ייִדישער דײַטש, וואָס איז געשטאַנען בײַ אונדז סטאַנציע, דער פּאָדראַטשיק הער הערץ הערצענהערץ. אַז גערעדט האָט ער אַף ייִדיש, געגאַנגען איז ער אָן אַ היטל, אָן אַ באָרד, אָן פּאות און, איך בעט איבער אײַער כבוד, ביז העכער האַלב אונטערגעשניטן די קאַפּאָטע? איך פרעג אײַך, וויאַזוי האָב איך זיך געקאָנט אײַנהאַלטן און ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער, ווען דער דאָזיגער ייִדישער גוי, אָדער גוייִשער ייִד האָט צו מיר גערעדט דווקא אַף ייִדיש, נאָר עפּעס אַ מאָדנע ייִדיש מיט אַ סך פּתחן.

— נו, ליבסטער קנאַבע, וואָס פיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! — האָב איך מיך צעלאַכט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין האַנט.

— זאַגע־זאַגע, מײַן ליבעס קינדכען, וואָס פיר סדרה גייט דיזע וואָכע?

— כי־כי־כי! ב־ל־ק!!... — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און בין אַנטלאָפן געוואָרן.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען צום אָנהייב, בשעת איך האָב אים נאָך גאָרניט געקענט; אָבער נאָכדעם, אַז איך האָב מיך שוין גוט באַקענט מיט דעם דאָזיקן דײַטש הער הערץ הערצענהערץ (ער איז אָפּגעזעסן בײַ אונדז אין שטוב אַ יאָר כּסדר), האָב איך אים אַזוי ליב געקריגן, אַז עס האָט מיך שוין מער נישט געאַרט, וואָס ער דאַוונט נישט און עסט אומגעוואַשן. תּחילת האָב איך נישט פאַרשטאַנען וויאַזוי לעבט ער? וויאַזוי האַלט אים גאָט אַף דער וועלט? וויאַזוי ווערט ער ניט דערוואָרגן באַם עסן? וויאַזוי קריכן אים ניט אויס די האָר פונעם נאַקעטן קאָפּ? פונעם רבין „מאָטיע מלאך־המות" האָב איך געהערט, פון זײַן מויל אַליין, אַז דער דאָזיקער ייִדישער דײַטש איז גאָר אַ גלגול, דאָס הייסט: אַ ייִד איז מגולגל געוואָרן אין אַ דײַטש, וואָס שפּעטער קאָן ער נאָך מגולגל ווערן אין אַ וואָלף, אין אַ בהמה, אין אַ פערד, אָדער גאָר אין אַ קאַטשקע... אין אַ קאַטשקע?

כאַ־כאַ־כאַ! אַ שיינע מעשה! — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב באמת רחמנות געהאַט אַפן דײַטש. איין זאַך האָב איך ניט גע־

קאַנט פאַרשטיין: פאַרוואָס דער טאַטע, וואָס איז געווען אַן ערלעכער ייִד, אַ ירא־שמים, האָט אים תמיד אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן, און אויך אַלע אַנדערע ייִדן, וואָס פּלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן, פּלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן כּבוד:

— שלום־עליכם, רב הערץ הערצענהערץ, ברוך־הבא, רב הערץ הערצענהערץ, זיצט, רב הערץ הערצענהערץ!

איך אָב אַפילו אַמאָל אַ פרעג געטאָן דעם טאַטן, האָט ער מיך אָפּגעשמיצט און האָט מיר געענטפערט:

— אָוועק, סע ניט דײַן עסק! וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ אַרום װעלכע שוואַרצע יאָר? קראַנק ביסטו נעמען אַ ספר אין האַנט, כע־הע־הע־הע!

ווידער אַ ספר? רבונו של עולם!... איך וויל א ו י ך זען, איך וויל א ו י ך הערן, וואָס ער רעדט!

איך גיי אַרײַן אין זאַל אַרײַן און פאַרגנבה זיך אין אַ ווינקעלע און הער זיך צו, ווי מען רעדט בא אונז, ווי דער הער הערץ הערצענהערץ לאַכט אַף אַ קול, און רייכערט גראָבע שוואַרצע „ציגאַיערן", וואָס שמעקן מחיה נפשות... פּלוצים גייט־צו צו מיר דער טאַטע און לאָזט מיר אַראָפּ אַ פּאַטש.

— ביסט שוין ווידער דאָ? דו פּוסטעפּאַסניק! וואָס וועט זײַן פון דיר דער תכלית, דו גויעץ איינער? גוואַלד וואָס וועט זײַן פון דיר, הע־הע־הע־הע!...

דער הער הערץ הערצענהערץ שטעלט זיך אײַן פאַר מיר: „אָבער לאָזט זי אים! לאָזט זי אים!"

נאָר עס העלפט ניט. דער טאַטע טרײַבט מיך אַרויס. איך נעם „אַ ספר" אין האַנט, נאָר עס ווילט זיך פאָרט ניט קוקן אין ספר אַרײַן! וואָס טוט מען?... איך גיי פון איין חדר אין דעם אַנדערן, ביז איך קום צו דעם שענסטן פון אַלע חדרים, דאָרט, וווּ עס שלאָפט תמיד דער הערץ הערצענהערץ. אַך, ווי שיין, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאַנצן; אָפן טיש אַ גרויסער, אַ זילבערנער טינטער מיט שיינע פענעס; מענטשעלעך מיט פערדעלעך, מיט צאַצקעלעך, מיט ביינדלעך, מיט שטיינדלעך און... אַ מעסערל. אַך, וואָס פאַר אַ שיין מעסערל!... ווען איך, אַשטייגער, זאָל האָבן אַזאַ מעסערל! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען! וואָס פאַר מינים זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויס־

געשניצט! אַנו, מען דאַרף דאָס פּרוּוון — עס איז עפּעס שאַרף?... אך! עס כאַפּט אַ האָר! עס האַקט איבער אַ האָר! אײַ־אײַ־אײַ, אַ מעסערל ! !...

איין מינוט — דאָס מעסערל איז בײַ מיר אין האַנט. איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און פּרוּוו זיך דאָס אַרײַנלייגן אויף אַ מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האַנט... עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער, ווי עס מאַכט: „טיק־טיק־טיק!"... איך הער, ווי עמעצער גייט, עמעצער סקריפּעט מיט די שטיוול; דאָס איז דער הער הערץ הערצענהערץ! אײַ־אײַ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן בײַ מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אַנידערלייגן. דערווײַל דאַרף מען אַרויסגיין, אַוועקגיין פונדאַנען, אַנטלויפן ! — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איך קאָן שוין קיין וועטשערע ניט עסן. די מאַמע טאַפּט מיר בײַם קאָפּ. דער טאַטע וואַרפט אויף מיר בייזע אויגן און שיקט מיך אויף שלאָפן... שלאָפן? איך קאָן דען צומאַכן די אויגן? איך בין אַ טויטער !... וואָס טוט מען מיטן מעסערל? וויאַזוי לייגט מען דאָס אַנידער צוריק?...

ג.

— קום נאָר אַהער. תכשיט מײַנער! — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַטע. — האָסטו ניט געזען ערגעץ דאָס מעסערל ? . . .

תכילת בין איך געוועזן זייער דערשראָקן: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ווער ווייס, אַז זיי ווייסן אַלע . . . שיר, שיר האָב איך זיך ניט אַרויסגעכאַפּט: האַ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס... עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואָרג געטאָן אין האַלדז, און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

— ווּ — וואָסער מעסערל?...

— ווּ — וואָסער מעסערל! — קרימט מיך איבער דער טאַטע. — ווּ — וואָסער מעסערל! דאָס גילדענע מעסערל! אונדזער אורחס מעסערל! דו בחורעץ, דו שייגעץ איינער, קבצ־העץ־העץ!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? — מישט זיך אַרײַן די מאַמע. — דאָס קינד ווייסט ניט פון קיין פותר און קיין חלום. און ער דולט אים אַ ספּאָדעק: מעסערל, מעסערל.

—מעסערל, מעסערל! וואָס הייסט ער ווייס ניט? — זאָגט דער טאַטע מיט כּעס. — אַ גאַנצן פּרימאָרגן הערט ער, ווי מען שרײַט „מע־סערל, מעסערל! מעסערל, מעסערל!" מען קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פֿרעגט ער: ווו — וואָסער מעסערל? גיי שוין, גיי וואַש זיך, דו פּוסטער בהור איינער, דו גוי־גוי־עץ, קכע־הע־הע!

איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, וואָס זיי האָבן מיר כאַטש ניט באַ־זוכט! נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? מען באַדאַרף דאָס מעסערל באַ־שטאַטן ערגעץ אַף אַ גוט אָרט . . . ווו באַהאַלט מען דאָס? אהאַ! אַפֿן בוי־דעם! איך כאַפּ דאָס אַרויס פֿון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוול אַרײַן... איך עס, און ווייס ניט וואָס איך עס. איך וואַרג זיך...

— וואָס כאַפּסטו זיך אַזוי, ווערלבע שווארצע יאָר? — פֿרעגט דער טאַטע.

— איך אײַל מיך אין הדר אַרײַן. — ענטפֿער איך אים און פֿיל, אַז איך ווער רויט, ווי פֿײַער...

— אַ מתמיד געוואָרן, וואָס זאָגסטו אַף דעם צדיק? — וואָר־טשעט ער און קוקט אַף מיר בייז. קוים־קוים דערלעבט אָפּעסן, אָפּ־בענטשן.

— נו. פֿאַרוואָס גייסטו שוין ניט אין ח־חדר, צדיק מײַנער? — פֿרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס טרײַבסטו אים אַזוי? זאָגט אים די מאַמע. — לאָז דאָס קינד זיצן אַ מינוט!

איך בין שוין אַפֿן בוידעם... ווײַט, ווײַט אין קראָקווע ליגט דאָס ווײַסע מעסערל; עס ליגט און שווײַגט...

— וואָס קלעטערסטו אַף בוי־בוידעמס? — שרײַט דער טאַטע.

— דו יונגאַטש איינער! דו בר־מצוה־יונג! דו באַד־גוי! קכע־הע־הע!

— איך זוך דאָ עפּעס... — ענטפֿער איך אים און פֿאַל שיִער נישט אום פֿאַר שרעק.

— עפּעס? וואָס הייסט „עפּעס"? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין „עפּעס"?

— אַ... ס־ספר... אַ... אַ... אַן אַלטע ג־גמרא...

— האַ? אַ ג־גמרא? אַפֿן בוידעם? אַ, דו היצל איינער! קריך שוין אַראָפּ, קריך, וועסט שוין לייזן! דו באַד־גוי, דו הינטשלעגער, דו כּ־כּל־בו־ניק איינער, קכע־הע־הע!

נאָר עס עס אַרט מיך שוין ניט אַזוי דעם טאַטנס כעס, ווי סע אַרט מיך דאָס, וואָס איך האָב מורא, טאָמער געפינט מען דאָס מעסערל. אַ קשיא? טאָמער גראָד היינט קריכט מען אַרויף אַפן בוידעם גרעט אויסהענגען, אָדער די לעזשנים פאַרשמירן?... מען דאַרף דאָס פון דאָרטן אַראָפנעמען און באַשטאַטן אַף אַ בעסער אָרט!... איך גיי אַרום אין איין ציטערניש! יעדער קוק פונעם טאַטנס אויגן ווייזט מיר אויס, אַז ער ווייס שוין, אַז אָט־אָט טוט ער מיך אַ כאַפּ מכח דעם אורחס מעסערל... איך האָב שוין אַן אָרט אַף דעם, אַ טייער אָרט — וווּ? אין דער ערד, אין אַ גריבל בײַ דער וואַנט אַרײַנגעשטעקט, און פון אויבן רעכט פאַרשאַרט מיט שטרוי, פאַר אַ סימן... געקומען פונעם חדר, כאַפּ איך זיך באַלד אַרויס אין הויף אַרײַן, איך נעם מיר פּאַוואָלינקע אַרויס דאָס מעסערל און איך האָב קיין צײַט אַפילו רעכט אָפּשפּיגלען זיך אין דעם, הער איך שוין דעם טאַטנס געפּילדער:

— וווּ ביסטו ערגעץ דאָרט? פאַרוואָס גייסטו שוין ניט דאַוועגען, דו בעל־עגלה־יונג, וואַ־וואַסער־פּירער! קבע־הע־הע!

נאָר וויפל דער טאַטע רודפט מיך און יאָגט מיך, וויפל דער רבי הרגעט מיך און שלאָגט מיך, איז דאָס בלאָטע קעגן יענעם פאַרגעניגן, וואָס איך האָב, בשעת איך קום פון חדר און זע מיך מיט מײַן טײַערן, מײַן איינציקן ליבן חבר — מיט מײַן מעסערל! דאָס פאַרגעניגן איז אָבער — אוי ווײ! — אויסגעמישט מיט יסורים, פאַרביטערט מיט מרה־שחורה, מיט שרעק, מיט גרויסע, גרויסע פחדים!

ד.

זומער־לעבן. די זון זעצט זיך, די לופט ווערט עטוואָס קילער, דאָס גראָז שמעקט, די זשאַבעס קוואַקען און שטיקער כמאַרעס פליִען דורך, אַן רעגן, פאַרבײַ דער לבנה, ווילן זי אײַנשלינגען! די ווײַסע זילבערנע לבנה באַהאַלט זיך אַלע מינוט און באַווײַזט זיך ווידער, דאַכט זיך, זי שוועבט און שוועבט — און שטייט אַף איין אָרט. דער טאַטע זעצט זיך צו אַפן גראָז אין אַ כאַלאַט, האַלב נאַקעט, מיט אַ ווײַסן טלית־קטן, האַלט איין האַנט אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנט שאַרט ער בײַ דער ערד און קוקט אַפן אויסגעשטערנטן הימל און הוסט. דאָס פּנים אַנטקעגן דער לבנה איז טויט, פאַרזילבערט. ער זיצט פונקט אַף דעם

אַרט, ווו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן. און ער ווייס גאָרניט, וואָס אי־נ־
טער אים טוט זיך. אָך, ווען ער זאָל, אַשטייגער, וויסן! וואָס וואָלט ע־
געזאָגט? וואָס וואָלט איך געהאַט?

„אהאַ, טראַכט איך מיר אין האַרצן, האָסט מיר פאַרוואָרפן מײַן
האָרבאַטע מעסערל, האָב איך איצט אַביסל אַ בעסערס, אַ שענערס! דו
זיצט אַף דעם און דו ווייסט גאָרניט. אוי, טאַטע! טאַטע!...

— וואָס גלאַנצסטו אַף מיר די אויגן, ווי אַ קאַ־קאַטער? —
כאַפּט מיך אָן דער טאַטע. וואָס זיצסטו צונויפגעלייגט די הענט,
ווי אַ שטאָט־בעל־הבית? קאָנסט זיך שוין גאָר קיין ארבעט ניט אָפּזוכן?
און „קריאת־שמע" לייענען ביסטו פּטור? פאַרשרפהט זאָלסטו ניט ווערן,
יונגאַטש איינער! אַ מי־מיתה משונה זאָל אַף דיר ניט קומען, קכע־הע־הע!

אַז ער זאָגט: פאַרשרפהט זאָלסטו נ י ט ווערן, אַ מיתה
משונה זאָל אַף דיר נ י ט קומען — דאָס איז אַ באַווײַז, אַז ער איז
ניט אַזוי שטאַרק אין כעס; אדרבה, דאָס איז אַ סימן, אַז ער איז אויפ־
געלייגט. און באמת טאַקע: קאָן מען דען זײַן ניט אויפגעלייגט אין אַזאַ
שיינער, ווונדערלעכער זומערנאַכט, ווען עס ציט יעדן באַזונדער און עס
טרײַבט אים אַרויס אַף דער גאַס, אַף דער לופט, אַף דער ווייכער, פריי־
שער אויסגעצייכנטער לופט? אַלע, אַלע זײַנען אַצינד אינדרויסן. דער
טאַטע, די מאַמע, די קלענערע קינדער, וואָס זוכן קליינע שטיינדלעך
און שפּילן אין זאַמדעלעך. דער הער הערץ הערצענהערץ דרייט זיך אויך
אַרום איבערן הויף אָן אַ היטל, רייכערט אַ „ציגאַרעט" און זינגט אַ דײַ־
טש לידל, קוקט אַף מיר און לאַכט... דאָס לאַכט ער פון מיר, אַפּנים,
וואָס דער טאַטע טרײַבט מיך. איך לאַך אָבער פון זיי אַלע. אָט באַלד
וועלן זיי אַלע גיין שלאָפן, וועל איך מיך דעמאָלט אַרויסכאַפּן אין הויף
אַרויס (איך שלאָף אין הויז, פון פאָרנט, אַף דער ערד, וואָרעם אין
שטוב איז די היץ שרעקלעך גרויס). איך וועל מיך שוין אָנטישען, אָנפּ־
שפּיגלען אין מײַן מעסערל!...

דער עולם שלאָפט. שאַ שטיל אַרום און אַרום. פּאַוואָלינקע הייב
איך מיך אויף אַף אַלע פיר, און שטיל, ווי אַ קאַץ, גנבה איך מיך אַרויס
אין הויף אַרויס. די נאַכט איז שטיל, די לופט איז פריש מחיה נפשות.
פּאַמעלעך קריך איך צו צו יענעם אָרט, ווו דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן.
פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פון דאָרטן און באַטראַכט דאָס בײַ דער
לבנה; ער גלאַנצט, עס בלישטשעט, ווי גינגאָלד, ווי אַ בריליאַנט. איך

הייב אויף די אויגן אַרויף און דערזע — די לבנה קוקט גלייך אַראָפּ צו מיר, אַף מיין מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אַזוי אײַן? איך דריי מיך אוים צוריק — זי קוקט מיר נאָך. איך פאַרשטעל דאָס מעסערל מיטן העמדל — זי קוקט מיר נאָך. זי וויים געוויס, וואָס דאָס איז פאַר אַ מעסערל און ווו איך האָב דאָס גענומען... גענומען?... איך האָב דאָס געגנבהט!

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט דאָס מעסערל איז מיינס, קומט מיר דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אַף די געדאַנקען. געגנבהט? בין איך דאָך, הייסט דאָס, אַ גנב! פּשוט, אַ גנב? אין דער תורה שטייט געשריבן, אין די עשרת הדברות, מיט גרויסע אותיות:

ל א ת ג נ ו ב!

זאָלסט ניט גנבהנען! און איך האָב געגנבהט! וואָס וועט מען מיר דערפאַר טאָן אין גיהנם? אוי, ווײ! מען וועט מיר אָפּהאַקן די האַנט, די האַנט, וואָס זי האָט געגנבהט... מען וועט מיך שמייסן מיט אייזערנע ריטער... מען וועט מיך בראָטן און ברענען אַף הייסע סקאָווראָדעס... אייביק, אייביק וועל איך גלוען... מען באַדאַרף אָפּגעבן דאָס מעסערל, מען באַדאַרף אַנידערלייגן צוריק דאָס מעסערל, מען באַדאַרף נישט קיין גנבהש מעסערל! מאָרגן לייג איך אַנידער צוריק דאָס מעסערל.

אַזוי טראַכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזעם אַרײַן — פיל איך, אַז סע ברענט מיך, סע בראָט מיך. ניין, מען באַדאַרף עס צוריק באַהאַלטן, באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן ביז מאָרגן. און די לבנה זעט, זי איז אַן עדות... און איך קריך־צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַרײַן אַף מיין געלעגער און לייג זיך שלאָפן און קאָן ניט אַנטשלאָפן ווערן. איך קאַטשע זיך פון איין זייט אַף דער אַנדערער און קאָן ניט שלאָפן... מיטן טאָג גלייך שוין בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן, און עס האָט זיך מיר געחלומט אַ לבנה, און עס האָבן זיך מיר געחלומט אייזערנע ריטער. און עס האָבן זיך מיר געחלומט מעסערלעך... גאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אָפּגעדאַווענט געשמאַק מיט כוונה און אָפּגעבאַפּט דעם אָנבייסן אַף איין פוס — און מאַרש אין חדר אַרײַן.

— וואָס כאַפּט דאָס דיך אַזוי אין חדר אַרײַן? — שרייט אַף מיר דער טאַטע. — וואָס יאָגט דאָס דיך אַזוי? וועסט ניט אָנווערן די תורה

דײַנע שפּעטער אויך! בענטש בעסער, ווי עס קער צו זײַן, און היפּער ניט קיין ווערטער! ווײַסט נאָך צײַט האָבן זײַן אויסגעלאָזט, דו הולטײַ איי־נער, דו אַפּיקורס, דו טרי־טריפּניאַק איינער, קכע־הע־הע!

ה.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק אַהער! — האַלט מיך דער רבי פּאַר און ווײַזט מיר אַן מיטן פינגער אַף מײַן חבר „בערל דעם רויטנס”, וואָס שטייט אין אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — ווייסטו, ווײַסער־הברהניק? זאָלסטו וויסן זײַן, אַז פון הײַנטיקן טאָג אָן און ווײַטער איז שוין זײַן נאָמען ניט „בערל דעם רויטנס”, ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער. ניין! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָמען; אַצינד הייסט ער: בערעלע דער גנב! — שרײַט זשע, קינדער: בערעלע דער ג־אַ־אַנב! בערעלע דער ג־אַ־נב!

די דאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רבי מיט אַ ניגון, און אַלע תלמידים כאַפּן אים אונטער, ווי די משוררים:

— בערעלע דער גאַ־אַ־נב! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נב!

איך בלײַב אַ פאַרשטיינערטער, און אַ פראָסט גייט מיר איבער אַפן לײַב. איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָס באַדײַט...

— וואָס שווײַגסטו, דו שייגעץ איינער?... — רופט זיך אָן דער רבי צו מיר מיט אַן אומגעריכטן פּאַטש. — וואָס שווײַגסטו, דו גויעץ? דו הערסט דאָך, אַז אַלע זינגען. העלף זינגען מיט אַלע גלײַך: „בערעלע דער גאַ־אַ־נב, בערעלע דער ג־אַ־אַ־נב!”

עס ציטערן מיר הענט און פיס. עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. נאָר איך העלף זינגען „בערעלע דער ג־אַ־אַ־נב!”

— העכער, שייגעץ איינער! — טרײַבט מיך אונטער דער רבי. — שטאַרקער! שטאַרקער!...

און איך מיטן גאַנצן כאָר זינגען אַף אַלערליי קולות: „בערעלע דער ג־אַ־אַ־נב! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נב!”...

— ש־ש־ש־ש־אַ־אַ־אַ! — שרײַט אויס פּלוצלינג דער רבי און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש. — שאַ! אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום „משפּט”. (מיט אַ ניגון): אַנו, בערעלע גנב, קום נאָר

אהער, מײַן קינד, גיכער זשע, גיכער אַביסעלע! זאָג נאָר, ייִנגעלע, ווי אַזוי רופט מען דיך? (מיט אַ ניגון).

— בערל.

— ווי אַזוי נאָך? (מיט אַ ניגון).

— בערל... בערל... דער... גנב!

— אָט אַזוי, מײַן ליב קינד, אָט אַזוי ביסטו אַ וויל ייִנגעלע. (מיט אַ ניגון); אַצינד, בערעלע, געזונט זאָלסטו מיר זײַן און שטאַרק אויף אַלע איברים (מיט אַ ניגון),. נעם זײַ מוחל, בערעלע, און צי אַראָפּ פֿון זיך די מלבושימלעך. אָט אַזוי! נו־שוין, און גיכער שוין! איך בעט בײַ דיר, נו־שוין, און גיכער שוין — אָט אַזוי, בערעשי, מײַן טײַערער!

בערל בלײַבט שטיין נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. קיין טראָפּן בלוט איז אין אים נישטאָ. ער רירט ניט מיט קיין אבר. די אויגן אַראָפּ. אַ געשטאָרבענער, אַ טויטער!...

דער רבי רופט אַרויס איינעם פֿון די גרעסטע תּלמידים, אַלץ מיט אַ ניגון:

— אַנו, הערשעלע דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פֿונעם טיש אַהער, צו מיר, געשווינטער, אָט אַזוי; און דערצייל אונדז אַקאָרשט די מעשה פֿון אָנהייב ביזן סוף, ווי אַזוי אונדזער בערעלע איז געוואָרן אַ גנב. הערט, חברה, מיט קאָפּ!

און „הערשל דער גרויסער" הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשה, ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו רב מאיר־בעל־נס־פּושקע, וואָס זײַן מאַמע וואַרפֿט אַהין אַלע פֿרײַטיק פֿאַר ליכט־בענטשן אַ קאָפּיקע, אין אַמאָל צוויי; ווי אַזוי בערל האָט זיך דאָביוועט צו דער דאָזיקער צדקה־פּושקע, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלעסעלע; ווי אַזוי בערל האָט מיט אַ שטרויעלע מיט סמאָלע אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן אַלע קאָפּיקעס איינציקווײַז ביז לעצט; ווי אַזוי די מאַמע זײַנע „זלאַטע די הייזעריקע", האָט זיך געכאַפּט, געעפֿנט די דאָזיקע צדקה־פּושקע, דאָרט איז געלעגן אַ שטרוי, אײַנגעטונקען אין סמאָלע; ווי אַזוי זלאַטע די הייזעריקע האָט אים „צוגעשטעלט אַ בענקעלע"; ווי אַזוי בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רבינס שמיץ מודה געווען, אַז אַ גאַנץ יאָר, אַ קײַלעכיק יאָר, האָט ער געשלעפּט פֿון דער צדקה־פּושקע די קאָפּיקעס, ווי אַזוי ער האָט זיך יעדן זונטיק געקויפֿט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער! ווי אַזוי... און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

— אצינד, קינדער, משפט אים! איר ווייסט שוין, ווזאזוי. דאָס איז שוין בא אײַך ניט דאָס ערשטע מאָל. לאָז יעדער זאָגן זײַן משפט. וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע. הערשל דער קליינער, זאָג דו צום ערשטן, וואָס קומט אזא גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס מיט אַ שטרוי פון אַ צדקה־פּושקע?

דער רבי בייגט אײַן דעם קאָפּ אַף אַ זײַט, ער מאַכט צו די אויגן און שטעלט אונטער דעם רעכטן אויער צו הערשל דעם קליינעם. הערשל דער קליינער ענטפערט הויך, אַף אַ קול:

— אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ פּושקע, קומט... מע זאָל אים קאַטעווען ביז בלוט זאָל גיין.

— משהל, וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

— אַ גנב, — זאָגט משהל מיט אַ וויינענדיק קול, — אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע, קומט, מע זאָל אים אַנידערלייגן, צוויי אַפן קאָפּ, צוויי אַף די פּיס, און צוויי זאָלן אים שמײַסן מיט אײַנגעזאַלצענע ריטער...

— טאָפּעלע טוטאַריטו! וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

קאָפּל קוקאַריקו, אַ יינגל, וואָס קאָן ניט אויסריידן קיין קוף און קיין גימל, ווישט אוים דאָס נעזל און זינגט זײַן משפט מיט אַ קוויטש:

— אַ דנב, וואָס שלעפּט טאָפּיטעס פון אַ פּושטע, טומט אים, אַז אַלע יינדלעך זאָלן צודיין צו אים נאָנט און זאָדן אים דלײַך אין פּנים דרײַ מאָל אַף אַ טול: דנב! דנב! דנב!

אין חדר ווערט אַ געלעכטער. דער רבי נעמט זיך מיטן גראָבן פינגער אונטערן גאָרגל, ווי אַ חזן, און רופט מיך אויף מיטן ניגון, וואָס מע רופט אויף אַ חתן:

— יעמוד ה־ה־ת־ן ש־לום ברב נחום מפ־טיר! זאָג נאָר, דו, שלומני, מײַן טײַערינקער, דײַן פּסק, וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאָפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

איך וויל ענטפערן — פאָלגט מיך ניט די צונג. איך ציטער ווי אין אַ קדחת, עס וואַרגט מיך אין האַלדז. אַ קאַלטער שוויים באַשלאָגט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ. עס פײַפט מיר אין די אויערן. איך זע שוין פאַר זיך ניט דעם רבין, ניט דעם נאַקעטן „בערל דעם גנב“, ניט קיין

חברים; איך זע פאַר זיך נאָר מעטערלעך, אַן אַ שיער מעטערלעך, ווי־סע, אָפּענע מעטערלעך, מיט אַ סך קלינגלעך, און דאָרט, בײַ דער טיר, הענגט די לבנה, זי שמייכלט און קוקט אויף מיר, ווי אַ מענטש... עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנצער חדר, מיטן טיש, מיט די ספרים, מיט אַלע חברים, מיט דער לבנה, וואָס הענגט אויף דער טיר, און מיט אַלע מעטערלעך... איך פֿיל, ווי די פֿיס ווערן מיר אונטערגעהאַקט. נאָך אַ מינוט — פֿאַל איך אום. נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע כּחות און האַלט זיך אײַן, איך זאָל ניט פֿאַלן...

פֿאַרנאַכט קום איך אַהיים און פֿיל, אַז דאָס פּנים ברענט מיר, די בעקלעך פֿלאַמען און אין די אויערן שומעט מיר. איך הער, מע רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך ניט. עפּעס זאָגט דער טאַטע, עפּעס בייזערט ער זיך, ווײַל מיר געבן פּעטש; די מאַמע שטעלט זיך אײַן פֿאַר מיר, צעלאָזט דעם פֿאַרטעך, ווי אַ קוואָקע די פֿליגל, בשעת זי באַ־שיצט אירע הינדלעך, מע זאָל זיי ניט אָנרירן צו שלעכטן... איך הער גאָרניט, איך וויל גאָרניט הערן. איך וויל נאָר, ס'זאָל שוין ווערן גיכער נאַכט, איך זאָל קאָנען מאַכן אַן עק מיטן מעטערל... וואָס טוט מען מיט דעם? מודה זײַן זיך און אָפּגעבן דאָס? וועל איך האָבן בערע־לעס פּסק. אונטערוואַרפֿן דאָס? טאָמער כאַפּט מען מיך... פֿאַרוואַרפֿן און אַן עק, אַבי פּטור ווערן! וווּהין פֿאַרוואַרפֿט מען דאָס, אַז מע זאָל דאָס ניט געפֿינען? אויפֿן דאַך? וועט מען הערן אַ קלאַפּ. אין גאָרטן? וועט מען דאָס געפֿינען. אַהאַ! איך ווייס שוין, איך האָב אַן עצה: אַרײַנ־וואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן! אַ טײַערע עצה, כּלעבן — אין וואַסער אַרײַן, אין ברונעם, טאַקע אָט דאָ בײַ אונדז אויפֿן הויף!... דער דאָזיקער גע־דאַנק געפֿעלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך וויל גאָר לאַנג נישט קלערן. איך כאַפּ דאָס מעטערל און לויף גלײַך צום ברונעם, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין די הענט ניט קיין מעטערל, נאָר עפּעס אַ מיאוס־קייט, אַ מין שרץ, פֿון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער צו באַפֿרײַ־ען זיך, פּטור ווערן. נאָר סע טוט מיר באַנג — אַזאַ טײַער מעטערל. אַ מינוט שטיי איך פֿאַרטראַכט, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין האַנט אַ לעבעדיקע זאַך... דאָס האַרץ טוט מיר ווײ אויף דעם: סטײַטש, סטײַטש, עס קאָסט מיך אַזויפֿיל מי, עס איז אַ צער בעלי־חיים!... איך נעם זיך אָן מיט האַרץ און לאָז דאָס מיט אַמאָל אַרויס פֿון די פֿינגער — „פֿליוך!”... עס טוט אַ פּלעשטשע דאָס וואַסער, און מער הערט מען

נישט... ניטאָ קיין מעסערל! איך שטיי נאָך אַ מינוט באַם ברונעם און הער זיך צו — מע הערט גאָר נישט. דאַנקען גאָט, פּטור געוואָרן! כאָטש דאָס האַרץ קלעמט מיר, טוט מיר וויי: „סטײַטש, אַזאַ מעסערל! אַזאַ מעסערל!"...

איך גיי צוריק צו מײַן געלעגער און זע, ווי די לבנה קוקט מיר נאָך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט געזען אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געטאָן, און איך הער ווי אַ קול פון ווײַטנס: „אָבער דו ביסט פאָרט אַ גנב!... כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנב! אַ ג־אַ־אַ־נב!!"

איך גנבה זיך אַרײַן צוריק אין הויז אַרײַן און לייג זיך שלאָפן, און עס חלומט זיך מיר, אַז איך לויף, איך שוועב, איך פלי אין דער לופטן מיטן מעסערל, און די לבנה קוקט אויף מיר און זאָגט: „כאַפּט אים! קלאַפּט אים! ער איז אַ גנב! אַ ג־אַ־אַ־נב!!!"...

ז.

אַ לאַנגער, לאַנגער שלאָף! אַ שווערער, זייער אַ שווערער חלום! עס ברענט אין מיר אַ פײַער, עס זשומעט מיר אין קאָפּ. אַלץ, וואָס איך זע, איז רויט, ווי בלוט, ברענענדיקע ריטער פון פײַער קאַטעווען מײַן לײַב, און איך קאַטשע זיך אין בלוט. אַרום מיר דרייען זיך שלאַנגען און עקדישן; זיי האַלטן אָפן זייערע מײַלער און ווילן מיך אײַנשלינגען... גלײַך אין אויער אַרײַן הער איך אַ בלאָז: תקיעה — טו! שברים — טו־טו! תרועה — טו־טו־טו־טו! און איינער שטייט איבער מיר און שרײַט אויף אַ קול מיט אַ ניגון, צום טאַקט: „שמײַסט אים! שמײַסט אים! שמײַסט אים! ער איז אַ ג־אַ־אַ־נב!!!" און אַליין שרײַ איך: „גוואַלד, נעמט צו פון מיר די לבנה! גיט איר אָפּ דאָס מעסערל! וואָס האָט איר צו בערלען נעבעך? ער איז ניט שולדיק — דאָס בין איך אַ ג־אַ־נב! אַ ג־אַ־אַ־נב!"...

און ווײַטער געדענק איך ניט.

— — — — — — — — — — — — —

איך עפן אויף איין אויג, און דאָס אַנדערע אויג... ווו בין איך? דאַכט זיך, אויף אַ בעט? וואָס טו איך דאָ? ווער זיצט דאָס אָט דאָרט אויף אַ בענקל, באַם בעט? אַ! דאָס ביסטו מאַמע? מאַמע!... זי הערט מיך ניט!... מאַמע! מאַמע! מאַ־אַאַמע!!!... וואָס הייסט **דאָס**? מיר

דאַכט אַז איך שרײַ אַף אַ קול?... שאַ! איך הער זיך צו — זי וויינט? זי וויינט שטילערהייט. אויך זע איך דעם טאַטן מיט זײַן געל קרענק־לעך פּנים. ער זיצט איבער אַספּר און זאָגט עפּעס שטילערהייט און הוסט און זיפצט און קרעכצט... עס ווײַזט אויס, אַז איך בין שוין געשטאָרבן... געשטאָרבן?... מיטאַמאָל פיל איך, ווי עס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אין קאָפּ, גרינג אין אַלע אברים. עס קלינגט מיר אין איין אויער, אינעם אַנדערן אויער: דזיננננן!!! איך געב אַ ניס: אַפּצשי!...

— צו געזונט! צו אריכות־ימים! צו לאַנגע יאָרן! אַ סימן־טוב! מזל־טוב! געלויבט ביסטו, גאָט!

— באמת גענאָסן! געלויבט דער אייבערשטער!

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט! ער וועט, אם ירצה השם, זײַן גע־זונט, גאָט ברוך הוא וברוך שמו!

— לאָז מען רופן גיכער מינצי די שוחטקע: זי שפּרעכט גוט אָפּ אַן עין־הרע.

— דעם דאָקטער וואָלט מען באַדאַרפט רופן, דעם דאָקטער!

— דעם דאָקטער? צו וואָס? נאַרישקייט! „ער" איז אַ דאָקטער! דער אייבערשטער איז דער בעסטער דאָקטער! גאָט ברוך הוא וברוך שמו!

— צעגייט זיך, עולם, צעגייט זיך אַביסל! עס איז שרעקלעך היים! אום גאָטעס ווילן, צעגייט זיך!

— איאָ? איך האָב אײַך געזאָגט, אַז מע דאַרף אים אויסגיסן מיט וואַקס, האָ? ווער איז גערעכט?

— געלויבט איז גאָט! געלויבט איז השם־יתברך!... אוי, גאָט, גאָט, גאָט ברוך הוא וברוך שמו!...

מע דרייט זיך אַרום מיר, מע קוקט אַף מיר. יעדער גייט צו און טוט מיר אַ טאַפּ באַם קאָפּ. מע שפּרעכט מיך, מע שעפּטשעט מיך, מע לעקט מיר דעם שטערן און מע שפּײַט אויס און מע פּילנעוועט מיך: מע גיסט מיר אין מויל אַרײַן זודיקע יויך און מע שטופּט מיר מיט לע־פּעלעך אײַנגעמאַכטס — אַלע דרייען זיך אַרום מיר, מע היט מיך אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, מע האָדעוועט מיך מיט ײַיכלעך און מיט קאַטשקעלעך, ווי אַ פּיצעלע קינד, און מע לאָזט מיך נישט אַליין; עס זיצט תמיד נעבען מיר די מאַמע און דערציילט מיר איבער אַלע מאָל

איבעראַנאַנדער די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי מע האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד כמעט אַ טויטן; ווי אַזוי איך בין געלעגן צוויי וואָכן כּסדר אין אַ העליש פֿײַער און האָב נאָר געקוואַקעט, ווי אַ זשאַבע, און עפּעס כּסדר גערעדט פֿון שמיץ און פֿון מעסערלעך... מע האָט שוין גערעכנט, אַז איך בין שוין חלילה געשטאָרבן... און נאָכדעם, פּלוצלינג, האָב איך אַ נאָס געגעבן זיבן מאָל, ממש פֿון טויט לעבעדיק געוואָרן...

— הײַנט זעען מיר, וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן, ברוך הוא וברוך שמו! — לאָזט אויס די מאַמע מיט טרערן אױף די אויגן. — הײַנט זעען מיר אַרויס אַז מע רופֿט צו אים, הערט ער אויס אונדזערע זינדיקע בקשות און אונדזערע שולדיקע טרערן... אַ סך, אַ סך טרערן האָבן מיר פֿאַרגאָסן, איך און דער טאַטע, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט... שיר, שיר נישט אָנגעוואָרן, פֿאַרזינדיקט אַ קינד חלילה, מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַנע ביינער, איבער וועמען? איבער וואָס? איבער אַ יונגל, אַ גנבֿ, עפּעס אַ בערעלע, וואָס דער רבי האָט פֿאַרשמיסן אין חדר בײַ׳ן בלוט אַרײַן. אַז דו ביסט געקומען צו גיין פֿון חדר, ביסטו שוין געווען אַ טויטער, דער מאַמע זאָל זײַן פֿאַר דיר! דאָס איז אַ רוצח, דאָס איז אַ גזלן, גאָט זאָל אים באַצאָלן, רבונו של עולם!... ניין, מײַן קינד. אַז גאָט וועט אונדז שענקען דאָס לעבן און דו וועסט אם ירצה השם, אויפֿשטיין געזונטערהייט, וועלן מיר דיר שוין אָפּגעבן צו אַן אַנדערן מלמד, ניט אַזאַ קאַט, אַזאַ רוצח, ווי אָט דער „מלאך המות", ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערן!

די דאָזיקע בשורה איז בײַ מיר שרעקלעך אָנגעלייגט! איך כאַפּ אַרום די מאַמע קושן:

— טײַערע, טײַערע מאַמע!...

און דער טאַטע גייט־צו צו מיר פּאַוואָליע, לייגט אַרויף זײַן בלייכע קאַלטע האַנט מיר אױפֿן שטערן און זאָגט צו מיר שוין ווייך, אָן אַ שום כּעס:

— אַי, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ אײנער, קבע־הע־הע־הע!

אויך דער יידישער דײַטש, אָדער דער דײַטשער ייִד, הער הערץ

הערצנהערץ, מיט אַ „ציגײַנער” אין די ציין, בייגט זיך אָן מיט זײַן גע־גאָלטער מאָרדע איבער מײַן בעטל און טוט מיך אַ גלעט איבערן בעקל און זאָגט אַף דײַטש:

— גוט, גוט! געזונט, געזונט! ...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך מײַן אויפשטיין פון בעט רופט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— נו, מײַן זון, אַצינד גיי אין חדר אַרײַן, און האָב שוין מער ניט אינזינען קיין מעסערלעך מיט קיין נאַרישקייטן... שוין צײַט זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן אַ שטיקל מענטש; אם ירצה השם, איבער דרײַ יאָר ווערסטו שוין בר־מצווה, צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, קבע־הע־הע!

מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע אַרויס אין חדר אַרײַן צום נײַעם מלמד, צו רב חיים קאַטער. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מײַן בייזן טאַטן אַזעלכע גוטע ווייכע ווערטער, און איך פאַר־געס אין איין מינוט אַלע זײַנע רדיפות, מיט אַלע זײַנע קללות, מיט אַלע זײַנע פּעטש, גלײַך ווי ס'איז גאָרנישט געווען אַף דער וועלט. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר כי־כי־כי — ווי־אַזוי קושט מען אַ טאַטן?...

די מאַמע גיט מיר מיט אין חדר אַרײַן אַ גאַנצן עפּל מיט צוויי גראָשן, און אויך דער דײַטש שענקט מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיט אַ קניפּ אין בעקל, רעדט אַף זײַן שפּראַך:

— היפּשער קנאַבע! גוט, גוט!...

איך נעם די גמרא „ביצה” אונטער דער האַנט, איך טו אַ קוש די מזוזה און גיי אין חדר אַרײַן, ווי אַ נײַ־געבאָרענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, מיט אַ לויטערן קלאָרן קאָפּ, מיט נײַע מחשבות, מיט פרישע, ערלעכע, פרומע געדאַנקען. די זון קוקט־אַראָפּ און גריסט צו מיר אירע וואַרעמע שטראַלן. דאָס ווינטעלע פאַרגנבעט זיך צו מיר אונטער אַ פּאה, די פייגעלעך פישטשען: „טיף־טיף־טיף־טיף!”... עס

הייבט מיך, עס טראָגט מיך אין דער לופטן, עס ווילט זיך מיר לויפן, שפּרינגען, טאַנצן — אַך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אַז מע לעבט און מען איז אַן ערלעכער, מען איז ניט קיין גנב, ניט קיין ליגנער!

איך קוועטש צו די גמרא צום האַרצן שטאַרק־שטאַרק, און לויף אין חדר אַרײַן געשמאַק־געשמאַק' און איך שווער בײַ דער גמרא, אַז איך וועל קיינמאָל, קיינמאָל ניט זאַטשעפּען קיין פרעמדס, קיינמאָל, קיינמאָל נישט גנבהנען, קיינמאָל, קיינמאָל ניט לייקענען, תמיד זײַן אַן ערלעכער, אַן ערלעכער, אַן ערלעכער...

געשריבן אין יאָר 1886

אפן פידל

דערציילונג פון די קינדער־יארן.

א.

— היינט וועל איך אייך, קינדער, שפילן אביסל אפן פידל. נישטא, אזוי דאכט זיך מיר, קיין שענערס און קיין בעסערס, ווי אז מען קאן שפילן אפן פידל. וואס, אפשר נישט אזוי? איך ווייס נישט וואזוי איר — איך, פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, בין איך אויסגעגאנגען נאך א פידל און האב ליב געהאט גלאט כלי־זמר, ווי דאס לעבן! איז געווען ערגעץ א חתונה אין שטעטל, בין איך געווען דער ערשטער, וואס איז געלאפן מקבל־פנים זיין די כלי־זמר, זיך פארגנבהנען פון הינטן צום קאנטרבאס, א צי טאן בא דער גראבער סטרונע: בום! — און אנטלויפן. בום! — און אנטלויפן. פאר דעם דאזיקן „בום" האב איך אמאל געכאפט פון בערל באס א מיעסן פסק. בערל באס, א בייזער ייד מיט א צעפלעצטער נאז און מיט א שארפן קוק, האט זיך געמאכט, ווי ער זעט ניט, אז איך גנבה זיך צום קאנטרבאס, און בשעת איך האב אויסגעצויגן די האנט צו דער גראבער סטרונע, האט ער מיך אנגעכאפט פארן אויער און אפגעפירט מיך מיט כבוד גלייך צו דער טיר:

— נא, ממזר, קוש די מזוזה!

דאס האט מיך אבער ווינציק־וואס אנגעלערנט. איך האב נישט אפגעטראטן פון די כלי־זמר אף קיין האר. איך האב זיי ליב געהאט אלע, פון שייקע פידעלע מיט דער שיינער שווארצער בארד און מיט די דינע ווייסע פינגערלעך, ביז געצי פייקלער מיטן שיינעם הארב און מיטן היפשן — איך בעט איבער אייער כבוד — פליך איבער די אויערן. נישט איין מאל בין איך געלעגן אונטער א באנק און געהערט, ווי די

כלי־זמר שפּילן, וואָרעם מע האָט מיך געטריבן אהיים, און פון דאָרטן, פון אונטער דער באַנק געקוקט אַף שײַקעס דינע פינגערלעך, ווי זיי טאַנצן איבער די סטרונעס, און זיך צוגעהערט צו די זיסע קולות, וואָס ער האָט אַזוי קונציק אַרויסבאַקומען פון זײַן פידעלע.

אַ צעקאַכטער פלעג איך נאָכדעם אַרומגיין עטלעכע טעג כסדר, און שײַקעס מיטן פידעלע איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן. באַנאַכט האָב איך אים געזען אין חלום, און באַטאָג אַף דער וואָר — ער איז מיר נישט אַרויס פונעם קאָפּ. איך פלעג מיר פאָרשטעלן, אַז איך בין שײַקע פידעלע, אויסבייגן די לינקע האַנט און מאַכן מיט די פינגער אין געבן אַ פיר מיט דער רעכטער האַנט, ווי מיטן סמיק, בשעת מעשה פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אַף אַ זײַט, די אויגן אַביסעלע צוגעמאַכט — פונקט ווי שײַקע, ס'זאָל דאָס פעלן אַ האָר!

האָט דערזען דער רבי נטע־ליב — ס'איז געווען סאַמע באַם לערנען — אַז איך מאַך עפּעס מיט די הענט און פאַרוואַרף דאָס קעפּל און גלאַנץ מיט די אייגלעך, האָט ער מיר אָפּגעשטעקט אַ רעכטן פּאַטש:

— אַ הולטײַ קאָן! מע לערנט מיט אים קמץ־אלף, מאַכט ער העויות, כאַפּט פליגן!

ב.

איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, עס מעג זיך קערן די וועלט, איך מוז האָבן אַ פידעלע, עס מעג מיך קאָסטן מי יודע וואָס! נאָר פון וואָס מאַכט מען אַ פידעלע? געוויינלעך, פון „טענענהאָלץ”. ס'איז אָבער גרינג אויסצורײדן „טענענהאָלץ”! וווּ קריגט מען דאָס דאָזיקע האָלץ, אַז בסך הכל וואַקסט דאָס, זאָגט מען, נאָר אין ארץ ישראל? וואָס טוט גאָט? גיט ער מיר אַרײַן אַזאַ מחשבה. בײַ אונדז איז געווען אַן אַלטע קאַנאַפּע, אַ ירושה־קאַנאַפּע נאָך פונעם זיידן רב אַנשל, וואָס איבער איר האָבן זיך געשלאָגן מײַנע צוויי פעטערס מיטן טאַטן עליו השלום. דער פעטער בעני האָט געטענהט, אַז ער איז דער עלטערער זון, קומט אים די קאַנאַפּע; און דער פעטער סענדער האָט געטענהט, אַז ער איז דער יינגסטער, קומט אים די קאַנאַפּע; און דער טאַטע עליו השלום האָט געטענהט, אַז ער איז טאַקע נישט מער ווי אַן איידעם, האָט ער אַף דער קאַנאַפּע קיין שליטה ניט, נאָר אַזוי ווי זײַן ווײַב, דאָס הייסט די מאַמע מײַני, איז אַ בת יחידה, קומט איר די קאַנאַפּע. דאָס

איז איינמאָל אַוועק. והשגית, שטייט די קאַנאַפּע באַ אונז אין שטוב, איז די קאַנאַפּע א ו נ ד ז ע ר קאַנאַפּע. האָבן זיך אַרײַנגעמישט ביידע מומעס, די מומע איטקע און די מומע זלאַטקע, און האָבן אָנגעפירט אַ רכילות פֿו איינעם צום אַנדערן, קאַנאַפּע־קאַנאַפּע, די שטאָט האָט זיך געוויגט מיט דער קאַנאַפּע! — בקצור, די קאַנאַפּע איז געבליבן א ו נ־ ד ז ע ר קאַנאַפּע.

די דאָזיקע קאַנאַפּע איז געווען אַ פּשוטע, אַ הילצערנע קאַנאַפּע, נאָר באַצויגן פֿון אויבן מיט אַ דין האָלץ, וואָס איז אין עטלעכע ערטער אָפּגעשטאַנען, געווען אויפֿגעבלאָזן, ווי אַ ביצה. אָט דאָס אייבערשטע האָלץ, וואָס איז אָפּגעשטאַנען, איז געווען דאָס אמתע „טענענהאָלץ״, וואָס גייט אַף פֿידלען. אַזוי האָב איך געהערט זאָגן אין חדר. איין חסרון האָט די קאַנאַפּע געהאַט, און דער דאָזיקער חסרון איז געווען אַ מעלה, דהיינו: אַז מע האָט זיך אַף איר אַנידערגעזעצט, האָט מען נישט געקאָנט אויפֿשטיין, מחמת זי איז געשטאַטען אַביסל באַרג־ אַראָפּ, פֿון איין זײַט משופּעדיק און אין מיטן מיט אַ גרוב; איז אָבער געווען די מעלה, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט זיך זעצן אַף איר, האָט מען זי אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל, געגעבן אַ „טשיסטע אָטס־ טאַווקע״.

אָט אַף דער קאַנאַפּע האָב איך געוואָרפֿן אַן אויג. אַ סמיטשיק האָב איך מיר צוגעגרייט נאָך פֿון לאַנג. איך האָב געהאַט אַ חבר שימעלע, יודל דעם בעל־עגלהס, האָט ער מיר צוגעזאָגט עטלעכע האָר פֿונעם טאַטנס פֿערדס וויידל. און זשיוועצי אַף צו שמירן דעם סמיטשיק האָב איך אַליין געהאַט. איך האָב פֿײַנט געהאַט זיך פֿאַרלאָזן אַף נסים. איך האָב דאָס אויסגעביטן באַ מײַנעם אַ חבר, מאיר־ליפּא־שרהס, אַף אַ שטיקל שטאָל פֿון דער מאַמעס קרינעלינע, וואָס האָט זיך געוואָלגערט אַפֿן בוידעם. פֿונעם שטיקל שטאָל האָט נאָכדעם מאיר־ליפּא־שרהס גע־ מאַכט זיך אַ מעסערל, פֿון ביידע זײַטן גוט אָפּגעשאַרפֿט. האָב איך אַפֿילו חשק געהאַט זיך אָפּבײַטן מיט אים צוריק, האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט זיך צעשריגן:

— אַ חכם אַ ייִד! וואָס זאָגט איר אַף זײַן טאַטן? איך האָרעווע אַף דרײַ נעכט און שאַרף און צעשנײַד זיך אַלע פֿינגער שאַרפֿנדיק, — קומט ער איצטער צוגיין און וויל זיך אָפּבײַטן צוריק!

— קוק אים אָן אַביסל! — זאָג איך. — נו׳ דאַרף מען ניט! אַ טײַ־

ערע מציאה א שטיקל שטאָל! קאַרג שטאָל וואַלגערט זיך בא אונדז אפן בוידעם? עס וועט כאַפּן אַף קינדער און קינדס־קינדער!

הכלל, איך האָב געהאַט אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף. עס איז געבליבן נאָר איין אַרבעט: קאַלופּען דאָס „טענענהאָלץ" פון דער קאַנאַפּע. איך האָב אויסגעקליבן דערויף זייער א ווילע צײַט: בשעת די מאַמע איז געווען אין קלייט און דער טאַטע האָט זיך נאָכן עסן צוגעלייגט דרעמלען, האָב איך זיך פאַרקליבן אין ווינקל אַרײַן מיט א צוואַק און האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט גאַנץ געשמאַק. האָט דער טאַטע דערהערט דורכן שלאָף, ווי עמעצער באַברעט זיך, האָט ער פרוּער געמיינט, אפנים, אַז ס'איז מײַז אין שטוב, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַען פון דאָרטן: קיש! קיש! איך בין געבליבן א געשטאָרבענער... דער טאַטע האָט זיך איבערגעקערט אַף דער אַנדערער זײַט, און אַז איך האָב דערהערט, אַז ער כראָפּעט, האָב איך זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. פּלוצים, איך טו א קוק — דער טאַטע שטייט און קוקט אַף מיר מיט מאָדנע אויגן. עס ווײַזט אויס, אַז תּחילת האָט ער בשום אויפן ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז. נאָכדעם, אַז ער האָט דערזען די צעקאָרדאַשעטע קאַנאַפּע, האָט ער מיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן פאַרן אויער און האָט מיך אַזוי געשלאָגן, אַז מע האָט מיך באַדאַרפט מינטערן, פּשוט אָפּגיסן מיט קאַלט וואַסער.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו געטאָן מיטן קינד? — האָט די מאַמע געוויינט מיט טרערן אַף די אויגן.

— דער קדיש דײַנער! ער וועט מיר אַרײַנטרײַבן א לעבעדיקן אין דער ערד אַרײַן! — זאָגט דער טאַטע, בלאָס ווי די וואַנט, כאַפּט זיך פאַרן האַרצן און פאַרהוסט זיך אַף עטלעכע מינוט.

— וואָס־זשע דאַרף מען זיך אַזוי אָפּעסן דאָס האַרץ? — זאָגט צו אים די מאַמע. — ביסט אַזוי אויך א קראַנקער! טו א קוק וואָס פאַר א פּנים דו האָסט, אַזא יאָר אַף מײַנע שונאים!

ג.

דער חשק צו שפּילן אַפן פידל איז געוואַקסן מיט מיר אינאיינעם. וואָס עלטער איך בין געוואָרן, איז דער חשק געוואָרן נאָר גרעסער, און, ווי אַף־צו־להכעיס, האָב איך באַדאַרפט אַלע טאָג האָרכן כלי־זמר. פּונקט

אויפֿן מיטן וועג, צווישן דער היים און צווישן חדר, איז געשטאַנען אַ קליין שטיבל, מיט ערד געדעקט. פֿלעגט זיך פֿון דאָרטן תּמיד הערן פֿאַרשיידענע קולות און געזאַנגען פֿון אַלערליי כּלים, און מערסנטייל — קולות פֿון אַ פֿידל. דאָרטן איז געזעסן אַ כּלי־זמר. נפֿתּלצי בעזבאַ־ראָדקע, אַ ייִד מיט אַן אונטערגעהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אונטערגעבוי־גענע פּאות און מיט אַ געפּרעסטן קאָלנער. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ היפּשע, אויסגעזען ווי אַ צוגעקלעפּטע, ליפּן גראָבע, ציין שוואַרצע, דאָס פּנים געשטופּלט און אָן אַ סימן פֿון אַ באָרד. און דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים גערופֿן „בעזבאָראָדקע”. אַ ווײַב האָט ער געהאַט אַ מאַשינע, האָט מען זי גערופֿן „די מוטער חוה”, און קינדער איז בײַ זיי געווען אַ טוץ אָנדערהאַלבן, אויב נישט מער, אַפּגעריסענע, האַלבנאַקעטע און באָר־וועסע, און אַלע, פֿונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, האָבן זיי געשפּילט. דער אויפֿן פֿידל, דער אויפֿן „אַלט”, דער אויפֿן באַס, דער אויפֿן טרומייט, דער אויפֿן פֿלייט, דער אויפֿן פֿאַגאָט, דער אויף דער האַרפֿע, דער אויפֿן צימבל, דער אויף דער באַלאַליקע, דער אויפֿן פּויק, דער אויף די טאַצן. צווישן זיי זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקאָנט אויספֿײַפֿן דעם גרעסטן ניגון מיט די ליפּן, אויף די ציין, אויף גלעזלעך אָדער אויף טעפּלעך, אויף שטיקלעך האָלץ, אָדער גאָר אויף די באַקן — שדים, רוחות און גאָר!

מיטן דאָזיקן געזינדל האָב איך מיך באַקענט גאָר אומגעריכט. איך בין געשטאַנען איינמאָל בײַ זייער אונטערן פֿענצטער, זיך אונטערגע־הערט ווי זיי שפּילן, האָט איינער פֿון די עלטערע קינדער, פּיניע דער פֿלייטיסט, אַ בחור פֿון אַ פּופּצן, נאָר אַ באָרוועסער, מיך דערזען שטיין, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו מיר און פֿרעגט מיך, צי עס געפֿעלט מיר זייער שפּילן?

— הלוואַי — זאָג איך — וואָלט איך אין צען יאָר אַרום אַזוי גע־שפּילט!

— קאָנסט דאָס אויספֿירן, — מאַכט ער צו מיר און גיט מיר אָנ־צוהערעניש, אַז פֿאַר צוויי קאַרבן אַ חודש וועט מיך דער טאַטע זײַנער אויסלערנען שפּילן, און אויב איך וויל, וועט ער מיך לערנען, דער זון הייסט דאָס.

— אויף וואָס פֿאַראַ אינסטרומענט — מאַכט ער — וואָלסטו געוואָלט שפּילן? אויפֿן פֿידל?

— אויפֿן פֿידל.

— אפן פידל? — מאכט ער. — קאנסט צאלן דריטהאלבן קערבל־עד א חודש? צי דו ביסט אזא כתריליק, ווי איך?

— קאנען קאן איך, — זאג איך — נאר וואס דען? עס טאר נישט ווייסן דערפון נישט דער טאטע, נישט די מאמע, נישט דער רבי.

— חס וחלילה! — מאכט ער. — ווער דאַרף דאס גיין אויספּויקן? אפשר געפינט זיך בא דיר א ציגאר טיטון, אדער א פּאפּיראס? ניין? דו רייכערסט ניט? אנטלײַ־זשע מיר א פיטאקל, וועל איך מיר אליין קויפן פּאפּיראסן. נאר זאלסט ניט זאגן קיינעם, מחמת דער טאטע טאר נישט ווייסן, אז איך רייכער. און די מאמע וועט געוואר ווערן, אז איך האב געלט, וועט זי דאס גלאט צונעמען און קויפן בייגל אף אנבײַסן. קום אין שטוב אריַין, וואס וועלן מיר דא אויסשטיין?

ד.

מיט גרוים פּחדים, מיט א קלאפּנדיק הארץ און מיט ציטערנדיקע פיס האב איך אריבערגעשפּאנט די שוועל פונעם דאזיקן קליינעם גן־עדן.

מײַן נײַער חבר פיניע האט מיך פארגעשטעלט פארן פאטער:

— שלום נחום וועוויקס, א נגידס א יונגל, האט חשק לערנען אפן פידל.

נפתלי בעזבאראדקע האט אונטערגעבויגן די פּאות, צורעכט געמאכט דעם קאלנער, פארשפּילעט די קאפּאטע און פארבונדן מיט מיר א ברייטן שמועס מכח שפּילן בכלל און אפן פידל בפרט, געגעבן מיר צו פארשטיין, אז פידל איז די בעסטע און שענסטע פון אלע כלים, עלטערס און חשובערס פון פידל איז שוין גאר נישטא אף דער גאנצער וועלט. א סימן האב איך, פארוואס דיריזשירט תמיד די פידל, ניט דער טרומייט, אדער פלייט? מחמת פידל — דאס איז די מאמע פון אלע כלים.

אזוי האט מיר נפתלי בעזבאראדקע געלייענט א גאנצע לעקציע פון מוזיק, געמאכט בשעת־מעשה מיט די הענט און מיט דער נאז, — און איך בין געשטאנען און געקוקט אים אין מויל אריַין, באטראכט די שווארצע ציין זײַנע און געשלונגען, ממש געשלונגען די ווערטער.

— פידל, פארשטייסטו מיך, — זאגט צו מיר ווײַטער נפתלי בעזבאראדקע און איז צופרידן, אפנים, מיט דער לעקציע, — פידל, פארשטייסטו מיך, איז אזא כלי, וואס איז עלטער פון אלע כלים. דער ער־

שטער פידלער אויף דער וועלט איז געווען תובל־קין, צי מתושלח, — איך געדענק שוין נישט אַקוראַט. דו קערסט בעסער וויסן, דו לערנסט דאָך מסתמא אין חדר? דער אַנדערער פידלער איז געווען דוד־המלך. נאָך איינער, אַ דריטער, איז געווען, פּאַגאַניני האָט ער געהייסן, אויך אַ ייִד; אַלע בעסטע פידלער אויף דער וועלט זײַנען געווען ייִדן. למשל, סטעמפּעניו, פּדהצור. פון זיך רייד איך ניט. מע זאָגט, אַז איך שפּיל ניט שלעכט אויפן פידל; נאָר ווי קום איך צו פּאַגאַנינין? פּאַגאַניני, זאָגט מען, האָט פאַרקויפט דעם אַשמדאי די נשמה פאַרן פידל. פּאַגאַניני האָט פײַנט געהאַט שפּילן פאַר גרויסע מענטשן, מלכותים און פּוריצטעם, כאָטש מע פלעגט אים אָפּגילטן. ער האָט בעסער ליב געהאַט שפּילן פאַר אָרעמע לײַט אין אַלע שענקלעך, אין אַלע דערפער, אָדער גאָר אין די וועלדער פאַר חיות און עופות. אָט וואָס פאַר אַ פידלער פּאַגאַניני איז געווען... — עי, חברה־פּלעצל, צו די כלים!

אַזוי האָט נפתלצי בעזבאַראָדקע אויסגערופן צו זײַן קאָמאַנדע קינדער, וואָס זײַנען זיך צונויפגעקומען אַלע אין איין מינוט, גענומען זיך איטלעכער צו זײַן אינסטרומענט. נפתלצי אַליין איז אויפגעשטאַנען, אַ זעץ געטאָן מיטן סמיק אין טיש אַרײַן, געוואָרפן אַ שאַרפן קוק אויף איטלעכן באַזונדער און אויף אַלע מיטאַמאָל — און מע האָט אַ שפּיל געטאָן אַ קאָנצערט אויף אַלערליי אינסטרומענטן מיט אַזאַ כח, אַז איך בין שיִער ניט אומגעפאַלן פון די פיס. איטלעכער האָט זיך געפּליִעט איבערצושרײַען דעם אַנדערן, און מער פון אַלע האָט מיך פאַרשריגן איינער אַ קליינער, וואָס האָט געהייסן בעמעלע, אַ טרוקן ייִנגעלע מיט אַ נאָס נעזעלע און מיט בּאַרוועסע אָנגעדראָלענע פיסלעך. בעמעלע האָט געשפּילט אויף אַ משונה־מאָדנע כלי, עפּעס אַ מין זאַק אַזעלכער, וואָס אַז מע בלאָזט אים אָן, לאָזט ער נאָכדעם אַרויס אַ משונה קול, אַ מאָדנעם קוויטש, ווי אַ קאַץ, בשעת מע טרעט איר אָן אויפן וויידל. בעמעלע האָט מיטן בּאַרוועסן פיסל אויסגעשלאָגן טאַקט, געקוקט די גאַנצע צײַט אויף מיר מיט קליינע גנבהשע אייגלעך און אונטערגעווונקען, ווי איינער רעדט: „אָבער איאָ, איך בלאָז גוט?" נאָר מער פון אַלע האָט געאַרבעט נפתלצי אַליין; ער האָט אַי געשפּילט, אַי געדיריזשירט, געאַרבעט מיט די הענט, מיט די פיס, מיט דער נאָז און מיט די אויגן און מיטן גאַנצן

גוף, און טאָמער חלילה האָט עמעצער געמאַכט אַ פעלער, האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

— פּאָרטאַ, פּאַרכוץ! פּאָרטאַ — פּאָרטיסימאַ!... טאַקט, ממזר! טאַקט!... איינס, צוויי, דרײַ! איינס, צוויי, דרײַ!...

ה.

אָפּגעמאַכט מיט נפתּלצי בעזבאָראָדקע פאַר דרײַ מאָל אין דער וואָך אָנדערהאַלבן שעה אין טאָג צוויי קערבלעך אַ חודש, בעט איך אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, עס זאָל זײַן בסוד־סודות — אַניט, בין איך אַ פאַרפאַלענער. ער גיט מיר זײַן ערנוואָרט, אַז עס וועט נישט וויסן דער פון קיין פויגל.

— מיר זײַנען אַזעלכע מענטשן, — זאָגט ער צו מיר מיט גדלות און מאַכט צורעכט דעם קאָלנער — וואָס קאַטאָרע קיין געלט האָבן מיר ניט, נאָר יושר און ערלעכקייט איז בײַ אונדז פאַראַן מער ווי בײַם גרעסטן גביר! אפשר געפינט זיך בײַ דיר עטלעכע גראָשנס?

איך כאַפּ אַרויס און גיב אים אַ קערבל. נפתּלצי נעמט דאָס צו בײַ מיר, ווי אַ פּראָפעסאָר, מיט צוויי פינגער, רופט־צו די מוטער חוה, קוקט אָן אַ זײַט און מאַכט צו איר:

— נאַ, קויף עפּעס אָנבײַסן!

די מוטער חוה נעמט צו בײַ אים דאָס קערבל שוין דווקא מיט ביידע הענט און מיט אַלע פינגער, באַטראַכט דאָס דווקא פון אַלע זײַטן און טוט אַ פרעג דעם מאַן, וואָס זאָל זי קויפן?

— וואָס דו ווילסט. — ענטפערט ער איר כלומרשט קאַלטבלוטיק.

— קויף בולקעס עטלעכע, הערינג אַ צוויי־דרײַ, און דאַרע קישקע, און אַ ציבעלע פאַרגעס ניט, עסיק און בוימל, נו, און אַ גלעזל בראָנפן וואָרטן...

אַז די דאָזיקע אַלע זאַכן זײַנען באַשאַפן געוואָרן אויפן טיש, איז דער עולם אָנגעפאַלן דערויף מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלײַך ווי נאָך אַ תענית. עס האָט אַזש מיך אָנגענומען אַ יצר־הרע, און אַז מע האָט מיך געבעטן, איך זאָל גיין צום טיש, האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן, און איך געדענק נישט די צײַט, ווען איך זאָל אַזוי הנאה האָבן פונעם עסן, ווי איך האָב הנאה געהאַט פון דער דאָזיקער סעודה.

נאָך דער סעודה האָט בעזבאָראָדקע אַ ווונק געטאָן צו דער קאָמאַנדע. מע זאָל זיך נעמען צו די כּלים, און מע האָט מיך מכבד געווען ווידעראַמאָל מיט אַ זאַך, „זײַן אייגענע קאָמפּאָזיציע". די דאָזיקע „קאָמפּאָזיציע" האָבן זיי געשפּילט מיט אַזאַ רעש, אַז עס האָט מיר פֿאַרטורקעט די אויערן און פֿאַרטומלט דעם קאָפּ — און איך בין אַוועק פֿון דאָרטן אַ שכּורער פֿון נפֿתּלצי בעזבאָראָדקעס „קאָמפּאָזיציע". אַ גאַנצן טאָג אין חדר האָט זיך מיר געדרייט דער רבי מיט די תּלמידים מיט די ספֿרים, און אין די אויערן האָט מיר ניט אויפֿגעהערט צו קלינגען די „קאָמפּאָזיציע". באַנאַכט איז מיר געקומען צום חלום פּאַגאַניני, רײַטנדיק אַפֿן אשמדאַי, און האָט מיר דערלאַנגט מיטן פֿידל איבערן קאָפּ. — איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געשריי און מיט אַ קאַפּוויטיק און האָב אָנגעהויבן שיטן מיט ווערטער, ווי פֿון אַ זאַק. וואָס איך האָב גערעדט — ווייס איך ניט. נאָר מײַן עלטערע שוועסטער פֿעסל האָט מיר נאָכדעם דערציילט, אַז איך האָב גערעדט פֿון היץ, עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, עפּעס ווילדע נעמען — „קאָמפּאָזיציע", „פּאַגאַניני"... און נאָך אַ זאַך האָט מיר די שוועסטער דערציילט, אַז אין דער צײַט, וואָס איך בין געלעגן שלאַף, איז מען אַ פּאָר מאָל געווען בײַ אונדז פֿון נפֿתּלצי דעם כּלי־זמר, עפּעס אַ באָרוועס ייִנגל, געוואָוווערן וואָס איך מאַך, האָט מען אים דורכגעטריבן און פֿאַרזאָגט, ער זאָל זיך מער ניִשט דערוועגן קומען אַהער...

— וואָס האָט געטאָן בײַ דיר דעם כּלי־זמרס ייִנגל? — פֿרעגט מיך מײַן שוועסטער און מוטשעט מיך, איך זאָל איר זאָגן. נאָר איך האַלט זיך אײַנס: איך ווייס ניִשט, כּלעבן, איך ווייס ניִשט; פֿונוואַנען זאָל איך וויסן?

— וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט דאָס? — זאָגט צו מיר די מאַמע. — ביסט שוין, קיין עין הרע, אַ בחור'ל צו לײַטן, מע רעדט דיר שוין שידוכים, און דו האָסט צו טאָן מיט שיינע חברים, באָרוועסע כּלי־זמרלעך! וואָס פֿאַר אַ מחותן ביסטו מיט כּלי־זמר? וואָס האָט דאָ געטאָן בײַ דיר נפֿתּלצי דעם כּלי־זמרס ייִנגל?

— וואָסער נפֿתּלצי? — זאָג איך און מאַך זיך תּמעוואַטע. — וואָסער כּלי־זמר?

— קוק אים אָן, דעם תּנא! — מישט זיך אַרײַן דער טאַטע. — ער ווייס ניִשט פֿון וואָס צו זאָגן! נעבעך גאָט די נשמה שולדיק! איך

אין דײַנע יאָרן בין שוין לאַנג געווען אַ חתן, און ער שפּילט זיך נאָך מיט חברים! טו זיך אָן און גיי אין חדר אַרײַן! טאָמער וועט דיך באַ־געגענען הערשל בעל־טאַקסע און וועט דיך אַ פֿרעג טאָן, וואָס איז דיר געווען, זאָלסטו זאָגן — קדחת. דו הערסט וואָס איך רייד צו דיר? קדחת!

איך הייב גישט אָן צו פֿאַרשטיין: וואָס פֿאַר אַ מחותן איז דאָ הערשל בעל־טאַקסע? און צוליב וואָס באַדאַרף איך אים זאָגן קדחת?... אין עטלעכע וואָכן אַרום איז מיר פֿאַרענטפֿערט געוואָרן די קשיא.

ו.

הערשל בעל טאַקסע (אַזוי האָט מען אים גערופֿן דערפֿאַר, וואָס ער און דער טאַטע און דער זיידע זײַנער האָבן פֿון תּמיד אָן געהאַלטן די טאַקסע, ס'איז שוין געווען באַ זיי אַ חזקה) איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ קײַלעכיק בײַכל, מיט אַ רויט בערדל, מיט נאַסע אייגעלעך און מיט אַ ברייטן ווײַסן שטערן — אַ סימן פֿון אַ קאָפּמענטש. ער האָט טאַקע געשמט אין שטעטל פֿאַר אַ ווױלן יונגנמאַן אַ משכיל, אַ מושלם, אַ שיינעם בעל תּנ"ך און אַ שיינעם שרײַבער, דאָס הייסט, ער האָט גע־האַט אַ שיין הענטל, מע האָט זיך אַמאָל מיט זײַנע כּתבֿים. זאָגט מען, אַרומגעטראָגן און אַרומגעפֿירט איבער דער וועלט. און, דערצו האָט ער געהאַט געלט און איין טעכטערל, אַ בת יחידה, אַ מיידל מיט רויטע הערעלעך און מיט נאַסע אייגעלעך, צוויי טראָפּן וואַסער הערשל בעל־טאַקסע. געהייסן האָט זי אסתּר, און גערופֿן האָט מען זי פֿאַרצויגן — „פֿלעסטערל". געווען איז זי ציטעריק און אײדל, מורא געהאַט פֿאַר אונדז, חדר־ייִנגלעך, ווי פֿאַרן מלאך־המוות, וואָרעם מיר האָבן איר דאַ־קוטשעט, פֿלעגן זיך רייצן מיט איר און זינגען לידלעך:

אסתּרל!
פֿלעסטערל!
פֿאַרוואָס האָסטו ניט
קיין — שוועסטערל?

דאַכט זיך, וואָס ליגט אַזעלכעס אין די דאָזיקע ווערטער? איז גאָרנישט? פֿונדעסטוועגן פֿלעגט פֿלעסטערל, אַז זי האָט דערהערט די

דאָזיקע ווערטער, פאַרשטעלן זיך די אויערן און אַנטלויפן מיט אַ געוויין, באַהאַלטן זיך בחדרי־חדרים, מורא האָבן אַרויסגיין עטלעכע טעג אויף דער גאַס.

נאָר דאָס איז געווען אַמאָל, בשעת זי איז נאָך געווען אַ קינד. אַצינד איז זי שוין געוואָרן אַ מיידל צו לײַטן, פאַרפלאָכטן זיך אַ רויט צעפּל און געגאַנגען אָנגעטאָן, ווי אַ כלה, נאָך דער לעצטער מאָדע. מײַן מאַמע האָט פון איר שטאַרק געהאַלטן, פלעגט זיך נישט קאָנען אָפּלויבן פון איר: „אַ שטילע טויב". אסתרל פלעגט אַמאָל, שבת, אַרײַנקומען צו מײַן שוועסטער פעסל, און אַז זי האָט מיך דערזען, פלעגט זי ווערן נאָך רויטער, ווי זי איז געווען, און אַראָפּלאָזן די אויגן. און מײַן שוועסטער פעסל פלעגט מיך בשעת־מעשה דווקא צורופן, עפּעס פרעגן, און קוקן אונדז ביידן אין די אויגן אַרײַן.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, עס קומט אַרײַן צו אונדז אין חדר אַרײַן דער טאַטע מײַנער מיט הערשל בעל־טאַקסע און נאָך זיי שלעפּט זיך נאָך רב שלום־שכנא דער שדכן, אַ ייִד מיט זעקס פינגער, מיט אַ געקרײַזלטער שוואַרצער באָרד און אַ גרויסער אביון. דערזען אַזעלכע געסט, כאַפּט זיך דער רבי רב זרח די קאַפּאָטע מיטן היטל, און מחמת גרויס אימפּעט פאַרקאַטשעט זיך אים איין פּאה אַרונטער, אויף יענער זײַט אויער, דאָס היטל פאַרקנייטשט זיך און עס שטעקט אַרויס אונטן די יאַרמלקע העכער האַלב, און עס הייבט אים אָן פלאַמען אַ באַק. מע האָט געקאָנט אַרויסזען, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט, ובפרט, אַז רב שלום־שכנא דער שדכן שוין פון אַ צײַט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו אונדז אין חדר אַרײַן עפּעס צו אָפּטלעך, פלעגט אַלע מאָל אַרויסרופן דעם רבין אין הויז אַרויס און דאָרט אַוועקשטיין מיט אים עטלעכע מינוט, סודען זיך און שושקען זיך, מאַכן בשעת־מעשה מיט די הענט און מיט די פּלייצעס און אויסלאָזן מיט אַ זיפץ:

— טאַ, ממה־נפשך. אויך די אייגענע מעשה! איז דאָס באַשערט, וועט דאָס מסתמא זײַן, וואָס קאָן מען וויסן וואָס?

באַם אַרײַנקומען פון די געסט האָט דער רבי רב זרח נישט געווּסט וואָס ער זאָל טאָן, ווו ער זאָל זיי באַזעצן. האָט ער געכאַפּט אַ קיכבענקל, וואָס די רביצן זאַלצט דערויף פלייש, און האָט זיך פריִער אַביסל אָרומגעדרייט מיט דעם עטלעכע מאָל הין און צוריק איבערן גאַנצן חדר, און נאָכדעם האָט ער דאָס קוים אַוועקגעשטעלט און האָט

זיך אַליין טאַקע אַנידערגעזעצט אױף דעם. ער איז אָבער באַלד אױפֿגע־שפּרונגען, װי אַן אָפּגעבריטער, שטאַרק צעמישט, און האָט זיך גע־כאַפּט באַ דער הינטערשטער קעשענע פֿון דער קאַפּאָטע, גלײַך װי ער װאָלט עפּעס פֿאַרלאָרן אַ מטמון מיט געלט.

— אָט איז אַ בענקל זעצט זיך! — מאַכט ער צו די געסט.

— נישקשה, זיצט, זיצט! — זאָגט צו אים דער טאַטע. — מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צו אײַך, רב זרח, נאָר אױף אײן מינוט; זײ װעלן פֿאַרהערן מײַן יינגל תנ״ך.

און דער טאַטע װײַזט אָן אױף הערשל בעל־טאַקסע.

— אָך, מהכתיתי, פֿאַרװאָס ניט? — מאַכט דער רבי רב זרח און כאַפּט אַ תנ״ך און טראָגט דאָס אונטער הערשל דעם בעל־טאַקסע מיט אַזאַ פּנים, װי אײנער רעדט: „נאַ דיר און טו װאָס דו װילסט!״

הערשל בעל־טאַקסע נעמט דאָס תנ״ך אין האַנט אַרײַן, װי אַ מענטש, װאָס איז געניט אין דער סחורה, בײגט אײַן דאָס קעפּל אױף אַ זײַט, מאַכט־צו אײן אײגל, מישט און מישט און טראָגט מיר אונטער דעם ערשטן פּסוק פֿון „שיר־ השירים״.

— שיר השירים גאָר? — רופֿט זיך אָן דער רבי מיט אַ שמײכע־לע װי אײנער רעדט: קײן האַרבערס נישט געקאָנט געפֿינען?

— שיך השיכים —ענטפֿערט אים הערשל בעל־טאַקסע (ער קאָן ניט אױסריידן קײן רי״ש) — שיך השיכים איז ניט אַזאַ גכינגע זאַך װי איך מיינט; שיך השיכים דאַכף מען פֿאַרשטײן.

— אװדאי! — רופֿט זיך אָן רב שלום־שכנא מיט אַ געלעכטערל.

דער רבי טוט צו מיר אַ װוּנק, איך גײ־צו צום טיש, צעשאָקל זיך און הײב אָן אױף אַ קול מיט זײער אַ שײנעם ניגון:

— שיר השירים — אַ געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען! אַלע גע־זאַנגען האָט געזונגען אַ נביא, און דאָס האָט געזונגען אַ נביא בן נביא! אַלע געזאַנגען האָט געזונגען אַ חכם, און דאָס האָט געזונגען אַ חכם בן חכם! אַלע געזאַנגען האָט געזונגען אַ מלך, און דאָס האָט געזונגען אַ מלך בן מלך!

בשעת זינגען האָב איך דערװײַל געקוקט אױף מײַנע פֿאַרהערערס און האָב באַמערקט אױף איטלעכנס פּנים אַן אַנדער מינע. באַם טאַטן אױפֿן פּנים איז געװוען אָנגעצײכנט גדלות און פֿאַרגעניגן. אױפֿן רבינס פּנים איז געשטאַנען מורא און פּחד, טאָמער חלילה האָב איך אַ טעות און

מאַך אַ פּעלער; זײַנע ליפּן האָבן שטילערהייט נאָכגערעדט מיט מיר אימלעכס וואָרט. הערשל בעל־טאַקסע איז געזעסן דעם קאָפּ אַביסל אָן אַ זײַט, דאָס גלעזל בערדל אין מויל, איין אייגל צוגעמאַכט, דאָס אַנדערע האָט געקוקט אַרויף, אויף דער סטעליע, און צוגעהערט ווי אַ גרויסער, גרויסער מבין. רב שלום־שכנא דער שדכן האָט די גאַנצע צײַט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג. ער איז געזעסן מיט אַ האַלבן גוף אַריבערגעבויגן אויף צופריער, האָט מיר מיטגעהאָלפן שאָקלען זיך און האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט מיך איבערגעשלאָגן אינמיטן מיט אַן אויסגעשריי, מיט אַ געלעכטער און מיט אַ הוסט אינײַנעם און אַ מאַך מיט דעם צווייענדיקן פינגער:

— אַז מע שמועסט, אַז ער יכולט — יכולט ער!

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געבראַכן טעלער, און איך בין געוואָרן צו מזל אַ חתן פאַר הערשל בעל־טאַקסעס בת־יחידקעלע — פּלעסטערל.

ז.

אַמאָל מאַכט זיך, אַ מענטש וואַקסט־אויס אין איין טאָג מער ווי אַן אַנדערער אין צען יאָר. אַז איך בין געוואָרן אַ חתן, האָב איך מיט אַמאָל דערפילט, אַז איך בין אַ „גרויסער". דאַכט זיך, דער אייגענער וואָס פריִער, נאָר פאָרט נישט דער. פונעם קלענסטן חבר ביזן רבין רב זרח האָט מען אָנגעהויבן קוקן אויף מיר שוין מיט מער דרך־ארץ — פאָרט אַ חתן מיט אַ זייגער. אויך דער טאַטע האָט שוין אויפגעהערט צו שרײַען אויף מיר; פון פּעטש שמועסט מען ניט: וויאַזוי נעמט מען דאָס אַ חתן מיט אַ גילדענעם זייגער און מע פּאַטשט אים אויס? אַ חרפּה פאַר לײַטן און אַ בזיון פאַר זיך אַליין! אמת, מע האָט אַמאָל אָפּגעשמיסן באַ אונדז אין חדר אַ חתן אליה, דערפאַר וואָס מע האָט אים געכאַפּט גליטשן זיך מיט אַלע שקצימלעך אויפן אײַז, — האָט טאַקע נאָכדעם געהאַט צו טאָן דערמיט די גאַנצע שטאָט. די כּלה זײַנע איז געוואָר געוואָרן פון אַזאַ סקאַנדאַל, האָט זי אַזוי לאַנג געוויינט, ביז מע האָט אָפּגעשיקט דעם חתן די תנאים, און דער חתן, אליה הייסט דאָס, האָט זיך פאַר הארצווייטיק און פאַר בזיון געוואָלט אַרײַנוואַרפן אין טײַך אַרײַן, איז געוועז פאַרפרוירן דאָס וואַסער...

כמעט אזא אַן אומגליק האָט זיך געטראָפֿן מיט מיר, נאָר נישט איבער שמיץ, און נישט איבערן גליטשן זיך אַפֿן אײַז נאָר איבער אַ פֿידל.

אָט אַזוי איז געווען די מעשה:

בײַ אונדז אין ווײַנשענק האָבן מיר, געהאַט אַן אָפּטן גאַסט טשעטשעק דער קאַפּעלמײַסטער, וואָס מיר פֿלעגן אים רופֿן: „פּאַן פּולקאָווניק״, דאָס איז געווען אַ געזונטער יונג, אַ הויכער, מיט אַ גרויסער קײַלעכיקער באָרד און מוראַדיקע ברעמען. גערעדט האָט ער אויף אַ מאָדנע געמישט לשון, וואָס איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע שפּראַכן. בשעת ריידן האָט ער געמאַכט מיט די ברעמען אַרויף און אַראָפּ; אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, איז דאָס פּנים געווען שוואַרץ ווי די נאַכט, און אַז ער האָט זיי אויפֿגעהויבן — איז דאָס געווען קלאָר ווי דער טאָג, וואָרעם עס האָבן זיך געפֿונען אונטער די דאָזיקע געדיכטע ברעמען אַ פּאָר העלבלויע, גוטע, שמייכלענדיקע אויגן. געטראָגן האָט ער אַ מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ, און דערפֿאַר טאַקע האָט ער בײַ אונדז געהייסן „פּאַן פּולקאָווניק״. בײַ אונדז אין ווײַנשענק איז ער געווען זייער אַן אָפּטער גאַסט, נישט דערפֿאַר, ווײַל ער איז געווען אַ שכור חלילה; נאָר מהאי טעמא, ווײַל דער טאַטע מײַנער איז געווען אַ בריה אויף מאַכן פֿון ראָזשינקעס דעם „בעסטן טײַערסטן אונגערשן ווײַן״, וואָס טשעטשעק פֿלעגט אָנקוועלן, זיך גאָרניט קאָנען אָפּלויבן פֿון אים. ער פֿלעגט אַרויפֿלייגן אויף אים זײַן גרויסע מוראַדיקע האַנט און זאָגן צום טאַטן אויף זײַן געמישטער שפּראַך:

—הערר קעלערמײַסטער! או טעבי נאַילעפּשי אונגאַרווײַן! נימאַ טאַקי ווינע אין בודאַפּעשט! פּרעדבאָהעם! *

צו מיר איז טשעטשעק תּמיד געווען צוגעלאָזט, מיך געליבט, וואָס איך לערן אין חדר, פֿלעגט מיך אָפּט פֿאַרהערן, פֿרעגן, ווער איז געווען אַדאַם? און ווער איז געווען איזאַק? און ווער איז געווען דזשאָזעף?

— יוסף? — פֿרעג איך אים. — יוסף הצדיק?

— דזשאָזעף — זאָגט ער.

— יוסף — פֿאַרריכט איך אים נאָכאַמאָל,

---

*) בײַ דיר איז דער בעסטער אונגאַרישער ווײַן! ניטאָ אַזאַ ווײַן אין בודאַפּעשט! בײַ גאָט!

— או נאַס דזשאַזועף, או־וואָס יאַדזשעף — יאַדזשעף, יאַדזשעף

— דזשאַזועף — וושיסטקאָ יערדנע, גאַנץ עגאַל.

— קהי — הי — הי! ...

איך באַהאַלט דאָס פּנים אין קולאַק און לאַך מיך גוט אויס.

נאָר פון זינט איך בין אַ חתן געוואָרן האָט טשעטשעק אויך אויפ־געהערט זיך באַגיין מיט מיר ווי מיט אַ קונדס און האָט אָנגעהויבן ריידן מיט מיר שוין ווי מיט אַ גלײַכן, דערציילן מעשיות פון פאָלק און פון מוזיקאַנט (דער „פּאַן פולקאַווניק" האָט געהאַט נײַן מאָס רייד, קיי־נער האָט אָבער קיין צײַט ניט געהאַט אים אויסהערן אַ חוץ מיר). איינ־מאָל האָט ער זיך מיט מיר צערעדט וועגן שפּילן. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— דער פּאַן פּולקאַווניק שפּילט אַף וואָסער אינסטרומענט?

— נאַ וושיסטקיך אינסטרומענטו *. — מאַכט ער צו מיר און הייבט־אויף אַף מיר די ברעמען.

— אַפּן פידל אויך? — פרעג איך אים, און ער באַקומט מיטאַמאָל אין מײַנע אויגן אַפּנים פון אַ מלאך.

— קום צוגיין אַמאָל צו מיר, — מאַכט ער — וועל איך דיר שפּילן.

— ווען קאָן איך — זאָג איך — צו דיר קומען, פּאַן פּולקאַווניק, אַז ניט שבת? — נאָר בתנאי, קיינער זאָל ניט ווייסן. זאָגסטו מיר צו?

— פרעגר באָהעם! — מאַכט ער צו מיר און הייבט־אויף אַף מיר די ברעמען.

ח.

טשעטשעק האָט געוווינט ווײַט־ווײַט הינטער דער שטאָט, אין אַ קליין ווײַס שטיבל, מיט קליינע פּענצטערלעך, מיט געפאַרבטע לאָדן, מיט אַ גרינעם גאָרטן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון דאָרטן מיט גרויס גדלות אַ סך הויכע געלע סאָנישניקעס, ווי עפּעס רעכטס, און האָבן אָנ־געבויגן עטוואָס די קעפּלעך אַף אַ זײַט, אַביסל געשאָקלט זיך, און האָבן ווי גערופן מיך צו זיך: „אַהער, צו אונדז, בחורל! דאָ איז גראָס, דאָ איז פרײַ, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז

*) אַף אַלע כלים

גוט!"... און נאך יענעם עפּוש מיט דער היץ, מיטן שטויב, וואס אין שטאט, און נאך יענער ענגשאפט מיטן געשריי, מיטן טומל, וואס אין חדר, גלוסט זיך טאקע אהער, ווארעם דא איז גראם. דא איז פריי, דא איז ליכטיק, דא איז פריש, דא איז ווארעם, דא איז גוט! עס גלוסט זיך לויפן, שפרינגען, שרייען, זינגען; אדער גאר א ווארף טאן זיך אף דער הוילער ערד, מיטן פנים אינעם גרינעם שמעקעדיקן גראז ארײַן. נאר, אוי וויי, נישט פאר אײַך, יידישע קינדער! געלע סאנישניקעס, גרינע קרויט, פרישע לופט, ריינע ערד, א לויטערער הימל — האט קיין פאראיבל נישט, ס'איז נישט אף אײַער מיסט געוואקסן געווארן!...

באגעגנט האט מיך א שווארצער קודלאטער הונט מיט רויטע פײַערדיקע אויגן. ער איז אף מיר אנגעפאלן מיט אזא רשעות, אז ס'איז מיר שיער די נשמה ארויסגעפאלן. א גליק, וואס ער איז געווען צוגעבונדן אף א שטריק. דערהערט מײַן געשריי, איז טשעטשעק ארויסגעלאפן אן א מונדיר און האט אנגעהויבן שטראפן דעם הונט, ער זאל אנשטומט ווערן — און ער איז אנשטומט געווארן. נאכדעם האט ער מיך אנגענומען פאר א האנט, צוגעפירט מיך גלײַך צום שווארצן כלב, געזאגט, איך זאל גאר קיין מורא נישט האבן, ער וועט מיך ניט זאטשעפן; א סימן, זאגט ער, איך זאל אים א גלעט טאן איבער די האר. און נישט לאנג געטראכט, נעמט ער מײַן האנט און פירט מיט איר איבערן הונטס פעל, רופט אים אן בשעת מעשה מיט עטלעכע מאדנע נעמען און זאגט אים גוטע ווערטער. דער שווארצער חברה־מאן לאזט אראפ דעם ווײדל, בויגט אײַן דעם קאפ, באלעקט זיך מיט דער צונג און ווארפט אף מיר א קוקל מן הצד, ווי איינער רעדט: „דײַן גליק, וואס דער פריץ שטייט דא, וואלסט שוין אוועקגעגאנגען פון דאנען אן א האנט"... איבערגעלעבט די פחדים פונעם הונט און ארײַנגעגאנגען מיטן „פאן פולקאווניק" אין שטוב ארײַן, בין איך נבהל ונשתומם געווארן; אלע ווענט זײַנען פארהאנגען פון אויבן אראפ מיט ביקסן, און אף דער ערד ליגט א פעל מיט א קאפ פון א לייב אדער א לעמפערט מיט מוראדיקע שארפע ציין. מילא, דער לייב איז נאך א האלבע צרה — פארט א געפגרטער; אבער די ביקסן, די ביקסן?... ס'איז מיר נישט אײַנגעגאנגען די פרישע פלוימען מיט די שיינע עפל, וואס דער באלעבאס האט מיך מיט זיי מכבד געווען פון זײַן אייגענעם גארטן; מײַנע אויגן האבן נישט אויפגעהערט צו שפרינגען פון איין וואנט אף

דער אַנדערער. נאָר שפּעטער, אַז טשעטשעק האָט אַרויסגענומען פֿון אַ רויט שאַכטל אַ פֿידעלע, אַ קליינס, אַ קנילעביקס, מיט אַ מאָדנע בײַכעלע, האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דעם די גרויסע צעשפּרייטע באָרד און די גרויסע געזונטע האַנט און האָט געגעבן דעם ערשטן פֿיר עטלעכע מאָל הין און צוריק מיטן סמיטשיק, און עס האָבן זיך געגעבן אַ גאָס די ערשטע עטלעכע מעלאָדיען, האָב איך אין איין אויגנבליק פֿאַרגעסן דעם שוואַרצן כלב, מיטן שרעקלעכן לייב, מיט די אַנגעלאָדענע ביקסן, — איך האָב נאָר געזען פֿאַר זיך טשעטשעקס גרויסע צעלאָזט באָרד מיט זײַנע גערדיכטע אַראָפּגעלאָזטע ברעמען, איך האָב נאָר געזען אַ קנײַ־לעכיק פֿידעלע מיט אַ מאָדנע בײַכל, און פֿינגער, וואָס טאַנצן איבער די סטרונעס מיט אַזאַ מהירות, וואָס אַ מענטשנס שכל איז גאָר ניט אומשטאַנד משיג צו זײַן, ווי נעמט מען דאָס אַזוי פֿיל פֿינגער?

נאָכדעם איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן טשעטשעק מיט זײַן צעשפּרייטער באָרד, מיט זײַנע געדיכטע ברעמען, מיט זײַנע וווּנדערלעכע פֿינגער, און איך האָב נאָר געהערט אַ זינגען, אַ קרעכצן, אַ וויינען, אַ כליפּען, אַ ריידן, אַ ברומען — משונה מאָדנע קולות, אַזעלכע, וואָס איך האָב אויף מײַן לעבן נישט געהערט קיינמאָל! זיסע קולות, ווי האָניק, גלאַטע, ווי בוימל, האָבן זיך געגאָסן גלײַך אין האַרצן אַרײַן אָן אַן אויפֿהער, און מײַן נשמה איז אַוועק ווײַט־ווײַט פֿון דאַנען, אין אַן אַנדער וועלט אַרײַן, אין אַ גן־עדן פֿון סאַמע קולות, פֿון גאָלע געזאַנגען...

— האַרבאַטע כצעש? * — רופֿט זיך אָן צו מיר טשעטשעק, לייגט אַוועק דאָס פֿידעלע און טוט מיר אַ פּאַטש אין פּלייצע.

איך האָב דערפֿילט, אַז איך בין אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם זיבעטן הימל אַראָפּ אויף דער ערד.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן צו גיין אַהער אַלע שבת באַ־טאָג הערן טשעטשעקן שפּילן אויפֿן פֿידל. איך פֿלעג שוין גיין גלײַך, נישט מורא געהאַט פֿאַר קיינעם, און אַפֿילו מיטן שוואַרצן כלב זײַנען מיר געוואָרן אַזוי באַקאַנט, אַז ער האָט מיך דערזען, פֿלעגט ער דרייען מיטן וויידל און זיך וועלן וואַרפֿן אויף מיר, אַ לעק טאָן די האַנט. פֿלעג איך אים נישט לאָזן: „לאָמיר בעסער זײַן גוטע פֿרײַנט פֿון דער ווײַטן!”

---

*) טיי ווילסטו?

אין דער היים האָט ניט געוווּסט קיין פויגל, ווו איך פאַרברענג דעם שבת — פאַרט אַ חתן! — און מע וואָלט נישט געוווּסט דערפון עד היום, עס זאָל זיך ניט געווען טרעפן מיט מיר אַ נײַער אומגליק, אַ גרויסער אומגליק, וואָס ווערט דאָ באַשריבן אינעם קאַפּיטל ט.

ט.

דאַכט זיך, ווען מען באַדאַרף עס אָנגיין, למשל, אַז אַ יידיש בחורל גייט זיך שבת באַטאָג שפּאַצירן אַביסל ווײַטער, הינטער דער שטאָט? צי ס'איז טאַקע מער נישטאָ וואָס צו טאָן, נאָר נאָכקוקן, אין זינען האָבן יענעם? וואָס העלפן אָבער די אַלע טענות, אַז עס ליגט שוין אַזוי באַ אונדז אין דער נאַטור, באַ ייִדן הייסט דאָס, גוט צוקוקן זיך צו יענעם, אַכטונג געבן, געפינען הסרונות און געבן עצות. למשל: צוגיין צו אַ ווילד־פרעמדן, בשעת ער דאַוונט, און צו־רעכט מאַכן אים דעם „של־ראש” פון די תפילין; אָדער אָפּשטעלן אים בשעת ער לויפט און איז פאַרטראָגן, אַז עס האָט זיך באַ אים, ד אַ כ ט ז י ך, פאַרקאַטשעט אַ הויז; אָדער אָנווײַזן יענעם מיטן פינגער, ער זאָל ניט ווישן וואָס איר מיינט: צי די נאָז, צי די באָרד, צי וועלכע גוטע יאָר? אָדער צונעמען באַ יענעם פון די הענט, בשעת יענער מוטשעט זיך און וויל עפּעס עפענען, און זאָגן אים: איר קאָנט נישט, לאָזט מיך! אָדער אָפּשטעלן זיך, בשעת יענער בויט אַ שטוב, און אויסזעצן אים אַ חסרון, אַז די סטעלע איז, דאַכט זיך, צו הויך, די חדרים צו גראָם און די פענצטער אומגעלומפּערט ברייט, כאָטש נעם צעוואַרף די שטוב און שטעל זיך בויען גאָר איבער־אַ־נײַעם!... אָט אַזוי, הערט איר, איז שוין באַ אונדז אײַנגעפירט פון קדמונים, פון ששת ימי בראשית. מיר וועלן מיט אײַך די וועלט נישט איבערמאַכן, מיר זײַנען דאָס גאָר נישט מחויב...

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט אײַך שוין זײַן רעכט, אַז אפרים קלאָץ, אַ ייִד אַ ווילד־פרעמדער, וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיט אונדז אַ קנעפּל, האָט נאָכגעקוקט נאָך מיר, נאָכגעשפּירט און אָנגעשמעקט ווו־הין איך גיי, און האָט מיר צוגעשטעלט אַ בענקעלע, געשוואָרן, אַז ער האָט אַליין געזען מיך עסן טרפות באַם „פּולקאָווניק” און רויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת. ער זאָל אַזוי זען, זאָגט ער, באַ זיך אַלדאָס גוטס, אַניט זאָל

ער ניט דערלעבן, זאָגט ער, קומען אַהין, וווּהין ער גייט, און אויב ער זאָגט אַ דבר־שקר אַף אַט אַזוי פּיל, זאָל זיך אים שטעלן, זאָגט ער, דאָס מויל אַף אַ זײַט און עס זאָלן אים אַרויס ביידע אויגן!

— אָמן הלוואי! — האָב איך געזאָגט און האָב געכאַפּט פונעם טאַטן אַ פרישן פּאַטש, איך זאָל ניט זײַן קיין עזות־פּנים... נאָר איך פאַרכאַפּ, אַזוי דאַכט זיך מיר, די לאָקשן פאַר די פּיש, איך האָב גאָר גאָר פאַרגעסן אײַך דערציילן, ווער איז געווען אפרים קלאָץ, און וואָס איז געווען, און ווי אַזוי איז געווען די מעשה.

אין עק שטאָט, אַף יענער זײַט בריק, איז געזעסן אַ ייִד אפרים קלאָץ. פאַר וואָס האָט מען אים גערופן קלאָץ? ער האָט אַמאָל גע־האַנדלט מיט געהילץ. הײַנט האַנדלט ער שוין ניט — איבער אַ מעשה, אַ בלבול, מע האָט אויסגעטרייסלט בא אים אַ פרעמדן קלאָץ מיט אַ פרעמדער קליימע, האָט ער געהאַט אַף זיך אַ פּעקל, אַ לאָדעניש, אַ שלעפּעניש, קוים־קוים אויסגעדרייט זיך פון טורמע. פון דעמאָלט אָן האָט ער אַוועקגעוואָרפן אַלע מסחרים און האָט זיך גענומען צו שטאָט־זאַכן, אַרײַנקוקן אין קהלשע ענינים, צעך, טאַקסע, בית־המדרש... תחילת איז געווען נישט אַזוי גוט, ער האָט געהאַט בזיונות; נאָר וואָס ווײַ־טער־ווײַטער האָט ער זיך אַרײַנגעדרייט, אײַנגעגעסן אין די ביינער אַרײַן, געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער ווייס „ווו אַ טיר עפנט זיך"... און אפרים איז געוואָרן מיט דער צײַט אַ פאַרשוין אַ נוצלעכער, נייטיקער, וואָס מע קאָן זיך אָן אים ניט באַגיין. אָט אַזוי כאַפּט זיך אַרײַן אַ וואָרעם אין עפּל אַרײַן, בעט זיך אויס גאַנץ ברייטלעך, מאַכט זיך אַ ווייכן געלעגער און ווערט דאָרט אַ היימישער, אַ גאַנצער באַלעבאָס.

געווען איז אפרים אַ נידעריטשקער, געהאַט קורצע פיסעלעך, קליינע הענטעלעך, רויטע בעקעלעך, און אַ גענגל אַ גיכס, מיט אַ טענצל אין מיט אַ דריי מיטן קעפּעלע; גערעדט האָט ער גיך, מיט אַ קוויטשל, און געלאַכט האָט ער מיט אַ דריבנע געלעכטערל, ווי מע שיט אַרבעס־לעך. אָנקוקן האָב איך אים נישט געקאָנט — איך ווייס נישט פאַר וואָס. אַלע שבת באַטאָג, ווען איך בין געגאַנגען צו טשעטשעקן, אָדער פון טשעטשעקן, פלעג איך אים באַגעגענען אַפן בריק גיין שפּאַצירן אין אַ לאַנגן געלאַטעטן שבתדיקן לעטניק אָן די אַרבל. ער איז געגאַנגען, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, און אונטערגעזונגען אַף זייער אַ דין

קולכל, און דער לאַנגער לעטניק האָט אים אונטערגעפּאַטשט פון הינטן אין די פּיאַטעס.

— גוט שבת! — זאָג איך אים.

— גוט שבת! — מאַכט ער. — וווהין גייט דאָס אַ יונגל?

— גלאַט אַזוי — זאָג איך — אויף שפּאַציר.

— אויף שפּאַציר? איינער אַליין? — מאַכט ער און קוקט מיר אין די אויגן אַרײַן מיט אַזאַ מין שמייכעלע, וואָס ס'איז שווער צו טרעפן, וואָס מיינט ער דערמיט: צי ס'איז אַ גרויס בריהשאַפט, וואָס איך שטעל זיך אײַן גיין איינער אַליין, צי ס'איז אַ חכמה, צי אַ נאַרישקייט?...

ו.

איינמאָל, געגאַנגען צו טשעטשעקן, האָב איך באַמערקט, אַז אפרים קלאָץ קוקט מיר עפּעס זייער שטאַרק נאָך; האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויפן בריק און געקוקט אין וואַסער אַרײַן. האָט זיך אפרים אויך אָפּגעשטעלט און אויך געקוקט אין וואַסער אַרײַן. האָב איך זיך געלאָזט גיין צוריק — ער גייט אויך. האָב איך מיך געלאָזט גיין ווידער אַהין — ער אויך. נאָכדעם איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. שפּעטער, געזעסן מיט טשעטשעקן באַם טיש און געטרונקען טיי, האָבן מיר דערהערט דעם שוואַרצן כלב בילן אויף עמעצן זייער שטאַרק און רײַסן זיך פון דער שטריק. אַ קוק געטאָן אין פענצטער, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך זע עפּעס אַ נידעריקס, אַ שוואַרציקס, מיט קליינע פיסעלעך לויפט־לויפט און ווערט פאַרשוווּנדן. נאָכן גענגל וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז ס'איז געווען אפרים קלאָץ.

כך הוה. איך בין געקומען שבת־צו־נאַכטס אַהיים, שוין נאָך הבדלה, מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים, און האָב געטראָפן אפרימען זיצן באַם טיש. ער האָט עפּעס זייער שטאַרק גערעדט און געלאַכט מיט זײַן מאָדנעם געלעכטערל. דערזען מיך, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און געקלאַפּט מיט די קורצע פינגערלעך איבערן טיש. אַקעגן אים איז געזעסן דער טאַטע, טויט ווי די וואַנט, און האָט זיך געדרייט די באָרד, געריסן די האָר איינציקווײַז — אַ סימן, אַז ער איז אין כעס.

— פון וואַנען גייסטו דאָס? — פרעגט מיך דער טאַטע און קוקט אויף אפרימען.

— פון וואַנען — זאָג איך — זאָל איך גיין ?

— איך ווייס — זאָגט ער — פון וואַנען ? זאָג דו פון וואַנען, דו ווייסט בעסער.

— פון בית־המדרש — זאָג איך.

— און ווו — זאָגט ער — ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג?

— ווו — זאָג איך — זאָל איך זײַן ?

— איך ווייס — זאָגט ער — ווו ? זאָג דו ווו, דו ווייסט בעסער.

— אין בית־המדרש — זאָג איך.

— וואָס האָסטו געטאָן — זאָגט ער — אין בית־המדרש ?

— וואָס זאָל איך טאָן — זאָג איך — אין בית־המדרש?

— איך ווייס — זאָגט ער — וואָס דו זאָלסט טאָן ?

— איך האָב געלערנט — זאָג איך.

— וואָס האָסטו — זאָגט ער — געלערנט ?

— וואָס זאָל איך לערנען ? — זאָג איך.

— איך ווייס — זאָגט ער — וואָס דו זאָלסט לערנען ?

— גמרא — זאָג איך — האָב איך געלערנט.

— וואָסער גמרא — זאָגט ער — האָסטו געלערנט ?

— וואָסער גמרא — זאָג איך — זאָל איך לערנען ?

— איך ווייס — זאָגט ער — וואָסער גמרא זאָלסטו לערנען ?

— די גמרא „שבת" — זאָג איך — האָב איך געלערנט.

דאָ האָט זיך אפרים קלאָץ צעלאַכט מיט זײַן דריבנע געלעכטערל, און מער האָט שוין, אפנים, דער טאַטע נישט געקאָנט איבערטראָגן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם אָרט און האָט מיר אויפגעוואָרפן צוויי הילכעדיקע פּלאַם־פּײַערדיקע פּעטש, עס זײַנען געפלויגן באַ מיר פונקען פון די אויגן. האָט דערהערט די מאַמע פונעם אַנדערן חדר, איז זי אַרײַנגעלאָפן מיט אַ געשריי :

— נחום ! גאָט איז מיט דיר ! וואָס טוסטו ? אַ בחור אַ חתן, פאַר דער התונה ? בארעכן זיך, טאָמער חלילה ווערט געוואָר דער מחותן ? !

— — — — — — — — — — — — —

די מאַמע איז געווען גערעכט. דער מחותן איז געוואָר געוואָרן

פון דער גאַנצער מעשה — אפרים האָט דאָס אים אַליין איבערגעגעבן, און האָט דערלעבט אין אים אַ נקמה, וואָרום זיי זײַנען תמיד געווען צווישן זיך אַף מעסער־שטעך.

* *

אַף מאָרגן האָט מען מיר אָפּגעשיקט די תנאים מיט די כלה־מת־נות, און איך בין געוואָרן אויס חתן. דאָס האָט דעם טאַטן אַזוי גע־קרענקט, אַז ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן, געלעגן צו בעט אַ היפּשע צײַט, מיך נישט געלאָזט פאַר די אויגן, נישט געוואָלט מײַן פּנים אָנ־קוקן, וויפל די מאַמע האָט נישט געטענהט פאַר מיר, מיך געוואָלט פאַרענטפערן.

— דער בזיון! — האָט ער געזאָגט. — דער בזיון איז מיר ער־גער פון אַלץ!

— אַ שיינע ריינע כפּרה! — האָט אים די מאַמע אויסגערעדט דאָס האַרץ. — גאָט וועט מוזן צושיקן אַן אַנדערן שדוך, וואָס זאָל מען טאָן? זיך נעמען דאָס לעבן? מסתמא איז דאָס ניט זײַן זיווג...

צווישן די, וואָס זײַנען געקומען מבקר חולה זײַן דעם טאַטן, איז געווען אויך טשעטשעק דער קאַפּעלמײַסטער.

דער טאַטע, אַז ער האָט אים דערזען, האָט ער אויסגעטאָן די יאַרמלקע, זיך אויפגעזעצט אַפן בעטל, האָט אים אויסגעצויגן די דאַרע טרוקענע האַנט, אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן אַרײַן און אַ זאָג גע־טאָן:

— אוי, פּאַן פּולקאָווניק! פּאַן פּולקאָווניק!...

מער האָט ער נישט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט, וואָרום עס האָבן אים געשטיקט די טרערן און דער הוסט...

דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן האָב איך דערזען דעם טאַטן ווײ־נען. עס האָט מיך אָנגענומען באַם האַרצן און עס האָט מיך פאַרקלעמט בײַ דער נשמה. איך בין געשטאַנען, געקוקט אין פענצטער און גע־שלונגען די טרערן. אין דער מינוט האָב איך באמת חרטה געהאַט אַף דער חתונה, וואָס איך האָב אָנגעאַרבעט. איך האָב מיך געשלאָגן על־חטא מיטן גאַנצן האַרצן און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל קיינמאָל, קיינמאָל נישט דעררגעזן דעם טאַטן, קיינמאָל, קיינמאָל נישט אָנטאָן אים קיין יסורים, — אויס פידל!

געשריבן אין יאָר 1902

דער זייגער

אַ מעשה

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן דרײַצן...

מיינט נישט, אַז איך שפּאַס. איך דערצייל אײַך גאַנץ ערנסט אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין כתרילעווקע, בײַ אונדז אין שטוב טאַקע, און וואָס איך אַליין בין דערבײַ געוועזן.

מיר האָבן געהאַט אַ זייגער, אַ וואַנט־זייגער, אַן אַלטן ירושה־זייגער פון דעם זיידן נאָך, וואָס דער זיידע האָט אים געהאַט פונעם עלטער־זיידן, עטלעכע דורות כסדר, נאָך פון פאַר כמעלניצקיס צײַטן. אַן עבירה, כלעבן, וואָס אַ זייגער איז ניט קיין לעבעדיקע זאַך, אַ שטומע צונג און קאָן נישט ריידן: ער וואָלט דאָס געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן!...

אין שטאָט האָט אונדזער זייגער געהאַט אַ שם פאַרן ערשטן זייגער, „רבֿ נחומס זייגער". מענטשן פלעגן קומען אָנשטעלן אַף אים זייערע זייגערס, וואָרעם זײַן גאַנג איז געווען דער אמתער, ריכטיקער גאַנג. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אַפילו רב לייביש חקרן, אַ ייִד אַ פילוסוף, וואָס איז געווען קלאָר איז „שקיעת־החמה" פון דער זון אַליין און איז געווען קלאָר אין דעם לוח אַף אויסווייניק, — האָט ער אַליין געזאָגט (איך האָב דאָס געהערט פון זײַן מויל), אַז אונדזער זייגער איז... אַפילו קעגן זײַן זייגערל אַ גרויסע שמאַטע, נישט ווערט קיין שמעק־טאַבעקע, נאָר וועדליק ס'איז פאַראַן זייגערס, איז אונדזער זייגער אַ זייגער... און אַז רב לייביש חקרן אַליין האָט געזאָגט, האָט מען גע־מעגט שטעלן אַף זײַנע רייד, וואָרעם רב לייביש האָט זיך ניט געפוילט אַלע מיטוואָך פאַרנאַכט, בין מינחה למעריב, אַרויפקלעטערן פון אויבן אַף דער ווײַבערשער שול, אָדער אַפן שפּיץ־באַרג, וואָס נעבן אַלטן בית־

המדרש, און גוט נאָכקוקן, כאַפּן די מינוט, ווען די זון זעצט זיך. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן זײַן זייגערל, אין דער אַנדערער האַנט — דעם לוח. און בשעת די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף יענער זײַט כּת־רילעווקע, האָט רב לייביש געמאַכט צו זיך אַליין: „געכאַפּט!" אָפּטלעך פלעגט ער קומען צו אונדז אויסגלײַכן זיך מיט די זייגערס. אַרײַנגעקור־מען צו אונדז אַן אַ גוטן אָוונט, האָט ער נאָר אַ קוק געטאָן אַף אונדזער וואַנטזייגער, אַף זײַן זייגערל און אַפן לוח, נאָכדעם ווידעראַמאָל אַף אונדזער וואַנטזייגער, אַף זײַן זייגערל און אַפן לוח, עטלעכע מאָל — און נישטאָ מיך.

נאָר איין מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז רב לייביש איז אַרײַנגעקור־מען צו אונדז אויסגלײַכן די זייגערס מיטן לוח, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד:

— נ־חום! גיכער! ווו ביסטו?

דער טאַטע, נישט טויט נישט לעבעדיק, קומט צו לויפן.

— האַ, וואָס איז געשען, רב לייביש?

— רוצח, דו פרעגסט נאָך? — מאַכט צו אים רב לייביש און טראָגט אים אונטער זײַן זייגערל גלײַך אונטער דער נאָז און טוט אים אַ ווײַז אַף אונדזער וואַנטזייגער און שרײַט אויס מיט אַזאַ קול, ווי אַ מענטש, וואָס מע האָט אים אָנגעטראָטן סאַמע אַפן קראַנקן פינגער:

— נ־חום! וואָס שווײַגסטו? סטײַטש, ער לויפט דאָך אַף אַנדער־האַלבן מינוט, אַף אַנ־דערהאַלבן מינוט! ווארף אים ארויס!!! (דאָס לעצטע וואָרט קוועטשט ער שטאַרק, ווי פונעם שמע־ישראל דעם „אחד").

דעם טאַטן פאַרדריסט די מעשה. וואָס הייסט, מע הייסט אים ארויסוואַרפן דעם זייגער?!

— פונוואַנען — זאָגט ער — איז געדרונגען, רב לייביש, אַז מײַן זייגער לויפט אַף אַנדערהאַלבן מינוט? טאָמער וואָלטן מיר גע־לערנט דעם אייגענעם פּשט פאַרקערט, אַז אײַער זייגער גייט אײַנגע־האַלטן אַף אַנדערהאַלבן מינוט? אַ קשיה אַף אַ מעשה?

רב לייביש טוט אַ קוק אַפן טאַטן מיט אַזעלכע אויגן, ווי אַף אַ מענטשן, וואָס האָט נאָר־וואָס געזאָגט, אַז עס קאָן געמאָלט זײַן דרײַ טאָג ראש־חדש, אָדער ס'איז מעגלעך, אַז שבעה־עשר־בתמוז זאָל פאַלן אום ערב פּסח, אָדער כּדומה אַזעלכע משונה־ווילדע געדאַנקען, וואָס אַז מע זאָל ווען זיך צולאָזן צום הארצן, קאָן מען דעם שלאַק באַקומען!...

רב לייביש ענטפערט נישט דאָס אַנדערע וואָרט. ער טוט אַ טיפן זיפץ, דרייט זיך אויס אָן אַ זײַ־געזונט, טוט אַ זעץ מיט דער טיר און — נישטאָ מיך! נאָר עס מאַכט נישט אויס; רב לייבישן קען די גאַנצע שטאָט, אַז ער איז אַזאַ ייִד, וואָס אים געפעלט נישט קיין זאַך אױף דער וועלט. אַפֿן בעסטן חזן וועט ער אײַך זאָגן, אַז ער איז אַ קאַטשאַן, אַ שייט־האָלץ, אַפֿן קליגסטן מענטשן — אַז ער איז אַ בהמה בצורת פּערה, אַפֿן שענסטן שדוך, אַז ס'איז קרום, ווי אַ קאָטשערע, און אַפֿן גלײַכסטן משל, אַז עס קלעפּט זיך, ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. אָט אַזאַ ייִד איז זיך געווען רב לייביש חקרן. נאָר איך קער מיך אום צוריק צו אונדזער זייגער. דאָס איז שוין געען, זאָג איך אײַך, איינמאָל אַ זייגער! זײַן קלינגען האָט מען געהערט אין דער דריטער שטוב: באָם!... באָם!... באָם!... אױף זײַן קלינגען האָט כמעט אַ האַלבע שטאָט געלעבט: אָפּגעריכט חצות, אויפֿגעשטאַנען צו סליחות, פֿרײַטיק צו דער חלה, ערב שבת געבענטשט ליכט, שבת־צו־נאַכטס אָנגעצונדן פֿײַער, געזאַלצן פֿלייש וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען שײַך צו ייִדישקייט. הכּלל, אונדזער זייגער איז געווען אַ שטאָט־זייגער. ער האָט נעבעך געדינט זייער, זייער געטרײַ, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געפּרוּווט שטעלן אַפֿילו אױף אַ מעת־לעת. ער האָט אױף זײַן לעבן נישט פֿאַרזוכט דעם טעם, וואָס הייסט אַ זייגערמאַכער. דער טאַטע איז אַליין געווען איבער אים דער מײַסטער. (ער האָט געהאַט אַ „ידיעה אינעם שכל הזייגערמאַכערײַ"). אַלע ערב פּסח האָט ער אים פּאַוואָלינקע אַראָפּגענומען פֿון דער וואַנט, דורכגערייניקט די געדערעם מיט אַ פֿלעדערוויש, אַרויסגענומען פֿון אינעווייניק אַ פּאַק שפּינוועבס מיט געממיתטע פֿליגן, וואָס שפּינען האָבן אַהינצו פֿאַרנאַרט, פֿאַרפּלאָנטערט און אָפּגעריסן די קעפּלעך, מיט טויטע טאַראַקאַנעס און נעסטלעך, וואָס האָבן אַליין פֿאַרבלאָנדזשעט אַהין און געהאַט דאָרטן אַ מיתה משונה... אויסגערייניקט און אויסגעפּוצט, האָט ער אים אויפֿגעהאַנגען צוריק אױף דער וואַנט, און ער האָט געשײַנט. דאָס הייסט, זיי האָבןביידע געשײַנט: דער זייגער האָט געשײַנט דורך דעם, וואָס מע האָט אים אויסגעצוואָגן און אויסגעפּוצט, און דער טאַטע האָט געשײַנט, וואָס דער זייגער שײַנט.

ויהי היום, האָט זיך געטראָפֿן אַ מעשה. דאָס איז געווען איינמאָל אין אַ שיינעם ניסט קיין כמאַרנעם טאָג, מיר זײַנען אַלע געזעסן באָם

טיש און געגעסן אָנבײַסן. איטלעכס מאָל ווען דער זייגער האָט גע־שלאָגן, האָב איך ליב געהאַט צו ציילן און דווקא אַף א קול:

— איינס... צוויי... דרײַ... זיבן... עלף... צוועלף... דרײַצן... אוי, דרײַצן!!

— דרײַצן? — רופט זיך אָן דער טאַטע און צעלאַכט זיך. — ביסט א שיינער בעל־חשבון, קיין עין הרע ניט! האָסט אַמאָל געהערט זייגער דרײַצן?

— דרײַצן, — זאָג איך — ווי איך בין א ייִד, אַז דרײַצן!

— דרײַצן פּעטש וועסטו פון מיר כאַפּן! — מאַכט דער טאַטע צו מיר מיט כעס. — זאָלסט דאָס אַנדערע מאָל נישט איבערחזרן אַזא נאַרישקייט. גוי, א זייגער קאָן נישט שלאָגן קיין דרײַצן!

— ווייסט וואָס איך וועל דיר דערציילן, נחום? — מישט זיך אַרײַן די מאַמע אינמיטן. — איך האָב מורא, אַז דאָס קינד איז גע־רעכט. מיר דאַכט, אַז איך האָב אויך איבערגעציילט דרײַצן!

— שוין, אַט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! — מאַכט דער טאַטע, און עס ווײַזט אויס, אַז ער אַליין פאַלט אויך אַרײַן אין א שטיקל ספק. נאָכן עסן גייט ער צו צום זייגער, שטעלט זיך אַף א בענקל, טוט א פאַרקע אינעווייניק עפּעס א רעדל און דער זייגער הייבט אָן צו קלינגען. מיר אַלע זאָלבעדריט ציילן, שאָקלען־צו בשעת מעשה מיטן קאָפּ נאָך יעדן קלונג: „איינס... צוויי... דרײַ... זיבן... נײַן... צוועלף... דרײַצן"...

— דרײַצן?! — זאָגט דער טאַטע און קוקט אַף אונדז ביידן מיט אַזעלכע אויגן, ווי באַ א מענטשן, וואָס זאָל דערהערן פּלוצים, אַז די וואַנט האָט באַקומען לשון און רעדט ווערטער. ער טוט נאָכאַמאָל א פאַרקע דאָס רעדל, און דער זייגער קלינגט ווידעראַמאָל דרײַצן! דער טאַטע קריכט אַראָפּ פונעם בענקל מיט א זיפץ, בלאַס ווי די וואַנט, און בלײַבט שטיין אין מיטן שטוב, קוקט אַף דער סטעליע. קנײַט די באָר־און רעדט צו זיך אַליין:

— געשלאָגן דרײַצן... וואָס הייסט דאָס?... וואָס זאָל דאָס באַדײַטן?... ער זאָל זײַן קאַליע, וואָלט ער זיך געשטעלט... אַלא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פּשט און זאָגן: א שפּריזינקעלע?...

— דאַרפסטו חקירהן „א שפּריזינקעלע?" — זאָגט איט די מאַ־מע. — אַמער, נעמט מען אַראָפּ דעם זייגער און מע מאַכט אים צו־רעכט, ביסט דאָך עפּעס א מײַסטער!

— שאַ, אפשר ביסטו אויך גערעכט — ענטפערט איר דער טאַטע און נעמט אַראָפּ דעם זייגער און פּאָרעט זיך מיט אים. ער שוויצט, האָרעוועט־אָפּ אַ גאַנצן טאָג און הענגט אים אויף צוריק אַף זײַן אָרט — דאַנקען גאָט, דער זייגער גייט ווי עס געהער צו זײַן. און אַז עס קומט אַרום האַלבע נאַכט, שטייען מיר שוין אַלע אַרום אים און ציילן אָפּ צוועלף. דער טאַטע קוועלט.

— האָ? קלינגט שוין ניט קיין דרײַצן? אַז איך זאָג אַ „שפּרינזינקעלע” — ווייס איך וואָס איך זאָג!

— איך זאָג שוין לאַנג, אַז דו ביסט אַ בריה. — מאַכט צו אים די מאַמע. — איך פאַרשטיי נאָר ניט איין זאַך: למאַי כריפּעט ער? ער פלעגט דאַכט מיר, קיינמאָל נישט כריפּען, ווי ער כריפּעט.

— עס ווײַזט זיך דיר אויס! — זאָגט דער טאַטע און הערט זיך צו, ווי דער זייגער כריפּעט בשעת עס קומט צום קלינגען. ווי אַן אַלטער מאַן, איידער ער באַדאַרף זיך אויסהוסטן, מאַכט דער „ביל־ביל־ביל־טררררר”... און ערשט נאָכדעם: „באָם!... באָם!.... באָם!... און אַפילו דער „באָם” אַליין איז שוין אויך גאָר נישט דער „באָם”, וואָס פריִער; דער פריִערדיקער „באָם” איז געווען אַ פרייליכער „באָם”, אַ לעבעדיקער, און איצט האָט זיך אַרײַנגעגנבעט אין אים עפּעס אַ מין אומעטיקייט, אַ טרויעריקייט, ווי אין דער שטימע פון אַן אַלטן, אויסגעדינטן חזן יום־כּפּור צו נעילה... וואָס ווײַטער ווערט דאָס כריפּען גרעסער און דאָס קלינגען שטילער און אומעטיקער, און דער טאַטע ווערט מרה־שחורהדיקער; מע זעט, אַז עס קרענקט אים, ער האָט דערפון שטילע יסורים, עס עקט זיך אים דאָס חיות, און ער קאָן דערצו גאָרניט העלפן. עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט זיך דער זייגער גאָר אינגאַנצן אָנידערשטעלן. דער אומרו הייבט־אָן צו מאַכן עפּעס מיאוסע תנועות. שיטערע גענג. ער הוידעט זיך אין אַ זײַט. פאַרטשעפּעט זיך אַלעמאָל, ווי אַן אַלטער מאַן, וואָס סע שלעפּט זיך אים נאָך אַ פוס. מע זעט, אַז דער זייגער פאַרקאַטשעט זיך אָנידערשטעלן אַף תמיד, אַף אייביק! אַ גליק, וואָס דער טאַטע קוקט זיך אַרום בצײַטנס און פאַרשטייט, אַז דער זייגער איז דאָ נעבעך גאָט די נשמה שולדיק; שולדיק איז די וואָג — ווינציק וואָג! און ער טשעפּעט־צו צו דער וואָג דאָס אייבערשטע פונעם שטויסל (אַ משא פון אַ פּאָר פונט). דער זייגער גייט אוועק ווי אַ מזמור, און דער טאַטע ווערט פריילעך, אַ נײַער מענטש!

נישט לאַנג געדויערט דאָס אָבער: דער זייגער הייבטווידער אָן אונטערפּוילן זיך, דער אומרו הייבט ווידער אָן צו מאַכן משוגענע העוויות: אַ הוידע אין איין זייט פאַוואָלע, אין דער אַנדערער זייט גיך, מיט אַ קרעל — „קכי". עס קרעלט בײַ דער נשמה, עס שלאָגט צום האַרצן! אַ גאָטס רחמנות צו זען, ווי דער זייגער גוססט. און דער טאַטע, אַף אים קוקנדיק, צאַנקט, גייט־אויס פאַר יסורים, ווערט אויס מענטש.

ווי אַ גוטער דאָקטער אַ מומחה, וואָס איז מפקיר פונעם חולה וועגן, ווענדט־אָן אַלע כוחות, טראַכט־צו ווי ס'איז פאַראַן אַ מיטל אַף דער וועלט, כדי צו ראַטעווען דעם קראַנקן, נישט לאָזן אים שטאַרבן, אַזוי האָט זיך דער טאַטע גענומען ראַטעווען דעם אַלטן זייגער מיט אַלע מעגלעכקייטן.

— ווינציק וואָג, ווינציק חיות! — זאָגט דער טאַטע און הענגט־אָן אַף דער וואָג אַלע מאָל נאָך און נאָך משא: פריער אַן אײַזערנע סקאָווראָדע, נאָכדעם אַ קופּערנע קוואָרט, שפּעטער אַ פרעסל אַן אײַזערנס, אַ זעקעלע זאַמד, אַ פּאָר ציגל, — דער זייגער ציט דערפון אַלע מאָל פריש חיות און גייט, מיט צרות טאַקע, מיט אַנגסטן, נאָר ער גייט. ביז עס האָט זיך געטראָפן איינמאָל באַנאַכט אַ גרויסער אומגליק.

דאָס איז געווען אום ווינטער, פרײַטיק־צו־נאַכטס. מיר האָבן אָפּ־געגעסן די שבתדיקע וועטשערע. די געשמאַקע געפעפערטע פיש מיט כריין, די הייסע יויך מיט לאָקשן, דעם פלוימענצימעס, און אָפּגע־בענטשט, ווי עס געהער צו זײַן. די שבתדיקע בענטשליכט האָבן נאָך גע־צאַנקט. די דינסט האָט דערלאַנגט פונעם אויוון פרישע, וואַרעמע, גוט אויסגעטריקנטע סעמעטשקעס און עס קומט אַרײַן די מומע יענטע, אַ שוואַרצחנוודיק ווײַבל אָן ציין, וואָס דער מאַן האָט זי אָוועקגעוואָרפן און אַוועקגעלאָזט זיך קיין אַמעריקע שוין עטלעכע יאָר.

— גוט שבת! — זאָגט די מומע יענטע. — איך האָב געוווסט, אַז ס'איז בײַ אײַך דאָ פרישע סעמעטשקעס; דער חסרון, וואָס ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו קנאַקן, נישט מער זאָל מײַן שלים־מזל לעבן, וויפל איך האָב ציין אין מויל... ווי געפעלט דיר, מלכה, די הײַנטיקע פיש, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן בײַ זיי? איך פרעג אים, מנשה דעם פּיליער, וואָס אַזאַ יקרות אַף אײַך? שפּרינגט אונטער שרה־פּערל די נגידית: „גיט מיר גיכער, גיט מיר, וועגט מיר אָפּ אָט דאָס העכטל!" „וואָס אַזאַ

היץ אױף אײַך, זאָג איך, גאָט איז מיט אײַך, דער טײַך ברענט ניט, און מנשה װעט צוריק די פּיש נישט פּירן; באַ די נגידים, זאָג איך, איז, אַפּנים, געלט װאָלװל און שכל טײַער?״... גײט זי דאָך מסתּמא און עפענט אױף מיר אַ מױל: „קבצנים, זאָגט זי, האָבן דאָ נישט װאָס צו טאָן... אָן אָרעמאַן, זאָגט זי, טאָר זיך נישט גלוסטן״... װאָס זאָגסטו אױף אַזאַ הולטײַקע? לאַנג איז זי געשטאַנען מײדלװײַז מיט איר מאַמע אין מאַרק באַם טישל און פאַרקױפט סטענגעלעך?... פּונקט אַזױ װי פּעסל־פּײסע־אַבֿרהמס נעמט זיך איבער מיט איר טאָכטער, װאָס זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גבֿיר פון סטריטש. זי גענומען װי זי שטײט און גײט... ייִדישע גליקן — מע זאָגט, זי װערט פאַר־שװאַרצט. קײן עין הרע, אױף אירע יאָר און טעג, קאָן נישט הױזן מיט די קינדער... װאָס־זשע, ס'איז גוט צו זײַן אַ שטיפמאַמע? מע זאָל גאָר באַהיט װערן! אָט נעמט חװהלען — דאַכט זיך, װאָס האָט מען צו איר? זאָלט איר זען, װאָס זי האָט פון שטיפקינדער! טאָג װי נאַכט הערט מען קולות, מע שטעלט זיך פײַגן, פּיטש־פּאַטש, דרײַ שלײערס אַ גראָשן...

די ליכט הײבן אָן אױסגײן. דער שאָטן אױף די װענט קלעטערט, דראַפּעט זיך העכער און העכער. די סעמעטשקעס טרישטשען, דער עולם שמועסט, דערציילט, מעשיות. גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַרײַן, אײנע צו דער אַנדערער געהער זיך ניט אָן. נאָר מער פון אַלע רעדט די מומע יענטע.

— שאַ! — רופט זיך אָן די מומע יענטע. — למאי אַט האָט זיך ניט לאַנג געטראָפן נאָך אַ שענערע מעשה? ניט װײַט פון יאַמפּעלע, אַ װערסט דרײַ, זײַנען גזלנים באַפאַלן אַ ייִדישע קרעטשמע, אױסגע־קױלעט אַ גאַנצע שטוב מיט מענטשן, אַ פּיצעלע קינד אין װיגעלע אױך געקױלעט, איבערגעלאָזט נאָר אײן דינסטמײדל, װאָס איז געשלאָפן אױף קיך אױפן אױװן; זי האָט דערהערט, מע שרײַט, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען, דאָס דינסטמײדל, פונעם אױװן, זי טוט אַ קוק דורך דער שפּאַרונע פון דער טיר, זעט זי, דאָס דינסטמײדל, עס ליגט אױף דער ערד דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע געקױלעטע, און בלוט אַ גאַנצער טײַך. איז זי זיך מיישב, דאָס דינסטמײדל, און שפּרינגט אַרױס דורך אַ פענצטער, און לױפט אַװעק גלײַך אין שטאָט אַרײַן מיט אַ גװאַלד: „ייִדישע קינדער, ראַטעװעט, גװאַלד, גװאַלד, גװאַלד!!!״...

פלוצים, אזוי ווי די מומע יענטע גוואַלדעוועט דאָ, הערן מיר: טררראַך — טאַרראַרראַך — באַם — באַם — דזין — דזין — באַם!... פאַרטיפט אין דער מעשה, האָבן מיר נאָר געמיינט, אַז גזלנים זײַנען אָנגעפאַלן אַף אונדזער שטוב און האָבן אויסגעשאָסן פון צען האַרמאַטן, אָדער ס'איז אײַנגעפאַלן דער דאַך, אָדער ס'איז ערד־ציטערניש, אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק איז געשען. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט רירן פון די ערטער. אַ מינוט האָבן מיר געקוקט איינס אַף דאָס אַנדערע אָן ווערטער, און אַלע מיטאַמאָל האָבן מיר אָנגעהויבן צו שרײַען: גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! — פון גרויס אימפּעט כאַפּט מיך די מאַמע אַרום, קוועטשט מיך צו צום האַרצן און שרײַט:

— מײַן קינד, מיר זאָל זײַן פאַר דיר, ווײ איז מיר!

— האַ? וואָס? וואָס איז אים? וואָס איז געשען? — שרײַט דער טאַטע.

— גאָרנית, גאָרנישט! שאַ! שאַ! — שרײַט די מומע יענטע און מאַכט מיט די הענט, און דאָס דינסטמיידל לויפט אַרײַן פון קיך אַ טויטע.

— ווער שרײַט דאָ? וואָס איז? עס ברענט? ווו ברענט? ווו?

— ווער ברענט? וואָס ברענט? ברענען זאָלסטו אַפן פײַער, די מויד איינע, פאַרברענט און פאַרשרפעט זאָלסטו ווערן! — שרײַט די מומע יענטע אַפן דינסטמיידל. — אָט איז זי אויך דאָ, טאָמער איז קאַרג! נאָ דיר גאָר סע ברענט! אין דער ערד אַרײַן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! האָסטו געהערט אַן אַנטיק! וואָס שרײַט איר. ווע‌לכע גוטע יאָר? וואָס גוואַלדעוועט איר? טפו אַף מײַנע שונאימס קעפּ! מע האָט זיך דאָס אַביסל איבערגעשראָקן, טאָמער ווייסט איר וואָס? פאַר אַ קלאַפּ! ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן! גאָט איז מיט אײַך, דאָס איז דער זייגער, דער זייגער אַראָפּגעפאַלן, הײַנט ווייסט איר שוין? מע האָט אָנגעהאָנגען אַפן זייגער כל מאַמינים שהוא, דרײַ פוד משא, איז ער אַראָפּגעפאַלן. וואָס איז דאָס חדוש? להבדיל, אַ מענטש וואָלט אויך ניט בעסער געוועזן! האָסטו געהערט אַביסל!...

ערשט דעמאָלט קומען מיר צו זיך. אויפגעשטאַנען אײנציקווײַז פונעם טיש, גייען מיר צו צום זייגער און באַטראַכטן אים, ווי ער ליגט נעבעך מיטן פּנים אַראָפּ, אַ דערהרגעטער, אַ צעבראָכענער, אַ צעשאָטענער, אַ סקאַליטשעטער אַף אייביק!

— אוים זייגער! — מאַכט דער טאַטע, טויט ווי די וואַנט, אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, ווי בשעת מע גייט־צו צו אַ מת, צו אַ ברמינן. ער ברעכט די הענט, און טרערן שטייען אים אין די אויגן. איך קוק אָפּן טאַטן, עס גלוסט זיך מיר וויינען.

— שאַ, זע נאַר, וואָס דאַרף מען זיך אַזוי אָפּעסן דאָס האַרץ? — זאָגט די מאַמע. — מסתמא אַזוי באַשערט, אָנגעצייכנט מן השמים, אַז הײַנט אין דער דאַזיקער מינוט, באַדאַרף זײַן דער סוף זײַנער, ווי להבדיל אַ מענטש, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד! אַ כפרה, ניט אום שבת דערמאָנענדיק, פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אונדזערע קינדער, פאַר אַלע אונדזערע ליבע און געטרײַע, און פאַר כל ישראל, אמן סלה...

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט זייגערס. ער האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט: אונדזער אַלטער זייגער ליגט אויף דער ערד, אָנגעטאָן אין ווײַסע תכריכים. עס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, אַז דער זייגער לעבט, נאָר אָפּן אָרט פונעם אומרו וואַרפט זיך הין און צוריק אַ לאַנגע צונג, אַ צונג פון אַ מענטשן, און דער זייגער קלינגט ניט, נאָר ער קרעכצט, און איטלעכער קרעכץ נעמט בײַ מיר צו אַ שטיק געזונט... און אָפּן ציפערבלאַט, דאָרט וווּ איך בין געוווינט צו זען תמיד דעם 12, דערזע איך מיטאַמאָל אַ ציפער 13, טאַקע דרײַצן — איר מעגט מיר גלייבן אויף נמנות!...

גשריבן אין יאָר 1900

ראַבטשיק

(אַ ייִדישער הונט)

א.

ראַבטשיק איז געווען אַ הונט אַ ווײַסער מיט פּלעקן, נישט קיין גרויסער, אַ מיטלמעסיקער, אַ שטילער, נישט קיין אָנכאַפּער. ער האָט פֿײַנט געהאַט, ווי אַנדערע, אָנפֿאַלן אויף יענעם פֿון הינטן, אָפּרײַסן אַ פּאָלע אָדער אַ בּיס טאָן אין דער ליטקע. ער איז געווען צופֿרידן אַבי יענער זאָל אים ניט טשעפּען. אדרבה, אים האָט דאַקוטשעט יעדער, ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן. געבן ראַבטשיקן אַ זעץ מיט אַ שטעקן פֿון הינטן, אָדער דערלאַנגען אים מיטן אַבצאַס אין זײַט אַרײַן. אָדער וואַרפֿן אים אַ שטיינדל אין קאָפּ אַרײַן, אָדער אויסגיסן אויף אים אַ פּאָמעניצע — דאָס איז געווען בײַ יעדן אַ שפּילכל כמעט אַ מצווה.

און ראַבטשיק, אַז ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ, האָט ער זיך ניט אָנידערגעשטעלט, ווי אַנדערע הינט, אויסטענהען זיך, אויסהאַווקען זיך, באַווײַזן די ציין; ניין, ראַבטשיק פּלעגט זיך בײַ איטלעכן קלאַפּ אײַנבייגן כמעט ביז דער ערד מיט אַ קוויטש: אײַ — אײַ! און אַנטלויפֿן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווײדל, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, פֿאַרטיפֿן זיך אין געדאַנקען און כאַפּן פֿליגן.

ב.

ווער איז געווען ראַבטשיק? פֿונוואַנען האָט ער זיך גענומען? דאָס איז שווער צו וויסן. עס קאָן זײַן, אַז ער איז פֿאַרבליבן אין הויף נאָך פֿונעם אַלטן פּריץ. מעגלעך, אַז ער איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, פֿאַר־

לאָרן זײַן בעל־הבית און צוגעשטאַנען צום נײַעם בעל־הבית און פאַר־בליבן אַף תמיד.

עס מאַכט זיך אַמאָל. איר שפּאַצירט אַף דער גאַס, לויפט אײַך נאָך אַ פריבלודנע הינטל פּיס־טריט. „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּריטשע־פּע?" — טראַכט איר זיך און הייבט אויף די האַנט אַפן הינטל: „פּשאָל וואָן!" דאָס הינטל בלײַבט שטיין, בייגט זיך אויס, ווי אַ מענטש, בשעת מע וויל אים געבן אַ פּאַטש און לויפט אײַך נאָך ווײַטער. איר בייגט זיך אָן צו דער ערד, איר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, כלומרשט וואַרפט איר דעם אַ שטיינדל. עס העלפט נישט. איר בלײַבט שטיין און קוקט אַפן הינטל; דאָס הינטל בלײַבט שטיין און קוקט אַף אײַך; איר קוקט זיך איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן אָן ווערטער. איר טוט אַ שפּײַ און לאָזט זיך גיין — דאָס הינטל לויפט אײַך נאָך, איר גייט אַרויס פון די כלים, איר כאַפּט אַ שטעקל און צעלאָזט זיך אַף דעם מיט כעס. פאַלט דאָס הינטל אַף אַן עצה: ציט זיך אויס אַף דער ערד מיט די פיסלעך אַרויף, ציטערט און קוקט אײַך גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער רעדט: „נאַ! ווילסט מיך שלאָגן? — שלאָג!"...

אָט פון דעם מין הינט איז געווען אונדזער ראַבטשיק.

ג.

ראַבטשיק איז געווען אַ הונט ניט קיין נאַשער. אין שטוב האָט געמעגט ליגן גאָלד, האָט ער זיך ניט צוגערירט. ראַבטשיק האָט גע־ווּסט, אַז דאָס וואָס אונטערן טיש געהער צו אים, און ווײַטער איז ניט זײַן עסק.

אין דער יוגנט, זאָגט מען, איז ער אפילו יאָ געווען אַ שטיקל חברה־מאַן. ער האָט איינמאָל געפּרוווט אומגערן, אַפּנים, אַוועקשלעפּן פונעם זאַלץ־ברעטל אַ פיסל פון אַ גאַנדז. האָט דערזען ברײַנע די קעכין, אַ ייִדענע מיט שוואַרצע וואָנצעס, און האָט געמאַכט אַ געשריי: אײַ־זיק! אײַזיק! איז געקומען צו לויפן אײַזיק, סאַמע אין דער מינוט, וואָס ראַבטשיק האָט געוואָלט דורכלויפן מיטן געגנדזענעם פיסל; האָט אים אײַזיק צוגעקוועטשט מיט דער טיר אַזוי, אַז האַלב ראַבטשיק איז גע־בליבן פון איין זײַט טיר, און די אַנדערע האַלב פון יענער זײַט, און מע האָט זיך מיט אים גוט אָפּגערעכנט: פון איין זײַט האָט אים געשלאָגן

איציק איבערן קאָפּ מיט אַ שטעקן, און פון דער אַנדערער זייט — ברענגט מיט אַ שטיט־האָלץ און האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען בשעת מעשה: „איציק! איציק!"

פון דעמאָלט אָן איז אים פאַרבליבן אַ זכר: אַז מען איז צוגעגאַנגען צו אים און אַ זאָג געטאָן גלייך אין פנים אַרײַן „איציק!" פלעגט ער אַנטלויפן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

ד.

מער פון אַלע איז אים דערגאַנגען די יאָרן פאַראַסקע; די פאַראַסקע, וואָס האָט אונדז געוואַשן גרעט, געשמירט די שטוב און געמאָלקן די בהמה.

וואָס האָט זי געהאַט צו ראַבטשיקן — איז שווער צו פאַרשטיין; ער פלעגט איר תמיד זײַן גרויס אין די אויגן, און ווען זי פלעגט אים דערזען, פלעגט זי ווערן אָנגעצונדן: „שאָב טובי כוואָראָבאַ סאָבאַקאַ נעווירנאַ!"... און ווי אַף־צו־להכעיס, פלעגט ראַבטשיק ליב האָבן דווקא פּלאָנטען זיך איר פאַר די פיס.

באַ דער אַרבעט פלעגט זיך פאַראַסקע אין אים נוקם זײַן, ווי מיר אין המנען: האָט זי געוואַשן גרעט, פלעגט זי אים אָפּגיסן מיט אַ קאַלט שעפל וואַסער; ראַבטשיק האָט פײַנט געהאַט אַזאַ באָד, פלעגט ער זיך נאָכדעם דאַרפן לאַנג אָפּטרייסלען. האָט זי געשמירט די שטוב, פלעגט זי אים פאַרפּליאַסקען דאָס פנים מיט ווײַסן ליים, ער זאָל זיך נאָכדעם באַלעקן אַ שעה כסדר. האָט זי געמאָלקן די בהמה, פלעגט זי אים מכבד זײַן מיט אַ שטיט־האָלץ איבער די פיס. ראַבטשיק האָט זיך אויסגעלערנט שפּרינגען; אַז ס׳איז געפלויגן אַ שטיט־האָלץ, פלעגט ער קונציק איבערשפּרינגען איבער דעם, ווי אַ מזיק.

איינמאָל האָט ער פון אַזאַ כיבוד געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק; פאַראַסקע האָט אים געוואָרפן אַ שטיט־האָלץ און געטראָפן אין דעם פעדערשטן פוס, האָט ראַבטשיק זיך צעשריגן ניט מיט זײַן קול, נאָר מיט אַ מאָדנעם קוויטש: אײַ־אײַ־אײַ־אײַ־אײַ! מען איז זיך צעגויפגעלאָפן פונעם גאַנצן הויף. ראַבטשיק האָט דערזען מענטשן, האָט ער זיך אָנגעהויבן פעסטען, באַוויזן איטלעכן דאָס איבערגעבראָכענע פיסל. ווי איינער רעדט: „נאָט, זעט, וואָס זי האָט מיר געטאָן, פאַראַסקע!"...

ראבטשיק האט געמיינט, אז מע וועט זיך מסתמא אננעמען זײַן קריוודע, און פאראסקען וועט מען געווים קעפּן פאר אזא מעשה.

צום סוף איז גאר צווישן עולם געוואָרן א געלעכטער; ברײַנע מיט די וואָנצעס איז ארויסגעפלויגן פון קיך מיט א פּאָלאָניק און האט זיך א שמיר געטאָן איבער דער נאָז פון אונטן ארויף מיטן נאקעטן עלנבויגן: „איבערגעבראכן דעם שלים־מזל א פוס? זייער רעכט!״... אויך די קונדסים, די ווײַסע־חברהניקעס, זײַנען זיך צענויפגעלאָפן און האבן גענומען שרײַען אף ראבטשיקן און פײַפן. איז אנגעקומען פאראסקע און האט אים צערעכט געמאכט דאָס מזל: זי האט אים אָפּגעגאָסן מיט א קריגל זודיק וואסער. האט ראבטשיק אויפגעהויבן א גוואַלד מיט א קוויטשערײַ: אי־אי־אי! אי־אי־אי!... בשעת מעשה געשפרונגען אין געדרייט זיך, געביסן זיך אליין דעם ווײדל און ניט אויפגעהערט צו גוואלדעווען מיט אזעלכע קולות, אז צווישן די ווײַסע־חברהניקעס איז דאָס געלעכטער געוואָרן נאָך גרעסער. מע האט דערזען ראבטשיקן טאנצן אף דרײַ פיס, האט מען אויסגעבטלט אלע בייזע חלומות אף זײַן קאָפּ און געשענקט אים א פאר גוטע שטעקנס. ראבטשיק האט זיך געלאָזט לויפן מיט א קוויטש, געקוליעט זיך און געקאטשעט איבער דער ערד, און ווײַסע־חברהניקעס. זײַנען אים נאכגעלאָפן מיט שטעקלעך און מיט שטיינדלעך, געהוקעט, געפײַפט און געטיוקעט און פארטיוקעט אים ווײַט־ווײַט פון דער שטאָט ארויס, אזש אף יענער זײַט מילן.

ה.

ראבטשיק איז געלאָפן מיט דער דעה, אז צוריק אין שטאָט ארײַן זאָל ער שוין נישט קומען קיינמאָל, ווײַל ער וועט לעבן! און געלאָפן איז ער אין דער וועלט ארײַן, ווו די אויגן וועלן אים טראָגן. געלאָפן — געלאָפן און געקומען צו לויפן אינעם ערשטן דאָרף ארײַן, האט ער זיך באגעגנט מיט די דאָרפישע הינט. די דאָרפישע הינט האבן אים ארומגעשמעקט פון אלע זײַטן.

— ברוך הבא, א הונט! פונוואנען קומט מען און וואָס איז דאָס בא דיר א צאצקע אפן רוקן? עפּעס ווי אויסגעסמאלעט א שטיק פעל סאמע אינמיטן?

— עך! פרעגט שוין נישט! — מאכט צו זיי ראבטשיק מיט א

טרויעריקער מינע, — אַ סך צו דערציילן, נישטאָ וואָס צו הערן. איז ניט מעגלעך באַ אײַך איבערצונעבעטיקן אַ נאַכט?

— אָך, מיטן גרעסטן כּבֿוד! — זאָגן די דאָרפֿישע הינט. — דער „אינדרויסן” איז געװנוג גרויס און דער „אונטערן־הימל” איז נאָך גרעסער.

— וו:אזוי איז דאָ באַ אײַך מיט דער אכילה? — פֿרעגט ראַב־טשיק. — מיט וואָס שטילט איר דעם הונגער, אַז דער מאָגן מאָנט מזונות?

— עט! נישט צו פֿאַרזינדיקן! — מאַכן די דאָרפֿישע הינט. — פּאַ־מעניצעס איז פֿאַראַן אומעטום, און צום פֿלייש האָט גאָט באַשאַפֿן ביי־נער; אַ דאגה, לאָזן זיי עסן פֿלייש, די בעלי־הבתים, וועלן מיר האָבן ביינער. אַבי, ווי זאָגט איר, פֿאַרשטופֿן די קישקע.

— נו, און די בעלי־בתים וו:אזוי זײַנען עפּעס באַ אײַך? — פֿרעגט ווײַטער ראַבטשיק און טוט אַ דריי מיטן ווײדל, ווי איינער, וואָס וויל אויספֿרעגן, אויספֿאָרשן.

— די בעלי־בתים זײַנען בעלי־בתים, — מאַכן די דאָרפֿישע הינט און פֿאַרשלאָגן די רייד.

— נו, און פֿאַראַסקע? — מאַכט ראַבטשיק.

— וואָסער פֿאַראַסקע? — פֿרעגן די דאָרפֿישע הינט.

— אָט די פֿאַראַסקע, — זאָגט ראַבטשיק — וואָס וואַשט גרעט, שמירט די שטוב און מעלקט די בהמה, איר קענט ניט פֿאַראַסקען?

די דאָרפֿישע הינט שטייען, קוקן־אָן ראַבטשיקן ווי אַ חסר־דעהניק: „וואָס פֿאַראַסקעט ער אונדז?” זיי שמעקן אים נאָכאַמאָל אַרום פֿון אַלע זײַטן און צעגייען זיך איינציקווײַז, איטלעכער אַף זײַן מיסט.

ז.

„אָט גליקלעכע הינט!” — טראַכט זיך ראַבטשיק און ציט זיך אויס אַף גאָטס ערד, אונטער גאָטס הימל, און וויל כאַפּן אַ דרעמל; נאָר עס שלאָפֿט זיך ניט. ערשטנס, די אָפּגעבריטע פֿעל; עס שמאַרצט אים און עס בײַסט אים סכּנות־נפֿשות! און די פֿליגן דאַקוטשען אים זייער שטאַרק. ס׳איז פֿון זיי נישט אָפּצוטרײַבן זיך! צווייטנס, בורטשעט אים אין בויך; ער וואָלט אַ בעלן געווען עפּעס קײַען, איז נישטאָ וואָס; מע מוז צוּוואַרטן ביז אינדערפֿרי. און דריטנס, לאָזן אים ניט שלאָפֿן די

מחשבות פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט צווישן די דאָרפישע הינט; נישטאָ באַ זיי קיין אַנזיקס, וואָס קוועטשן־צו מיט אַ טיר און שלאָגן נאָכדעם מיט אַ שטעקן־האָלץ; ניטאָ באַ זיי קיין פּאַראַסקעס, וואָס גיסן־אָפּ מיט זודיק וואַסער; ניטאָ באַ זיי קיין ווײַסע־חברהניקעס, וואָס וואַרפן שטעקנס, פּײַפן און טיוקען און פּאַרטיוקען. „גליקלעכע הינט אויף דער וועלט! און איך האָב געמיינט, אַז נאָר דאָרט איז אַ וועלט. אַ וואָרעם ליגט אין כריין און מיינט — ס'איז קיין זיסערס נישטאָ“...

ראַבטשיק ווערט אַנטשלאָפן, און עס חלומט זיך אים אַ פּאָמעניצע, אַ גרויסע, אַ פולע מיט שטיקלעך ברויט, קישקעלעך, אָדערן פון פלייש, רעטשענע קאַשע, אויסגעמישט מיט הירזש און מיט פּאַסאָלעס, און ביי־נער, ביינער — אַ גאַנצער אוצר! ביינער פון קנעכלען, ביינער פון ריפּ, ביינער מיט מאַרך, און ביינדלעך פון פיש, און קעפּלעך פון הערינג גאַנצע, נאָך ניט קיין אויסגעסמאָצקעטע, ראַבטשיק ווייסט ניט פון וואָס זאָל ער אָנהייבן פרוּער.

— ברוכים היושבים! — מאַכן צו אים די דאָרפישע הינט און קוקן פונדערווײַטן, ווי ער גרייט זיך צו דער סעודה.

— קומט עסן! — זאָגט ראַבטשיק גלאַט אַזוי פון יוצא וועגן.

— עס געזונט! — זאָגן די דאָרפישע הינט גאַנץ פרײַנטלעך.

פּלוצים דערהערט ער אַ קול גלײַך אין אויער אַרײַן: „אַנזיק!“

ראַבטשיק כאַפּט זיך אויף —ס'איז גאָר אַ חלום!...

אינדערפרי האָט זיך ראַבטשיק געלאָזט איבער די הייפן, געזוכט אַ פּאָמעניצע, אַ שטיקל סעכער, אַ ביינדל, נאָר וווּ ער קומט — זײַנען פאַרנומען אַלע ערטער.

— קאָן מען באַ אײַך נישט איבערבײַסן? — פרעגט ראַבטשיק.

— דאָ? ניין! אפשר אינעם אַנדערן הויף...

ראַבטשיק לויפט פון איין הויף אינעם אַנדערן. אומעטום דאָס אייגענע לידל. איז ער זיך מישב: וואָס וועט ער וואַרטן אָפּ דרך־ארץ? אָמער, וועט ער צוגיין און וועט אַ כאַפּ טאָן וואָס עס וועט זיך לאָזן. נאָר באַם ערשטן „כאַפּ“ האָט ער געכאַפּט פון די דאָרפישע הינט אַ מיאוסן פּסק: פרוּער האָט מען אָפּ אים אָנגעהויבן קוקן בייז, הורטשען און באַווײַזן די ציין, און נאָכדעם זײַנען עטלעכע מיטאַמאָל אָנגע־פאַלן אָפּ אים, געריסן און געביסן, אים געמאַכט אַ תּל פונעם ווײדל, אַרויסגעמשלחט מיט כבוד ביז אָפּ יענער זײַט ראָגאַטקע.

ז.

אַראָפּגעלאָזט דעם ווײַדל, האָט זיך ראַבטשיק אַוועקגעלאָזט אײ־נעם אַנדערן דאָרף. געקומען צו לויפן אינעם אַנדערן דאָרף — ווידער די אייגענע מעשה: תּחילת גוטע רייד, אַ שיינער גאַסט, מהיכא־תּיתי. און נאָכדעם, אַז עס קומט צו דער פּאָמעניצע, הייבט מען אָן אויף אים קוקן בייז, הורטשען, באַווײַזן ציין, רײַסן און בײַסן — און וואָס אויף אַלע פיר זײַטן!

ראַבטשיקן איז נמאס געוואָרן דאָס נע־ונד זײַן, דאָס אַרומוואַנ־דערן פון איין אָרט אינעם אַנדערן, און ער האָט זיך מיישב געווען אַזוי: מענטשן זײַנען שלעכט; הינט זײַנען אויך ניט בעסער; ער וועט זיך בעסער אַוועקלאָזן אין וואַלד אַרײַן צווישן חיות.

און ראַבטשיק האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אַרײַן.

אַרומגעדרייט זיך, איין הונט אַליין אין וואַלד, אַ טאָג און צוויי און דרײַ, האָט ער אָנגעהויבן פילן, אַז דער בויך ווערט אים וואָס ווײַ־טער אַלץ מער צעגויפגעצויגן און די קישקעס אײַנגעשרומפּן, ממש עס גייט אים אויס דאָס חיות פון הונגער און פון דאָרשט, כאָטש נעם און צי זיך אויס אינמיטן וואַלד און פּגר אַוועק! און, ווי אויף־צו־להכעיס, גלוסט זיך אים נאָך לעבן און לעבן.

און ראַבטשיק נעמט דעם ווײַדל אונטער זיך, ציט אויס די פעדער־שטע לאַפּעס, שטעלט אַרויס די צונג און לייגט זיך אַוועק אונטער אַ בוים און קלערט אַ הינטישע מחשבה: „ווו נעמט מען אַ שטיקל ברויט? ווו קריגט מען אַ פּיצל פלייש? אַ ביינדל כאָטש? וואַסער אַ קאַפּ?" אין פון גרויסע צרות ווערט ער אַ חקרן, אַ פילאָזאָף. ער הייבט אָן חקירהן: „פאַרוואָס איז ער, הונט, מער געשטראָפט פון אַלע חיוה ועופות און פון אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט? למאַי אָט פליט אַ פייגעלע גלײַך אין נעסט אַרײַן... אָט לויפט אַ יאַשטשערקע אַהיים אין איר נאָרע אַרײַן... אָט פויזשעט אַ ווערעמל, אַ זשוקל, אַ מערעשקע — אַלע האָבן זיך זייער היים, אַלע געפינען זיך זייער באַדערפעניש; נאָר איך, הונט, האַוו־האַוו־האַוו!"....

— ווער האָוקעט דאָס דאָ אין וואַלד? — רופט זיך אָן אַ וואָלף, לויפנדיק פאַרבײַ, אַרויסגעשטעלט די צונג פאַר הונגער.

ראַבטשיק האָט קיינמאָל ניט געזען קיין וואָלף. ער מיינט, אַז

דאָס איז אַ הונט, שטייט ער אויף פֿאַוואָליע, נישט געכאַפּט, ציט זיך אויס. גייט־צו צום וואָלף.

— ווער ביסטו? — מאַכט צו אים דער וואָלף מיט גדלות. — וויאַזוי רופֿט מען דיך? פֿונוואַנען קומסטו אַן? און וואָס טוסטו דאָ?

ראַבטשיק איז זיך ממש מחיה, וואָס ער האָט דערטאַפּט אַ גוטן ברודער; כאָטש פֿאַראַן פֿאַר וועמען די צרות אויסצוגיסן. און ער דער־ציילט אים אויס זײַן גאַנץ ביטער האַרץ.

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, לאָזט אויס ראַבטשיק דאָס טרויע־עריקע צעטל זײַנס — איך וואָלט זיך מחיה געווען, ווען איך באַגעגן מיך מיט אַ לייב, מיט אַ בער אָדער כאָטש מיט אַ וואָלף.

— וואָס־זשע וואָלט געווען? — מאַכט דער וואָלף מיט אַ פּאַס־קודנע שמייכל.

— גאָרניט, — זאָגט ראַבטשיק — ממה־נפשך, איז מיר באַשערט דער טויט, לאָם מיך בעסער פּאַרצוקט ווערן פֿון אַ וואָלף, איידער פּגרן פֿון הונגער צווישן אייגענע, צווישן הינט...

— נו! — מאַכט צו אים דער וואָלף, בלאָזט זיך אָן און טוט אַ קנאַק מיט די ציין. — זאָלסטו וויסן, אַז איך בין וואָלף! און איך האָב חשק דיך צערײַסן אַף עטלעכע שטיקלעך און מאַכן פֿון דיר אָן אָנבײַסן, מחמת איך בין זייער הונגעריק. איך האָב שוין אַכט טאָג אין מײַן מויל ניט געהאַט!

דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט זיך אונדזער ראַבטשיק אַזוי דער־שראָקן, אַז עס האָט אַף אים אָנגעהויבן ציטערן די אָפּגעקאָכטע פֿעל.

— אדוני קעניג! טײַערער רב וועלוול! — מאַכט צו אים ראַב־טשיק מיט אַ רחמנות־פּנים און מיט אַ וויינענדיק קול. לאָז דיר גאָט צושיקן בעסערע אָנבײַסנס. וואָס וועסטו פֿון מיר האָבן, משטיינס גע־זאָגט? פֿעל און ביינער? פֿאָלג מיך, לאָז מיך אָפּ, האָב רחמנות אַף מײַן הינטיש לעבן!...

און דערבײַ האָט ראַבטשיק אַראָפּגעלאָזט דעם וויידל, אויסגעבויגן דעם רוקן, געפֿויזעט אַפֿן בויך און געמאַכט אַזעלכע מיאוסע תנועות, אַז דעם וואָלף איז נים גוט געוואָרן אַף צו חלשן.

— נעם צענויף דעם פּאַסקודנעם וויידל דײַנעם — רופֿט זיך אָן

צו אים דער וואָלף — און אַנטלויף צו אַלדי שוואַרצע יאָר, דו כּלב שבּכּלבים, איך זאָל דײַן טרפהנעם פּרצוף ניט אָנקוקן!...

נישט טויט נישט לעבעדיק האָט זיך ראַבטשיק געלאָזט לויפן, ניט געפילט די ערד אונטער זיך, מורא געהאַט זיך אַרומקוקן אַפילו. ער האָט געמאַכט פיס, אַוועק־אַוועק פון וואַלד, צוריק — אין שטאָט אַרײַן!

ח.

געקומען צוריק אין שטאָט אַרײַן, האָט ראַבטשיק אויסגעפּעלט דעם הויף. ווו ער איז אויסגעוואַקסן, כאַטש דאָס האַרץ האָט אים גע־צויגן דווקא אַהין, אין יענעם הויף, ווו מע האָט אים געהרגעט־געשלאָגן, אין יענעם הויף, ווו מע האָט אים איבערגעבראָכן אַ פוס און אָפּגעבריט דעם רוקן... האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין מאַרק אַרײַן, אַהין צו די יאַטקעס, צווישן די קצבישע הינט, צווישן אײַגענע הייסט דאָס.

— סקאָצל קומט! פון וואַנען איז אַ הונט? — מאַכן צו אים די קצבישע הינט מיט אַ געגעץ און גרייטן זיך שוין אַף נאָכטלעגער.

— טאָקע אַ היגער. — מאַכט ראַבטשיק. — איר האָט מיך ניט דערקענט? איך בין דאָך ראַבטשיק!

— ראַבטשיק? ראַבטשיק?... אַ קענטלעכער נאָמען! — מאַכן די קצבישע הינט און קאָנען זיך כּלומרשט נישט דערמאָנען ווער דאָס איז.

— וואָס איז דאָס באַ דיר פאַר אַ צייכן אַפן רוקן? — פרעגט אים צאָוציק, אַ קליין הינטל, און שפּרינגט אים גלײַך אין פּנים אַרײַן מיט גרויס עזות.

— מסתּמא אַ סימן, מע זאָל אים נישט פאַרבײַטן, אָדער אַזוי פון שיינקייט וועגן, וואָס פאַרשטייט איר נישט? — רופט זיך אָן מיט אַ ליצנות ראָודעק, אַ רויטער הונט מיט אַ מאָכנאַטער פעל.

— סאַ משל! — ענטפערט אים סירקאָ, אַ גרויער הונט, אַן אַלטער בחור מיט איין אייגל און מיט אַן אָפּגעשניטענעם אויער. — אַף צייכנס פרעגט מיך; איך וועל אײַך זאָגן, וואָס דאָס איז. דאָס איז אַ צייכן פון מלחמות מיט אַנדערע הינט, מיט גאַנצע טיטשקעס...

— אַלע ריידן! — רופט זיך אָן זשוק, אַ שוואַרצער הונט אָן אַ ווײדל. — אָמער, לאָזט ראַבטשיקן ריידן, וועט ער אַליין דערציילן.

און ראַבטשיק ציט זיך אויס אַף דער ערד און הייבט אָן צו דער־

ציילן די גאַנצע געשיכטע זײַנע, לאָזט נישט דורך קיין ברעקל. אַלע ליגן און הערן זיך צו, נאָר ראָודעק, דער רויטער, וואָס האָט ליב ליצנות, שלאָגט אים איבער אַלע מינוט מיט אַ ווערטל.

— ראָודעק, דו וועסט נישט אַנטשטומט ווערן? — מאַכט זשוק דער שוואַרצער, וואָס אָן דעם ווײדל, און ציט אויס אַ לאַנגן גענעץ. — דערצייל, דערצייל, ראַבטשיק! מיר האָבן ליב, אַז מע דערציילט אונדז מעשיות נאָכן עסן...

און ראַבטשיק הערט נישט אויף צו דערציילן זײַן טרויעריקע געשיכטע מיט אַן אומעטיקער שטימע, נאָר קיינער הערט אים נישט. צאָוציק רעדט שטילערהייט מיט סירקאָן. ראָודעק זאָגט ווערטלעך, און זשוק כראַפּעט, ווי צען סאָלדאַטן, כאַפּט זיך אויף אַלע מאָל און גענעצט און זאָגט:

— דערצייל, דערצייל, ראַבטשיק! מיר האָבן ליב, אַז מע דערציילט אונדז מעשיות נאָכן עסן...

ט.

גאַנץ פרי איז שוין ראַבטשיק געווען אױף די פיס. ער איז געשטאַנען פונדערווײַטן, באַטראַכט די קצבים מיט די העקערס, ווי זיי האַקן פלייש. אָט הענגט אַ גאַנצער פריידיק (פאָדער־חלק) מיטן האַלדז אַראָפּ און דאָס בלוט רינט... דאָרט ליגט אַ זאַדעק (הינטער־חלק), אַ מנה יפה, פעט, מיט שמאַלץ באַוואַקסן... ראַבטשיק קוקט און שלינגט די שליים. די העקערס האַקן דאָס פלייש אױף שטיקלעך, טוען אַ וואָרף אַלע מאָל אַ שטיקל הויט, אַ שטיקל חלק, אָדער אַביינדל פאַר די הינט. און די הינט שפּרינגען צו און כאַפּן אונטער. ראַבטשיק באַטראַכט, ווי די הינט קליגן זיך, שפּרינגען אונטער אַקוראַט דאָרט וווּ מע באַדאַרף, לאָזן נישט דורך קיין ביינדל. און איטלעכער הונט, בשעת ער באַקומט זײַן חלק, טרעט ער אָפּ אױף אַ זײַט, צעלייגט זיך מיט גרויסקייט און פּראַוועט די סעודה, קוקט זיך אַרום אַלע ווײַלע אױף די איבעריקע הינט, ווי איינער רעדט:

— איר זעט אַ ביין? דאָס איז מײַנער אַ ביין, און איך עס אים...

די איבעריקע הינט מאַכן זיך ווי זיי זעען נישט, און אינווייניק באַ זיך טראַכטן זיי זיך:

— ווערגן זאָלסטו זיך! אויסקרענקען זאָלסטו דאָס! אַ גאַנצן

פרימאָרגן פרעסט ער און פרעסט, און מיר באַדאַרפן קוקן ווי ער עסט, עסן זאָלן אים ווערעם!...

און נאָך איין הונט טראָגט אַ שטיק פעל און זוכט אַן אָרט אויף צו איבערבײַסן, אַז קיינער זאָל אים נישט זען: ער האָט מורא פאַר אַ גוט אויג...

און נאָך אַ הונט שטייט אַקעגן אַ בייזן קצב, וואָס שמיצט זיך און שרײַט און שילט זיך מיט די איבעריקע קצבים. דער הונט דרייט מיטן ווידל און רופט זיך אָן צו די איבעריקע הינט מיט אַ חניפהלע:

— איר זעט אָט דעם קצב? איאַ, זיי ווײַזן אויס, דאַכט זיך, גאָר אַ בייזער? לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ טײַערער מענטש זיי זײַנען! איין דימענט אין דער וועלט! אַ גילדענער כאַראַקטער! זיי האָבן באמת רחמנות אויף אַ הונט; זיי זײַנען אַ „הינטן־פרײַנט"... אָט באַלד וועט איר זען, ווי עס פליט אַ ביין מיט אַ שטיק פלייש — האַפּ!

און ער טוט אַ שפרונג אין דער לופטן און אַ קלאַפּ מיט די ציין, כדי יענע זאָלן מיינען, אַז ער האָט דאָ געכאַפּט אַ גראָבס...

— ביידע זאַכן: רופט זיך אָן אַ הונט מן־הצד — אי אַ חנופהניק אַ שקרן, אי אַ באַרימער, דער רוח זאָל אים נעמען!...

און נאָך אַ הונט שטייט באַם קלעצל, וואָס מע האַקט דערויף פלייש, און בשעת דער העקער קערט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, שפרינגט דער הונט אַרויף אַפן קלעצל און לעקט מיט דער צונג. ווערט אַ האַווקערײַ צווישן עטלעכע הינט: זיי מסרן אים פאַרן העקער און כאַפּן די ערד, אַז דער הונט דער גנב האָט גענאַשט אַ שטיק פלייש, אַזאַ שטיק גאָלד זאָלן זיי האָבן! זיי זאָלן אַזוי זען פאַר זיך אַלדאָס גוטס, ווי זיי האָבן אַליין געזען מיט זייערע אויגן! אויב נישט, זאָלן זיי אײַננעמען אַ מיתה משונה אַפן אָרט, זיי זאָלן זיך דערווערגן מיטן ערשטן ביינדל, זיי זאָלן נישט פאַרמאָגן די הערנער מיט די קאָפּיטעס פון די געקוילעטע שאָף!...

— פע, חלשות! סע שלאָגט צו דער גאַל! — רופט זיך אָן אַן אַלטער הונט פון דער זײַט, וואָס וואָלט אַליין אַ בעלן געווען עפּעס אַ לעק טאָן. און ראַבטשיק באַטראַכט זיך: וואָס וועט זײַן דער תכלית, וואָס ער וועט דאָ שטיין און קוקן? אַלע הינט שפרינגען און כאַפּן. וועט ער אויך טאָן דאָס, וואָס אַלע הינט טוען... און איידער ער קוקט זיך אַרום, האַלט מען אים שוין באַם גאָרגל און מע רײַסט אים, עטלעכע הינט מיטאַמאָל, און מע בײַסט אים סאַמע אין יענעם אָרט, ווו עס טוט וויי...

ראַבטשיק לאָזט אַראָפּ דעם וויידל, פאַרקלײַבט זיך אין אַ ווינקל, ציט אויס די מאָרדע און הייבט אָן וואָיען.

— וואָס וויינסטו? — מאַכט צו אים זשוק און באַלעקט זיך נאָכן אָנבײַסן.

— וויאַזוי זאָל איך ניט וויינען? — זאָגט ראַבטשיק. — איך בין דער אומגליקלעכסטער פון אַלע הינט אויף דער וועלט! איך האָב גע־מיינט אַז דאָ, צווישן אייגענע, וועל איך כאַטש עפּעס כאַפּן. גלייב מיר, איך וואָלט נישט געקראָכן; נאָר איך בין טויט־הונגעריק, עס גייט אויס דאָס חיות!

—איך גלייב דיר. — מאַכט צו אים זשוק מיט אַ זיפץ. — איך פאַרשטיי וואָס הייסט הונגער. — איך גיי אַרײַן אין דײַן טרויעריקער לאַגע. נאָר איך קאָן דיר גאָר נישט העלפן. דאָ איז שוין אַזוי אײַנ־געפירט. אַז יעדער קצב האָט זיך זײַן הונט, און יעדער הונט האָט זיך זײַן קצב...

— איז טאָקע רעכט אַזוי? — זאָגט ראַבטשיק. — וווּ איז יושר? וווּ איז הינטלעכקייט? סטײַטש, אַ הונט זאָל צווישן הינט פאַרפאַלן ווערן? ! אַ הונגעריקער צווישן זאַטע זאָל אויסגיין פון הונגער? !

— איך קאָן דיר העלפן נאָר מיט אַ זיפץ. — זאָגט זשוק, געגעצט גאַנץ געשמאַק און כאַפּט אַ דרעמל נאָכן אָנבײַסן.

— אַז ס'איז יאָ אַזוי, — מאַכט ראַבטשיק און נעמט זיך אָן מיט האַרץ — וועל איך גיין גלײַך צו די קצבים; אפשר וועל איך מיר אויסהאַווקען אַ קצב...

— געזונטערהייט! — זאָגט זשוק. — אַבי דו זאָלסט ניט גיין צו מײַן קצב, וואָרעם אַז דו וועסט גיין צו מײַן קצב, וועל איך דיר מאַכן אָן אַ וויידל, אַזוי ווי איך, דו זעסט, צי ניין?

ו.

און ראַבטשיק איז אַוועק גלײַך צו די קצבים, דורכגעלאָזט, אויס־געפעלט אַלע הינט און האָט זיך אָנגעהויבן צו־שמייכלען צו די הע־קערס, שפּרינגען אין פּנים אַרײַן און דרייען מיטן וויידל. נאָר צום שלים־מזל שלעפּט זיך. איינער אַ העקער, אַ געזונטער יונג מיט ברייטע פּלייצעס, האָט אויף קאַטאָוועס, אַפּנים אים אַ וואָרף געטאָן אַ האַק

— אַ גליק, וואָס ראַבטשיק קאָן שפּרינגען, אַניט, וואָלט ער צעהאַקט געוואָרן אַף צווייען.

— דו טאַנצט דאָך גאָר נישקשהדיק! — מאַכט צו אים ראוּדעס מיט אַ ליצנות. —אַ סך שענער פון אונדזער צאוּציקן. צאוּציק! קום אַהער, וועסטו זען, ווי מע טאַנצט!...

צאוּציק קומט צו לויפן און שפּרינגט ראַבטשיקן גלײַך אין פּנים אַרײַן. ראַבטשיק קאָן דאָס שוין מער ניט איבערטראָגן. ער כאַפּט אָן צאוּציקן מיט די ציין, לייגט אים אַנידער בײַסט אים אין בײַכל אַרײַן. ער לאָזט אויס צו אים זײַן גאַנץ ביטער האַרץ, און כאַפּט די פיס אַף די פּלייצעס און מאַכט אַ ויברח. ער פאַרקלײַבט זיך איינער אַליין אין פעלד, ציט זיך אויס אין מיטן טראַקט, באַהאַלט פאַר דאָסאַדע און פאַר בזיון די מאָרדע צווישן די לאַפּעס און וויל נישט אָנקוקן די ליכטיקע שײַן. ער אַרט אים אַפילו ניט, וואָס די פליגן האָבן אים באַפאַלן און בײַסן אים; לאָזן זיי בײַסן, לאָזן זיי רײַסן, סײַ־ווי־סײַ אין דער ערד מיט'ן קאָפּ!...

— עק וועלט! — טראַכט זיך ראַבטשיק. — אַ הונט זאָל נישט קאָנען צווישן הינט, צווישן אײגענע, איבערלעבן אַ טאָג אַפילו, — מעג זיך שוין איבערקערן די גאַנצע וועלט!...

געשריבן אין יאָר 1901

מתושלח

(א יידיש פערדל).

א.

מתושלח — אזוי האָט מען אים א נאָמען געגעבן אין כתרילעווקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, נישט געהאַט שוין קיין איין צאָן אין מויל, א חוץ צוויי־דריי פּענקעס, וואָס מיט זיי פלעגט ער קוים מיט צרות קייען — אַבי ס'איז נאָר געווען וואָס. א הויכער, א מאָגערער, מיט אַן אָפּגעבאַרעטער פעל, מיט א צערגעטן רוקן, קאַלע אויגן, אַף איינעם א בעלמע, דאָס אַנדערע רויטלעך. אויסגעקנעכלטע פיס, שפּיציקע קליבעס, איינגעפאַלענע זייטן, די אונטערשטע ליפּ אַביסל אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַרוויינט, דער וויידל אַן אויסגעפּליקטער — אָט האָט איר זיין פּאָרטרעט. און גערינט האָט ער אַף די עלטערע יאָרן אין כתרילעווקע באַ כתריאל דעם וואַסער־פירער באַם פעסל פאַר א פערדל.

בטבע איז מתושלח געווען א רויקער, א האָרעפּאַשנער, נאָר אַן אויסגעהאָרעוועטער נעבעך. אָנגעטיאָפּקעט זיך דעם גאַנצן טאָג אין דער כתרילעווקער ליימיקער בלאָטע און פאַרזאָרגט די שטאָט אַף א גאַנץ מעת־לעת מיט וואַסער, איז ער געווען צופרידן, אַז מע האָט אים אויפגעשפּאַנט פונעם פעסל, אונטערגעוואָרפן אַביסל שטרוי און פאַרביסן מיט א פּאָמעניצע, וואָס כתרילעכע האָט אים אונטערגעטראָגן מיט אַזא פּנים, ווי מע טראָגט אַשטייגער אונטער זייער אַן אָנגעלייגטן גאַסט א פּאַלומיסעק מיט פיש, אָדער א שיסל מיט וואַרעניקעס. אַף דער דאָזיקער פּאָמעניצע פלעגט מתושלח אַרויסקוקן ווי אַף עפּעס רעכטס, מחמת

דאָרטן האָט זיך געפונען אַלע מאָל אַן אויסגעוווייקט שטיקל ברויט, קאַ־
שע אַביסל, וכדומה אַזעלכע ווייכע זאַכן, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זיי
ציין. דעם גאַנצן טאָג האָט כתרילעכע געזאַמלט פון מתושלחס וועגן, גע־
וואָרפן אין פּאַמעניצע אַרײַן וואָס סאיז איר געקומען אין די הענט
אַרײַן, — לאָז דאָס פערדל נעבעך האָבן וואָס צו עסן, — און מתושלח,
אַז ער האָט איבערגעביסן, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום
פעסל מיטן הינטן, מחילה, צו כתרילעכען, ווי איינער רעדט: „אַ דאַנק
אײַך פאַר אײַער זאַלץ און ברויט”... בשעת מעשה אַראָפּגעלאָזט די
אונטערשטע ליפּ נאָך נידעריקער, דאָס זעענדיקע אויגל צוגעמאַכט און
אַרײַנגעלאָזט זיך אין טיפע פערדישע געדאַנקען.

ב.

מיינט נישט פונדעסטוועגן, אַז אַלע מאָל, זינט מתושלח איז אַ
פערד, איז ער געווען אַזוי, ווי ער ווערט דאָ אויסגעמאָלט. אַמאָל, אין די
יונגע יאָרן, בשעת ער איז נאָך געווען אַ לאָשעקל און נאָכגעלאָפן דע־
מאַמען נאָכן וואָגן, האָט ער זיך געשניטן גאָר אַף אַ גוט פערדל, מבינים
האָבן אַף אים געזאָגט נביאות, אַז עס וועט פון אים אויסוואַקסן אַ פער־
דל גאָר אַף חדושים. „אָט וועט איר זען, — האָבן זיי געזאָגט — ער וועט
נאָך גיין אַמאָל געשפּאַנט אין אַ קאַרעטע מיט די שענסטע מיט די בעס־
טע פערד!”...

אַז דאָס לאָשעקל איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ פערדל, האָט מען
דעם מחילה אָנגעטאָן אַ ציימל און אַרויסגעפירט אַפן יריד, אַוועקגע־
שטעלט צווישן אַ גוזמא פערד, דורכגעטריבן אים אַ מאָל פופציק הין
און צוריק, געקוקט אים אַלע מינוט אין די ציין אַרײַן, אויפגעהויבן די
פיס און באַטראַכט די קאָפּיטעס — און איבערגעגעבן אים פון איינעם
צום אַנדערן.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן פאַר אים אַ לאַנגער גלות. אַ נע־
ונד זײַן פון איין אָרט אַפן אַנדערן, אַ בײַטעניש פון איין בעל־הבית
צום אַנדערן, אַ שלעפּן פון גרויסע שווערע וואָגנס מיט דרײַסיק פוד
משא, אַ טיאָפּקען ביזן בויך אין דער בלאָטע, און אַ סדרה פון בײַטשן,
שטעקנס מיט קלעפּ אין זײַט אַרײַן, אין קאָפּ און אין די פיס און אין
אַנדערע ערטער.

ג.

אַ שטיק צײַט איז ער געגאַנגען אין דישעל באַ אַ פּאַטשטאָווע וואָגן אונטערן גלאָק,וואָס האָט אים ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערן אַרײַן: גלין־גלין־גלאָן! גלין־גלין־גלאָן! און געלאָפן מעשוגענער־ווײַז הין און צוריק אַלץ אַף איין טראַקט. נאָכדעם איז ער אַריבער צו אַ פּראָסטן בעל־הגוף, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים כל עבודת־פּרך: געאַקערט און געזייט, געפירט אַ מוראַדיקן וואָגן מיט תבואה, אַ פּאַס וואַסער, אַ וואָגן מיט מיסט, פערדישקייט און קוענקייט וכדומה אַזעלכע גראָבע אַרבעט, צו וועלכע ער איז כלל נישט געווינט געוואָרן. פון דאָרטן איז ער אַרײַנגעפאַלן צו אַ ציגײַנער אין די הענט אַרײַן; האָט מיט אים דער ציגײַנער געמאַכט אַזעלכע זאַכן, מיאוסע סגולות צום לויפן. וואָס ער וועט זיי ניט פאַרגעסן ווײַל ער וועט לעבן!... פונעם ציגײַנער איז ער אַריבער אין אַ טאַבון אַרײַן מיט נאָך אַסך פערד, און פון דאָרטן איז ער אין אַ קורצער צײַט מגולגל געוואָרן קיין מאַזעפּעווקע צו אַ בעל־עגלה מיט אַ שווערן וואָגן, געקאָוועט אין אײַזן, מיט אַ סך גלעקלעך און מיט אַ משונה־מאָדנע צעשמידערטע סוכה, וואָס מע רופט דאָס „בויד". דאָ, באַם בעל־עגלה מיט דער בויד, האָט ער געכאַפּט בײַטשן מיט שטעקנס אָן אַ שיעור, גלײַך ווי אַ פערדישע פעל איז פון לעדער — ניט פון בלוט און פלייש, גלײַך ווי פערדישע זײַטן זײַנען פון אײַזן — ניט פון ביינער. ווײ־ווײ, וויפל מאָל פלעגט זיך מאַכן, אַז קוים־קוים וואָס ער פלאָנטעט מיט די פיס, פילט ווי אָפּצווענגעם ציִען אים פאַר די ליטקעס, און אין בויך אַ שווערע משא, עפּעס ווי אַ קנויל — און ער, דער אכזרישער בעל־עגלה, — „נאָ" און „וויאָ", און אַ שמיץ מיט דער בײַטש, און אַ זעץ מיט דער פוזשעלי, — טאָמער ווייסט איר וואָס?

אַ שטיקל גליק כאָטש, וואָס באַ דעם בעל־עגלה איז אײַנגעפירט איין טאָג אין דער וואָך אַזעלכער, וואָס מע שטייט אַף איין אָרט, מ׳יע שטייט און מע קײַט און טאָן טוט מען גאָרניט. מתושלח פלעגט ניט איינמאָל פאַרקלערן זיך; זײַן פערדישער מוח האָט נישט געקאָנט משיג זײַן: וואָס איז דער שכל פונעם דאָזיקן טאָג, וואָס מע רירט זיך ניט פונעם אָרט? און פאַרוואָס זאָל ניט זײַן אַזוי כסדר? — פלעגט ער זיך

טראַכטן, אויפֿשטעלן די אויערן, צומאַכן איין אויג און קוקן אַף זײַנע צוויי חברים, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט אים צוגעבונדן צו איין בויד.

ד.

פֿונעם בעל־עגלה מיטן בײַדל איז ער אַרײַנגעקומען אין אַ דרעשמאַשין, געאַרבעט עבֿודת־פּרך, זיך געדרייט גאַנצע טעג אַרום אַ ראָד, זיך אָנגעגעסן גוט מיט פּאָראָך און מיט פּאָלאָווע, וואָס איז אים געקראָכן אין נאָז אַרײַן, אין מויל און אין די אויגן אַרײַן, און פֿאַרדולט געוואָרן פֿונעם טראַך־טאַרעראַך. „וואָס וועט זײַן פֿונעם דרייען זיך? — פֿלעגט ער זיך ניט איין מאָל טראַכטן און וועלן אָפּשטעלן זיך אַף אַ מינוט. — ווער האָט דאָס אויסגעקלערט דעם שכל פֿון דרייען זיך אַף איין אָרט?”... מע האָט אים אָבער לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן; פֿון הינטן איז געשטאַנען איינער מיט אַ בײַטש און נישט אויפֿגעהערט צו הוקען אַף אים: הו־הי! הו—הי!... „פּרא־אדם איינער! — טראַכט ער זיך און כאַפּט אַ קוק מן הצד אַף יענעם וואָס מיט דער בײַטש. — איך וואָלט אַ בעלן געווען זען, מע זאָל דיך אײַנשפּאַנען אָט־אָ־דאָ אין דער ראָד און אונטערשמײַסן דיך דו זאָלסט דיך דרייען אָן אַ שום טאָלק!”...

סע פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַזאַ מין דרייען זיך אין שטענדיקן פּאָראָך איז ער אַרויס נעבעך אַ קאַליקע, אַף איין אויג אַ בעלמע, דאָס אַנדערע אַביסל רויטלעך, און אַף די פֿיס איז ער אויך געוואָרן אַביסל געכאַפּט. מיט אַזאַ שאַרפֿן חסרון האָט ער שוין געטויגט אַף זיבן און נײַנציק כּפּרות; האָט מען אים אַרויסגעפֿירט ווידעראַמאָל אַפֿן יריד, טאָמער וועט מען אים קאָנען עמעצן פֿאַרטאָן. מע האָט אים גאַנץ פֿײַן אויסגעקעמט, אויסגעפּוצט, דעם ווײדל כּלומרשט אונטערגעבונדן און די קאָפּיטעס צוגעפֿאַרבט מיט פֿעטן; — עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן, אַ וועלט נאַרט מען נישט. וויפֿל מע האָט אים נישט געמוטשעט, ער זאָל זיך בחורן, האַלטן דעם קאָפּ מיט גדלות, — ער האָט געטאָן זײַנס: אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט גרויס עניוות, די פֿיסלעך אויסגעקנעכלט, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעלאָזט אַביסעלע אַף אַ זײַט, און פֿון איין אויג געלאָזט אַ טרער... ניין. עס האָבן זיך שוין נישט געפֿונען אַף אים קיין בעלנים! אַ פּאָר מענטשן זײַנען צוגעגאַנגען צו אים, שוין אַפֿילו אין מויל אַרײַן נישט געקוקט, נאָר אַזוי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט

אַף אים איבער דער מאָרדע, אויסגעשפּיגן און אַוועקגעגאַנגען. איינער האָט זיך יאָ אָפּגעריסן אַ בעלן, נאָר נישט אַף אים — אַף זײַן פּעל. מ׳ע האָט אָבער נישט געקאָנט דורכקומען פאַרן מקח; יענער, דער פּעל־הענדלער, האָט באַוויזן אַ חשבון, אַז עס לוינט נישט: דאָס אָפּפּיו׳ן אים, דאָס אומוואַלגערן מיטן אָפּשינדן וועט קאָסטן מער וויפל די פּעל איז ווערט.

ס׳איז אים אָבער באַשערט געווען, אפּנים, אַ גוטע עלטער, איז אונטערגעשפּרונגען כתריאל דער וואַסערפירער און האָט אים געבראַכט צו פירן קיין כתרילעווקע.

ח.

ביז אַהער איז כתריאל דער וואַסערפירער, אַ ייִד אַ ברייטביינִיקער, מיט אַ צעפלעצטער נאָז און מיט אַ באַוואַקסן פּנים פון אויבן ביז אַראָפּ, געווען אַליין דער וואַסערפירער און אַליין דאָס פערדל, דאָס הייסט, ער האָט זיך אַליין אײַנגעשפּאַנט מחילה אין פּעסל און צעפירט איבער דער שטאָט דאָס וואַסער. וויפל כתריאל איז פאַרשוואַרצט געוואָרן דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, האָט ער קיינעם נישט מקנא געווען אַף דער וועלט; נאָר אַז ער האָט געזען עמעצן פאָרן מיט אַ פערד, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און לאַנג־לאַנג נאָכקוקן יענעם די טריט. זײַן איינציקער ווונטש אַף דער וועלט איז געווען: גאָט זאָל אים העלפן, ער זאָל קאָנען זיך צושלאָגן צו אַ פערדל. נאָר וויפל ער האָט נישט געקליבן, האָט ער נישט געקאָנט דערשלאָגן זיך צו אַזאַ קאַפּיטאַל, וואָס ער זאָל דערויף קאָנען קויפן אַ פערדל. פונדעסטוועגן האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין יריד, ער זאָל ניט דורכגיין צווישן די פערדלעך, גלאָט אַזוי אַ קוק טאָן, ווי זאָגט מען: אַ טאַפּ אין וואָגן. דערזען אַן אומגליקלעך, פאַרוואָגלט, דערשלאָגן פערדל שטיין אין מיטן יריד אָן אַ צײַמל, נישט צוגעבונדן אין ערגעץ, האָט זיך כתריאל אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס פערדל באַדאַרף זײַן אָנגעמאָסטן פאַר זײַן געלט.

כך הוה. ער האָט זיך לאַנג נישט באַדאַרפט דינגען; כתריאל האָט גענומען דאָס פערדל און איז מיט אַ פריילעך האַרץ געלאָפן אַהיים. געקומען אַהיים, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דרויסן. איז אַרויסגעגאַנגען כתרילעכע אַ דערשראָקענע.

— וואָס איז דאָס? גאָט איז מיט דיר!

— געקויפט, ווי איך בין אַ ייִד, געקויפט!

כתריאל און כתרילעכע האָבן נישט געוווּסט, ווו מע זאָל אַהינטאָן דאָס פערדל. זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאַר די שכנים, וואָלטן זיי דאָס אַרײַנגעפירט אין שטוב אַרײַן. גיך איז באַשאַפן געוואָרן אַביסל שטרוי אין היי, און כתריאל מיט כתרילעכען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, זיך געשפּיגלט אינעם פערדל, זיך גאָר נישט געקאָנט אָנקוקן.

אויך די שכיינים זײַנען זיך צונויפגעקומען אָנקוקן די כשרע מציאה, וואָס כתריאל האָט געבראַכט צופירן פונעם יריד; מע האָט געלאַכט פון נעם פערדל, געמאַכט חוזק; עס זײַנען געפלויגן ווערטלעך אַלערליי, ווי געוויינלעך. דער האָט געזאָגט אַ חכמה, אַז דאָס פערדל איז גאָרנישט קיין פערדל, נאָר אַ „מויל־אייזל״! און דער אַנדערער האָט געזאָגט: וואָסער מויל־אייזל? ס'איז גאָר אַ קאַץ! דער דריטער האָט געזאָגט: ס'איז אַ רוחניות, מע באַדאַרף דאָס היטן פון אַ ווינט, וואָרעם אַ רעכטער ווינט קאָן דאָס חלילה אַוועקטראָגן.

— וויפל קאָן דאָס אַלט זײַן? — האָט איינער אַ פרעג געטאָן.

— מער וויפל כתריאל מיט כתרילעכען אינאיינעם.

— מתושלחס יאָרן.

— מתושלח!

און פון דעמאָלט אָן איז אים פאַרבליבן דער נאָמען „מתושלח״ עד היום הזה.

ג.

דערפאַר איז אים אָבער געווען בײַ כתריאל דעם וואַסערפירער אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל נישט, אַפילו גאָר אין די גוטע יאָרן. ערשטנס, איז די אַרבעט עפּעס נאָר אַ געלעכטער און געגנוג. שלעפּן אַ פּעסל וואַסער און בײַ יעדער שטוב אָפּשטעלן זיך — אויך מיר אַן אַרבעט! און דער בעל־הבית איז עפּעס גאָר אַ דימענט. אַ מענטש זאָל זיך ניט צורירן, קיין הויכן געשריי נישט טאָן, האַלטן אַ בײַטש פון יוצא וועגן! הײַנט דאָס עסן. אמת, קיין האָבער קוקט ער נישט אָן: נאָר צו וואָס טויג אים דער האָבער, אַז ער האָט במילא נישט מיט וואָס צו קײַען? נישט גלײַכער שוין די פּאָמעניצע מיט די ווייכע שטיקלעך ברויט, וואָס כתרילעכע

טראָגט אים אַלע טאָג אָקעגן? און נישט אַזוי די פּאַמעניצע, ווי דאָס דערלאַנגען די פּאַמעניצע. מע באַדאַרף זען, ווי כתרילעכע שטייט בשעת מעשה צענויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און קלייבט נחת פון מתושלחן, ווי ער עסט דאָס, קיין עין־הרע ניט. קומט באַנאַכט, בעט מען אים אויס אין הויף אַביסל שטרוי און מע גייט אַרויס אַלעמאָל אָדער כתריאל אָדער כתרילעכע געוואָר ווערן, צי מע האָט אים חלילה ניט אָוועקגע־לקחנט. גאַנץ פרי, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך, איז שוין כתריאל בײַם פערדל. ער שפּאַנט דאָס אײַן פּאַוואָלינקע אין פעסל, זעצט זיך אויף און פאָרט צום טײַך נאָך וואַסער און זינגט בשעת מעשה מיט אַ משונה־מאָד־נעם ניגון:

אשרי האיש אשר לא הלך...

„אַז וואַיל איז דעם מענטשן, הייסט דאָס, וואָס גייט נישט צו־פוס"... און אַז ער גיסט אָן דאָס פעסל מיט וואַסער, גייט ער שוין צוריק־וועגס צו־פוס אָן אַ ניגון, טיאַפּקעט גלײַך מיט מתושלחן אין דער בלאָ־טע, דרייט מיט דער בײַטש: — „נו זשע, מתושלח, ריר זיך, ריר זיך!"

מתושלח שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע, שאָקלט מיטן קאָפּ און כאַפּט אַ קוק מיטן אײנציקן אויגל אויפן בעל־הבית און טראַכט זיך בשעת מעשה: „זינט איך בין אַ פערד, האָט זיך מיר נאָך ניט געטראָפן דינען בײַ אַזאַ משונה־מאָדנע בריאה!" און דאָס פערדל איז זיך מיישב, טוט זיך אַ רוק אויף די הינטערשטע פיס און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ציקאַוועכט אין מיטן דער בלאָטע, ווי אײנער רעדט: „אַנו, לאָמיר אינמיטן זען, וואָס וועט זײַן דערפון?"... דערזען, אַז דאָס פערדל האָט זיך פּלוצים אַנידערגעשטעלט, הייבט אָן כתריאל אַרומדרייען זיך אַרום פעסל, באַ־טראַכטן די רעדער, די אַקסן, די שטריקלעך; און מתושלח, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו כתריאלן און אַ מאַך מיט די ליפּן, ווי אַ שמייכל געטאָן, טראַכט ער זיך: „אַ טפּש אָט דער וואַסערפירער! אַ חושים, אַ פּראָסטע בהמה!"...

ז.

ס'זאָל כסדר זײַן גוט אויף דער וועלט — דאָס איז ניט פאַראַן. ווי־פיל מתושלח האָט זיך געפילט גליקלעך אויף דער עלטער בײַ כתריאלן און כתרילעכען, אַזויפיל איז ער אויסגעריסן געוואָרן, אויסגעשטאַנען

צרות, יסורים און בזיונות פון זייערע קינדער, פון זייערע שכנימס קינ־דער און פון גלאַט קינדער.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מע האָט אים געבראַכט צופירן, און קליינוואַרג האָט אים דערזען, האָבן זיי באַקומען צו אים עפעס אַ מין... נישט קיין שנאה חס ושלום — אדרבה, פאַרקערט, זיי האָבן אים דווקא ליב געהאַט; נאָר די דאָזיקע ליבשאַפט איז געווען פאַר מתוש־לחן אַ שחיטה. הלוואי וואָלטן זיי אים בעסער ווינציקער ליב געהאַט און אַביסל מער אַף אים רחמנות געהאַט...

יי דאָס ערשטע האָבן אים כתריאלס קינדער, באַרוועסע תלמוד־תורה־יינגלעך, אויסגעפּרוווט, אַז קיינער האָט ניט געזען, צי פילט ער אַזוי, ווי אַ מענטש, צי ניין? האָבן זיי אים געפּרוווט פון דער גרינג מיט אַ שטעקל איבער דער פעל — ניין; אַ קיצל איבער די פיס — ניין; אַ שנאַל איבערן אויער — קוים־קוים. ערשט נאָכדעם, אַז זיי האָבן אים געפּרוווט מיט אַ שטרויעלע איבערן ווייסן אויגל מיט דער בעלמע, האָ־בן זיי ערשט דעמאָלט דערזען, אַז ער פילט ווי אַ מענטש. מחמת ער האָט געגעבן אַ פינטל מיט די אויגן און אַ מאַך מיטן קאָפּ, הין און צו־ריק, ווי איינער רעדט: ניין, דאָס ניט, דאָס געפעלט מיר ניט"... ווי־באַלד אַזוי, האָבו זיי שוין דערטאַפּט אַ ריטל פון אַ בעזעם און האָבן אים אַריינגערוקט טיף אין נאָז אַריין. האָט מתושלח געגעבן אַ שפּרונג און אַ טאַנץ און אַ פאַרשקע מיט דער נאָז. איז אַרויסגעלאָפן כתריאל מיט אַ גוואַלד:

— שקצים, עכברושים, וואָס פאַרעט איר זיך מיטן פערד? אין חדר אַריין, הולטייעס!

און חברה האָבן גענומען די פיס אַף די פּלייצעס און זיינען אַוועק אין חדר, דאָס הייסט, אין דער תלמוד־תורה אַריין.

ח.

דאָרט, אין דער תלמוד־תורה, איז געווען איינער אַ ראובעלע אַ ספּריטאָווע יינגל, אַ מזיק. זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַף אים האָט זיין אייגענע מאַמע אַליין געזאָגט, אַז „אַזעלכע קינדער זאָל מען גערדיכט זייען און שיטער אויפגיין", זיין עבודה איז געווען. איינעמען זיך איטלעכן באַ־זונדער אין די ביינער אַריין. ווי אַ בוידעם, ווי אַ קעלער — איז ער גע־

וועז אויסן. טרײַבן הינער, גענדז אָדער קאַטשקעס, שרעקן ציגן, מוטשען קעץ, שלאָגן הינט, פֿון חזירים שמועסט מען ניט — דאָס איז בײַ אים געווען דאָס חיות! די קלעפּ פֿון דער מאַמע, די שמיץ פֿונעם תּלמוד־תּורה־מלמד און די פּעטש פֿון ווילד־פֿרעמדע זײַנען געווען אַרויסגעוואָרפֿן, און די קללות, וואָס מע האָט אין אים אַרײַנגעלייגט — ווי אַן אַרבעס אין וואַנט אַרײַן. אַט דאַכט זיך, האָט מען אים געפּאַטשט, אָט דאַכט זיך, האָט ער געוויינט מיט טרערן, זיך נאָר אָפּגעקערעוועט אָן אַ זײַט — אַהאַ! ראובעלע האָט שוין אַרויסגעשטעלט אַ צונג. געמאַכט אַ ווײַנשעלע פֿון דער אונטערשטער ליפּ, אָדער פֿאַכיר פֿון די באַקן. און צוויי באַקן האָט ער געהאַט, ווי די פּאַמפּעשקעס. געווען תּמיד געזונט און שטענדיק פֿריילעך; דאָס וואָס די מאַמע איז אַ וויסטע אַלמנה און מוטשעט זיך, ווי אַפֿן טויט, און צאָלט פֿאַר אים אַ קערבל אַ זמן שכר־למוד — דאָס איז ניט זײַן עסק.

אַז ראובעלע איז געוואָר געוואָרן פֿון כּתריאלס קינדער אַז זייער טאַטע האָט געבראַכט צופֿירן פֿונעם יריד אַ פֿערדל און סע הייסט מתושלח, איז ער אויפֿגעשפּרונגען אויף אַ בענקל, אַ וויש געטאָן דאָס נעזל מיטביידע הענט הין און צוריק און אויסגערופֿן בקול רם:

— קינדער, מיר האָבן שוין אַ „שמיטשיק“!

צו באַמערקן, אַז ראובעלע האָט פֿון קינדווײַז אָן ליב געהאַט כּלי־זמר, אויסגעגאַנגען נאָך אַ פֿידל, טאַקע ממש עס האָט זיך אים געעקט דאָס חיות, אַז ער האָט דערהערט שפּילן. און דערצו האָט ער געהאַט אַ שיין קולכל, געקענט אַלע ניגונים אויף אויסווייניק. ער האָט אַנדערש ניט גערעכנט, אם ירצה השם, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועט ער זיך קויפֿן אַ פֿידל און וועט שפּילן טאָג ווי נאַכט אַפֿן פֿידל. דערווײַל האָט ער זיך געמאַכט פֿון אַ שטיק האָלץ אַ קליין פֿידעלע, מיט פֿאָדעם אַפֿן אָרט פֿון סטרונעס, דערבײַ געכאַפּט גוטע קלעפּ פֿון דער מאַמען.

— אַ כּלי־זמר וועט פֿון דיר אויסוואַקסן? ניט דערלעבן זאָל איך דאָס!

פֿאַרנאַכט, אַז חיים־חנא דער תּלמוד־תּורה־מלמד האָט צעלאָזט די תּלמידים, זײַנען זיי אַלע געגאַנגען מקבל־פּנים זײַן כּתריאל דעם וואַסערפֿירערס פֿערדל. דער ערשטער האָט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג ראובעלע, אַז דאָס פֿערדל איז אַן אויסגעצייכנט פֿערדל, עס וועט געבן סטרו־

נעם פונעם ווײדל װיפל מע װעט באַדאַרפֿן. אַ סימן, אַט װעלן מיר באַלד אַ פּרוּװ טאָן!

און ראובֿעלע האָט זיך פֿאַרגנבֿעט צו מתושלחן פֿון הינטן און האָט אָנגעהױבן שלעפּן באַ אים פֿונעם װײדל. כּל זמן ראובֿעלע האָט געשלעפּט די האָר אײנציקװײַז, איז מתושלח געשטאַנען רויק, װי אײנער רעדט: „אַ האָר פֿונעם װײדל? װאָס קען דאָס מיר שאַטן? טאָ, אױך די אײגענע מעשה, װעט זײַן װיניציקער מיט אַ האָר!”... נאָר אַז ראובֿעלע האָט זיך צוגעכאַפּט צום װײדל, אָנגעהױבן רײַסן מיט אַמאָל אַ גאַנצן זשמוט, האָט דאָס שױן מתושלחן גוט פֿאַרדראָסן, װי אײנער רעדט: „לאָז אָרײַן אַ חזיר אין שטוב, קריכט ער אױפֿן טיש”... און נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער דערלאַנגט ראובֿעלען מיט דעם הינטערשטן פֿוס גלײַך אין די צײן אַרײַן און האָט אים צעהאַקט די ליפּ אױף צװײען.

— אַ מצווה, אַ דונער איז מיר! זײער רעכט, אַ שלאַק איז מיר! קריך נישט, װײסט איז מיר!

אַזױ האָט געזאָגט די מאַמע זײַנע, יענטע די לעפּטשיכע, געלײגט אים קאַלט װאַסער צו דער צעהאַקטער ליפּ, געװײנט, געבראָכן די הענט, געלאָפֿן צו כײנע דער רופֿאטע, אײנגעלײגט די װעלט.

ט.

ראובֿעלע איז געװען, ברוך השם, אַזאַ קינד, װאָס אַלצדינג האָט זיך אױף אים פֿאַרהײלט גיך, „ װי אױף אַ הונט”. אײדער מע האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שױן די ליפּ באַ אים װידער צענױפֿגעװאַקסן געװאָרן. גלײַך װי גאָרנישט געװען, און ער האָט צוגעטראַכט גאָר אַ נײַע זאַך: מע באַדאַרף זיך אַמאָל דורכפֿאָרן רײַטנדיק אױף מתושלחן, אין דווקא אַלע תּלמוד־תּורה־ייִנגלעך מיטאַמאָל. נאָר װען און װאַזױ מאַכט מען דאָס אָפּ, אַז קײנער זאָל ניט װיסן? איז ראובֿעלע געפֿאַלן אױף אַ שכל, אַז דאָס איז גוט נאָר שבת באַטאָג, בשעת דער עולם עסט־אָפּ און לײגט זיך שלאָפֿן, דעמאָלט כאַפּט נעם און טראָג אַרױס גאַנץ כתרילעװקע מיט האַק און פּאַק. האָט זיך אָפּילו אײנער, אַ תּלמוד־תּורה־ייִנגל, געשטעלט אַקעגן: „װאַזױ פֿאַרט דאָס אַ ייִד אום שבת?” האָט

אים ראובעלע דערויף געענטפערט: — „בהמה! דאָס הייסט דען גע־פאָרן? דאָס ווערט אָנגערופן געשפּילט זיך"...

ס'איז געקומען שבת באַטאָג, דער עולם האָט אָפּגעגעסן, געלייגט זיך שלאָפן, און כתריאל מיט כתרילעכען בתוכם, האָבן זיך חברה פאַר־וואָליע אַרײַנגעגנבעט צום וואַסערפירער אין הויז אַרײַן, און ראובעלע האָט גענומען אויספּוצן מתושלחן ווי ווײַט מעגלעך. קודם כל האָט ער אים פאַרפלאָכטן די גריווע, געמאַכט עטלעכע צעפּלעך, באַפּוצט מיט שטרויעלעך; נאָכדעם האָט ער אים אָנגעטאָן אָפן קאָפּ אַ ווײַסן פּאַפּי־רענעם ספּאָדיק, צוגעבונדן אָפן האַלדז מיט בענדלעך; און אחרי בכלות הכל האָט ער אים אָנגעהאַנגען פון הינטן אַן אַלטן בעזעם, בכדי דער וויידל זאָל אויסקומען שענער און לענגער. און חברה האָבן אָנגעהויבן זעצן זיך, קריכן אַף מתושלחן איינס איבערן אַנדערן; ווער עס האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט פריִער, דער איז געזעסן אָפן פערד, און די איבעריקע וועלן זיך שוין זעצן נאָכדעם, נאָר דערווײַל זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן, געהאָלפן אונטערשרײַען מתושלחן, ער זאָל גיין אַביסל גיכער, און געזונגען:

„ככה יעשה לסוס אשר ראובעלע חפץ ביקרו!"

מתושלח האָט אָבער קיין חשק ניט געהאַט לויפן און איז זיך גע־גאַנגען טריט בײַ טריט, וואָרעם, ערשטנס, וואָס האָט ער קיין צײַט ניט? והשנית, איז דאָך עפּעס הײַנט אַ טאָג פון רוען! ראובעלע האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו טרײַבן דאָס פערדל, נאָקען, וויאָקען און טיוקען און שרײַען מיט אַלע כחות אַף דער איבעריקער חברה:

— אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן אַרײַן, וואָס שווײַגט איר?!

און מתושלח איז זיך אַלץ געגאַנגען טריט בײַ טריט, זיך גע־טראַכט בשעת מעשה: „קונדסים שפּילן זיך, טאָ, לאָזן זיי זיך שפּילן"...

נאָר אַז חברה האָבן אים שטאַרק אָנגעהויבן דראָקטשען, אונטער־טרײַבן און מאַכן מיט די הענט, האָט מתושלח אָנגעהויבן גיין גיכער, און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גיין גיכער, האָט אים הינטן דער בעזעם אָנגעהויבן שלאָגן אין די פיס אַרײַן; האָט ער אָנגעהויבן לויפן נאָך גי־כער, האָט אים דער בעזעם אָנגעהויבן צו שלאָגן נאָך שטאַרקער; האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען, האָבן חברה געקוועלט, און ראובעלע האָט זיך אונטערגעהעצקעט און געשריגן: האָפּ־האָפּ־האָפּ! אַזוי לאַנג געהאָפּ־קעט, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן פאַלן איינציקווײַז, ווי די האַלעשקעס.

און אַז מתושלח הט זיי אַלעמען אַראָפּגעוואָרפן און דערפילט, אַז ער איז פריי, האָט ער ערשט דעמאָלט, אָנגעהויבן לויפן מעשוגענערווייז. און איז געשמיידיק געלאָפן און געלאָפן ביז אַף יענער זייט מילן, העט־העט הינטער דער שטאָט אַרויס.

דערזען לויפן אַ משונה־מאָדנע פערדל מיט אַ פּאַפּירענעם ספּאָ־דיק, האָבן די שקצים די פּאַסטוכער געמאַכט אַ העץ אַף אים, אָנגע־הויבן אים נאָכלויפן, וואַרפן מיט שטעקנס, און האָבן אָנגערייצט אַף אים די הינט. יענע, די כלבים הייסט דאָס, האָבן זיך דווקא ניט גע־לאָזט לאַנג בעטן און האָבן גענומען יאָגן זיך נאָך אים, בייסן און רייסן; עטלעכע האָבן אים אָנגענומען הינטן, בא די ליטקעס; עטלעכע האָבן אים אָנגעכאַפּט פון פאָרנט, באַם גאָרגל, מתושלח האָט אַזש אָנ־געהויבן כראָפּען. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז זיי זיינען אים דער־גאַנגען דעם עק.

י.

אַף מאָרגן האָבן שוין חברה געהאָט זייער ערלעך אויסקומעניש. אַחוץ דעם, וואָס זיי האָבן זיך צעשלאָגן די נעז און צעביילט די שטע־רנס פונעם פאַלן, האָבן זיי געכאַפּט פּעטש אינדערהיים און שמיץ פון חיים חנא דעם מלמד. און מער פון אַלעמען האָט געלייזט, געוויינלעך, ראובעלע, מחמת אַלע איבעריקע יינגלעך, אַז מע האָט זיי געשמיסן, האָבן זיי כאָטש געוויינט, און ראובעלע האָט, פאַרקערט, גאָר געלאַכט. האָט מען דאָך אים נאָך מער געקאַטעוועט; נאָר וואָס מער מע האָט אים געשלאָגן, האָט ער מער געלאַכט, און וואָס מער ער האָט גע־לאַכט, האָט מען מער געשלאָגן, — אַזוי לאַנג, ביז חיים־חנא דער מלמד האָט זיך אַליין אויך צעלאַכט, און אַף אים קוקנ־דיק — אַלע תלמידים. ס'איז געוואָרן אַזאַ געלעכטער, אַז אַלע שכנים זיינען זיך צענויפגעקומען. און גלאַט מענטשן, יידן און ווייבער, יינגלעך און מיידלעך פון דער גאַס: „וואָס איז? וואָס איז דער געלעכ־טער? וואָס לאַכט מען וואָס?" האָט זיי קיינער נישט געקאָנט ענטפערן קיין וואָרט, מחמת מע האָט זייער שטאַרק געלאַכט. האָבן יענע, די פרישע מענטשן, זיך אויך אָנגענומען פונעם געלעכטער און האָבן אויך אָנגעהויבן צו לאַכן; האָבן יענע די ערשטע, אָנגעהויבן לאַכן נאָך

שטאַרקער, און יענע, די פרישע, אַף זיי קוקנדיק, נאָך שטאַרקער, — הכּלל, מע האָט זיך פּשוט געקאַטשעט אַף די בײַכער, געהאַלטן זיך בײַ די זײַטן לאַכנדיק.

נאָר צוויי מענטשן האָבן נישט געלאַכט. דאָס זײַנען געווען: כּתריאל דער וואַסערפירער און זײַן ווײַב כּתרילעכע. אַ קינד, חלילה, אַז עס גייט אַוועק פון שטוב, וויים איך ניט, אויב מע באַדאַרף אַזויפיל וויינען, וויפל כּתריאל מיט כּתרילעכען האָבן געוויינט אַף זייער גרויסן שאָדן, אַף זייער אָרעם פערדל נעבעך, אַף מתושלחן.

געשריבן אין יאָר 1902

כפּרות

א.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה נאָך, אַז דער עולם איז געגאַנגען צו תשליך, האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ מחנה עופות, הינער, אַלטע קוואָקעס און יונגע הינדעלעך מיט האָנעכלעך לויפן אין די הינטער־געסלעך, אויסגעצויגן די קעפּלעך, מאַכן פּאָלקעס, הייבן פּיסלעך, שפּרינ־גען־אונטער עפּעס מיט אַ מין אימפּעט, און אַלץ אַהין, ווײַט, הינטער דער שטאָט אַרויס. אַ חדוש איז דאָס געווען, נאָר קיינעם איז נישט אײַנגעפאַלן אָפּשטעלן זיך נאָכקוקן, ווו אַהין לויפן דאָס די דאָזיקע נאַרישע עופות.

ערשט שפּעטער, אין דער עשרת ימי תשובה אַרײַן, האָט מען אָנ־געהויבן זיך אַרומקוקן, אַז די שטײַגן זײַנען אָפּן, און ווו ס'איז געווען ערגעץ אַן עוף איז דאָס אַרויסגעפלויגן — און גיי זוך מיך! איז גע־וואָרן אַ גוואַלד: „סטײַטש, מיט וואָס וועט מען שלאָגן כפּרות?" איבער־הויפּט האָבן אײַנגעלייגט די וועלט די ווײַבער; פּאַק אַ ווײַסע כפּרה וועט אײַך אַ ווײַב זײַן אַ כפּרה. זי מעג זײַן אפילו אַ „מאַדאַם", מיט אַ הוט און מיט אַ פּאַרטעפּיאַן ... מעשוגענערווײַז זײַנען זיי געלאָפן אין מאַרק אַרײַן, גרייט געווען צאָלן אין טאָג אַרײַן, אַבי צו קריגן כפּרות; אויב נישט קיין ווײַסע הון, לאָז זײַן אַ ראָבע, אַ שוואַרצע. לאָז זײַן אַ רויטער האָן — אַבי אַ כפּרה! און ווי אויף־צו־להכעיס, איז נישט געווען אין מאַרק, איר זאָלט זאָגן, אַן עוף אויף אַ רפואה. דאָס הייסט, ס'איז גע־ווען עופות אין מאַרק, נאָר נישט אַזעלכע, וואָס מע זאָל מיט זיי קאָנען שלאָגן כפּרות. צום בײַשפּיל: קאַטשקעס זײַנען געווען מיט גראָבע

פופקעס, געגנדז מיט פעטע ביַכלעך, אינדיקעס אָנגעבלאָזענע מיוחסים, מיט אראָפּגעלאָזענע שנאָבלען, וויַסע, ריינע אומשולדיקע טײַבעלעך האָט מען געכאַפּט און ארויסגעטראָגן אַף צו פאַרקויפן. ס'איז אָבער אַלץ נישט דאָס, וואָס מע באַדאַרף. אַף כפּרות דאַרף מען עופות, און קיין עופות איז נישטאָ, כאָטש נעמט לייגט זיך און שטאַרבט!

ווו זײַנען אַהינגעקומען אַלע עופות?

לייענט, זײַט מוחל, וויַטער, וועט איר הערן אַ שיינס.

ב.

העט־וויַט הינטער דער שטאָט, אַזש אַף יענער זײַט מילן, האָט זיך געטאָן חושך; דאָס גאַנצע פעלד איז געווען פול מיט הינער, הענער, אַלטע קוואָקעס און קליינע הינדלעך. דאָס קרייען פון די הענער, דאָס קוואָקען פון די הינער און דאָס פּישטשען פון די קליינע הינדלעך איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. אַלע האָבן זיך גע־שטופּט און געקוועטשט אַהין אויבנאָן. און דאָרט, אויבנאָן, ליגט אַן אַלטער אויסגעהאַקטער בוים, און אַף דעם דאָזיקן אַלטן אויסגעהאַקטן בוים פליט אַרויף גאָר אַ יונגער האָן, טוט אַ פּאַטש מיט די פליגלען און הייבט אָן צו קרייען:

— קוקאַריקו, רבותי! הערט־צו וואָס איך וועל אײַך זאָגן! אײַך איז ידוע דער שענדלעכער מנהג פון בעלי־בתים: אַלע יאָר, אַז עס קומט אין דער צײַט, פאַלט־אָן אַף אונדזערע בעלי־בתים און אַף די בעלי־ביתטעס עפּעס אַ מהומה, דער שוואַרצער יאָר זאָל זיי וויסן! זיי כאַפּן אונדז פון די סידעלים, שלעפּן אונדז אַרויס אייניציקוויַז פון די שטײַגן, בינדן אונדז און דרייען אונדז איבערן קאָפּ, בעבען עפּעס בשעת מעשה פון אַ סדור, דער רוח ווייס זיי וואָס, און טוען אונדז אַ שלײַדער אונטערן טיש און נעמען און טראָגן אונדז אַוועק צום שוחט, און דאָרט מאַכט ער אונדז די שפּיל, — עס ווערט אָנגערופן בײַ זיי „כפּרות"... געפעלט אײַך אַביסל אַן עובדה? וואָס זאָגט איר אַף דעם בזיון? ברי־דער! ביז ווי לאַנג נאָך וועלן מיר שוויַגן? צײַט מיר זאָלן מאַכן אַן עק מיט דעם שענדלעכן מנהג פון כפּרות! לאָמיר זיך שטעלן איינמאָל פאַר־אַלעמאָל: וואָס איר ווילט טוט מיט אונדז — קיין כפּרות וועלן מיר בײַ אײַך נישט זײַן! אויס כפּרות!

— קאַ־קאַ־קאַ! — כאַפּן אונטער אַלע עופות מיטאַמאָל. — אוים כפּרות!

— קוקאַריקו! געדענקט־זשע, געטרײַע ברידער און ליבע שוועסטער. צי זײַט איר באַוואָרנט אין זיך, אַז איר וועט בײַשטיין קעגן דעם נסיון? צי וועט איר זיך נישט לאָזן פירן אין באָד אַרײַן, מע וועט זיכער קומען און פאַרלייגן אײַך פּראָסע, אָדער הירזש, און איך קען דאָך אײַך, זולל־וסובאניקעס, אַז פאַר אַביסל פּראָסע און פאַר אַ הירזשל וועט איר אוועק־געבן דרײַ שאָק אייער...

— קאַ־קאַ־קאַ! חס ושלום! מע זאָל אונדז געבן גאָלד! קאַ־קאַ־קאַ!

— קוקאַריקו! געדענקט־זשע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: איר זאָלט זיך האַלטן שטאָל און אײַזן! און טאָמער וועט מען אײַך וועלן כאַפּן, זאָלט איר זיך נישט לאָזן. די אויגן זאָלט איר זיי אויספּיקן! איר זאָלט זיך נישט לאָזן, איר הערט? אַן עק! אַ סוף! אוים כפּרות!

ג.

און אין שטאָט איז געווען חושך. אַ רעש, אַ טומל, אַ גערודער. די גאַנצע וועלט האָט זיך געוויגט. בעלי־בתּים האָבן אָפּגעשטעלט איינס דאָס אַנדערע, גערעדט, געקנייטשט מיט די פּלייצעס, געמאַכט מיט די הענט.

— וואָס זאָגט איר דערויף?

— יאָ אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע!

— אַזאַ מעשה טרעפט זיך איין מאָל אין טויזנט יאָר!

אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטעטל. און ס'איז געבליבן, אַז די ווײַבער זאָלן זיך מטריח זײַן הינטער דער שטאָט אַרויס, צו פאַרנאַרן די עופות צוריק אין שטײַג אַרײַן. דערויף זיינען זיי דאָך ווײַבער, בעלי־ביתטעס! און די ווײַבער האָבן געטאָן דעם רצון פון זייערע מאַנען: מיט־גענומען מיט זיך ווער אַביסל פּראָסע און ווער אַביסל הירזש, ווער אַ זיפּ און ווער אַ זאַק, און מע האָט זיך געלאָזט הינטער דער שטאָט אַרויס, צו פאַרנאַרן און כאַפּן די עופות און פאַרוואַרפן זיי צוריק אין שטײַג אַרײַן.

— ציפּ־ציפּ־ציפּ־ציפּ־ציפּ! — האָבן די ווײַבער פּאַוואָלינקע זיך צו־גערוקט צו די עופות, זיך צוגעזעצט צו דער ערד און אויסגעשאָטן זיי

דאָס ביסל פּראָסע מיטן ביסל הירזש. — טיו־טיו־טיו־טיו... סילאָ־סילאָ־סילאָ־סילאָ...

און נאָך אַזעלכע מינים שפּריכווערטער האָבן די ווייבער באַנוצט, כדי צו פאַרנאַרן די עופות.

דערזען פּראָסע און דערשמעקט הירזש, האָבן זיך די אויסגעהונגערטע עופות אַ לאָז געטאָן, און עס איז אין איין כהרף־עין דאָס ביסל פּראָסע מיטן ביסל הירזש אויסגעפּיקט געוואָרן, נישט געבליבן אַ קערנדל אפילו, נאָר כאַפּן האָבן זיי זיך נישט געלאָזט בשום אופן.

אַ פּאָר ווייבער איז אפילו יאָ געראָטן צודעקן עטלעכע קליינע הינדלעך מיט אַ זיפּ; האָבן זיך די עלטערע קוואָקעס מיט די הענער איינגעשטעלט פאַר זיי, אַרויפגעפאַלן אויף די ווייבער, געשפּרונגען זיי גלייך אין פּנים אַריין, שיר נישט אויסגעפּיקט די אויגן; די ווייבער זיינען קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

געקומען אַהיים און דערציילט פאַר די מאַנען די דאָזיקע מעשה, איז צווישן די מאַנצבילן געוואָרן זייער אַ גרויס געלעכטער. מע האָט זיך פּשוט געקאַטשעט, געהאַלטן זיך באַ די זייטן.

— כאַ־כאַ־כאַ, שוטיות! איר זייט דאָך ערגער פון די עופות, כ׳לעבן! איר האָט אַמאָל געהערט, אַז אַן עוף זאָל גובר זיין אַ מענטשן? טפשות, כאַ־כאַ־כאַ!

— ווייסט איר וואָס? — האָבן געזאָגט די ווייבער. — אַז איר זייט יאָ אַזעלכע בריות, טאָ גייט שוין בעסער איר אַליין, האַלט מלחמה מיט די עופות! באַווייזט שוין איר אַליין אייער בריהשאַפט!

און די מאַנצבילן האָבן גענומען די שטעקעלעך אין די הענט און זיינען אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָט זען, וואָס טוט זיך דאָרטן מיט די עופות.

ד.

מאַנצבילן זיינען פּאַרט מאַנצבילן, נישט קיין ווייבער. מאַנצבילן האָבן אין זיך גאָר אַן אַנדער כח, מאַנצפּאַרשוינען!...

דערזען פונדערווייטנס די מחנה עופות, זיינען זיי געפאַלן אויף אַן אויבער־הסברה און האָבן זיך פאַרגנבעט שטילערהייט הינטן־אַרום פון יענער זייט עופות אויפגעהויבן אַלע מיטאַמאָל די שטעקנס און אָנגעהויבן זיי טרייבן אַהיים מיט קלוגשאַפט:

— קיש־קיש! דאָ דאָמו! קיש־קיש! קיש־קיש־קיש־קיש־קיש! . . .

דער „קישקיש״ האָט זיי אָבער געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. די גאַנצע מחנה עופות, די העגער מיט די הינער, די אַלטע קוואָקעס מיט די קליינע הינדלעך, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַמאָל צו די מאַנצבילן. געשפּרונגען זיי גלײַך אין פּנים אַרײַן, געפּיקט אין די פּיאַטעס, געריסן די קאַפּאָטעס, געפּליקט די בערד, בשעת מעשה געקרייט און געקוואָקעט און געפּישטשעט. פעדערן זײַנען געפלויגן אין דער לופטן, ווי שניי, ס'איז געוואָרן פינצטער אויף דער גאַס — אַן אמתע מלחמה!

אַ סך עופות זײַנען טאַקע אין דער דאָזיקער מלחמה געפאַלן טויט, צעטראָטן פון זייערע אייגענע בדידער און שוועסטער און צעשלאָגן פון די שטעקנס. עס זײַנען אָבער אויך אַ סך מאַנצבילן געמזיקט געוואָרן. פאַרוואונדעט, פאַרבלוטיקט די הענט און די פּנימער. איינעם האָט מען אויסגעפּיקט אַן אויג, איינעם — אַ שטיק נאָז, איינעם האָט מען געלע־כערט אַ באַק, עס האָבן זיך אַרויסגעזען די באַקציינער, און בלוט, בלוט האָט געראָנען פון ביידע צדדים, מי יודע, וואָס עס וואָלט געווען דער־סוף, ווען די מאַנצבילן וואַרפן נישט אוועק די שטעקלעך, פאַרקאַטשען נישט די פּאָלעס און לאָזן זיך נישט לויפן הענדום־פּענדום צוריק אין שטאָט אַרײַן.

דערזען די צעשלאָגענע, צעבלוטיקטע בעלי־בתים מיט די צעפּליק־טע קאַפּאָטעס, זײַנען די ווײַבער געווען מלא גדולה:

— נו, פאַרוואָס לאַכט איר ניט אַצינד? בריות! מאַנצבילן! זכרים! מאַנצפאַרשוינען! . . .

ה.

„אז מע קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער״, — אַזוי האָבן געזאָגט די בריות די מאַנצבילן. געווען צופרידן, וואָס גאָט האָט זיי צו־געשיקט אַ גלײַכווערטל, און מע האָט זיך צענויפגעזאַמלט באַם רב אויף אַן אסיפה, לאַנג גערעדט, געפּלאַפּלט און געבעבעט, און ס'איז געבליבן, מע זאָל שיקן אַ דעפּוטאַציע צו די עופות און פרעגן זיי מיט גוטן: וואָס ווילן זיי? אויסגעקליבן האָט מען, געוויינלעך, די נגידים מיט די בעלי־בתים חשובים, מיט די רבנים, מיט די דיינים און חזנים און מיט די שוחטים, און מען איז אַרויס הינטער דער שטאָט שוין אָן כלי־זין, אָן

שטעקנס, און דער רב האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַף צופֿריִער און האָט אויסגערופֿן צו די עופות בזה הלשון:

— שמעו נא, רבותים, הערט אויס עופות! זאָגט, וואָס ווילט איר? זאָגט, מיר הערן אײַך מיט קאָפּ, און אויב אײַער פֿאַרלאַנג איז נאָר מיט אַ גאַנג, וועט מען אײַך געווים ממלא זײַן, אם ירצה השם.

איז געוואָרן אַ געשריי צווישן די עופות מיט אַ קרייערײַ און מיט אַ קוואָקערײַ און מיט אַ פּישטשערײַ, אַז מע האָט נישט געהערט אַ וואָרט. רופֿט זיך אָן צו זיי דער רב:

— ווייסט איר וואָס, עופות? פֿון אײַער שרײַען, וואָס איר שרײַט דאָ אַלע אינאיינעם, וועט קיין גוטס נישט אַרויס. אָמער פֿאָלגט מיך, אָט האָט אונדז דער עולם אויסגעקליבן פֿאַר שתדלנים, דעפּוטאַטן — קלײַבט אײַך אויך אויס פֿון זיך אַ דעפּוטאַציע, נאָר עפּעס פֿײַנע, לײַטישע עופות, ס'זאָל זײַן מיט וועמען צו ריידן אַ וואָרט. געפֿינען זיך ניט בײַ אײַך אַ פּאָר אינדיקעס, גענדז אָדער קאַטשקעס?

— האָל־דער! האָל־דער! האָל־דער! — האָט זיך אָנגערופֿן איין־און־איינציקער אינדיק, וואָס האָט זיך פֿאַרשלעפּט אַהער מיט די עופות, און האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אַ מחותן, אַראָפּגעלאָזט דעם שנאָבל, באַוויזן, אַז ער איז דאָ און איז גרייט צו זײַן אַ שתדלן פֿאַר קהל.

— גאַ־גאַ־גאַ! — האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול פֿון אַן אַלטן גאַנער, און אים האָט אויך געהאָלפֿן דאָס גאַנצע בינטל גענדז, זײַנע קעבסווײַבער.

— קוואַ! קוואַ!! קוואַ!!! — האָבן אונטערגעכאַפּט עטלעכע קאַטשקעס, מוראדיקע שרײַערנס, צו באַווײַזן, אַז זיי זײַנען אויך דאָ צווישן די עופות. איז אָבער אַרויסגעשפּרונגען אַ רויטער האָן אַן עזות־פּנים און האָט אויסגעשריגן:

—קוקאַריקו! עופות! אויב איר ווילט, מע זאָל אײַך פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ קאַרץ האָבער, זאָלט איר זיך איבערגעבן אין די הענט פֿון די דאָזיקע אָנגעבלאָזענע מחותנים די אינדיקעס, אָדער צו די מיוחסים די גענדז, וואָס זייערע עלטער־זיידעס האָבן אַמאָל אָפּגעראַטעוועט די שטאָט רוים, אָדער צו די פּרעסערנס, די ספּלעטניצעס, די קאַטשקעס. מיט זיי שלאָגט מען קיין כּפּרות נישט, טאָרן זיי נישט מישן זיך!! עופות זײַנען מיר, כּפּרות שלאָגט מען מיט אונדז, באַדאַרף מען אונדז קלײַבן פֿאַר דעפּוטאַטן!

—קאַ־קאַ־קאַ־קאַ! אמת, אמת, ווי מיר הינער זײַנען! — האָבן

אונטערגעהאַלטן אַלע עופות אין איין קול, און עס איז געוואָרן נאָך א גרעסער געשריי מיט א גרעסערן טומל; די עופות האָבן געגאַגאַטשעט אַלע אינאיינעם, געשפּרונגען איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, געפּיקט זיך אין די קעפּלעך, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס איז אַרויסגעטראָטן פון זיי א דעפּוטאַציע: א צוויי־דרײַ גאַלאַגאַנסקע הענער מיט היפּשע בערד, אין א פּאָר שיינע געוויינלעכע הינער און עטלעכע יונגע האָנעכלעך. גרויסע שרײַערס מיט גאָר יונגע קולכלעך. — און צווישןביידע דעפּוטאַציעס האָט זיך אָנגעהויבן א געשפּרעך, וואָס ווערט באַשריבן אין קאַפּיטל ז.

ז.

די בעלי־בתים: בכן, זאָגט וואָס ווילט איר, הינער? רעדט ווערטער!

די עופות: וואָס זאָלן מיר ווען? מיר ווילן נישט זײַן פּאַר אײַך די כּפּרה; מיר גיבן אײַך אַוועק אונדזער פלייש, אונדזערע פעדערן, אַלץ וואָס איר ווילט, נאָר קיין כּפּרות זאָלט איר מיט אונדז נישט שלאָגן!

די בעלי־בתים: סטײַטש, מיר זײַנען דאָך עפּעס ייִדן, מיר מוזן דאָך שלאָגן כּפּרות!

די עופות: אַזוי גאָר? ווו שטייט דאָס געשריבן?

די בעלי־בתים: ווו סע שטייט געשריבן? וואָס איז שײַך, המ... וואָס איז אײַער עסק, ווו סע שטייט געשריבן? ס'איז בײַ אונדז א מנהג ישן, אַן אַלטער מנהג פון קדמונים. מאָדנע עופות איר זײַט! אַז מע קוילעט אײַך אַזוי און מע בראָט אײַך און מע עסט אײַך, איז אײַך גרינגער? וואָס אַרט עס אײַך אַז ייִדן פּאַרדינען מיט אײַך א מצווה?

די עופות: פּאַראַן בײַ אײַך זעקס הונדערט דרײַצן מצוות.

די בעלי־בתים: און דאָס, וואָס מע זאָגט מיט אײַך דרײַ מאָל „בני־אדם", איז בײַ אײַך גאָרנישט?

די עופות: איר זאָלט אַזוי וויסן פון געבראָטנס, ווי מיר וויסן, וואָס בײַ אײַך אין „בני־אדם" טוט זיך!

די בעלי־בתים: און די ברכה, וואָס דער שוחט מאַכט אויף אײַך?

די עופות: לאָז ער בעסער מאַכן א ברכה אויף א דונער!

די בעלי־בתים: און דאָס, וואָס ייִדישע קינדער פּאַרפּאַסטן זיך און פאַסטן־אָפּ מיט אײַך אַזאַ הייליקן תענית, ווי יום כּפּור?

די עופות: וואָס־זשע איז עפּעס געפֿאַלן דער גורל אויף אונדז, אָרעמע עופות? ווינציק פֿוילע גענדז, פּעטע קאַטשקעס מיט גראָבע בײַכלעך, אינדיקעס מיוחסים דרייען זיך אַרום בײַ אײַך אויף דער וועלט, וואָס טאָן טוען זיי גאָרנישט, נאָר מע פּרעסט און נאָר מע זויפט און מע פּאַליאָסקעט זיך אין אַלע קאַליוזשעס?...

די בעלי־בתים: גענדז קוילען מיר חנוכּה און פּרעגלען פֿון זיי שמאַלץ אויף פּסח, קאַטשקעס בראָטן מיר אַזוי, אינדיקעס האָדע־ווען מיר אויף יום־טוב, און אײַך דאַרפֿן מיר אויף כּפּרות. זײַט זשע נישט קיין עזות־פּנימער, — עס ריידן נישט מיט אייך קיין ייִנגלעך, עס ריידן מיט אײַך עפּעס בעלי־בתים, רבנים, דיינים, שוחטים!

די עופות: שוחטים? קוילערס? קאַ־קאַ־קאַ! אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף אַלע שוחטים פֿון דער גאַנצער וועלט! אַנו, גיט אונדז נאָר אַהער אַ פּאָר שוחטים!...

די בעלי־בתים: איר זײַט קעגן דעם מנהג־העולם? איר ווילט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער וועלט! איר ווידערשפּעניקט? איר זײַט מורד במלכות?... איר וועט אונדז האָבן צו געדענקען!...

די עופות: אַזוי? אײַ־אײַ־אײַ! וואָס וועט איר אונדז טאָן? איר וועט אונדז אוודאי מסרן? לאָדן צום „ונתנה־תוקף"? גייט־זשע אײַך געזונטערהייט! קאַ־קאַ־קאַ! קאַ־קאַ־קאַ־קאַ!

און ס'איז געוואָרן אַ קוואָקערײַ צווישן די הינער, און די הענער האָבן אָנגעהויבן צו קרייען אויף קולי־קולות, אַז מע האָט דעם „קוקאַריקו" געקאָנט הערן פֿאַר צען מײַל אַרום און אַרום.

ז.

און בעלי־בתים האָבן אָפּגעטראָטן אַביסל אויף אַ זײַט, זיך געשושקעט, געסודעט, געעצהט: וואָס טוט מען? — און ס'איז געבליבן. מע זאָל נאָך אַמאָל אַ פּרווו טאָן ריידן מיט די ווײַסע־חברהניקעס, זיי צוזאָגן עפּעס אַ לעקעכל, טאָמער וועט מען פּאַרט בײַ זיי עפּעס פּועלן, כאָטש וואָס נישט איז; לאָז זײַן אַ כּפּרה אויף צווייען, אויף דרײַען, אַבי

אַ כּפּרה, און דער רבֿ האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויף־צו־פֿריִער און האָט ווידעראַמאָל אויסגערופֿן צו די עופֿות:

— שמעו־נא, רבותים, הערט אויס, עופֿות, וואָס מיר ווילן אײַך זאָגן. די מעשה דערפֿון איז אַזוי: מיר וואָלטן מיט אײַך, אייגנטלעך, גאָרנישט באַדאַרפֿט אַזויפֿיל אײַנטענהן. מיר זײַנען דאָס גאָרנישט געוווינט געוואָרן אַפֿילו. איר מעגט אונדז גלייבן אויף נאמנות, אַז מיר האָבן צו אײַך געגנוג מיטלען. ווײַזוי מיר זאָלן אײַך נעמען מיט גוואַלד. נאָר אַזוי ווי די צײַט איז שוין זייער קורץ, ס׳איז שוין באַלד ערבֿ יום־כּיפּור, און מיר קאָנען חלילה בלײַבן אָן כּפּרות, לכן גיבן מיר אײַך לגאָטעס...

— קוקאַריקו! לגאָטעס!... — האָט אויסגעצויגן איינער אַ ווײַ־סער־חברהניק, און צווישן די הינער איז געוואָרן אַ קוואָקערײַ: „קאָ־קאָ־קאָ! לגאָטעס, לגאָטעס!”... און דער רבֿ האָט זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין, אינעם נאָמען פֿון די בעלי־בתּים, וואָס פֿאַר לגאָטעס מע גיט זיי, די עופֿות הייסט עס:

לגאָטע נומער איינס: אַ טאָג פֿאַר כּפּרות־שלאָגן זאָל מען געבן די עופֿות עסן און טרינקען, גלײַך ווי נישט זיי מיינט מען.

לגאָטע נומער צוויי: בשעת שלאָגן כּפּרות און זאָגן „בני־אדם” זאָל מען נישט דרייען מיט די עופֿות משוגענערווײַז און נישט אָפּכאַפּן אויף דער גיך דעם „זה־כּפּרתי־זה־חליפֿתי־זה־תּמורתי”, נאָר פֿון דער גרינג, פּאַוואָלינקע: „זה — כּפּרתי, זה — חליפֿתי, זה — תּמורתי”...

לגאָטע נומער דרײַ: אָפּגעשלאָגן כּפּרות, זאָל מען נישט וואַרפֿן די הינער אונטערן טיש, ווי ביז אַהער; נאָר פּאַוואָלינקע אַוועק־געלייגט און אַוועקגעטראָגן צום שוחט.

לגאָטע נומער פֿיר: בינדן זאָל מען זיי נישט פֿאַרלעכ־ווײַז, ווי ביז אַהער, נאָר איינציקווײַז, איטלעכס אויף באַזונדער, וואָרעם נישט אַלע עופֿות זײַנען גלײַך בכּאַראַקטערן, — טרעפֿט אָפּטמאָל, אַז מע פּיקט זיך און מע בלוטיקט זיך איינס דאָס אַנדערע געבונדערנערהייט.

לגאָטע נומער פֿינף: פּליקן זאָל מען די עופֿות נאָכן קוילען, נישט פֿאַרן קוילען, ווי אַנדערע זײַנען זיך נוהג אין אַ סך ערטער.

לגאָטע נומער זעקס: בשעת דער שוחט נעמט דאָס עוף צווישן די פיס און פאַרדרייט דאָס קעפּל אַרויף...

— קוקאַריקו! געפעלט אײַך אַביסל לגאָטעס?!... — אַזוי האָט אויסגעשריגן אַ יונגער האָן אַן עזות־פּנים, און נאָך אים — די איבעריקע אַלע עופות האָבן געקרייט און געקוואָקעט: „קאָ־קאָ־קאָ! גענוג לגאָטעס!... אין דער ערד אַרײַן די בעלי־בתים מיט זייערע לגאָטעס!"...

און די עופות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַלע צו די בעלי־בתים, און די בעלי־בתים, עס זאָל זיי צו קיין שאַנד נישט זײַן, האָבן, אַפּנים, פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, האָבן זיי גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און — מאַרש צוריק, צוריק אַהיים, איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן.

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער דאָזיקער וווּנדערלעכער שטרײַק פון די עופות.

פון דעמאָלט אָן... קוילעט מען זיי טאַקע אַפילו אַזוי ווי פריִער — יאָ. מע פּליקט זיי, און מע שנײַדט זיי, און מע קאָכט זיי. און מע ברענט זיי, און מע פּרעגלט זיי, און מע דערלאַנגט זיי צום טיש אונטער אַלערליי סאָוסן און פּאַטראַוועס — אַלצדינג אַזויווי פריִער. נאָר קיין כפּרות מיט זיי שלאָגט מען נישט, און קיין „בני־אדם" מיט זיי זאָגט מען נישט... פּע! אויס כפּרות! דער מנהג, פאַרשטייט איר מיך, איז געוואָרן אויס מנהג.

אַפּנים, ס'איז נישטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט? אַלצדינג ביז אַ צײַט, אַלצדינג ביז אַ צײַט! , ...

. . . .

. . . .

. . . .

געשריבן אין יאָר 1903

דאָס פּאָרפאָלק

א מעשה נורא, ווי אַזוי מע האָט איינמאָל אין מיטן נאַכט אויפגעכאַפּט צוויי אומשולדיקע נפשות, געבונדן, אַרויסגעפירט אַפן מאַרק און פאַרקויפט צו ווילדע מענטשן, געהאַדעוועט א חודש נאָכאַנאַנד מיט מעדני־מלך, און אַ טאָג פאַר פּסח געקוילעט, ווי די שאָף.

פּונעם פאַרפאַסער.

דער מחבר פון דער געשיכטע בעט זיך באַם לייענער, ער זאָל אין דער מעשה נישט זוכן קיין אַלעגאָריעס, נישט וועלן טרעפן וועמען דער מחבר האָט דאָ געמיינט. עס איז דאָ נישט פאַראַן קיין רמז פון אַלעגאָריעס, און אַפילו נישט, איר זאָלט זאָגן, פאַר אַ גראַשן אָט דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן סימבאָליזם. דאָס איז גלאַט אַזוי זיך אַ פּשוטע מעשה, אָן חכמות, אָן איבערקעפּלעך, אַ מעשה פון צוויי אומשולדיקע גאָטס באַשעפענישן נעבעך, וואָס האָבן געלעבט, געליבט, געחלומט, געליטן, געהאָפט און מערדעריש געפאַלן אום ערב פּסח, נישט צו וויסן פאַרוואָס און פאַרוואָען . . .

נערווי (איטאַליע).

דאָס פאַרפאַלק

א.

די שרעקלעכע נאַכט.

דאָס איז געווען אין איינע פון די פינצטערע, בלאָטיקע, פאַר־פּסח־דיקע נעכט. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. אַלץ איז געשלאָפן. שטיל און רויק איז געווען אַרום און אַרום אַפילו אַ פיש אין וואַסער האָט גערוט, מורא געהאַט אַרויסשטעלן דעם קאָפּ אויף גאָטס וועלט אין דער דאָזיקער פינצטערער, שטילער, רויקער נאַכט. אין אַזאַ נאַכט איז פאַראַן אַ סך אַרבעט פאַרן בעל־החלומות. ער זשאַלעוועט נישט קיין פאַרבן, שיט מיט דער פולער האַנט פאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, און פירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

די חלומות, וואָס דער העלד פון דער דאָזיקער געשיכטע האָט געזען אין יענער נאַכט, זיינען געווען משונה־מאָדנע ווילדע חלומות! אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים געפלאָנטערט עופות, הינער, גענדז און קאַטשקעס. איינער אַ האָן, אַ רויטער, נאָך גאָר אַ יונגיטשקער, נאָר אַ גרויסער עזות־פּנים, שפּרינגט אים מיט חוצפּה אין די אויגן אַריין, לאַכט און זינגט אים עפּעס אַ מאָדנע לידל:

קו־קאַ־רי־קו. לאַנגע נאָז!
מ׳עט דיך פּאַקן ווי אַ האָז!
מ׳עט דיך בינדן, מ׳עט דיך שלאָגן,
מ׳עט דיך לייגן אויף אַ וואָגן,
מ׳עט דיך מוטשען אָן אַ סוף,
מ׳עט דיך קוילען ווי אַן עוף!...

דאָס לידל לאָזט אויס דער רויטער האָן מיט אַ קוקאַריקו, און עס דאַכט זיך אויס אונדזער העלד, אַז די עופות, די גענדז מיט די קאַטש־קעס, וואָס דרייען זיך אַרום אים, קוואַקען, גאַגאַטשען און לאַכן אַף משונה־מאָדנע קולות, און אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט אויפגערעגט, טוט זיך אַ לאָז צום האָן צום שייגעץ, און פאַר גרויס כעס כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ מוראַדיק האַרצקלאַפּעניש און דערהערט אַ רעש, אַ טומל, אַ גערודער, אַ קלאַפּערײַ פון פיס, אַ שײַן פון אַ ליכט, און קולות ווילדע, אומבאַקאַנטע קולות: „נישט דער!... אָט דער!... יאַ־יאַ!... נעמט אים!... כאַפּט אים!... בינדט אים!... פּאַוואַליע די פיס!... ברעכט אים נישט אויס קיין פוס!... אָט אַזוי!...פּאַרטיק?... נו, ריר זיך! ריר זיך!... די נאַכט שטייט נישט!... מאַרש אין וואָגן אַרײַן!...״ און ער דערפילט געזונטע הענט, ווי אײַזערנע צוואַנגען, האַלטן אים, בינדן אים, דרייען אים צונויף די פיס, און מע טוט אים אַ כאַפּ־אויף אין דער לופטן און אַ וואַרף־אַרײַן אין אַ ברייטן הויכן וואָגן אַרײַן. אין וואָגן ליגט נאָך אַ נפש, אַזוי ווי ער, דאַכט זיך, אַ נקבה, און ציטערט מיט אַלע איברים. צוויי מענטשן דרייען זיך אַרום זיי. איי־נער — אַ פּרא־אָדם. אָן אַ היטל. דער אַנדערער — אויך אַ פּרא־אָדם, מיט אַ קוטשמע אַפן קאָפּ. דער וואָס אָן דעם היטל שטייט הינטן, באַ־טראַכט דעם וואָגן, די רעדער, די פערדלעך. און דער וואָס מיט דער קוטשמע האָט זיך אַרויפגעזעצט אַפן וואָגן, און גלײַך צו זיי אַף די פיס, און מיט אַזאַ רציחה, אַז זיי האָבן זיך דערזען מיט יענער וועלט...

— גיב נאָר אַכטונג, זיי זאָלן זיך באַ דיר נישט אויפבינדן, נישט אַרויסגליטשן, נישט אַראָפּשפּרינגען. דו הערסט, צי ניין?

אַזוי זאָגט דער, וואָס אָן דעם היטל, צו דער קוטשמע, און די קוטשמע ענטפערט נישט. ער דערלאַנגט אַ רעכטן שמיץ די פערד, און דער וואָגן דירט.

ב.

די געפאַנגענע שליסן קענטשאַפט אין געפענקעניש.

ווי אַזוי זיי האָבן איבערגעלעבט די דאָזיקע נאַכט און נישט אויס־געגאַנגען אַפן וואָגן פאַר שרעק אַליין — איז טאַקע נאָר אַ נס מן השמים. וווּ זײַנען זיי? וווּהין פירט מען זיי? און פאַרוואָס? פאַרוועןʔ...

איבער גרויס פּינצטערניש האָבן זיי אַפּילו נישט געקאָנט זיך רעכט אָנקוקן. ערשט, אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן זיי גענומען באַטראַכטן איינס דאָס אַנדערע און דורכשמועסן זיך שטילערהייט.

— גוטמאָרגן, מאַדאַם!

— גוט מאָרגן, גוט יאָר!

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איר זײַט פון אונדזערע... פון די אינדיאַנער...

— איר פאַרשפּאָרט שווערן, מע גלייבט אײַך אָן אַ שבועה...

— איך האָב אײַך באַלד דערקענט, נאָך די קאָרעלן.

— דאָס באַווײַזט, אַז איר האָט אַן אויג.

עס גייט אַוועק עטלעכע מינוט. נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו איר ווידער אַ מאָל:

— מאַדאַם! ווי פילט איר זיך?

— אַזאַ יאָר אויף מײַנע שונאים!

ער לאָזט דורך נאָך אַ ווײַלע און רוימט איר אײַן אַ סוד אין אויער.

— מאַדאַם. איך וויל אײַך עפּעס פרעגן.

— פרעגט.

— אין וואָס באַשולדיקט מען אײַך?

— דאָס אייגענע, וואָס אײַך.

— איך מיין, וואָס האָט איר אַזוינס פאַרזינדיקט?

— דאָס אייגענע, וואָס איר.

— מיר שײַנט, אַז איר זײַט מיר עפּעס ווי ברוגזלעך?

— ברוגזלעך? נאָכאַל! ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ מיר אויף די פּיס, אַז סע שפּאַרן מיר די אויגן פון קאָפּ, און זאָגט נאָך, אַז איך בין ברוגזלעך!

— וואָס רעדט איר דאָס, מאַדאַם? איך זיץ בײַ אײַך אויף די פּיס?

— ווער דען זיצט?

— דאָס איז ער! אָט דער פּרא־אָדם מיט דער קוטשמע, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!

— אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז דאָס קוועטשן, וואָס סע קוועטשט מיך, איז פון אײַך. האָט קיין פאַריבל נישט טאָמער האָב איך אײַך באַליידיקט.

דאָס איז אינגאַנצן, וואָס זיי האָבן געקאָנט זאָגן איינס דעם אַנ־

דערן, וואָרעם עס כאַפּט זיך אויף די קוטשמע, ווי פונעם שלאָף, און שמײַסט, שמײַסט די פערד מיט כעס. דער וואָגן שפּרינגט־אונטער, די צוויי אינדיאַנער הערן זיך צו, ווי עס טרייסלען זיך בײַ זיי אינעווייניק די געדערים. פּלוצים שטעלט זיך אָפּ דער וואָגן, און זיי דערזעען פאַר זיך אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן נאָך אױף זייער לעבן נישט געזען קיינמאָל.

ג.

פון איין געפענקעניש אינעם אַנדערן.

דאָס ערשטע מאָל אױף זייער לעבן איז זיי אויסגעקומען צו זען אױף איין אָרט אַזויפיל פערד, בהמות, קעלבלעך, חזירים, און מענטשן, אַן אַ שיעור מענטשן! אַלערליי וואָגנס מיט אונטערגעהויבענע שטעקנס, פול מיט פאַרשיידענע סחורות, ברויט און לעבעדיקע זאַכן: הינער, גענדז און קאַטשקעס, אָנגעפּאַקט איינס אױף דאָס אַנדערע. דאָרט, אין דער זײַט, איינער אַליין אױף אַ וואָגן, ליגט אַ געבונדענער דבר־אחר און פּראַ־טעסטירט, קוויטשעט מיט אַזעלכע משונה קולות, אַז מע קאָן טויב ווערן. נאָר ווער הערט אים? אַלע לויפן, אַלע ריידן, אַלע זײַנען פאַרטאַרעראַמט.
— ס'איז אַ יריד.

אַהערצו האָט זיי געבראַכט צופירן דער פּרא אָדם, וואָס מיט דער קוטשמע, אַרויסגעקראָכן פונעם וואָגן און גענומען באַברען זיך מיט די געפאַנגענע. און די געפאַנגענע האָבן זיך אויפגעכאַפּט. דערפילט אַ מאָדנע הארצקלאַפּעניש: „וואָס וועט ער טאָן מיט זיי, אָט דער פּרא־אָדם? אפשר אויפבינדן? באַפרײַען און לאָזן גיין, ווו די אויגן וועלן טראָגן?״... אַך, אומזיסט איז געווען זייער פרייד — ער האָט זיי נאָר ארויפגערוקט אַביסל העכער, אפנים, אַז מע זאָל זיי בעסער קאָנען זען? אַזאַ בזיון!... און אפשר, אַז מע וויל רעכענען דאָס איינגענע צוריק, קאָן זײַן, אַז עס איז גלײַכער, וואָס אַלע זען זיי! אדרבה, לאָז די וועלט זען! אפשר וועט זיך געפינען אַ גוטע זעל, וואָס וועט צוגיין, זיך אָננעמען זייער קריוודע און אַ פרעג טאָן בײַ דעם פּרא־אָדם: פאַרוואָס ? פאַרוועט ?

אַזוי האָבן זיי געטראַכט נעבעך די אומשולדיקע געפאַנגענע — און גלײַך ווי זיי האָבן געטראָפן: עס האָט זיך טאַקע געפונען אַ גוטע זעל,

עפּעס איינע אַ גראָבע, מיט אַ טערקישער שאַל. זי גייט־צו, טוט אַ טאַפּ אין וואָגן און אַ זאָג צו דער קוטשמע:

— דאָס האָסטו געבראַכט צו פירן דאָס פּאָרפאָלק?

— וואָס איז דיין עסק?

— אינדיאַנער?

— וואָס דען, טערקן?

— וויפל הייסטו זיך געבן פאַר זיי?

—ווי האָסטו אַזויפיל געלט?

— איך זאָל נישט האָבן קיין געלט, טאָ צוליב וואָס וואָלט איך זיך אָוועקגעשטעלט ריידן מיט אַזאַ כאָם, ווי דו ביסט?

אָט אַזוי שמועסן זיך דורך די טערקישע שאַל מיט דער קוטשמע. און עס גייט אַוועק באַ זיי אַ דינגעניש אַף לאַנג. דער פּרא־אָדם, וואָס מיט דער קוטשמע, איז קאַלט ווי אייז, די טערקישע שאַל היצט זיך, שפּרינגט אַפּ אַלעמאָל און גייט אַוועק, און קומט אָבער באַלד צוריק. און ווידעראַמאָל נעמט מען זיך דינגען, אַזוי לאַנג, ביז די קוטשמע ווערט אין כעס, און מע הייבט זיך אָן שילטן. דאָס פּאָרפאָלק דערווייל וואַרפט זיך דורך מיט אַ פּאָר ווערטער:

— מאַדאַם! איר הערט, צי ניין?

— איך הער, וואָס דען? איך הער נישט?

— עס האַלט דערביי, מע זאָל אונדז, אַפּנים, אויסקויפן פון גע־פּענקעניש?

— אַזוי וויזט דאָס אוים.

— וואָס־זשע דינגט זי זיך פאַר אונדז, ווי מע דינגט זיך פאַר גענדז?

— אַז אָך און אַז וויי!

— לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, אַבי מיר זאָלן אַרוים פריי.

— אָמן הלוואי!

דאַנקען גאָט, די טערקישע שאַל האָט שוין אַריינגעלייגט די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרוים געלט.

— הכלל, איז נישט ווינציקער?

— נישט ווינציקער.

— דאָס איז שוין דאָס לעצטע שבלעצטע?

— דאָס לעצטע שבלעצטע.

— אפשר... שאַ, שאַ! זע־נאָר אַ רציחה פון אַ מענטשן! נאַ דיר געלט. נאַ!

און דאָס פּאַרפּאַלק גייט איבער פונעם רשות פון דעם פּרא־אָדם מיט דער קוטשמע אין רשות פון דער גראָבער מיט דער טערקישער שאַל, דאָס הייסט, אייגנטלעך, פון איין געפענקעניש אינעם אַנדערן, ווי מ׳ר וועלן זען ווײַטער.

ד.

צווישן ווילדע מענטשן.

ווייבאַלד מע האָט זיי געבראַכט אַפן נײַעם אָרט, אַזוי האָט מען זיי באַלד אויפגעבונדן, און מיט פרייד האָבן זיי דערפילט די ערד אונ־טער זיך. זיי האָבן גענומען אויסגלײַכן זיך די ביינער און אַרומשפּאַנען הין און צוריק, אויספּרוּוון אַף וויפל די פיס דינען זיי נאָך, און פאַר גרויס שמחה האָבן זיי גאָרנישט באַמערקט, אַז זײַנען נאָך גאַנץ ווײַט פון דער אמתער פרײַהייט. ערשט אַ מינוט שפּעטער האָבן זיי זיך אַרומ־געקוקט, אַז זיי זײַנען אין געפענקעניש. מע האָט זיי אַרײַנגעלאָזט ערגעץ אין אַ פינצטער ווינקל, פון איין זײַט אַ וואַרעמער אויוון, פון דער אַנדערער זײַט אַ קאַלטע וואַנט, און פון פאָרנט אָפּגעצאַמט מיט אַן איבערגעקערטן לייטער. און עסן האָט מען זיי אוועקגעשטעלט און טרינקען. און מע האָט זיי איבערגעלאָזט איינע אַליין, ווי עס רעדט זיך, אַף גאָטס באַראָט. באַטראַכט זייער נײַע וווינונג, האָבן זיי זיך אוועקגע־שטעלט איינס קעגן אַנדערן אָנגעבלאָזן, ווי געוויינלעך ווילד־פרעמדע, געקוקט, געקוקט און אויסגעדרייט זיך איינס צום אַנדערן, מחילה, מיטן הינטן און צעגאַנגען זיך, ער אין איין ווינקעלע, זי אינעם אַנדערן, און מע האָט זיך פאַרטיפט איטלעכער אין זײַנע מחשבות.

לאַנג טראַכטן האָט מען אָבער זיי ניט געלאָזט. עס האָט זיך גע־עפנט די טיר פון זייער טורמע און ס׳איז אַרײַנגעקומען פריִער די טערקישע שאַל, און נאָך איר אַלערליי ווײַבער, איינע נאָך דער אַנדערער. יעדע באַזונדער האָט די טערקישע שאַל אָנגענומען באַ אַ האַנט, צוגע־פירט צו די געפאַנגענע, אַ וויַיז געגעבן מיטן פינגער און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שײַנענדיק פּנים:

— געפעלט אייַך דאָס פּאָרפּאָלק?

— וויפל האָט איר אוועקגעגעבן?

— שאַצט.

אַלע האָבן געשאַצט און נישט איינע האָט געטראָפן. און אַז די טערקישע שאַל האָט זיי אָנגערופן די סומע, האָבן אַלע ווייַבער געגעבן אַ פּלעסק מיט די הענט:

— טאָקע באמת?

— מיר זאָלן אַזוי אַלע האָבן אַ פריילעכן, אַ כשרן פּסח!

אויף די פּנימער פון די ווייַבער איז געווען אָנגעצייכנט קנאה. זייערע בעקלעך האָבן געפלאַמט. אין די אויגן האָט געברענט אַ פייערל. נאָר עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ווינשעוואַניעס.

— פאַרניצט געזונט!

— זאָל אייַך וואויל באַקומען!

— דערלעבט איבעראַיאָר!

— מיט אייַער מאַן און מיט אייַערע קינדערלעך!

— אמן! גם אתם! גם אתם!

אַלע ווייַבער גייען אַוועק. אין אַ מינוט אַרום קומט אָן די טערקישע שאַל צוריק און שלעפּט מיט זיך איינעם אַ מאַנצביל, אַ ווילדן פאַרשוין, אַ באַוואַקסענעם מיט רויטע האָר. זי פירט אים צו מיטן זעלבן שייַנענדיקן פּנים:

— דו ביסט דאָך יאָ אַ מבין. וואָס זאָגסטו אויף דעם פּאָרפּאָלק?

דער באַוואַקסענער פאַרשוין קוקט מיט ווילדע אויגן.

— איך בין אַ מבין? וואָס פאַר אַ מבין בין איך?

— דו ביסט דאָך אַ ייִד פון תורה, און ווו תורה, דאָרט איז חכמה. ווי מיינסטו, אַשטייגער, — מעג אונדז שוין גאָט געבן אַ כשרן פּסח? ס'איז דאָך פון זייַן ליבן נאָמען וועגן.

דער באַוואַקסענער פאַרשוין גלעט זיך באַ די געלע האָר, פאַרגלאַנצט די אויגן אַרויף, מאַכט אַ פרום פּנים:

— דער אייבערשטער מעג געבן אַלע ייִדן אַ כשרן פּסח.

די טערקישע שאַל מיטן באַוואַקסענעם פאַרשוין גייען אַוועק, און דאָס פּאָרפּאָלק בלייַבט ווייַטער אַליין. זיי שטייען אַ ווייַלע אָן לאָשן, אָנגעבלאָזן איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי פריִער. זי לאָזט אַרויס אַ מאַד-

נעם הילך פונעם האלדז. אַ מין הוסט מיט אַ קוויטש. ער דרייט אוים דעם קאָפּ צו איר:

— מאַדאַם! וואָס איז מיט אײַך?

— גאָרנישט. איך האָב מיך דערמאָנט אין דער היים.

— נאַרישקייטן! דאָס דאַרף מען פאַרגעסן. מע דאַרף זיך בעסער אַרומקוקן, ווו זײַנען מיר און וואָס האָבן מיר צו טאָן?

— ווו זײַנען מיר? אין דער ערד זײַנען מיר. מיר זײַנען אַף גרויסע צרות.

— דהיינו?

— איר פרעגט נאָך? איר זעט נישט, אַז מע האָט אונדז פאַרקויפט צו די ווילדע מענטשן, ווי מע פאַרקויפט הינער, גענדז אָדער קאַטשקעס?

— וואָס־זשע וועלן זיי אונדז טאָן?

— אוי וועלן זיי אונדז טאָן! נאָך אַז איך בין געווען אַ קליינינקע, האָב איך זיך אָנגעהערט שיינע מעשיות, וואָס די ווילדע מענטשן טיען מיט אונדזערע לײַט, וואָס פאַלן אַרײַן צו זיי אין די הענט אַרײַן...

— עט! מעשיות!... גלייבט נישט אין קיין בבא־מעשיות...

— נישט קיין בבא־מעשיות. איך האָב דאָס אַליין געהערט פון מײַן שוועסטער... מײַן שוועסטער דערציילט, אַז זיי זײַנען ערגער פון די ווילדע חיות. אַ ווילדע חיה, אַז זי כאַפּט עמעצן פון אונדז, צערײַסט זי אים און פרעסט אים אויף — און אַ סוף; און אַז...

— טע־טע־טע, מאַדאַם! איר קוקט אַף דער וועלט, דאַכט מיר, שוין צו פּעסימיסטיש.

— צו וואָס?

— צו פּעסימיסטיש.

— וואָס הייסט דאָס פּעסימיסטיש?

— דאָס הייסט... דאָס הייסט, איר קוקט דורך צו טונקעלע ברילן.

— ווו זעט איר ברילן?

— כאַ־כאַ־כאַ!

— וואָס לאַכט איר?

— אוי, זײַט איר, מאַדאַם, אַ...

— אַ וואָס?

ער האָט איר געוואָלט זאָגן, וואָס זי איז. נאָר פּלוצים עפֿנט זיך די טיר און...

לייענט ווײַטער.

ה.

„האַלט־דיר־נאָ־דיר־נעם־דיר!"

עס עפֿנט זיך די טיר און עס רײַסט זיך אַרײַן פֿון דרויסן, ווי אַ שטורעמווינט, ווי אַ גאַנצער פֿאָלק סאָלדאַטן, חברה קליינוואַרג, קונדסים, מיט רויטע בעקלעך און מיט שוואַרצע אייגלעך. זיי טוען זיך אַ לאָז אַלע מיטאַמאָל צום אונטערן־אויוון.

— אנו? וווּ זײַנען זיי? וווּ? אָטאָ זײַנען זיי, אָטאָטאָט! עי, יענקל! בערל! וועלוול! אליה! געצל! גיכער! גיכער!

און דאָ הייבט זיך אָן פֿאַר אונדזער פֿאַרפֿאָלק דער אמתער גיהנום: צרות און פּײַן און יסורים און בזיונות אָן אַ שיעור! חברה קליינוואַרג זײַנען אָנגעפֿאַלן אויף זיי, ווי די ווילדע פּראים, גענומען טאַנצן און שפּרינגען אַרום זיי, באַטראַכטן זיי פֿון אַלע זײַטן און מאַכן פֿון זיי חוזק, חוכא וטלולא.

— יאָסל, זע נאָר אַ נאָז! כאַ־כאַ־כאַ!

— אַ נאָני! בערל! אַ נאָני!

— וועלוול! טו אים אַ צי בײַ דער נאָז!

— באַם שנאָבל. אליה! אָט אַזוי אָ!

— שטאַרקער, געצל, לאָז ער אָנהייבן שרײַען!

— איר זעט אַלע נאַראָנים! שרײַען — שרײַען זיי נאָר דעמאָלט, ווען מע פֿײַפֿט זיי. זיי האָבן פֿײַנט, אַז מע פֿײַפֿט זיי. אַ סימן האָט איר, אָט הייב איך אָן פֿײַפֿן: פֿיו!

דאָס פֿאַרפֿאָלק בלאָזן זיך אָן, ווערן רויט, לאָזן אַראָפּ די נעז און שרײַען אויס ביידע מיטאַמאָל:

— האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

חברה קליינוואַרג כאַפּן אונטער אַלע איינינעם מיט אַ ווילדן געלעכטער:

— האַלט־דיר־נאָ־דיר־נעם־דיר!

דאָס פּאַרפאָלק ווערן נאָך מער אַנגעצונדן און שרײַען נאָך העכער:

— האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

דאָס געפעלט די חברה קליינוואַרג דווקא זייער שטאַרק. זיי האַלטן זיך באַ די זײַטן פאַר געלעכטער און שרײַען נאָך העכער:

— האַלט־דיר! נאַ־דיר! נעם־דיר!

פון אַזאַ מין ווערן איבערשרײַען איינס דאָס אַנדערע ווערט די שטוב אָנגעפילט מיט אַזעלכע קולות, אַז עס קומט צו פליִען די טערקי־שע שאַל (לאַנג לעבן זאָל זי!), כאַפּט אָן חברה קליינוואַרג פאַרן קאַרק און שלײַדערט זיי אַרויס איינציקווײַז פון שטוב און טיילט זיי נאָך אײַן דערבײַ אַ פּאָר גוטע סטוסאַקעס און לאָזט אויס מיט אַ לאַנגער קללה:

— אַ שלאַק זאָל אױף אײַך קומען, רבונו של עולם, אַ שׂרפה, אַ מגפה, אַ כאָלערע! ס'זאָל אײַך אָנכאַפּן און ס'זאָל אײַך קײַקלען און קײַקלען און אויסקײַקלען אײַך איינציקווײַז מיט אַלע משומדים, זיסער גאָט, און ס'זאָל פון אײַך נישט בלײַבן ביז פּסח קיין שׂריד ופּליט, לי־בער פאָטער, האַרציקער, געטרײַער!

פּטור געוואָרן פונעם דאָזיקן גלות, האָט אונדזער פּאַרפאָלק נאָך לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. די ווילדע געשרייען מיטן פּײַפן, מיטן געלעכטער פון די קליינע ווילדע נפשות זײַנען נאָך לאַנג געשטאַ־נען און געהילכט זיי אין די אויערן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, אַז ס'איז נישט קיין תּכלית צו טרויערן אפן גלות און נישט נעמען גאָרנישט אין מויל אַרײַן. און ער גייט־צו פּאַוואָלינקע צום אָנ־בײַסן, וואָס מע האָט זיי אָוועקגעשטעלט, און רופט זיך אָן צו איר:

— מאַדאַם! ביז וואַנען איז דער שיעור צו שטיין אָט אַזוי פאַר־זאָרגט? צײַט עפּעס איבערכאַפּן. די וועלט איז אויך אַ וועלט, כ'לעבן. די נשמה אויסשפּײַען קאָן מען נישט. פאַרגעסט נישט, אַז מיר האָבן נאָך הײַנטיקן טאָג אין מויל נישט געהאַט.

— עסט געזונטערהייט. איך — נישט.

—המ... פאַרוואָס? ס'איז באַ אײַך הײַנט אַ תּענית?

— נישט קיין תּענית, נאָר גלאַט אַזוי.

— איר ווילט זיי אפשר אָנלערנען? הונגערן? איר וועט נאָר מאַכן פון זיך אַ תּל, און ווײַטער גאָרנישט...

— איך ווייס נישט, וויאַזוי מע קאָן עפּעס עסן. עס קריכט נישט אין האַלדז אַריין.

— עס קריכט, עס קריכט. דער ערשטער ביסן איז אַן עקבויער.

— אַ וואָס?

— אַן עקבויער.

— מאָדנע ווערטער באַ אײַך!

— כאַ־כאַ־כאַ!

— ווידער כאַ־כאַ־כאַ? וואָס איז דער געלעכטער?

— איך האָב זיך דערמאַנט אינעם ברוך־הבא פון די קליינע ממזרים.

— אוודאי דאַרף מען לאַכן.

— וואָס־זשע? וויינען דאַרף מען?

— פאַרוואָס האָט איר נישט געלאַכט, פעטער, בשעת זיי האָבן געפּיפּט?

— וואָס דען האָב איך געטאָן?

— איר האָט, דאַכט זיך, גענוג געפּילדערט!

— איך האָב געפּילדערט? איך?

— ווער דען האָט געפּילדערט? איך?

— איר האָט די ערשטע אָנגעהויבן שרייַען: האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

— האָט קיין פּאַריבל נישט, דאָס זײַט איר געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייַען: האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

— נו, וואָס־זשע איז דאָ אַ בזיון, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָב געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר!?

— וואָס פאַר אַ חרפּה איז, אַז איך בין געווען די ערשטע, וואָס האָב געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר!?

— אַז ס'איז נישט אַ חרפּה, וואָס־זשע האָט איר אַראָפּגעלאָזט די נאָז, מאַדאַם?

— איך האָב אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

— ווער דען האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

— אַך, ווי גרינג ס'איז צו זען יענעמס נאָז!...

אַן עבירה, וואָס דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער שמועס האָט זיך

נישט געקאָנט צוזען ווײַטער. מע האָט זיי איבערגעשלאָגן סאַמע אין מיטן. דאָס איז געווען די טערקישע שאַל, וואָס האָט געוועלטיקט אַף זיי אין געפּענקעניש, ווי עס שטייט געשריבן ווײַטער.

ז.

די עקזעקוציע פון די ווײַבער

די טערקישע שאַל איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט גע־וועלטיקט אַף זיי אין געפּענקעניש. זיי איז באַשערט געווען צו באַקענ־נען זיך מיט נאָך איינע אַ ווילדע בריאה, אינעם געשטאַלט פון אַ גרי־נער מויד מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אַפן קאָפּ. אַרײַנגעקומען זײַנען זייביידע מיט פולע הענט כל טוב: אַ שיסל מיט רײַז, אויסגעמישט מיט אַרבעס און מיט פּאַסאָליעס, אַ טעלער מיט געקאָכטע קאַרטאָפל, מיט געהאַקטע אייער, און אַ פולן פּאַרטעך מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך עפּל און מיט וועלישע ניס.

אַרײַנגעקומען מיטן עסנווארג, האָט די גרינע מויד מיט דער רוי־טער פּאַטשיילע אַ ווײַז געטאָן אַפן פּאָרפּאָלק און אַ זאָג געטאָן צו דער טערקישער שאַל:

— אַ מכה איז מיר, בעל־הביתטע לעבן. זעט נאָר, זיי האָבן זיך כמעט נישט צוגערירט צום עסן!

— די דאגה זאָל מיר בלײַבן אַף, אם־ירצה־השם, נאָך פּסח. אַט וועלן מיר זיי באַלד אָנהאָדעווען. איך וועל זיי נעמען צו זיך, זיי צו־האַלטן, און דו וועסט זיי לייגן דאָס עסן אין מויל אַרײַן. נו, מויד? וואָס שטייסטו? וואָס שטשירעסטו מיט די ציין?

— וואָס האָבן זיי אַזעלכעס דערזען אַף מיר, וואָס זיי הערן נישט אויף צו פילדערן: האַלט דיר! האַלט דיר!?

— אַ פּאַרשרפהט זאָלסטו ווערן, דו נאַרישע מויד! טו אויס די רויטע פּאַטשיילע דײַנע! זיי קאָנען נישט זען קיין רויטע פאַרב!...

— מײַנע צרות אַף זייערע קעפּ!

— אַף דײַן קאָפּ, נאַרעלע, דו ביסט בילכער. אַט אַזוי־אַ! נו? פאַר־וואָס לייגסטו אים נישט אין מויל אַרײַן קיין רײַז מיט פּאַסאָלעס?

— פאַרוואָס איך לייג אים נישט? אין מיר איז קיין מניעה נישט.

איך וואָלט אים געלייגט פון היינט ביז מאָרגן, נאָר איר זעט דאָך, אַז ער לאָזט זיך נישט. ער דרייט מיטן קאָפּ און האַלט צו דאָס מויל.

— ווער הערט אים? אָט גיב אים אַ קוועטש באַם האַלדז, וועט ער באַ מיר עפענען די פּיסקעס! אָט אַזוי־אָ! לייג־לייג!

— אוי, בעל־הביתטינקע! געזונט זאָלט איר מיר זיין! עפּעס גלאָנצט ער מיר זייער מיט די אויגן! זעט נאָר, ער זאָל זיך חלילה נישט דערווערגן.

— ווער דערוואָרגן בעסער דו אַליין, דו ביסט בילכער. נאַ דיר גאָר דערווערגן! גלייך ווי ס׳איז באַ מיר דאָס ערשטע מאָל! שטופּ אים גלייך אין האַלדז אַריין. אָט אַזוי. איך בין שוין איינאונצוואַנציק יאָר אַ בעל־הביתטע מיט גאָטס הילף. איצט לייג אים אַריין אין מויל אַריין אַ שטיקל עפּל מיט אַ יאָדער פון אַ וועלישן נוס. נאָך, נאָך. וואָס זשאַ־לעוועסטו?

— איך זשאַלעווע נישט. וואָס וועל איך זשאַלעווען? ס׳איז מיינס? ס׳איז נישט מער ווי אַ רחמנות, אַ צער בעלי־חיים.

— וואָס זאָגט איר אַף דער מויד? אַ צער בעלי־חיים! מע טוט אים חלילה שלעכטס? מע גיט דאָך אים עסן! און פון וועמענס וועגן? פון גאָטס וועגן. לכבוד דעם הייליקן יום־טוב. דער אייבערשטער מעג מיר טאַקע העלפן. איך האָב אים שוין נישט איין פּאָרל אויסגעהאָדעוועט אַף פּסח. גיב אַהער נאָך אַ וועליש ניסל — און אַ סוף. איצטיקס מאָל וועט זיין געננוג פון זיינעטוועגן. ער איז שוין זאַט. לאָמיר זיך אקאָרשט נעמען צו איר און אָנהייבן מיט מה־טובו, דאָס הייסט, נאָכאַמאָל פון רייז מיט פּאַסאָלעס.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין, בעל־הביתטע לעבן, וויאַזוי דער־קענט איר, וועלכעס איז אַן „ער״ און וועלכעס אַ „זי״?

— אַלע בייזע חלומות אַף דיין קאָפּ! מע הייסט איר טאָן אַן אַר־בעט, און זי איז דאָ דער רוח ווייס איר מיט וואָס! האָב פּריצע חתונה, נאַרישע מויד, און ווער אַליין אַ בעל־הביתטע, וועסטו דער־מאָלט פרעגן. דערווייל טו, וואָס מע הייסט דיר. אָט אַזוי־אָ. נאָך — נאָך! זשאַלעווע נישט! ס׳איז נישט צוליב קיינעם, ס׳איז צוליב זיין ליבן נאָמען. אַף פּסח! אַף פּסח!

געענדיקט די עקזעקוציע, האָבן זיך ביידע ווייבער אָפּגעטראָגן, אין

אונדזערע אומגליקלעכע געפּײניקטע זײַנען געבליבן אַליין. זיי האָבן זיך פאַרשלאָגן ביידע אין אַ ווינקעלע, אַרויפגעלייגט איינס אַפּסאַנדערע די קלאָגעדיקע קעפּ און פאַרטיפט זיך אין אַזעלכע טרויעריקע מחשבות, וועלכע קומען זייער זעלטן, סײַדן אַ האַלבע שעה פאַרן טויט.

ז.

דער וואָרעם ליגט אין חריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ.

קיין זאַך מאַכט ניט אַזוי נאָענט און פרײַנטלעך, ווי צרות. דער בעסטער באַווײַז זײַנען די צוויי אומגליקלעכע העלדן פון אונדזער געשיכטע. אין דער קורצער צײַט פון זייער געפּענקעניש זײַנען זיי זיך צעגויפגעגאַנגען מיט די כאַראַקטערן, אַנגעהויבן פאַרשטיין איינס דאָס אַנדערן אָפּן ווונק, אויפגעהערט שעמען זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע און געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז מע האָט אויפגעהערט זיך „אירצן" און מען איז געוואָרן נפש אחת. ער איר: „נשמהניו!" זי אים: „ליובעניו!" די טערקישע שאַל מיט דער רויטער פאַטשיילע, אַרײַנקומענדיק מיט עסנוואַרג, האָבן זיך גאָר זאָט ניט געקענט אָנקוקן אין זיי.

— וואָס זאָגסטו אָפּן פּאַרפאַלק?

— אַ לעבן, ווי אונטערן אויוון!

— זעסטו כאָטש, ווי זיי האָבן זיך באַ מיר, קיין עין־הרע, פאַרריכט?

— קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן!

— טו זיי נאָר אַ נעם אונטער די פאַכוועס... וואָס זאָגסטו? ! ... נישקשה פון אַ הײַטל?... האַ? מעג מיר שוין גאָט העלפן פאַרן פּאַרפאַלק, וואָס איך האָב אים אויסגעהאָדעוועט אַף פּסח? ...

די ווילדע ווײַבער טוען־אַפּ זייער אַרבעט און גייען אַוועק, און דאָס פּאַרפאַלק פאַרטראַכט זיך, וואָס באַדײַטן די ווערטער פון דער טערקישער שאַל: „זי האָדעוועט זיי אַף פּסח?" און פאַרוואָס דאַרף איר גאָט העלפן?... און מע שאַרפט די מוחות און מע דיסקוטירט צווישן זיך:

— וואָס הייסט דאָס ליובעניו. פּסח?

— פּסח, נשמהניו, איז באַ זיי אַזאַ יום־טוב, אַזאַ יום־טוב פון פרײַהייט, פון באַפרײַונג.

— וואָס הייסט דאָס „פון באַפרײַונג״?

— איך וועל די געבן צו פאַרשטיין. ס'איז באַ זיי אַ גרויסע מצווה כאַפּן אַ אונדזועריקן און האָדעווען אים אַזוי לאַנג, ביז עס קומט דער יום־טוב, וואָס הייסט פּסח. און אַז עס קומט דער יום־טוב, וואָס הייסט פּסח. לאָזט מען אים פרײַ... הײַנט פאַרשטייסטו שוין דעם שכל?

— נאָך ווײַט ביז דעם יום־טוב, וואָס הייסט פּסח?

ווערליג איך האָב געהערט פון דער טערקישער שאַל זאָגן, ווײַזט אויס, אַז ניט מער ווי אַ טאָג דרײַ.

— דרײַ טאָג?!

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, נאַרעשי? די דרײַ טאָג וועלן איבערפליִען, ווי אַ חלום, און ס'וועט קומען דער ליבער יום־טוב פּסח, וועט מען אונדז עפענען טיר און טויער און מע וועט אונדז זאָגן: הײַ־דאַ. קינדערלעך, גייט אײַך אַהין פון וואַנען איר זײַט געקומען! וועלן מיר דאָס נעמען שטעלן פיס!...

— אַך, ליובעניו, דײַנע זיסע רייד!... הלוואי ס'זאָל זײַן אַזוי, ווי דו זאָגסט! איך האָב אָבער מורא פאַר אַן אַנדער זאַך...

— האַרץ מײַנס, דו האָסט תמיד מורא...

— לעבן מײַנס, דו קענסט ניט די ווילדע מענטשן.

— פונוואַנען קענסטו זיי, נשמהניו?

— איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט, ליובעניו, נאָך אין דער היים דערציילן אַזעלכע מעשיות אַף זיי! מײַנע אַ שוועסטער האָט מיר דער־ציילט, אַז זי האָט אַליין געזען...

— ווידעראַמאָל דער שוועסטערס מעשיות? נשמהניו, מעשיות פאַרגעס!

— ליובעניו! איך וואָלט וועלן פאַרגעסן, קאָן איך נישט. זיי פּיקן מיר אין קאָפּ אַרײַן גאַנצע טעג. זיי לאָזן מיך ניט שלאָפן באַנאַכט.

— וואָס־זשע איז דאָס פאַר מעשיות, וואָס פּיקן דיר אין קאָפּ אַרײַן גאַנצע טעג, לאָזן דיך נישט שלאָפן באַנאַכט?

— ליובעניו! וועסט ניט לאַכן פון מיר?

— וואָס זאָל איך עפּעס לאַכן, נשמהניו?

— דו האָסט תמיד אַזאַ טבע. אַז איך דערצייל דיר עפּעס, לאַכסטו

מיך אוים און זאָגסט אַף מיר, אַז איך בין אַ שטיא, אַ געשלייערטע האַנדזי, אַ נאַרישע אינדיטשקע און נאָך אַזעלכע זאַכן.

— איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל ניט לאַכן, אַבי דערצייל וואָס האָסטו געהערט פון דײַן שוועסטער?

— מײַן שוועסטער דערציילט, אַז די מענטשן, וואָס מיר זעען, זײַנען ערגער ווי די ווילדע חיות. אַ ווילדע חיה, אַז זי כאַפּט עמעצן פון אונדז, צערײַסט זי אים און פרעסט אים אויף — און אַ סוף. מענטשן טוען ניט אַזוי. אַן אונדזעריקער, אַז ער פאַלט אַרײַן צו די מענטשן אין די הענט אַרײַן, האַלטן זיי אים פאַרשפּאַרט, גיבן אים עסן און טרינקען פון דער פולער האַנט, ביז ער ווערט גוט פעט...

— נו?

— און אַז ער ווערט גוט פעט, קוילען זיי אים, שינדן אים אָפּ די הויט, צעשנײַדן אַף שטיקלעך און באַזאַלצן אים מיט זאַלץ און ווייקן אים אין וואַסער...

— נו, און ווײַטער וואָס?

— און ווײַטער צעלייגן זיי אַ פײַער און בראָטן אים אַף זײַנע אייגענע שמאַלץ און עסן אים אויף מיט די ביינער.

— בבא־מעשיות! געשיכטעס פון טויזנט איין נאַכט! אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי! און דו, שטיא, גלייבט דאָס? כאַ־כאַ־כאַ!

— נו? האָב איך ניט געזאָגט פריִער, אַז דו וועסט מיך אויסלאַכן?

— וואָס־זשע דען? אַז פון דאַנען ביז אַהין הייבט איר ניט אָן צו פאַרשטיין! מיר דאַכט, אַז דו האָסט געהערט אַ מאָל הונדערט פון דער טערקישער שאָל, אַז דאָס, וואָס מע האָדעוועט אונדז איז ניט צו־ליב קיינעם, נאָר צוליב גאָט.

— לעבן מײַנס! וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען?

— איז דערפון געדרונגען, נשמה מײַנע, אַז דו ביסט אַ נאַרישע אינדיטשקע, און ווײַטער גאָרנישט.

— איר האָט תמיד אַזאַ טבע. יענעם באַליידיקן איז באַ אײַך טפו!

— ווער איז געווען דער איר?

— איך מיין אײַך, אַלע מאַנצבילן.

— אַלע מאַנצבילן? מיט וויפל מאַנצבילן ביסטו דאָס באַקאַנט, וואָלט איך געוואָלט וויסן?

— איך קען זיך מיט איינעם, איז געגוג פאַר מיר.

— ניין. האָסט געזאָגט „מאַנצבילן", די משמעות אַז אַכוץ מיר האָסטו זיך געקענט מיט נאָך עמעצן...

— וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן?

— שוין! זי האָט שוין אַראָפּגעלאָזט די נאָז... קום נאָר אַהער, איך וויל דיר עפּעס זאָגן...

די דאָזיקע סצענע פון קוצעניו־מוצעניו ווערט פּלוצים איבערגע־ריסן דורך דער חברה קליינוואַרג פון יענער זייט פענצטער. אינעווייניק אַרייַנגיין לאָזט מען זיי ניט, קומען זיי אַלע טאָג צו צום פענצטער, פון דרויסן, און פון דאָרטן שטעקן זיי אַריַין די נעז, מאַכן משוגענע תנועות, שטעלן אַרוים די צונג, לאַכן און פייפן און שרייַען און הילכן אַלע אינאיינעם: „האַלט דיר! נאַ דיר! נעם דיר!"... דאָס פּאַרפאַלק, גע־וויינלעך, ענטפערט אָפּ דערויף אַף זייער לשון, שוין נישט מיט אַזאַ כעס, ווי פריִער, נאָר גלאַט, אשטייגער, ווי מע ענטפערט אַף „אַ גוט מאָרגן" — „גוט יאָר". „ברוכים היושבים" — „קומט עסן" — „עסט געזונטערהייט"...

ס'איז גאָר ניטאָ, הערט איר, אַזאַ זאַך אַף דער וועלט, וואָס גאָטס באַשעפעניש זאָל דערצו נישט געוווינט ווערן. אונדזער פּאַרפאַלק איז שוין אַזוי געוווינט געוואָרן מיט די צרות, אַז ס'האָט זיך דעם אויסגע־דאַכט, אַז אַזוי דאַרף עס זײַן, ווי דער וואָרעם, וואָס ליגט אין כריין, מיינט, אַז קיין זיסערס איז שוין נישטאָ.

ח.

אַ בייז באַגעגעניש מיט אַן אַלטן כאַקאַנטן.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ געדיכטער טומאַן. אין שטוב איז נאָך געווען פינצטער.. דאָס פּאַרפאַלק האָט גע־האַלטן סאַמע אין רעכטן שלאָף. עס האָט זיך זיי געחלומט זייער אַמאָ־ליקע היים. אַ גרויסער, אַ ברייטער, אַ פרייַער אינדרויסן. אַ בלויער הימל. גרין גראָז. אַ זילבערן טייַכל. אַ מיל, וואָס דרייט און קלאַפּט און שפּריצט מיט וואַסער. גענדז און קאַטשקעס פּאַליאַסקען זיך באַם ברעג.

הינער פּיקן. הענער קרייען. פייגלעך פליִען. אַך, וואָס פאַר אַ שיינע וועלט גאָט האָט באַשאַפן פון זייערטוועגן... פון וועמענס דען וועגן אָט די הויכעביימער מיט די ברייטע צווײַגן, וואָס מע קאָן אונטער זיי אַרומשפּאַצירן פראַנק און פרײַ? אָדער פון וועמענס וועגן איז אָט די מיל, וואָס אַרום איר האָדעווען זיי זיך אַלע מיט דער גאַנצער משפּחה. לאָזן נישט צו קיין פרעמדן פאַר אַ מײַל אַרום און אַרום? פון וועמענס וועגן איז אָט דער גרויסער קײַלעכיקער הימלדיקער ברענער, וואָס אַלע פאַרנאַכט לאָזט ער זיך אַראָפּ אין איין עק טײַך, און אַלע פרימאָרגן באַווײַזט ער זיך פונעם אַנדערן עק טײַך? וואָס וואָלטן זיי איצט ניט אָוועקגעגעבן, זיי זאָלן נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן כאָטש מיט איין אויג אַף דער שיינער, וואַרעמער, פײַערדיקער זון? אַף דעם גרויסן, ברייטן, פרײַען, ליכטיקן אינדרויסן? אַף דער מיל און אַף אַלצדינג, וואָס אַרום דער מיל?...

סאַמע אין די דאָזיקע גוטע, גאָלדענע חלומות האָט מען זיי אויפגעכאַפּט און אַרויסגעטראָגן זיי אינדרויסן אַרויס. די פרײַע לופט פון דעם טומאַנענדיקן פרימאָרגן האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַרײַן און האָט זיי אַרומגענומען מיט איר פרישקייט פון אַלע זײַטן. זיי האָבן דערפילט, אַז ס'איז זיי אויסגעוואַקסן פליגלען. אָט כאַפּן זיי זיך אויף און פליִען אין דער וועלט אַרײַן, פליִען איבער דעכער, איבער גערטנער, איבער וועלדער, אַהין, אַהין, צו זיך אַהיים... דאָרט טרעפן זיי זיך מיט זייעריקע: „ברוכים הבאים. פונוואַנען קומט מען?" — פון די ווילדע מענטשן. — „וואָס האָט מען אײַך געטאָן?" — געהאָדעוועט אַף פּסח. — „וואָס הייסט דאָס פּסח?" — אַזאַ יום־טוב בײַ זיי, אַ גוטער, ליבער יום־טוב, אַ יום־טוב פון פרײַהייט, פון באַפרײַונג...

אַזוי חלומט דאָס געבונדענע פאָרפאָלק דעם גאַנצן וועג, ביז מע ברענגט זיי ערגעץ אין אַ שמאָל פינצטער געסל און מע לאָזט זיי אַראָפּ געבונדענערהייט גלײַך אין דער בלאָטע. דאָרט דערזעען זיי אַ וואַנט באַשפּריצט מיט בלוט, און אַ סך עופות געבונדענע ליגן אַף דער ערד, צו צוויי צו דרײַ מיטאַמאָל. בײַ דער זײַט שטייען ווײַבלעך און מיידלעך און שמועסן זיך, לאַכן, כיכיקען. דאָס פאָרפאָלק קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן — צוליב וואָס האָט מען זיי אַהער געבראַכט? וואָס טוען דאָ די געבונדענע עופות? וואָס לאַכן די ווײַבלעך מיט די מיידלעך? וואָס

באַדײַט די בלוטיקע וואַנט? ... אַט דאָס איז דער גוטער ליבער יום־טובֿ פּסח? וווּ איז די פרײַהייט? די באַפרײַונג? ...

אַט אַזוי קלערט זיך דאָס פּאַרפאַלק און באַטראַכט די געבונדענע עופות, וואָס ליגן זיך אַזוי שטיל און רויק,. פרעגן נישט קיין קשיות. גלײַך ווי עס דאַרף אַזוי צו זײַן ... נאָר איינע, אַ הון אַ שרײַערן, רוט נישט. זי רײַסט זיך מיט אַלע כוחות, פּאַטשט מיט די פליגלען אין דער בלאָטע און שרײַט מעשוגענערווײַז:

— לאָזט מיך! לאָזט מיך! איך וויל נישט ליגן! איך וויל בעסער לויפן! לאָזט מיך! לאָזט מיך!

— קוקאַריקו! — רופט זיך אָפּ אַ רויטער האָן, וואָס ליגט גע־בונדן אינאײנעם מיט צוויי הינער, און טוט אַ פּאַטשט מיט די פליגל:

— וואָס זאָגט איר אויף דער חכמה? זי וויל נית ליגן. זי וויל בעסער גיין. זי וויל בעסער לויפן. כאַ־כאַ־כאַ!

אונדזער העלד הייבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אײַן מיט אַלע אויגן אינעם רויטן האָן, דעם עזות־פּנים, און ער פילט ווי ס׳איז אים פאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט און פאַרגליווערט די איברים. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער חברה־מאַן איז אים קענטלעך, אַז ער האָט אים ערגעץ געזען, ערגעץ געהערט. נאָר ווו? דאָס קאָן ער זיך בשום אויפן נישט דערמאָנען. ער איז אים אַזוי קענטלעך! אַזוי קענטלעך! און דאָס קול זײַנס איז אים אַזוי באַקאַנט. גוואַלד! וווּ האָט ער זיך מיט אים באַגעגנט? ! ... און ער הייבט זיך אויף נאָך אַביסל העכער, דערזעט אים דער רויטער האָן און ציט אוים אויף זײַן הילכיקער סאָפּראַן־שטימע:

קוקאַריקו, לאַנגע נאָז!
מ׳האָט געשטאָפּט דיך אָן אַ מאָס
מיט די בעסטע זיסע זאַכן,
מע זאָל קאָנען פון דיר מאַכן
אַ געבראָטנס מיט אַ קראָפּ,
פעטע יויך אַ פולן טאָפּ,
און אַ העלדזל אינעם צימעס ...

נישט באַשערט געווען אונדזער רויטן משורר צו ענדיקן זײַן לידל. עמעצנס אַ האַנט האָט אים אַ נעם געטאָן מיט אַזאַ כוח און אַזוי אומ־געריכט, אַז עס האָט אים מיט אַמאָל אָפּגענומען דאָס לשון.

ט.

דער לעצטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע.

דאָס איז געווען אַ משונה־ווילדער נפֿש מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן פּנים, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע פּאות, אין שיך און זאָקן, אונטערגעשטעקט די פּאָלעס, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, מיט אַ שוואַרץ גלאַנצנדיק מעסער אין האַנט. נישט לאַנג געטראַכט, טוט ער אַ נעם דעם רויטן האָן צו זיך, פֿאַרדרייסט אים דאָס קעפּל אַרויף, טוט אים אַ קוק אין די אויגן אַרײַן, פֿליקט אים אויס דרײַ פֿעדערלעך, כיק מיטן מעסער איבערן האַלדז און — מאַרש! — אַ שלײַדער פֿון זיך גלײַך אין דער בלאָטע אַרײַן. ווי אַ פֿריטשמעלעטער בלײַבט נעבעך ליגן דער האָן אַ ווײַלע, און פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף און לאָזט זיך לויפֿן מיטן איבערגעשניטענעם האַלדז, דרייט מיטן קאָפּ, גלײַך ווי ער זוכט עמעצן, גלײַך ווי ער האָט עפּעס פֿאַרלאָרן. אונדזער העלד קוקט זיך אײַן אין דעם געקוילעטן האָן און דערקענט זײַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס ער האָט אַמאָל געזען אין חלום, און ער דערמאָנט זיך דאָס לידל, וואָס דער חברה־מאַן האָט אים דעמאָלט געזונגען. און ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען צו זײַן געליבטער, וואָס ליגט נעבן אים שטאַרק צוגעטולעט צו זײַן לײַב און ציטערט און צאַפּלט מיט אַלע איברים... און דער ווילדער נפֿש מיטן גלאַנצנדיקן מעסער טוט זיך זײַן אַרבעט גאַנץ קאַלטבלוטיק, ווי אַן אמתער תּלין. איינס נאָכן אַנדערע פֿליִען בײַ אים די עופֿות. אַלע כאַפּן אַ קיצל מיטן מעסער איבערן האַלדז און אַ שלײַדער אין בלאָטע אַרײַן. אַנדערע ציִען זיך אויס, גייען־אָפּ מיט בלוט, דריגען מיט די פֿיסלעך, פּאַטשן מיט די פֿליגלען איבער דער בלאָטע. אַלע מינוט קומען־צו נאָך און נאָך קרבנות מיט איבערגעשניטענע העלדזער. די ווײַבלעך מיט די מיידלעך, וואָס שטייען בײַ דער זײַט, קוקן און — גאָרנישט. אדרבה, אייניקע פֿון זיי פֿאַלן אַרויף אַף די געקוילעטע, נאָך לעבעדיקע עופֿות און פֿליקן זיי און רײַסן פֿון זיי די פֿעדערן, און בעת מעשה ריידן זיי זיך איבער און ווערטלען זיך און לאַכן, גלײַך ווי דאָ וואָלט זיך געגאָסן וואַסער, נישט קיין בלוט פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן!... ווו זײַנען זייערע אויגן? ווו זײַנען זייערע אויערן? ווו זײַנען זייערע הערצער? זייער יושר? זייער גאָט?...

אזוי טראַכטן זיך אונדזערע צוויי אומגליקלעכע אינדיאַנער, וואָס ליגן נאָך אַלץ געבונדן, און קוקן זיך צו צו דער דאָזיקער מוראדיקער טראַגעדיע, צו דער דאָזיקער אומגעהערטער רציחה אין מיטן העלן טאָג. שוין־זשע האָט מען זיי געבראַכט אַהער צוליב דעם זעלבן צוועק, וואָס אַלע עופות, געגנדז און קאַטשקעס? שוין־זשע וועלן זיי, די אויסדער־וויילטע, די מיוחסים, וואָס שטאַמען פון אינדיע, האָבן אַזאַ וויסטן סוף גלײַך מיט דעם דאָזיקן פּראָסטן עולם? איז דאָס, אַפּנים נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, וואָס מע דערציילט זיך אָן וועגן די ווילדע מענ־טשן? און די נביאות פונעם רויטן האָן?...

און זיי הייבן אָן פאַרשטיין דעם קאַלטן נאַקעטן אמת, און עס ווערט זיי קלאָר אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געהערט, אַלצדינג וואָס זיי האָבן געזען ביז אַהער. נאָר איין זאַך קאָנען זיי נישט צעקײַען: צו וואָס האָט די טערקישע שאַל אַלעמאָל זיך באַרימט, אַז גאָט מעג איר העלפן דערפאַר, וואָס זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט אַזאַ פּאַרפּאָלק אויף פּסח?... אָט דאָס וויל גאָט? דאָס איז אים ליב? אַך, וואָס פאַר אַ בייזער גאָט דאָס דאַרף זײַן בײַ אָט די ווילדע מענטשן!...

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען אונדזערע שטאָלצע אינדיאַנער. דאָס געליבטע פּאָרפּאָלק, געלעגן אויף דער ערד, ווי צוויי פּשוטע געקוי־לעטע אינדיקעס. זיי האָבן אַרויפגעלייגט איינס אויף דאָס אַנדערע זייע־רע איבערגעשניטענע נאָך וואַרעמע העלדזער און האָבן אויסגעזען פון דער ווייטן, ווי זיי שלאָפן און חלומען זיסע גאָלדענע חלומות. אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק:

הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו — די ליבע און געטרײַע סײַ בײַם לעבן, סײַ בײַם טויט האָבן זיך נישט געשיידט.

געשריבן אין יאָר 1909

פעסעלע דעם רבינס

א.

קורץ־פרײטיק און שבת־הגדול.

אזוי האָט מען זיי גערופן.

אים — דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ קלײנטשיקער און אַ קור־צינקער, און זי — דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ הויכע און אַ לאַנגע.

אַ הויכע, אַ לאַנגע, נאָר אַ דינע, אַ דאַרע, אַ טרוקענע — אַ לולב!

אַז זי פּלעגט אים דאַרפן זאָגן אַ סוד („אוי, באַגראָבן זאָל איך דיך מיט די קורצע פיס"!), פּלעגט זי מוזן מחילה זיך אָנבייגן, אַראָפּלאָזן זיך מיט עטלעכע, גראַד נידעריקער. אַראָפּנידערן צו אים; און ער האָט דאָס פּײַנט געהאַט האָרכן, פּלעגט ער זיך בייגן; פּלעגט זי זיך דאַרפן נאָכבייגן; פּלעגט ער זיך אָנבייגן נידעריקער; פּלעגט זי מוזן זיך בייגן נידעריקער; פּלעגט ער זיך אָנבייגן נאָך נידעריקער; פּלעגט זי מוזן זיך אָנבייגן נאָך נידעריקער:

— אוי, באַגראָבן זאָל איך דיך מיט די קורצע פיס!...

מיט איין וואָרט: זי איז אים דערגאַנגען די יאָרן, און ער האָט געשוויגן. און מיר, חדר־ייִנגלעך, שקצים, קונדסים־עכברושים, האָבן גע־האַט די גרעסטע נקמה.

פאַרוואָס?

דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז דערגאַנגען די יאָרן, געמור־טשעט מיט דער גמרא, געבראָכן די ביינער, געשמיסן, געשמיסן, גע־שמיסן... איר געדענקט דאָך די מעשה וואָס אין פּרק: „פעם אחת — איינמאָל האָט ער דערזען אַ קאָפּ פון אַ מענטשן טוט שווימען אפן ים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָנגערופן צו דעם קאָפּ: על דאטפת

— דערפֿאַר וואָס דו האָסט יענעם דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונ־קען, און דער סוף פֿון דײַנע טרינקער — זיי וועלן אויך דערטרונקען ווערן"... נאָר איך קער זיך אום צוריק צום „קורץ־פּרײַטיק און „שבת־הגדול".

ער איז געווען, ווי איר שטויסט זיך שוין אָן מסתמא, אונדזער רבי, און האָט געהייסן רב זרחל, און זי איז געווען אונדזער רביצן, און האָט געהייסן זרחליכבע.

ער האָט געקנעלט מיט אונדז פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, געהאַקט האָלץ, זיך אײַנגערעדט דאָס געזונט, פֿאַר עטלעכע קאָר־בן אַ זמן, און זי האָט געבאַקן בלינעס מיט לאַטקעס פֿון אונדזערטוועגן, רעטשאַניקלעך, באַבקעלעך און קאַרזשעס אַף צו פֿאַרקויפֿן.

צי האָט זי געהאַט דערפֿון פּרנסה, — דאָס קאָן איך אײַך ניט זאָגן; נאָר אַז מיר, הדר־יינגלעך, שקצים, קונדסים־עכברושים, האָבן איר אָנגעפּײַפּט אין חשבון — דאָס בין איך אײַך ערב. וואָרעם איטלע־כער האָט גענומען אַף באָרג, און יעדער פֿון אונדז האָט געהאַט בײַ איר קרעדיט ביז אַ געוויסער „ציפֿער", און איטלעכן האָט זי געגלייבט אַף נאמנות.

מע האָט באַדאַרפֿט האָבן אַ האַרץ פֿון אַ טאַטער, מע זאָל זרחלי־כען אָפּנאַרן! און ווער האָט נאָך אַזוי געקענט זרחליכען, ווי איך האָב זי געקענט?

אַז בסך־הכל האָב איך בײַ איר געגעסן קעסט, וואָרעם איך בין געווען אַ דאָרפֿסיינגל, האָב איך זיך אָנגעזען, ווי זי האָרעוועט נעבעך. שטייט אויף פֿאַרטאָג, ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, נעמט זיך צו דער באַקדייזשע אָדער צו דער מולטער, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און קנעט גאַנץ געשמאַק מיט ביידע לאַנגע דאַרע טרוקענע הענט, און דאָס טייג מאַכט טיאַך־טיאַך, און די מולטער קרעכצט, און זי אַליין קרעכצט, שטעלט זיך אָפּ אַלע מאָל, טוט אַ וויש דעם שווייס מיטן עלנבויגן פֿון אונטן אַרויף און לאָזט אַרויס אַ טיפֿן־טיפֿן: „אוי, רבונו־של־עולם־מאַ־מע־זיסע־האַרציקע־געטרײַע!"...

הערט איר? איך האָב געוווּסט וואָס באַדײַט אָט דער דאָזיקער „רבונו - של - עולם - מאַמע - זיסע - האַרציקע - געטרײַע!" אָט דאָס איז דער פּשט פֿון דעם: די מעל איז גענומען געוואָרן בײַ גנעסי די מיטניטש־קע אַף באָרג ביז דאַנערשטיק, און די סחורה וועט זי צעטיילן אַף באָרג,

און גאָט ווייס, אויב עס וועט איר אומקערן זיך צוריק דאָס געלט ביז דאָנערשטיק, און גנעסי די מיטניטשקע וועט נישט שווײַגן, גנעסי די מיטניטשקע האָט אַליין אויך גענומען די מעל ביז דאָנערשטיק, און אַז מע זאָגט דאָנערשטיק, באַדאַרף זײַן דאָנערשטיק, וואָרעם אַ מויל איז ניט קיין כאַלעווע, און דאָנערשטיק איז גלאַט אַ גוטער טאָג, דאָנערשטיק הייסט שוין ערב שבת, דער טאָג וואָס מע באַדאַרף אָנקומען צום מאַן נאָך געלט, און אַז אָך און ווי איז דעם „שבת־הגדול", אַז ער באַדאַרף זיך אַראָפּלאָזן צום „קורץ־פּרײַטיק" בעטן אַף שבת, און אַז אָך און ווי איז דעם „קורץ־פּרײַטיק" אַז דער „שבת־הגדול" קומט אים מאָנען אַף שבת — אַז אָך און ווי איז זיי ביידן!...

אָט דאָס האָט באַדײַט דער רביצנס „רבונו־של־עולם־מאַמע־זיסע־האַרציקע־געטרײַע"...

און אפשר האָט איר „רבונו - של - עולם - מאַמע - זיסע - האַרציקע־געטרײַע" געהאַט אַן אַנדער טעם? אפשר איז דאָס גאָר געגאַנגען אַף אַנדערע צרות? און צרות האָט זי געהאַט גענוג, ניט צו פאַרזינדיקן!

ערשטנס איז זי אַליין געווען, לא עליכם, נישט קיין געזונטע. פלעגט הוסטן שטילערהייט, אַז קיינער זאָל ניט זען; צווייטנס, האָט זי געהאַט יסורים פון פּעסעלען, איר עלטערע טאָכטער, אַ מיידל שוין אין די יאָרן, מיט פלאָם־פײַעריקע האָר און מיט קלײַען אַפן פנים, וואָס קיינער וויל זי ניט נעמען — וואָס וועט זי אויסזיצן?... הײַנט „באַשעפעניש" — דאָס איז דאָך גאָר אַן אומגליק! „באַשעפעניש" איז געווען אַ הויקער, אַ פאַרזעעניש, אַן הענט, אַן פיס, אַן אַ צונג, אַן לײַב און לעבן — אַז אָך און ווי איז צו אַזעלכעס, וואָס איז גאָר געבאָרן געוואָרן. אַז אָך און ווי איז צו אַזעלכעס, וואָס לעבט גאָר אַף דער וועלט!...

נאָר מיט „באַשעפעניש" וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען אַמאָל, און מיט פעסעלען וועלן מיר זיך אויך אינגיכן באַקענען. דערווײַל קערן מיר זיך אום צוריק צום „קורץ־פּרײַטיק" און „שבת־הגדול".

אַ ביטערע רחמנות איז געווען נעבעך אַף זרחליכען, אַז זי אַליין האָט באַדאַרפט רעשטשינען, קנעטן, זעצן, באַקן, בראָטן זיך באַם אויוון, אַליין טראָגן וואַסער, אַליין ברענגען האָלץ, אומעטום אַליין, נישטאָ קיין הילף פון קיינעם! פון וועמען? זרחל קנעלט, פעסעלע זיצט אין לערנט גלײַך מיט אַלע קינדער, זי איז דאָך אַ ווילקענעווודיקע, אַ מאַנצבילשער קאָפּ אַף איר, און „באַשעפעניש" זיצט צווישן אויוון אין אַ

ווינקעלע .די פיסלעך אונטער זיך, און ווארט ביז מע וועט איר אונ־טערטראָגן עפּעס, אַרײַנרוקן אין הענטל אַרײַן: „נאַ, באַשעפעניש, ווארג זיך!"...

אָט דאָס, אפנים, האָט באַדײַט דער „אוי, רבונו־של־עולם־מאַמע־זיסע־האַרציקע־געטרײַע"... און אפשר איז דאָס גאָר געגאַנגען דער־רויף, וואָס פּעסעלע איז געווען איגנאַנצן אָף זײַן זײַט, אַפן פאָטערס צד־הייסט דאָס, און זיי ביידע, פּעסעלע און זרחל, זײַנען איר תמיד געווען אַף קידער־ווידער?

— דאָס טאַטעלע מיטן טעכטערל! באַגראָבן זאָלט איר זיך ביידע אין איין גריבל!

פּעסעלע האָט ליב געהאַט דעם פאָטער, און דער פאָטער האָט ליב געהאַט פּעסעלען — דאָס איז געווען אַ מאָדנע, אַ שטילע ליבע.

קיינער פון אונדז האָט ניט געהערט, זיי זאָלן זאָגן אַמאָל איינער דעם אַנדערן אַ גוט וואָרט. אדרבה. ער פלעגט זיך מיט איר שאַפן ניט ווי מיט אַ טאָכטער, נאָר ווי מיט אַ דינסט:

— הער נאָר דו!...

נאָר אין די אויגן האָט מען אַרויסגעזען, אַז ער האָט זי ליב, שטאַרק ליב, אַז ער קאָן זיך אָן איר ניט באַגיין.

אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ בייז פינצטער לעבן באַם ווײַב? און אפשר דערפאַר, וואָס פּעסעלע איז געווען אַ געראָטענע, גע־האַט אַף זיך אַ מאַנצבילשן קאָפּ און געקאָנט גוט לערנען? און אפשר דערפאַר, וואָס פּעסעלע האָט געוווסט דעם טאַטנס אַלע גענג, געטראָפן אַלע מאָל וואָס ער וויל, אונטערגעטראָגן אים צו דער צײַט די יאַרמלקע, דעם קאַנטשיק, דאָס פּושקעלע טאַבעקע, אָדער אַ טרונק וואַסער?

— דאָס טאַטעלע מיטן טעכטערל! — פלעגט זאָגן די רביצן. — ער זאָל בעסער אין זינען האָבן אַ שידוך טאָן מיט איר, קריגן עפּעס אַ חתן פון אירעטוועגן!...

דער רבי האָט איר דערויף געענטפערט נאָר מיט אַ זיפץ. ווי איי־נער רעדט: „קריגן עפּעס אַ חתן? גיי קריג, אַז סע קריגט זיך ניט!"...

אַף אַלצדינג איז אָבער פאַראַן אַ צײַט. יעדער שטיקל סחורה ליגט זיך אוים, ביז סע קומט דער רעכטער קונה. און ס'איז נישטאָ דאָס מיידל אַף דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן איר זווג. קיין ייִדישער מאַ־נאַסטיר, ווייסט איר דאָך, איז ניט פאַראַן...

געקומען אַ צײַט אויף פּעסעלען, געקומען אַן „אויסכאַפּעניש" אויף איר. אַזוי האָט געזאָגט די רביצן. נאָר אין אמתן איז דאָס געווען אַ באַשערטע זאַך. און אויב איר ווילט וויסן, איז דאָס געווען אַ ראָמאַן, אַן אמתער ראָמאַן — שעמט זיך ניט, אַ ראָמאַן מיט אַ „פֿאַרליבעניש", מיט אַ „פֿאַרקאַכעניש", מיט אַלע זיבעצן זאַכן, אַ ראָמאַן מיט אַלע פּי־טשעווקעס.

נאָר דערויף איז בײַ מיר פֿאַראַן אַ באַזונדער מעשה.

ב.

אָוועקגעפֿאָרן.

אַ הויכער, נאָר אַן אײַנגעבויגענער, אַ געשטופּלט פּנים, נאָר גוטע גרויע אויגן, אַ יונגערמאַן, נאָר מיט גרויע האָר — אָט האָט איר אַ פּאָרטרעט פֿון פֿײַוול קאַראַביינער, אָדער, ווי מע האָט אים גערופֿן בײַ אונדז אין כתרילעווקע, „פֿײַוול כל־בוניק".

און גערופֿן האָט מען אים „כל־בוניק" ניט אומזיסט: בײַ אים אין דער קאַראַבקע האָט זיך געפֿונען פֿון כל־בו: קנעפּ און קנעפּלעך, נאָדלען און נאָדל־טעשלעך, גאַרעס און זײַד און סטענגעס און טאַשמעלעך און פֿאָדעם און באַוועלעך, יאַרמלקעס און קליידלעך, און שטיקלעך זײַד אַלערליי סאָרטן, און נאָך אַ סך מינים סחורה, וואָס איז שווער אַלצדינג זיך אָנגעדענקען און אויסרעכענען אויפֿן קאָפּ.

אַ יום־טוב איז געווען בײַ אַלע ווײַבער און בײַ אַלע מיידלעך, אַז מע האָט דערהערט, אַז פֿײַוול כל־בוניק איז געקומען, און פֿאַר אונדז חדר־ייִנגלעך, שקצים, קונדסים־ עבֿברושים, איז דאָס געווען אַ צווייענדי־קער יום־טובֿ: ערשטנס, איז פֿײַוול כל־בוניק מיט דער קאַראַבקע גלאַט אַ יום־טובֿ, און צווייטנס, ווײַבאַלד פֿײַוול כל־בוניק איז דאָ, וועט מען פֿאַרשפּאָרן לערנען כאָטש אַ פּאָר שעה, מע וועט זײַן „פֿרײַ". פֿאַרוואָס? דערפֿאַר, ווײַל דער רבי רב זרחל האָט ליב האָרכן נײַעס, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, און ווער ווייס נאָך אַזוי וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, ווי פֿײַוול כל־בוניק, וואָס שפּאַרט־אָן מיט זײַן קראָם מי יודע ווו, אַלע מײַזנלעכער?

נײַס האָט פּײַוול כּל־בוניק געבראַכט צו פירן אַלע מאָל גאַנצע פּעק. „אוצרות מיט נײַסן", און נישט אַזוי די נײַס אַליין, ווי דאָס דערציילן זײַנס. איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? דערציילן נײַס באַדאַרף מען קענען; און פּײַוול כּל־בוניק האָט געקאָנט דערציילן. אין זײַן דער־ציילן איז געלעגן אַ מין טאַלאַנט, אַ כּח המושך, וואָס האָט צוגעצויגן און געצויגן זיך אָן אַן אָפּשטעל און אָן אויפהער, און אייביק, דאַכט זיך, אייביק וואָלט איר אים געוואָלט האָרכן, קיינמאָל נישט נמאס געוואָרן.

— וואָס הערט זיך נײַס, פרעגט איר? אוי, סע הערט זיך ניט גוט!
— אַזוי פלעגט פּײַוול כּל־בוניק אָנהייבן שיטן און צעפּאַקעווען בשעת מעשה די קאַראַבקע און צעלייגן זיך מיט דער קראָם. — נישט גוט הערט זיך מיט אונדזערע ייִדעלעך, אחינו בני ישראל!... אָט פאַר איך פון זיטאָמיר פאַר איך, דאָס הייסט, ניט פון זיטאָמיר — ניט ווײַט פון זי־טאָמיר. טשידנעוו איז פאַראַן אַ שטעטל, אויב איר האָט געהערט, טשיד־נעוו... איז דאָרטן פאַראַן אַ רב אין טשידנעוו, איז דער דאָזיקער רב דער טשידנעווער אַליין אַן אונדזעריקער, אַ מאַלעראַסיער, פון מאַלע־ראַסיע איז ער — מאַלעראַסיע איז ניט ליטע, אין מאַלעראַסיע איז ניטאָ אַזעלכע אָרעמעלײַט, ווי אין דער ליטע; באַ אונדז, אַז סע מאַכט זיך אַן אָרעמאַן, איז ער אַן אָרעמאַן, און באַ אײַך אין דער ליטע אַן אָרע־מאַן, עס זאָל אײַך צו קיין חרפּה ניט זײַן, איז טאַקע אַן אָרעמאַן, וואָס אַן אָרעמאַן הייסט; איך האָב אַזעלכע אָרעמעלײַט, ווי באַ אײַך אין דער ליטע, נישט באַגעגנט אין ערגעץ ניט. איך בין שוין אויסגעפאָרן אַ שטיקל וועלט. איך בין שוין געווען אומעטום, אי אין דער ליטע, אי אין פּוילן, אי אין טיף־פּוילן, אין ראַדאָם און אין לאָדז און אין וואַר־שע. אוי וואַרשע! לעבן זאָל וואַרשע! אַ טײַערע, אַ גאָלדענע שטאָט, אָט דאָס וואַרשע! און וואָלוול, בזיל הזול!... דאָרט אַן אָנבײַסן, מיט זעמעלעך פון געבײַטלטער מעל, וואָס צעגייט אין מויל, ווי אַ פּוטער; איך וואָלט, דאַכט מיר, אייביק געזעסן אין וואַרשע וואָלט איך, ווען ניט די שפּראַך זייערע, וואָס איז שווער צו כאַפּן, מחמת זיי ריידן מאָדנע און גיך־גיך, צום מיינסטן. מיט פּתחן אַ סך און מיט אַ ניגון: „אַנײַ! וואַי! יאַך זאָל אַזוי לײַבן!"... און אַלע הייסן באַ זיי דאָרטן „איטשמאַיר", אַלע איין נאָמען, נאָך זייערן אַ גוטן ייִדן איצי־מאיר, אַזוי ווי אין באַרדיטשעוו הייסן אַלע לוי־יצחק, נאָך רב לוי־יצחקן דעם

באַרדיטשעווער רב, וואָס איז געווען אַ שם־דבר, וואָס נאָך עד היום דער־צײלט מען זיך אָן פון אים אַ סך שיינע מעשיות; למשל, מע דערציילט, אַז . . .

— טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג מעשיות? — שלאָגט אים אי־בער סאָמע אין מיטן זרחליבע די רביצן. — וואָס קאָסט באַ אײַך אַ פּערטל טוו? קנעפּלעך ווײַסע מיט פאַרהאַרטעוועטע לעכלעך?

און פּײַוול כל־בוניק פאַלט ניט אַראָפּ באַ זיך דערמיט, וואָס מע האָט אים איבערגעהאַקט אין מיטן, ער באַווײַזט דער רביצן אַלערליי קנעפּלעך, ווײַסע און ניט קיין ווײַסע, מיט פאַרהאַטעוועטע און ניט קיין פאַרהאַטעוועטע לעכלעך, און רעדט ווײַטער. ער שיט ווי פון אַ זאַק, עס גיסט זיך באַ אים, ווי פון אַ פאַס, און עס ציט זיך באַ אים אָן אָן אָפּשטעל און אָן אויסלאָז, ווי באַ יענעם פּאָקוסניק, וואָס ציט אַלערליי סטענגעס פונעם מויל, רויטע, גרינע, געלע, בלויע, און מע וויים ניט. ווען לאָזט זיך אויס באַ אים רויטע און ווען הייבט זיך אָן גרינע, ווען לאָזט זיך אויס געלע און ווען הייבט זיך אָן בלויע — עס ציט זיך און ציט זיך סטענגעס, עס שעמערירן אין די אויגן סטענגעס, אַ גאַנצער באַרג מיט סטענגעס. אָן אָן עק סטענגעס און סטענגעס און סטענגעס . . .

ויהי היום, האָט זיך געטראָפן אַ מעשה: פּײַוול כל־בוניק האָט אוועקגערופן דעם רבין אַף אַ סוד און האָט זיך אָפּגעסודעט מיט אים אַקעגן אַ שעה צוויי; בשעת מעשה האָט פּײַוול זיך געווישט דעם שטערן מיט אַ גרויסער רויטער פאַטשיילע — עס האָבן פון אים גערונען טײַכן שוויים. און דער רבי רב זרחל איז געווען מאָדנע צעטראָגן, שטאַרק צע־פלאָכטן און פאַרטראַכט, כמעט ניט געהערט וואָס מע רעדט צו אים. און אַז די רביצין איז געקומען פונעם מאַרק, האָט זי דער רבי אוועקגע־רופן אַף דעם אייגענעם אָרט, וווּ ער האָט זיך געסודעט מיט פּײַוולען, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, האָט זיך געלאָזט הערן אַ געשריי: „סע קאָן ניט זײַן? !״ . . . און באַלד האָט דער רביצינס פּנים זיך אָנגע־צונדן מיט אַ מאָדנע פײַערל, מיט אַ מין שײַן, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג אַף איר פּנים אַזעלכעס ניט געזען.

— הײַנט לאָז איך אײַך פרײַ, הײַנט לערנט מען ניט! — האָט אונדז דער רבי געגעבן צווויסן און צעלאָזט דעם גאַנצן חדר, און נאָר איך איינער, דעם רבים קעסט־קינד, בין געבליבן. און דער גאַנצער חדר האָט מיר מקנא געווען, וואָס איך וועל זײַן דערבײַ.

וואָס „דערבײַ" — האָט קיינער ניט געוווּסט; נאָר פֿאַרשטאַנען האָט מען, אַז דאָ מוז עפּעס זײַן, אַ שׂמחה אָדער אַזוי אַ מין זאַך, וואָס ס'איז כּדאַי דערבײַ צו זײַן.

און איך בין דערבײַ געווען...

קודם־כּל האָט זיך די רביצין אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, אַ מכּה איז מיר, ניטאָ קיין לעקעך!

האָט איר דער רבי געענטפֿערט:

— למאַי, ס'איז קיין בראָנפֿן אויך ניטאָ?

האָט זיך אַרײַנגעמישט פֿײַוול כּל־בוניק אַליין:

— דאָס נעם איך אױף זיך...

בקיצור, ס'איז געוואָרן אי לעקעך, אי בראָנפֿן, אי פֿאַרבײַסן, און תּיכּף נאָך מעריב זײַנען זיך צענויפֿגעקומען אַ מנין ייִדן פֿון אונדזער בית־המדרש, און בתוכם רב משה־שמואל דער חזן, רב הענעך דער סופֿר און רב עוזר דער שמש, און מע האָט געשריבן תּנאָים:

— ה"ה החתן מוהר"ר... — אַזוי האָט געלייענט רב הענעך דער סופֿר מיט אַ ניגון. — מוהר"ר, מוהר"ר...

דאָ האָט זיך רב הענעך דער סופֿר אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אױפֿן חתן.

— מוהר"ר שרגא־פֿייביש־געצל ברב נח־מרדכי־ליב.. עם הכּלה הבתולה מרת... מרת...

דאָ האָט זיך רב הענעך דער סופֿר אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אױף דער כּלה.

— מרת פּעסי־לאה־מייטע בת הרב רב זרח־נפֿתּלי־צבי־הירש...

— מרת פּעסי־לאה־מייטע בת הרב רב זרח־נפֿתּלי־הירש... החתונה תּהיה למזל טוב, אם ירצה השם... אם ירצה השם...

דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ שטילע סצענע אָן ווערטער, דהיינו: דער סופֿר האָט אַ קוק געטאָן אױפֿן רבין, דער רבי האָט אַ קוק געטאָן אױף דער רביצין, די רביצין — אױפֿן חתן, דער חתן — אױף דער כּלה, די כּלה — אױפֿן סופֿר, דער סופֿר — אױפֿן רבין, דער רבי ווידער אױף דער רביצין, די רביצין — אױפֿן חתן, דער חתן — אױף דער כּלה, די כּלה — אױפֿן סופֿר, און אַזוי װײַטער... דאָס, ווען מע זעצט איבער אױף ווערטער אין וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ס'ניט איז, וואָלט אויסגעקומען אַזוי:

דער סופר צום רבין: נו? וואָס שווײַגט איר? איר זײַט דאָך דאָ דער מחותן?

דער רבי צו דער רביצין: פונוואַנען זאָל איך וויסן? פרעגט בײַ איר...

די רביצין צום חתן: חתן, וואָס שווײַגסטו? ס׳ווייסן אַלע הוצאות אַף דײַן קאָפּ...

דער חתן צו דער כלה: בײַ מיר האָט מען געפּועלט אַפילו מאָרגן; וואָס זאָגסטו, פּעסעלע?...

די כלה צום סופר: פרעגט דעם טאַטן, כאָטש איך ווייס פריִער, אַז דער טאַטע וועט הייסן אָפּלייגן...

בקיצור, ס׳איז געבליבן, אַזוי ווי ס׳איז ערב ראש חודש, זאָל די חתונה זײַן חצי חודש, דאָס הייסט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, וואָרעם ווי־ניט־ווי — עפּעס דאַרף מען דאָך אויפנייען, עפּעס דאַרף מען דאָך צוגרייטן... און אַז מע האָט צעבראָכן דעם טעלער און געזאָגט: „מזל טוב! מזל טוב!״ — האָב איך באַמערקט, אַז דער רבי רב זרחל איז געוואָרן טויט, ווי אַלע טויטע; אַזוי ווי דער טעלער האָט זיך צע־בראָכן, אַזוי האָט זיך בײַ אים דאָס האַרץ צעבראָכן אַף שטיקלעך... איך האָב אַליין געהערט פון אים, ווי ער האָט אַ זאָג געטאָן צו רב משה־שמואל דעם חזן באַם ערשטן גלעזל בראָנפן, וואָס פון איין קוק אַף דעם איז ער שוין געווען בגילופֿין:

— קומט אַ פרעמדער ייִד און כאַפּט אויס דעם קוילעטש — וואָס? ווער? ווען? אַך־אַך־אַך!...

— עט, — האָט אים אָפּגעענטפערט רב משה־שמואל דער חזן, וואָס האָט שוין העכער אַ האַלב גלעזל בראָנפן אָפּגעטרונקען און די צונג האָט זיך אים שוין עפּעס ווי געפּלאָנטערט. — עט, מילא, בע! גאָט זאָל געבן נחת פון דערוויטן... אם ירצה השם, ישועות ונחמות אַפן כלל, כלל ישראל!...

— אַי, שוין צײַט, שוין צײַט! שוין לאַנג צײַט! — האָט אונטער־געהאַלטן רב העניך דער סופר, געקוקט אַפן גלעזל און אַפן פלעשל שטאַרק דיפּלאָמאַטיש, אַפּנים, זייער געהאַט חשק, מע זאָל דאָס אים אָנגיסן נאָכאַמאָל...

— אָמן! — האָט זיך אָנגערופן רב עוזר דער שמש, וואָס וויל ניט

וויסן פון קיין שום מעשיות, און האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל אָן צע־רעמאָניעס גלײַך אין מויל אַרײַן.

און חתן־כּלה זײַנען געזעסן אויבנאָן, איינס נעבן דאָס אַנדערע גאַנץ נאָענט, אַזוי נאָענט אַזוי פעסט, אַז איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט אַרײַנשטופּן זיך צווישן זיי אינמיטן; נאָר פון דערווײַטן האָב איך גאַנץ גוט געזען, — איך האָב נישט קיין נידעריקע ראיה — אַז א י ר האָנט איז געווען אין ז ײַ ן האַנט; עס האָט איר געפלאַמט דאָס פּנים; די אויגן האָבן איר געברענט. זי האָט מיטאַמאָל באַקומען חן, געוואָרן שיין. שיין ווי די וועלט! ווו זײַנען אַהינגעקומען אירע רויטע האָר? ווו האָבן זיך באַהאַלטן אירע קלײַען פונעם פּנים? זי איז געוואָרן, זאָג איך אײַך, מלא חן!...

און נישט נאָר יענעם אָפּדערנאַכט — די גאַנצע צײַט, וואָס מע האָט זיך געגרייט צו דער חתונה, האָט פּעסעלע געשײַנט ווי די זון אום תמוז, געוואָרן פון טאָג־צו־טאָג שענער און שענער. נאָר דעם טאָג פון דער חופּה איז זי שוין געווען ניט דאָס, מחמת זי האָט געוויינט, שטאַרק, שטאַרק געוויינט, געגאָסן, ווי א ברערזענע. אפשר האָט איר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זי וועט ניט מאַכן קיין גרויס גליק מיט איר אויסדערוויילטן באַשערטן?... און אפשר האָט איר באַנג געטאָן דער פאָטער, וואָס בלײַבט אַליין, עלנט ווי א שטיין?...

נאָר אויב פּעסעלען איז געווען שווער זיך צו שיידן מיט איר פאָטער, איז דעם פאָטער געווען טויזנט מאָל שווערער זיך שיידן מיט זײַן טאָכטער! דער רבי רב זרחל האָט ניט געוויינט, — וואָס איז ער א ייִדענע, ער זאָל וויינען? דער רבי רב זרחל איז גלאַט אויסגעגאַנגען שטילערהייט, געצאַנקט ווי א ליכט.

אַז מע האָט געהאַלטן באַם געזעגענען זיך, איז פאָרגעקומען אַזאַ מין סצענע: די פּעקלעך — א י ר בעטגעוואַנט מיט די מלבושים און ז ײַ ן קאָראַבקע מיט סחורה — זײַנען שוין געווען אײַנגעפּאַקט אינ־איינעם און געלעגן אין וואָגן; פּײַוול כּל־בוניק איז געשטאַנען מיט איין פוס אַף יענער זײַט שוועל און געוואַרט, אַז פּעסעלע זאָל גיין קריכן אין בויד אַרײַן; די רביצין איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי לאַנג זי איז, צע־נויפגעלייגט די הענט אַפן האַרצן, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף צוויי פינ־גער און געקוקט אַפן רבין מיט א מאָדנעם קוק, ווי איינער רעדט: „באַ־

גראָבן זאָל איך דיך מיט דײַנע קורצע פיס, וועסט זיך אַמאָל געזעגע־נען מיט איר, צי ניין?״ . . .

דער רבי רב זרח'ל האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער קוק באַדײַט און האָט אַ זאָג געטאָן צום איידעם, צו פּײַוול כל־בוניק, מיט אַ קול פון אַ שטשערבאַטן טעפּל:

— המ. . . נו. . . המ. . . ווילן מיר זיך, הייסט דאָס אָנהייבן אָפּ־געזעגענען?

— זײַט געזונט, שווער! זײַט געזונט, שוויגער!

— פאָר געזונט! פאָר געזונט!

— זײַ געזונט, מאַמע. . . זײַ געזונט, טאַטע! . . .

אַט דאָ האָט זיך פּעסעלע, אַן אָנגעטאָנענע, אַן אײַנגעוויקלטע אין צוויי שאַלן, מיטאַמאָל געגעבן אַ ריס, אַרויפגעפאַלן דעם פאָטער אויפן האַלדז מיט אַ געוויין, מיט אַ יאָמער, מיט אַ געשריי:

— טאַ־טע! . . . זיסער, טײַערער טאַטע! . . .

וויפל מענטשן עס זײַנען בשעת מעשה געווען אין גאַס האָבן אַלע געוויינט: פּעסעלע און דער רבי און די רביצין, און פּײַוול כל־בוניק, און איך, און רב לייזער דער בעל־עגלה, וואָס איז געזעסן אויף דער קעלנע אָנגעגרייט מיט דער בײַטש, און זײַנע אַלע פאַרשווינען, די וואָס אין בויד און די וואָס פאַרעטש אקעגן, און דוואָסי די שמשטע, דער רביצינס אַ שכנה, אַ קראַנקע נעבעך, און דוואָסים עלטערע טאָכטער זלאַטקע, אַ קאַלטענעוואַטע געלע מויד מיט שוואַרצע ציין, וואָס האָט געהאַלטן אַ קליין קינד אויף די הענט, און אַקולינאַ די גויע, וואָס פאַרשטייט איט־לעכס וואָרט יידיש, און כלאָונע דער שוסטער, וואָס איז געקומען אָפּ־נעמען פאַר די שטיוול פאַריכטן און ס'איז ניט געווען, און גלאַט אַ ייִד, אַ ווילד־פרעמדער גאָר, וואָס איז געגאַנגען פאַרבײַ, האָט ער דערזען, מע פאָרט אוועק, און האָט דערהערט, מע וויינט, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, געזיפצט שטילערהייט און אויך געווישט די אויגן . . .

לייזער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בײַטש: „פּאַשאָל״ — און די פערדלעך האָבן געגעבן אַ ריס דעם וואָגן, און די בויד איז מיט אַ רעש אוועק־אַוועק . . .

לאַנג־לאַנג זײַנען מיר נאָך געשטאַנען אַלע אין דרויסן און גע־קוקט אַהין, ווו די בויד איז פאַרפאַלן געוואָרן, און נאָר אַ סימן פון

שטויב איז געבליבן שטיין אין דער לופט, און אַ ריח האָט זיך געלאָזט הערן פון די פערד און פון די אָנגעשמירטע רעדער.

— אַוועקגעפאָרן! — האָט זיך אָנגערופן דער ווילד־פֿרעמדער ייִד, וואָס איז געגאַנגען פאַרביי, גלײַך ווי ער האָט אונדז דאָ דערציילט עפּעס אַ נײַס, וואָס אָן אים ווייס מען ניט.

— אַוועקגעפאָרן! — האָט אים דער רבי רב זרחל געענטפערט. גלײַך ווי יענער האָט געוואָרט אױף דעם דאָזיקן ענטפער.

— אַוועקגעפאָרן! — האָבן מיר אַלע אַ זאָג געטאָן, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך דאָ אָנגעזאָגט איינס דאָס אַנדערע מי יודע וואָס פאַר אַ בשורה...

געשריבן אין יאָר 1903

באַשעפעניש

— א. —

איינמאָל אין אַ פרײַטיק, זומער איז דאָס געווען, זײַנען מיר גע־גאַנגען פון חדר אַהיים עטלעכע יינגלעך מיטאַמאָל. געגאַנגען זײַנען מיר גיך, כמעט געלאָפן, וואָרעם, ערשטנס, האָט מען אונדז געלאָזט פרײַ אַף שבת אַהיים, און, צווייטנס, זײַנען מיר געווען הונגעריק און אַף אונדז האָט געוואַרט אַ היים ראָסלפּליישל מיט פרישער שמעקעדי־קער חלה.

פּלוצים האָט איינער פון אונדזער חברה אויסגעשריגן אַף אַ קול: „אוי, אַ פייגעלע!" — און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

ווי אַ קנײַלעכן איז געזעסן אַף דער ערד, מיטן קעפּעלע אַרויף, אַ קליין יונג פייגעלע, מיט נאָך גאָר אַ געל פּיסקעלע. דאָס פייגעלע האָט נעבעך געציטערט. צעלאָזט די פעדערלעך, געטרייסלט זיך, געפּלאָטערט. געמאַכט מיט די פליגעלעך, געעפנט אַלעמאָל דאָס געלע פּיסקעלע, ווי אַ קליין קינד בשעת עס וויל עסן, און אַרויסגעלאָזט אַף אַ הייזעריק קולכל: „פּי!"... און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט בײַ אונדז אַ גאַנץ פּין רחמנות, און מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן: וואָס טוט מען מיטן פייגעלע? דער האָט געזאָגט: מע באַדאַרף דאָס לאָזן זיצן אַף דער ערד, ביז דעם פייגעלעס „מאַמע" וועט קומען. דער האָט געגעבן אַן עצה, מע זאָל דאָס געבן אַ וואָרף אין דער הייך, וועט דאָס אָוועקפליִען. און דער האָט גע־דרונגען, אַז מע באַדאַרף דאָס נעמען אַהיים. נאָר אַז ס'איז אַ רחמנות, אַ „צער בעלי־חיים" — דאָס האָבן אַלע מודה געווען.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אַהיים, פאַרגעסן, אַז מיר

זײַנען הונגעריק, געגומען דאָס האָדעווען, דעם געגעבן וואַסער אײַן פּיסקל אַרײַן — דאָס פֿייגעלע האָט אַזוי לאַנג געציטערט, געפּינטלט מיט די אייגעלעך. געטרייסלט זיך און געפּלאַטערט בײַ אונדז אין די הענט, ביז עס האָט פֿאַרוואָרפֿן דאָס קעפּל אויף אַ זײַט, די אייגעלעך פֿאַרגלאַנצט און... ס'איז געווען טויט.

„אויף וואָס האָט דאָס פֿייגעלע געלעבט? צוליב וואָס און צוליב וועמען איז דאָס באַשאַפֿן געוואָרן? אויף וואָס האָט מען דאָס באַדאַרפֿט אויף דער וועלט?"... — דאָס זײַנען געווען די מחשבות, וואָס האָבן מיר געפּיקט אין מח און האָבן נישט געהאַט דערויף קיין ענטפֿער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן מיר דאָס פֿייגעלע מיט גרויס כּבוד מלוה געווען, אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, אײַנגעוויקלט דאָס פֿייגעלע אין תּכריכים (אין אַ ווײַסער קרײַקע פֿון אַ נאָזטיכל), מקבר געווען דאָס און געשטעלט דערויף אַ צאַם — אַ ברעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט:

ד אָ ל י ג ט ד אָ ס ק ל י י נ ע פ י י ג ע ל ע צ פ ו ר ב ן ב ל ק.

און געחתמעט אַלע נעמען פֿון די, וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין דער קבורה: בערל, יוסיל, דוד, מאָטל, קלמן, געצל...

דער פֿרײַלעכער וואַרעמער זומער איז איבערגעפֿלויגן. געקומען דער נאַסער אָסיען מיט די פֿאַרוויינטע קאַלטע טעג. דער רעגן האָט אַראָפּגעשמיסן די „מצבה", פֿאַרשאַרט דעם קבר, און די מעשה מיטן פֿייגעלע איז פֿאַרגעסן געוואָרן. ווי אַלץ, וואָס די ערד פֿאַרדעקט. נאָר אַמאָל, אַז איך דערמאָן זיך אינעם פֿייגעלע „צפור בן בלק", שטעלט מיר זיך פֿאַר באַשעפֿעניש.

ב.

באַשעפֿעניש איז געווען דעם רבי רב זרחלס אַ קינד, אַ מיידל אַ קאַליקע, אַ הויקער משטיינס געזאָגט. וויפֿל ס'איז אַלט געווען — ווייס איך ניט. נאָר געהאַט האָט דאָס אַן אַלט געקנייטשט פּנימל, צוויי לאַנגע דאַרע הענטלעך, שיטערע הערעלעך, קליינע שוואַרצע, גלאַנצנדיקע מײַזנאייגעלעך. די פֿיסעלעך האָט דאָס געהאַלטן כּסדר אונטער זיך, שטענדיק געזעסן אויף איין אָרט, נישט געקאָנט נעבעך גיין.

און דער אָרט פון באַשעפעניש איז געווען צווישן אויוון, אין אַ ווינקעלע, אויף דער הוילער ערד, — דאָרט האָט דאָס געגעסן, דאָרט האָט דאָס געטאָן אַלצדינג. תמיד געווען שטיל, מע האָט נישט געהערט פון דעם קיין פּיפּס, אַזוי אַז טעג פלעגן אַוועקגיין, גאַנצע טעג, וואָס מע האָט פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַשעפעניש אויף דער וועלט.

האָט מען דעם דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט, האָט דאָס אויסגעצויגן אַ לאַנג טרוקן הענטל מיט דינע, מאָדנע אויסגעבויגענע, טרוקענע פינגערלעך, ווי בײַ אַ מאַלפּע, אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל ברויט און צוגעטראָגן גלײַך צום מויל. און אַ מויל האָט דאָס געהאַט אַזאַ גרויס, אַז אַ גאַנצן עפּל אַרײַנגעכאַפּט און ניט אַרויסגעזען.

— באַשעפעניש! געבן דיר אַ שטיקל צוקער־לעקעך?

— באַשעפעניש! שמאַלץ מיט בולקע וועסטו עסן?

— באַשעפעניש! ניסלעך וועסטו קנאַקן?

— באַשעפעניש! אין קנעפּלעך וועסטו שפּילן?

אַזוי האָבן מיר, חדר־ייִנגלעך, שקצים, קונדסים, עבֿבֿרושים, זיך געריײצט מיט באַשעפעניש. נאָר באַשעפעניש האָט ניט געענטפערט גאָרניט, נאָר אויסגעצויגן אַלעמאָל דאָס דאַרע הענטל מיט די דינע פינגערלעך און געקוקט אין די אויגן אַרײַן, ווי אַ הונגעריק הינטל בשעת מע מיינט, אַז אָט־אָט וואַרפט מען דעם אַ ביינדל.

— אַ שטומע צונג! — האָט אונדז קלאָר געמאַכט יעקבֿ־אליה, דער עלטערער פון אַלע חבֿרים, טאַקע דעם רבינס אַ ייִנגל, אַ נאַרישער בחור מיט געשוואָלענע באַקן. — אַ שטומע צונג, קאָן ניט ריידן, ווייס נאָר עסן, נאָר עסן, תמיד הונגעריק. אַ קישקע אָן אַ דנאָ...

זעלטן־זעלטן האָט זיך באַשעפעניש געלאָזט הערן, אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנע מין געלעכטער, וואָס מע האָט דאָס געקאָנט אָננעמען אי פאַר אַ געלעכטער, אי פאַר אַ געוויין, אי פאַר אַ הוסטן. דעמאָלט פלעגט זיך די רביצין, זרחליבע, צעשרײַען אויף איר:

— באַשעפעניש! וועסט ניט אַנטשטומט ווערן, באַשעפעניש?

באַשעפעניש האָט פאַרשטאַנען, אַז ווײַבאַלד מע רופט דאָס „באַשעפעניש", איז ניט גוט. אַ סימן, אַז עס האַלט בײַ קלעפּ.

און קלעפּ פלעגט באַשעפעניש לייזן אָפט, כמעט אַלע טאָג, און צום מיינסטן — פון דער מוטער. זרחליבע, אַז ס'איז איר געווען אָנגע־

זאָלעט אפֿן הארצן. האָט זי איר גאַנצע ביטערע נשמה אויסגעלאָזט צו באַשעפעניש.

— אוי, באַשעפעניש, באַגראָבן זאָל איך דיך! גוואַלד, וואָס לעבט אַזעלכעס אַף דער וועלט?!

ג.

ליב האָט מען באַשעפעניש קיינער ניט ליב געהאַט, נאָר רחמנות האָט מען אַף דעם געהאַט, און מער פֿון אַלע דער רבי רב זרחל.

— צער בעלי־חיים! — אַזוי פּלעגט ער זאָגן, קוקן אַף דעם פֿון דערווײַטנס מיט גרויס רחמנות און זיפֿצן שטילערהייט, און אַז די רביצין האָט ניט געזען, פּלעגט ער דעם אונטערטראָגן אַמאָל אַ שטיקל ברויט, אַמאָל אַ קאַרטאָפֿלע און אַמאָל אַ טרונק וואַסער. און אַז ער האָט אונדז געזען סמאַצקען אַ קאָפּעקטל, אָדער מיר קנאַקן ניסלעך, פֿלעגט ער אונדז זאָגן, אַז אויב מיר ווילן פֿאַרדינען אַ מצווה, זאָלן מיר באַשע־פֿענישן אויך שענקען אַ פּאָר ניסלעך... די רביצין אַליין פֿלעגט דעם אויך געבן עסן און טרינקען, נאָר געטאָן האָט זי דאָס אָן רחמנות, אָן האַרץ, אַרײַנגעשטופּט עסנוואַרג אין הענטל אַרײַן, ווי איינער זאָגט: נאַ, וואַרג זיך!

די ערשטע צײַט האָבן מיר, חדר־ייִנגלעך, פּאַר באַשעפעניש פּשוט מורא געהאַט, נישט געקאָנט זען פֿאַר זיך דעם הויקער, נישט געקאָנט האָרכן דעם משונה־ווילדן געלעכטער. נאָר וואָס ווײַטער האָבן מיר זיך מער און מער אײַנגעוווינט מיט דעם און מיט דער צײַט איז דאָס גע־וואָרן מיט אונדז „חבר", געקענט איטלעכן באַם נאָמען, און פֿאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, בשעת דער רבי איז געווען אין בית־המדרש און די רביצין אין שטאָט, און מיר האָבן געשפּילט אין „אָבינו־מלך", אין „קאָמער־קאָמער". אין „עקאָך און מקח" וכדומה אַזעלכע שפּילן, וואָס מע קאָן שפּילן מיט מיידלעך און וואָס אפֿילו פּעסל דעם רבינס טאָנצט אין קאָן — האָבן מיר דעמאָלט באַשעפעניש אויך אַרײַנגענומען אין קאָן אַרײַן צווישן חברה, זי זאָל מיט אונדז שפּילן כאָטש פֿון דערווײַטנס. און אוי האָט באַשעפעניש דעמאָלט געקוועלט, געקוועלט! געעפֿנט דאָס גרויסע מוראדיקע מויל אַף אַ מײַל און געלאַכט מיטן וויינענדיקן גע־לעכטערל. און אַרײַנגעקומען דער רבי אָדער די רביצין — **אַזוי איז דאָס**

אַנטשוויגן געוואָרן, ערנסט טרויעריק, פאַרזאָרגט, גלייך ווי גאָרנ'ט געווען.

אַ לשון האָט באַשעפעניש געהאַט — אַ משונה־מאָדנע שפּראַך, וואָס ניט איטלעכער האָט דאָס געקאָנט פאַרשטיין. אַף ברויט האָט דאָס געזאָגט „טויט", אַף וואַסער — „טאַרבערלי", אַף קנעפּלעך — „פענד־לעך", אַף עפּל און אַף קאַרטאָפלעס — „טאָפּעצים", און אַף אַ יינגל — „מעצוצעלי". פאַרוואָס איז אויסגעקומען, אַז אַ יינגל איז „מעצוצעלי" — דאָס ווייס איך ניט...

— מעצוצעלי! מעצוצעלי! נאַ דיר אַ פּענדעלי, דיבע מיר אַ טאָ־פּעצי, אַ טיטעלי אַ טויט...

דאָס האָט געהייסן:

—יינגעלע! יינגעלע! נאַ דיר אַ קנעפּעלע, גיב מיר אַן עפּעלע, אַ שטיקעלע ברויט.

אויך זינגען האָט באַשעפעניש געקאָנט מיט אַ קול פון... אַ פלע־דערמויז. אַז קיינער איז ניט געווען, פלעגט זי עס צעלאָזן, עפענען דאָס ברייטע מױלעכל, אויסציִען דאָס דינע העלדזל און זינגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס קיין מענטש האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, און אויסלאָזן אַלעמאָל מיטן נוסח פון כהנים־דוכנען:

טודעלי הו־הו!
טודעלי הו־הו!

קומט־אָן די רביצין און דערהערט, מע זינגט, — צעשרייַט זי זיך:

— באַשעפעניש, באַגראָבן זאָל איך דיך, האָסט זיך שוין צעזונגען?

דערהערט, די מאַמע בייזערט זיך, באַהאַלט באַשעפעניש דאָס קע־פּעלע צווישן די פּלייצעס, ווי אַ טשערעפּאַשקע, און ווערט אַנשוויגן.

ד.

אין שטאָט איז באַשעפעניש געווען אַ שם־דבר. אַלע האָבן דאָס געקענט, געהאַלטן אין מויל. האָט זיך באַ עמעצן געטראָפן אַן אומגליק, געשטאָרבן פון אַ קימפּעט, אַ כלה פאַר דער חופּה, אָדער אַזוי אַ מענטש, אַ טאַטע פון קינדער, — איז באַשעפעניש געקומען אַפן זינען:

— ווי דען? אַזעלכעס, ווי באַשעפעניש, וועט ניט שטאַרבן! האָט קיין מורא ניט, גאָט ווייס וואָס ער טוט!...

ניט מחמת עמעצער האָט דעם נישט פאַרגונען דאָס לעבן — חס

וחלילה! געוועדט האָט מען פון דעם נאָר מצד רחמנות, און נאָר מצד דעם, וואָס גאָט איז טאַקע אַ גרויסער גאָט און פירט דאָס וועלטל זײַנס מיט פיל שכל און מיט גרוים חסד. נאָר פונדעסטוועגן מאַכט זיך אַמאָל, ער זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד, אַז ער טוט־אָפּ עפּעס נישט אַזאַ גלײַכס, למשל, אָט איז בײַ רב זרחלען אליין געווען אַ יינגל, אַ לוי־יצחק־קל, נאָכן באַרדיטשעווער רב האָט ער געהייסן. איז דאָס געווען אַ לוי־יצחקל אַזעלכעס, וואָס ווען דאָס וואַקסט־אויס — איז גאָט ווייס וואָס פון דעם וואָלט געווען! צו עלף יאָר האָט מיט אים געוויגט זיך די שטאָט. די שטאָט? — די וועלט האָט מיט אים געקלונגען! נו, נעמט ער ניט און שטאַרבט אַוועק אין דרײַ־פיר טעג?

איך מיינט, פון וואָס? דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז פון אַן אָנצינדונג אין מח. רב זרחל האָט געדרונגען, אַז פונעם לערנען — ער האָט צופיל געלערנט. און זרחליכע האָט געטענהט, אַז זיי ווייסן אַלע מער פון אַ טויטן: דאָס קינד, זאָגט זי, איז אַוועקגעגאַנגען נאָר פון אַ גוט אויג. לײַט האָבן איר, זאָגט זי, ניט פאַרגונען... אַן אָרעמאַן דאַרף דען עפּעס האָבן? אפילו קיין געראָטענע קינדער טאָר אַן אָרעמאַן נישט זוכה זײַן!...

פון דעמאָלט אָן איז באַשעפעניש געוואָרן נאָך מער מפורסם אין שטאָט און נאָך מער אומגליקלעך אין דער היים. די מוטער האָט דאָס ניט געקאָנט אָנקוקן, פײַנט געקראָגן, ווי אַ שפּין, „מוקצה מחמת מיאוס", און ניט איינמאָל געשאָלטן דעם מאַן מיט טויטע קללות, למאַי ער שטעלט זיך אײַן פאַר דעם, למאַי ער האָט אַף דעם רחמנות.

— פאָרט אַ צער בעלי־חיים! — פלעגט איר דערויף ענטפערן זרחל. — פאָרט אַ נפש!

— אַ נפש? — פלעגט אים דערויף זאָגן זרחליכע. — אַ פאַרזעעניש, אַ ווישקראָביק, אַ מאַנקאַלב. אַן אָפּקומעניש פאַר פרעמדע זינד!...

ה.

—איר ווייסט? — מאַכט צו אונדז איינמאָל דעם רבינס יינגל. יעקב־אליה דער נאַרישער בחור מיט די געשוואָלענע באַקן, מיט אַ גאַנץ פריילעך פּנים, גלײַך ווי ער וואָלט אונדז וועלן אָנזאָגן מי יודע וואָס פאַר אַ בשורה. — איר ווייסט? באַשעפעניש איז פאַרבײַ... געווען בתיה די רופאטע, זאָגט זי, אַז ס'איז שלעכט. אויס באַשעפעניש, אַן

עק!... — און בשעת מעשה מאַכט יעקב אליה אַזאַ מינע, גלײַך ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַט־וואָס געמאַכט אַ געשעפט.

עס האָט זיך אונדז אַלעמען אָפּגעריסן אין האַרצן פון דער דאָזיקער בשורה. כל זמן באַשעפעניש האָט זיך געהאַלטן, האָבן מיר דאָס ווינציק־וואָס געטראָגן אַפן קאָפּ, און איצט, אַז מיר האָבן דערערט, אַז באַשעפעניש שטאַרבט אַוועק, האָט זיך אונדז אַלעמען אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן קעגן דעם נישט יוצא געווען, ווי סע געהער צו זײַן, און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט בײַ אונדז אַ מאָדנע געפיל, וואָס מע קאָן דאָס אָנרופן „חרטה". אַף וואָס חרטה — ווייס איך אַליין ניט, נאָר חרטה! און מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צווישן אויוון און האָבן דערזען די רביצין זיצן נעבן באַשעפעניש מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן, און מיר האָבן זיך פאַרשעמט און אַ וואָרף געטאָן זיך צוריק.

— קומט נאָר אַהער, וואָס אַנטלויפט איר? — האָט אונדז צוגערופן די רביצין און גערעדט שטילערהייט. — האָט קיין מורא ניט. באַשעפעניש איז נאָך ניט געשטאָרבן, באַשעפעניש לעבט נאָך... כאָטש אַפילו, אַז גאָט ברוך־הוא זאָל וועלן, קאָן ער... ער איז אַ גרויסער גאָט, ער קאָן, ער קאָן, אַז ער וויל נאָר... ער איז אַ מחיה־מתים, מאַכט פון טויט לעבעדיק... דער רבי איז ניטאָ, דער רבי איז אַוועקגעגאַנגען קויפן אַ פּאָלטשינע, אַ מאַראַנץ... אַ פּאָלטשינע וועסטו עסן, באַשעפעניש, אַ פּאָלטשינע?...

אַזוי האָט געזאָגט די רביצין, געבראָכן די הענט און אָנגעבויגן זיך איבער דער קראַנקער. מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען די רביצין אַזוי צוגעלאָזט.

באַשעפעניש איז געלעגן אײַנגעקוטשעבורעט, ווי אַ קנויל, די אייגעלעך צוגעמאַכט. דאָס גרויסע מוראדיקע מויל אָפן, און געמאַכט מיט די טרוקענע ליפּעלעך און אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריק קוויטשעלע, ווי אַ פאַרשלאָפט פייגעלע: אי!... אי!... אי!...

געקוקט אַף באַשעפעניש, האָב איך מיך דערמאָנט אין יענעם קליינעם פייגעלע מיטן געלן פּיסקעלע, וואָס מיר האָבן געפונען דעמאָלט אַף דער ערד, און עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, און טרערן האָבן מיר געוואָרגן, און איך האָב דערזען מײַנע חברים פינטלען מאָדנע מיט די אויגן, שעמען זיך קוקן איינס דאָס אַנדערע אין פּנים אַרײַן. און מיר האָבן זיך גענומען צו די ספרים, און אַז דער רבי איז געקומען

מיט דער פּאַלטשינע, האָט ער אונדז געטראָפן ווי די סטאַטקעס, האָט ער אונדז געלויבט, געזאָגט, אַז מיר זײַנען ווױלע יונגלעך, וואָס מיר זיצן שטיל. און ער האָט זיך געזעצט מיט אונדז לערנען, כּלומרשט שטאַרק פאַרטיפט זיך מיט אונדז אין דער גמרא. געריבן דעם שטערן און געזונגען מיט אונדז אינאיינעם דעם „אָמר רב פּפּא" גאַנץ געשמאַק. מיר האָבן אָבער גאַנץ גוט אַרויסגעזען, אַז זײַן קאָפּ איז ניט בײַ דער גמרא, ניט בײַ רב פּפּא, אַז זײַן נשמה איז גאָר דאָרטן, צווישן אויוון, וואָרעם ער האָט אַלעמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צוריק, ווי להבדיל אַ קו אויף איר אָרעם קעלבל נעבעך, און האָט אַרויסגעלאָזט אַלעמאָל אַ טיפּן־טיפּן זיפץ, אַ שווערן־שווערן קרעכץ, און יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ האָט מיר אויסגעריסן אַ שטיק האַרץ.

ז.

— שוין! שוין! שוין! איר קאָנט שוין גיין צוריק אַהיים!...

אַזוי האָט אונדז אויף מאָרגן אינדערפרי יעקבֿ־אליה, דעם רבינס יונגל דער נאַרישער בחור מיט די געשוואָלענע באַקן, אָנגעזאָגט אַ בשורה, געשפּרונגען אונדז אַקעגן אויף איין פוס.

— אַהיים? וואָס איז די מעשה?

— די מעשה? דער טאַטע, די מאַמע און מיר אַלע וועלן באַדאַרפן זיצן שבעה, ניט טאָרן לערנען אַ גאַנצע וואָך. וואָרעם באַשעפעניש איז געשטאָרבן.

— געשטאָרבן?

— געשטאָרבן, הײַנט באַנאַכט געשטאָרבן. דאָס לויף איך צו די שמשים פון דער חבֿרה קדישא.

מיר בלײַבן דערשטוינט.

פון איין זײַט אַזאַ בשורה, וואָס באַשעפעניש נעבעך איז געשטאָרבן! פון דער אַנדערער זײַט אַזאַ שמחה, וואָס מע וועט זײַן אַ גאַנצע וואָך פרײַ... זומער־צײַט. דער הימל איז אויסגעצוואָגן, ריין, לויטער, ווי אַ שפּיגל. קיין שפּרענקעלע, קיין ווינטעלע. די זון שמייכלט, די זון באַקט. מע וועט קאָנען גיין צום טײַך באָדן זיך אַ גאַנצן טאָג און כאַפּן פישלעך. פאַר פרייד הייבט מען אָן טאַנצן. בלעקען און מעקען, ווי די קעלבלעך, און מאַכן משוגענע העוויות: איינער פאַרקרימט דאָס פּנים, ווי אַ מאַלפּע, און מיאַוקעט, ווי אַ קאַץ. דער אַנדערער ענטפערט אים

„האָו־האָו“, ווי אַ הינטל, און דער דריטער קוואַקעט ווי אַ קאַטשקע: קוואַ־קוואַ־קוואַ! דער פערטער דרייט זיך אויף איין פוס, ווי אַ ראָד, און זינגט בשעת מעשה אַ לידל:

איינס־צוויי־דריי,
יאָדער־לידער־ליי,
אָקן־באָקן
מיט די גלאָקן...

און דער פינפטער גיט זיך אַליין דריי פּעטש אין ביידע באַקן, גלאַט אַזוי, אָן ווערטער, און לאָזט זיך לויפן משוגענערווייז אין דער וועלט אַריין, און נאָך אים לאָזן זיך לויפן אַלע איבעריקע ווייסע־חברהניקעס. און נאָר איך איינער, איך וואָס האָב געקענט באַשעפעניש מער פון אַלעמען, ווייל איך האָב געגעסן אַמאָל באַם רבין קעסט, בלייב שטיין צוגעקאָוועט, נישט צו קאָנען זיך רירן פונעם אָרט.

„געשטאָרבן? — טראַכט איך מיר. — וואָס הייסט דאָס, אייגנטלעך, „געשטאָרבן“?... צוליב וואָס האָט דאָס געלעבט? און למאי איז דאָס געשטאָרבן?“...

און איך לאָז מיך גיין אין חדר אַריין אַ קוק טאָן כאָטש פונדערווייטן, ווי אַ זוי שטאַרבט מען. וויאַזוי איז, אַז מע שטאַרבט?...

צוגעגאַנגען צו דער טיר, דערהער איך אַ מאָרנע געוויין מיט אַ שרעקלעך יאָמערן, מיט אַ משונה־ווילדן ניגון פון ווייבערישע תחינות...

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר, צו וואָס האָב איך דיר באַדאַרפט געבוירן, אַ מכה איז מיר אַ גרויסע? וואָס איז, משטיינס געזאָגט, נעד ווען דיין לעבן אויף דער וועלט? וואָס האָט גאָט געהאַט צו דיין נשמה די אומשולדיקע, זי אַראָפּברענגען פון זיין הייליקן שטול אַהערצו־צו אויף צו מוטשען זיך, זיין אַן אָפּקומעניש פאַר פרעמדע זינד, אַ דונער האָט מיך דערשלאָ־גן? בעסער וואָלסטו אויסגערונען בא דיין מאַמען אין בויך, איידער איך האָב דיך געבוירן אויף צרות מיינע גרויסע! בעסער וואָלט איך גאָרניט דערלעבט דיך צו באַגראָבן, אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן אַ גרויסער! אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלסטו דערפאַר האָבן, אַ גוטער מליץ כאָטש זאָלסטו דאָרטן זיין, זיך מיִען פאַר דיין טאַטע־מאַמע, פאַר די איבעריקע קינדער און פאַר אַלע אונדזערע ליבע און געטרייע!...

עס פאַלט־אָן אויף מיר אַ שרעקלעכע מרה־שחורה. איך וויל אַנט־

לויפן, נאָר עס ווילט זיך מיר אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרט אין חדר? איך עפן־אויף די טיר און איך דערזע: אויף דער ערד ליגט עפּעס אַ זאַך, מיט שוואַרצן איבערגעדעקט, צוקאָפּנס ברענט אַ ליכטל, און די רביצין זיצט דערנעבן. די פיס אונטער זיך, שאָקלט זיך און וויינט און קלאָגט אַלץ מיט דעם זעלבן משונה־ווילדן ניגון. אַקעגן איר שטייען דריי ווײַבער, נאָענטע שכנות, בתיה, פּעסיע און סאָסיע, צונויפגעלייגט די הענט אויפן הארצן, און קוקן אויף דער רביצין מיט אַזעלכע משונה־ווילדע פאַרקרימטע פּנימער, וואָס ווען ניט באַשעפעניש, וואָס ליגט אויף דער ערד, באַדאַרף מען זײַן שטאַרקער פון אײַזן, מע זאָל ניט צעזעצט ווערן פאַר געלעכטער. די דאָזיקע דרײַ שכנות זײַנען געקומען העלפן באַוויינען באַשעפעניש; נאָר געוויינט האָבן זיי אויף די לעבעדיקע, באַוויינט טאַטע און מאַמע נעבעך, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ קאַליקע, משטיינס געזאָגט, וואָס איז געבוירן אַ קאַליקע און געשטאָרבן אַ קאַליקע...

אויך די איבעריקע קינדער דעם רבינס האָב איך געזען זיצן אויף דער ערד און וויינען שטילערהייט, חוץ יעקב־אליה (יעקב־אליה איז דאָך אוועקגעשפּרונגען אויף איין פוס צו די שמשים, מע זאָל ברענגען די מטה, מיט אַזאַ שמחה, גלײַך ווי מע וואָלט אים שיקן נאָך כלי־זמר), און בײַ דער זײַט, אין אַ ווינקעלע אויף אַ בענקל זיצט דער רבי, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די הענט אויף די קניִעס. איך בין זייער נײַגעריק צו וויסן, צי וויינט ער — ווי אַזוי וויינט אַ רבי?... איך טו אַ סקריפּ מיט דער טיר און גיב אַ הוסט — דער רבי הייבט־אויף פּאַוואָלינקע דעם קאָפּ, דערנאָך — די ברעמען, און איך דערזע רויטע אויגן. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער איז פאַרוויינט...

— אַהיים, דו שקאָץ איינער! — טוט דער רבי אויף מיר אַ הוק. עס טוט מיט מיר אַ וואָרף דאָס קדחת. איך כאַפּ די פיס אויף די פּלייצעס און אַנטלויף ווי דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט.

ז.

באַנאַכט אויפן געלעגער שטעלט זיך מיר פאַר באַשעפעניש, מיט שוואַרצן איבערגעצויגן, און דער רביצינס וויינען און קלאָגן קלינגט מיר אין די אויערן. איך לייען־אויס קריאת־שמע.

מע פאַרלעשט נאָר דאָס ליכט, שטעלט זיך מיר פאַר באַשעפעניש.

מיט שוואַרצן איבערגעצויגן. און דער רביצינס ווײַנען און קלאָגן קלינגט מיר אין די אויערן. איך מאַך־צו די אויגן שטאַרק־שטאַרק, איך זאָל ניט זען; איך פאַרשטעל מיר די אויערן שטאַרק־שטאַרק, איך זאָל ניט הערן — עס העלפט נישט: איך זע באַשעפעניש, מיט שוואַרצן איבער־געצויגן, איך הער דער רביצינס ווײַנען און קלאָגן.

איך פּלײַס מיך טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, דערמאָן מיך בכיוון אַזעלכע זאַכן, וואָס מע באַדאַרף לאַכן, איך דערמאָן מיך אָן די דרײַ שכנות מיט די פאַרקרימטע פּנימער — עס העלפט ניט, עס לאַכט זיך ניט! ווי אַן עקבויער בויערן מיר אין מח מחשבות און געדאַנקען אַלע־רלײַ: „געשטאָרבן... וואָס הייסט געלעבט, וואָס הייסט געשטאָרבן? צוואָס האָט באַשעפעניש געלעבט? למאַי איז דאָס געשטאָרבן? למאַי?”...

איך דעק מיך רעכט איבער מיט דער קאָלדרע, זאָג־אָפּ „המפּיל” און ווער אַנשלאָפן.

איך ווער אַנשלאָפן, און ער שטעלט זיך מיר פאָר אַ שוואַרצע חופּה. איך שטיי מיט באַשעפעניש אונטער דער חופּה. אַלע ייִנגלעך פּלעסקען, זינגען:

אײנס־צוויי־דרײַ,
יאָדער־לידער־לײַ,
אָקן־באָקן
מיט די גלאָקן...

יעקבֿ־אליה, דער נאַרישער בחור מיט די געשוואָלענע באַקן, שפּרינגט אַן אײן פוס און שרײַט: „מעצוצעלי! מעצוצעלי!” און דער רבי מיט דער רביצין ווײַנען און קלאָגן. באַשעפעניש קוקט מיר אין פּנים אַרײַן מיט רחמנות, מיט געבעט, ציט־אויס צו מיר דאָס דאַרע הענטל מיט די אויס־געבויגענע טרוקענע פינגערלעך. עס ציט מיר, עס קלעמט מיר דאָס האַרץ. עס וואַרפט זיך אין מיר די נשמה.

— וואָס ווילסטו, זאָג איך, באַשעפעניש, וואָס ווילסטו? אפשר אַ פּאַלטשינע?...

איך קוק מיך צו — ס'איז גאָרניט באַשעפעניש. ס'איז גאָר אַ פײי־געלע אַ יונגס, מיט אַ געל פּיסקעלע, צפּור בן בלק. דאָס פייגעלע ציטערט,

פלאַטערט, מאַכט מיט די פליגעלעך, עפנט דאָס געלע פּיסקעלע, ווי אַ קליין קינד בשעת עס וויל עסן, און סע זינגט מיטן נוסח פון כהנים־דוכנען:

טודעלי הו־הו!
טודעלי הו־הו!

. . . .

איך כאַפּ מיך אויף — ס'איז אַ וואַרעמער, אַ שיינער, אַ ליכטיקער זומער־טאָג. אַלע פענצטער זײַנען אָפן. דאָס פּישטשען פון די פייגעלעך און דאָס שמוצערן פון די הײַשעריקן גרילצן אין די אויערן. מײַנע צוויי שוועסטער, זלאַטקע און בליומקע, שיינע מיידלעך מיט רויטע בעקלעך, ווי די פערשקעס, שטייען אָנגעטאָן אין גרינע ווײַסע בונדעס מיט בלויע שפּרינקעלעך. די צעפּלעך פאַרפלאָכטן מיט רויטע סטענגעלעך. זיי שײַנען, ווי די זון, זיי בליִען, ווי די רויזן.

— שטיי שוין אויף! — זאָגן זיי צו מיר. — דאַוון־אָפּ און גיי אַרויס אין דרויסן. דײַנע חברים וואַרטן אַף דיר. זיי זײַנען שוין דאָ געווען צוויי מאָל. איר זײַט דאָך הײַנט פרײַ פון חדר, אַ גאַנצע וואָך פרײַ! אַ גדולה אַף אײַך!

די ליבע ווערטער „פרײַ פון חדר, אַ גאַנצע וואָך פרײַ" דערקוויקן דאָס האַרץ, דערוואַרעמען די נשמה, און עס טראָגט מיך, עס גלוסט זיך מיר לויפן צו מײַנע חברים. נאָר אינאיינעם מיט דעם פרײַזײַן פון חדר דערמאָן איך מיך אָן באַשעפעניש, און עס טוט מיר ווי אַ שטאָך מיט אַ נאָדל און אַ ריס־אָפּ אין האַרצן:

— ניטאָ באַשעפעניש! געשטאָרבן באַשעפעניש!

און איך לויף אַרויס צו מײַנע חברים.

ח.

דרויסן איז זומער. דער הימל איז אויסגעצוואָגן. ריין, לויטער, ווי אַ שפּיגל. קיין שפּרינקעלע, קיין ווינטעלע. די זון שמייכלט, די זון בראָט, די זון באַקט. מיר לאָזן זיך גיין אַלע אינאיינעם צום טײַך באָדן זיך, כאַפּן

פישלעך. און בשעת לויפן, בשעת באָדן זיך, בשעת כאַפּן פישלעך לאָזט מיך ניט אָפּ דער געדאַנק, אַלץ יענער געדאַנק:

— נישטאָ באַשעפעניש! געשטאָרבן באַשעפעניש!

אַלע אויסגעטאָן, אָדם־נאַקעט, אויסגעבאָדן זיך, אַרויס פון טײַך, אויסגעקאַטשעט זיך אין בלאָטע, ווי די חזירים, און ווידעראַמאָל זיך אָפּגעבאָדן, לאַנג געבאָדן זיך. געוואָרן בלוי, ווי מילצן, אָנגעהויבן צי־טערן, קלאַפּן מיט די ציין, — ליגן מיר שוין אויסגעצויגן אַפן אָנגעגליטן זאַמד, קעגן דער הייסער ברענענדיקער זון, קעגן דער בלויער יאַרמלקע פונעם הויכן הימל. נאָר צוויי פון אונדזער חבריא, חיים דער גרויסער און חיים דער קליינער, זײַנען נאָך אין וואַסער. זיי האָבן קונציק צענויפגע־בונדן צוויי העמדלעך אינאיינעם פאַר די אַרבל, געמאַכט אַ נעץ, און זיי כאַפּן פישלעך. דאָס הייסט ס'זאָל זײַן פישלעך, וואָלטן זיי געכאַפּט; דער חסרון איז, וואָס ס'איז נישטאָ קיין פישלעך. דאָס הייסט פישלעך זײַנען פאַראַן, נאָר צו חיים דעם גרויסן און צו חיים דעם קליינעם אין דער נעץ אַרײַן ווילן זיי ניט גיין. זיי האָבן קיין חשק ניט.

— טיפער, חיים, טיפער! בייג זיך. חיים בייג! צום ברעג, חיים, צום ברעג, נאָר פּאַוואָלינקע די פישלעך!

אַזוי קאָמאַנדעוועט חיים דער גרויסער מיט חיים דעם קליינעם, און ביידע פישכאַפּערס גייען אָנגעבויגן ביזן האַלדז אין וואַסער, שלעפּן פּאַ־וואָלינקע די נעץ אַרויס צום ברעג, קוקן־קוקן אין העמד אַרײַן — ניטאָ קיין פישלעך!

—לאָזט אונדז, מיך מיט מאָטלען, מיר וועלן גיכער כאַפּן!

אַזוי זאָגט מאָטל דער רויטער און שפּרינגט אַרײַן מיטן מאָטל דעם שוואַרצן אין וואַסער אַרײַן, און די נײַע צוויי פישכאַפּערס אַרבעטן ניט שלעכט, גייען געשמאַק, טריט באַ טריט, רעכט אָנגעבויגן, כמעט מע פּוי־זשעט אַפן אָפּגרונט פונעם טײַך.

און דער טײַך פינקלט, וויגט זיך, שפּיגלט־אָפּ אין זיך די בלויע יאַרמלקע פונעם הויכן הימל, וואָס ציטערט אין וואַסער, טרייסלט זיך אַהין און אַהער. דרויסן איז שטיל. מע זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. מע הערט ניט קיין פּיפּס. דוד לייב דער וואַסערפירער איז געקומען מיטן פעסל, אָ־נ געפילט דאָס פעסל, אָנגעטרונקען דאָס פערדל, און אַליין זיך אָפּגעוואַשן דאָס רויטע שיינע פּנים מיט דער קאַלטענוואַסער באָרד און אָפּגעווישט מיט דער פאַרשמאַלצעוועטער פּאָלע — און אַוועק אין שטאָט אַרײַן. די

צווײ־דרײַ װעשנס, װאָס זײַנען געשטאַנען באַם טײַך, װאָס האָבן ביז אַהער געפּאַטשט מיט די ברעטלעך איבערן נאַסן גרעט, האָבן צונױפֿגענומען דאָס װעש אַף די פּלײצעס און אַװעק אין שטאָט אַרײַן. ס׳איז שטיל און רויִק. שטיל דאָס װאַסער, שטיל דער הימל, שטיל אַלצדינג אַרום און אַרום. אַפילו די זשאַבעס, װאָס האָבן זיך ביז אַהער געלאָזט הערן מיט זײער „קעררר־קעררר״ און מיט זײער „בול־בול־בול״, זײַנען אַנשלאָפֿן געװאָרן. נאָך אַ מינוט — און אַלצדינג װערט פֿאַרשטאַרבן. עס שליסן זיך די אױגן, עס גלוסט זיך, אױ גלוסט זיך ליגן מיטן נאַסן לײַב אַפֿן הײסן טרוקענעם זאַמד. ליגן, האַלב־צוגעמאַכט די אױגן, און קוקן און טראַכטן און דרעמלען... פּלוצים הערט זיך אַ קול:

— געכאַפּט! געכאַפּט!

דאָס קול איז געװען מיט אַזאַ שמחה. פּונקט װי דאָס קול פֿון יענע, װאָס זײַנען געפֿאָרן מיט קאָלומבוסן אַפֿן שיף, בשעת זײ האָבן דערזען אַמעריקע.

אַלע טוען מיר זיך אַ װאָרף און אַ לאָז אַראָפּ־באַרג צום ברעג, צו די נײַע צװײ פֿישכאַפּערס, קוקן אַרײַן אין דער נעץ אַרײַן און דערזעען: עס װאַרפֿט זיך אַן אַרבל פֿון דעם העמד.

— פֿיש! דגים! פֿיש! — זינגען מיר אַלע און טאַנצן אונטער. און אַזױ װי מיר זינגען און טאַנצן — אַז סע שפּרינגט ניט אַרױס פֿון דער נעץ גלײַך אַף אונדז אַ גרױסע, אַ גרױע, אַ מיאוסע, אַ פּאַסקודנע זשאַבע מיט צװײ נאַרישע װאַסערדיקע אױגן! און מיר לאָזן זיך אַלע לױפֿן הענדום־פּענדום אַרױף־באַרג, איבערן אַנגעגליטן זאַמד, מיט אַ קװיטשערײַ:

— גװאַלד, ייִדן, שמע ישׂראל. ראַטעװעט!!! — — — —

דער איבערשרעק געװײנלעך, לאָזט זיך אױס מיט אַ געלעכטער, און חברה װערן נאָך לוסטיקער, נאָך פֿרײלעכער. מע װאַלגערט זיך אין זאַמד, מע קאַטשעט זיך אין בלאָטע, מע פּאַליאָסקעט זיך אין טײַך, ס׳איז גוט — גוט אָן אַן עק, אָן אַ ברעג. אַ קלײניקײט — מען איז פֿרײַ, אַ גאַנצע װאָך פֿרײַ! און נאָר מיך לאָזט נישט אָפּ דער געדאַנק, אַלץ יענער געדאַנק:

— נישטאָ באַשעפֿעניש! געשטאָרבן באַשעפֿעניש!

געשטאָרבן! געשטאָרבן! געשטאָרבן!...

געשריבן אין יאָר 1903

צער בעלי־חיים

(געדאנקען פון א נאַריש יינגל).

א.

— זאָלסט זײַן אַ וואויל יינגעלע, וואָלסטו אונדז געהאָלפן אָנרײַבן כריין, ביז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט די פיש לכבוד דעם הייליקן יום־טוב.

אַזוי מאַכט צו מיר די מאַמע ערב שבועות נאָך האַלבן טאָג. און אינאיינעם מיט דער קעכן שאַבט זי די פיש צו דער מילכיקער סעודה, נאָך לעבעדיקע, נאָך צאַפּלדיקע פיש, וואָס אַז מע האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ שיסל, אַ גרויסע ליימענע געגלײַזטע שיסל מיט וואַסער, האָבן זיי זיך נאָך געוואָרפן.

מער פון אַלע האָט זיך געוואָרפן אַ קליין קאַרעסל נעבעך מיט אַ גרוים בײַכעלע, מיט אַ קײַלעכיק מײַלכל און מיט רויטע אייגעלעך. דאָס דאָזיקע קאַרעסל האָט שטאַרק חשק געהאַט, אַ פּנים, צוריק אין טײַך אַרײַן. האָט זיך עס געוואָרפן, געשפּרונגען פון שיסל אַרויס, געעפנט דאָס מײַלכל, געפּאַטשט מיטן עקל און געשפּריצט מיר דאָס וואַסער גלײַך אין פּנים אַרײַן: „יינגעלע, ראַטעווע מיך!... ראַטעווע מיך!“...

איך וויש־אויס דאָס פּנים און נעם זיך צו דער אַרבעט, רײַבן כריין אויף יום־טוב, און טראַכט מיר: „אָרעם קאַרעסל וואָס דו ביסט! איך קאָן דיר גאָרנישט טאָן... אָט וועט מען דיך נעמען צו דער אַרבעט: מע וועט דיך אָפּשאָבן, וועט מען דיך אויפטרענען דאָס בײַכעלע, אויסטרייבערן די קישקעלעך. נאָכדעם וועט מען דיך צעשנײַדן אויף שטיקלעך, אַרײַנלייגן

אין טעפּל אַרײַן, באַזאַלצן און באַפּעפּערן,אוועקשטעלן אַפן פײַער און קאָכן און פּרעגלען, און בראָטן און בראָטן און בראָטן"...

— אַ רחמנות, זאָג איך צו דער מאַמע, אַ צער בעלי־חיים.

— אַף וועמען אַ צער בעלי־חיים?

— אַף די פישעלעך.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?

— דער רבי.

— דער רבי?

זי קוקט זיך איבער מיט דער קעכן, וואָס העלפט איר שאָבן די פיש, און ביידע צעלאַכן זיך.

— דו ביסט אַ נאַר. און דײַן רבי איז נאָך אַ גרעסערער, כאַ־כאַ.. רײַב דעם כריין, רײַב!

אַז איך בין אַ נאַר — דאָס ווייס איך. דאָס זאָגט מיר די מאַמע אַלע מאָל. און דער טאַטע אויך. און די ברידער אויך. און די שוועסטער אויך. נאָר אַז דער רבי איז נאָך אַ גרעסערער נאַר, ווי איך — דאָס איז בײַ מיר אַ נײַס.

ב.

איך האָב אַ חבר פּיניעלע, אַ שוחטס אַ יינגל. בין איך געקומען אַמאָל צו אים צו גאַסט און האָב דערזען, ווי אַ קליין מיידל האָט געבראַכט צו זיי צו טראָגן אַ גרויסן גאַלאַגאַנסקן האָן, געפּענטעט די פיס מיט שטריקלעך. מײַן חברס פאָטער, דער שוחט, איז געשלאָפן, און דאָס מיידל איז געזעסן בײַ דער טיר און געוואַרט. דער האָן אַ יונגאַטש מיט ביינער, האָט זיך געריסן נעבעך פונעם מיידלס הענט, געדריגעט מיט די געזונטע פיס איר אין בויך אַרײַן, דערלאַנגט אַ פּיק איר אין האַנט אַרײַן, אַרויסגעלאָזט אַלע מאָל אַ „קאַ־קאַ־קאַ" פונעם האַלדז — געפּראָטעסטירט, ווי ווײַט מעגלעך. דאָס מיידל איז אָבער אויך נישט געווען קיין פּראָמאַך. האָט זי דעם האָנס קעפּל אַרײַנגעלייגט צו זיך אונטערן אָרעם, געגעבן אים אַלעמאָל אַ שטורך מיטן עלנבויגן און אַ זאָג דערבײַ:

— זיץ אין געהאַקטע ווונדן.

און ער האָט זי געפאָלגט און געזעסן אין געהאַקטע ווונדן.

נאָכדעם, אַז דער שוחט איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געוואַשן די

הענט און אַרויסגענומען דעם חלף. ער האָט מיט אַ ווונק געהייסן דער־לאַנגען דעם האָן. איך האָב דערזען, אַז אַפּן בחור איז געקומען אַ נײַע הויט. עס האָט זיך אים, אַפּנים אויסגעוויזן, אַז דאָס בינדט מען אים אַפּ די געפּענטעטע פיס און מע לאָזט אים אַפּ פרײַ, צו זײַנע הינער, צו דער פּראַסע און צו דער קאַרעטע מיט וואַסער. צום סוף האָט אים דער שוחט אַ נעם געטאָן צו זיך צווישן די פיס, מיט איין האַנט פאַרריסן אים דאָס קעפּל, מיט דער אַנדערער אויסגעפּליקט אים עטלעכע פעדערלעך, אים אַ טובה געטאָן און געמאַכט אַ ברכה, און כיק — מיטן חלף איבער־ן האַלדז, אַפּגעצאַפּט אַביסל בלוט אין אַש אַרײַן, און אַ שלײַדער פון זיך. איך האָב געמיינט, ער וועט צעשאַטן ווערן.

— פיניע! דײַן טאַטע איז אַ גוי! — זאָג איך צו מײַן חבר.

— מיט וואָס איז ער אַ גוי?

— נישטאָ בא אים קיין „צער בעלי־חיים”.

— איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ חכם. — זאָגט צו מיר מײַן חבר און טראָגט מיר אונטער אַ גאַנץ שיינע פײַג גלײַך אונטער דער נאָז.

ג.

אונדזער קעכן איז אַ בלינדע אַף איין אויג. מע רופט זי „פרומע מיטן אויגל”. אַ מויד אָן אַ הארץ. איינמאָל האָט זי אַפּגעשמיסן די קאַץ מיט קראָפּעווע דערפאַר, וואָס ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די קאַץ האָט וועקגעשלעפּט אַ לעבערל פונעם זאַלץ־ברעטל. צום סוף, אַז זי האָט איבערגעציילט נאָכאַמאָל די עופות מיט די לעבערלעך, האָט זיך אויס־געלאָזט, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. זי האָט גערעכנט, אַז מע האָט גע־קוילעט זיבן עופות, האָט באַדאַרפט זײַן נאָך איר חשבון זיבן לעבערלעך, און ס׳איז גאָר געווען זעקס עופות. און וויבאַלד אַז זעקס עופות, דאַרף דאָך מער נישט זײַן ווי זעקס לעבערלעך, — גאָטס נסים!... אומזיסט הושר געווען אַ קאַץ.

קערט איר מיינען, אַז פרומע האָט זיך גענומען צום האַרצן, געגאַנ־גען מסתמא איבערבעטן די קאַץ? ווייס איך וואָס — פאַרגעסן! אי זי האָט פאַרגעסן, אי די קאַץ האָט פאַרגעסן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז די קאַץ

געזעסן סטאַטעטשנע אַפֿן פּריפּעטשיק און באַלעקט זיך, גלײַך ווי ס'איז גאָרנישט געווען. נישט אומזיסט זאָגט מען. א קאַצענער מוח.

איך האָב אָבער נישט פֿאַרגעסן. ניין. איך האָב נישט פֿאַרגעסן. איך זאָג צו אונדזער קעכן: „אומזיסט געשמיסן א קאַץ. אומזיסט גענומען אַף זיך די עבירה — „צער בעלי־חיים, גאָט וועט דיך שטראָפֿן".

— וועסט נישט אַוועקגיין? אָט גיב איך דיר מיט דער האַנט־שירקע איבערן פּנים!

אזוי זאָגט פֿרומע מיטן אויגן און גיט־צו:

— רבונו של עולם! פֿונוואַנען נעמען זיך אזעלכע נאַרישע קינדער אַף דער וועלט?...

ה.

דאָס איז געווען איבער א הונט. וואָס מע האָט אים אָפּגעקאָכט מיט זודיק וואַסער. טאַקע זי, די אייגענע „פֿרומע מיטן אויגל". אך, האָט אים וויי געטאָן, דעם הונט! פֿריִער האָט ער געקוויטשעט, געשריגן, געבילט מיט סכנות נפשות, אײַנגעלייגט די וועלט. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צענויפֿגעלאָפֿן אַף זײַן בייז ווונדער און געלאַכט, און געלאַכט. די אַלע איבעריקע הינט וואָס אין שטעטל האָבן זיך אָפּגערופֿן, איטלעכער פֿון זײַן מיסט, און איטלעכער אַף זײַן שטייגער, גלײַך ווי מע פֿרעגט בא זיי א דעה... נאָכדעם, אז דער אָפּגעקאָכטער האָט זיך גוט אויסגעקוויטשעט, האָט ער אָנגעהויבן וואָיען, אונטערהאַווקען, לעקן די פֿאַרוווּנדעטע פֿעל און וויינען שטילערהייט. עס האָט מיך אָנגענומען באַם האַרצן. איך גיי־צו צו אים. איך וויל אים שענקען א גלעט:

— נאַ, סירקאַ!

דער הונט האָט דערזען, אז איך הייב אויף די האַנט, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי נאָך אמאָל אַן אָפּגעבריטער, צענויפֿגענומען דעם עק און איז אַוועק — אַוועק.

— סטאַי, סירקאַ! — פּרוּוו איך מיך אים אײַנשטילן מיט ווייכע רייד. — וואָס אַנטלויפֿסטו, נאַרעלע? איך וויל דיך דען טשעפּען?...

א הונט בלײַבט א הונט. א שטומע צונג. ער ווייס נישט פֿון קיין „צער בעלי־חיים".

דערזעט דער טאַטע, אַז איך פּאָרע זיך מיטן הונט, גיט ער מיר א רעכטע פּאַרציע:

— אין חדר אַרײַן, דו הינטשלעגער!...

בין איך שוין גאָר דער הינטשלעגער.

ה.

און דאָס איז געווען איבער צוויי פייגעלעך. צוויי פּשוטע, קליי־נע פייגעלעך, וואָס צוויי שקצימלעך, איינער אַ גרעסערער, דער אַנדע־רער אַ קלענערער, האָבן דערהרגעט. די צוויי פייגעלעך, אַז זיי זײַנען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָבן זיי נאָך געלעבט, געזעסן צעלאָזט די פעדערלעך, געציטערט נעבעך און געפלאַטערט מיט אַלע אברים.

— ריר זיך, דו מאַפּס! — האָט דאָס גרויסע שייגעצל אַ זאָג גע־טאָן צום קלענערן שייגעצל, און זיי האָבן גענומען די אונטערגעשלאָגע־נע פייגעלעך אין די הענט אַרײַן און האָבן זיי געשלאָגן מיט די קעפּלעך אין בוים אַרײַן, ווי מיר, אַשטייגער, שלאָגן די הושענאָס אין שטענדער אַרײַן, ביז די פייגעלעך זײַנען אויסגעגאַנגען.

— וואָס טוט איר דאָס! — האָב איך מיך נישט געקאָנט אײַנ־האַלטן און האָב מיך אײַנגעשטעלט צו צולויפן צו די שקצימלעך.

— כיבאַ שטשאָ? וואָס איז דען? — האָבן זיי מיר געענטפערט גאַנץ רויק. — צעזש וואָראָביצי! — ס'איז דאָך נישט מער, הייסט דאָס, ווי פייגעלעך, פּראָסטע פייגעלעך.

— און אַז פייגעלעך, איז וואָס? אויף אַ פייגעלע איז דען נישט קיין רחמנות, קיין „צער בעלי־חיים"?

ביידע שקצים האָבן זיך עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט. און גלײַך ווי זיי האָבן זיך אויפגערעדט נאָך פון פריִער, האָבן זיי מיך גענומען צו דער אַרבעט...

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָט מײַן קאַפּאָטקעלע אויסגעזאָגט די גאַנצע מעשה. האָט מיר דער טאַטע מקיים פּסק געווען לויט מײַן פאַרדינסט.

— אַפּגעריסענער נאַר! — שרײַט אויף מיר דער טאַטע.

מילא „אַפּגעריסענער נאַר" בין איך אים מוחל. פאַרוואָס קומט מיר אָבער פּעטש?!...

ו.

פאַרוואָס קומט מיר פּעטש? זאָגט דען. נישט דער רבי אַליין, אַז אַלע באַשעפענישן זײַנען באַם אייבערשטן טײַער? אפילו אַ פליג אַף דער וואַנט טאָר מען נישט זאַטשעפּען, זאָגט ער, איבער „צער בעלי־חיים". אפילו אַ שפּין, וואָס איז שוין אַ מזיק, טאָר אויך אַ מענטש נישט הרגע־נען. און ער זאָגט דאָס מיט אַ טעם: „ווען ס'זאָל אים קומען, זאָגט ער, מיתה, וואָלט אים גאָט אַליין הרגענען"...

פרעגט זיך אַ קשיא: גוט. וויבאַלד אַזוי, הײַנט לְמאַי קוילעט מען אָקסן, קעלבלעך, שאָף און עופות אַלע טאָג?...

און נישט נאָר בהמות, חיות און עופות — מענטשן הרגענען זיך דען נישט איינס דאָס אַנדערע? אָט בשעת „פּאָגראָם" האָט מען דען נישט געוואָרפן קליינע קינדער, עופהלעך, פונעם בוידעם אַראָפּ?...

האָט מען דען נישט געהרגעט אונדזער שכנס אַ מיידעלע — פּע־רעלע האָט זי געהייסן — און נאָך וואַזוי געהרגעט!!...

אַך, ווי איך האָב ליב געהאַט דאָס קינד! און ווי דאָס קינד האָט מיך ליב געהאַט! „פּעטער בעבעבע" פלעגט זי מיך רופן — איך הײם וועל־וועלע — און רײַסן מיך באַ דער נאָז מיט אירע קליינע דינע זיסע פינ־גערלעך...

צוליב איר, צוליב פּערעלען, רופן מיר שוין אַלע „פּעטער בעבעבע".

— אָט גייט דער „פּעטער בעבעבע", וועט ער דיך נעמען אַף די הענט.

ז.

פּערעלע איז געווען אַ קראַנק קינד. דאָס הייסט, אַזוי איז זי גע־ווען נישקשה, נאָר גיין האָט זי נישט געקאָנט. נישט גיין, נישט שטיין. נאָר זיצן. פלעגט מען זי דאַרפן טראָגן אַף די הענט אין דרויסן אַרויס. זעצן אין זאַמד אַרײַן, אַף דער זון. זי האָט ליב געהאַט די זון, סכנות ליב געהאַט. פלעג איך זיך אַרומטראָגן מיט איר, פלעגט זי מיך אַרומ־נעמען דעם האַלדז מיט אירע דינע זיסע פינגערלעך, זיך צוטוליען צו מיר מיטן גאַנצן־גאַנצן לײַבעלע, אַרויפלייגן אַף מיר דאָס קליינע קע־פּעלע: „ליב דעם פּעטער בעבעבע".

אונדזער שכנע קרעניע זאָגט, אַז זי קאָן נאָך עד היום נישט פאַר־געסן אָט דעם „פעטער בעבעבע", און טוט אַ קוק אַף מיר, אַזוי מוז זי, זאָגט זי, דערמאָנען זיך אָן איר פּערעלען...

בייזערט זיך אַף איר מײַן מאַמע, למאַי זי וויינט. מע טאָר נישט וויינען, זאָגט די מאַמע. מע טאָר נישט זינדיקן. מע דאַרף פאַרגעסן... פאַרגעסן...

אַזוי זאָגט איר די מאַמע און פאַרשלאָגט איר „האַקע־באַקע". און מיך טרײַבט די מאַמע דורך: „איך זאָל מיך נישט דרייען פאַר די אויגן, ווער מען זיך ניט דערמאָנען אָן דעם, וואָס מע דאַרף נישט"...

כאַ־כאַ! ווי איז דאָס מעגלעך, מע זאָל זיך נישט דערמאָנען? און דערמאָן איך זיך אינעם דאָזיקן קינד, אַזוי שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן אַליין פון זיך, פון זיך...

— זעט נאָר, ער וויינט שוין ווידער, דער הכם! — רופט זיך אָן פרומע מיטן אויגל צו דער מאַמען. און די מאַמע טוט אַף מיר אַ גיכן קוק און צעלאַכט זיך:

— פאַרגאַנגען דיר דער כריין אין די אויגן אַרײַן? אַ מכה דער מאַ־מע! ס'האַרבער כריין דאָס איז! פאַרגעסן אים אָנזאָגן צומאַכן די אויגן, אַ צרה איז מיר!... נאַ דיר מײַן פאַרטוך... וויש אוים די אויגן, נאַ־ריש יינגל, און די נאָז אין איינוועגס וויש אָפּ... די נאָז די נאָז...

געשריבן אין יאָר 1903.

בלומען

צען קליינע מעשהלעך.

געשריבן אין יאָר 1888.

אינהאַלט:

א) פונעם באַרג סיני

ב) כותל מערבי

ג) אברהמל

ד) דער אוצר

ה) אַן עזות!

ו) אײַנגעטײלט זיך

ז) צװײ נשמהלעך

ח) איך שעם זיך

ט) עק װעלט

י) מלאך־המות

א.

פונעם באַרג־סיני

בא אונדז אין כתרילעווקע, פון יענער זײַט בית־המדרש, שטייט א באַרג, א הויכער באַרג, הויך ביז דער כמאַרע, ביזן הימל.

אזוי האָט עס מיר אויסגעוויזן אין יענער צײַט, ווען מיר האָבן געלערנט אין חדר, און גערופן האָבן מיר אים „באַרג סיני".

אין א שיינעם זומער־טאָג, גאַנץ פרי, זײַנען מיר, חברה, צען חדר־יונגלעך, נאָך יונגע קינדער, געגאַנגען, מיט די הייליקע ספרים אונטער די אָרעמס און מיט די אָנבײַסנס אין די הענט אין חדר אַרײַן.

די זון האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן אַרויסצוגיין „פון איר פוטער־פאַס" און האָט צוגעגאָסן אירע מילדע גילדענע שטראַלן אף דעם שפּיץ באַרג.

און דער באַרג איז געווען באַדעקט מיט טוי, מיט ראָסע, און די ראָסע האָט געבלישטשעט, ווי דימענטן; ווי פּערל זײַנען געהאַנגען די טראָפּן. ריין, מחיה ריין, איז געווען די לופט, אזוי ריין, ווי איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן.

איבערראַשט, פאַרכשופט זײַנען מיר געווען מיטן דאָזיקן געטלעכן אויסזיכט פונעם דאָזיקן געטלעכן פרימאָרגן.

— ווייסט איר וואָס, חברה? — האָט זיך איינער פון אונדז אָנגערופן. — ווייסט איר וואָס, חברה? לאָמיר גאָר אַרויפגיין אפן באַרג־סיני!

— ווייסט איז גאָר וואָס, קינדער? — האָט זיך אָנגערופן נאָך איינער.

— לאָמיר טאַקע אַרויפקריכן אפן באַרג־סיני. מיר זײַנען אף אים נאָך קיינמאָל ניט געוועזן!

און מיר האָבן זיך אַלע גענומען דראַפּען אַרויף אויפן באַרג־סיני; אַף אַלע פיר, אַף די הענט מיט די פיס, זײַנען מיר אַלע מיט חשק גע־קראָכן אַפן באַרג־סיני.

און אַז מיר זײַנען געקומען אַפן שפּיץ־באַרג און האָבן אַ קוק גע־טאָן אַראָפּ, אַראָפּ אַף דער ערד, זײַנען מיר פאַרציטערט געוואָרן.

אַזוי הויך זײַנען מיר געווען פון דער ערד, אַזוי קליין האָט אונדז אויסגעזען די ערד.

— וווּ זײַנען מיר, קינדער, וווּ זײַנען מיר?

— וווּ זײַנען מיר, זאָגסטו? אונטער דער כמאַרע.

— אונטער דער כמאַרע, זאָגסטו? העכער פון דער כמאַרע!

— העכער, העכער, — אונטערן הימל!

— איר זעט דעם בית־מדרש, קינדער? דעם בית מדרש זעט איר?

— יאָ, קוים־קוים, ווי אַ קליין שטיבעלע די גרויס.

— ווי אַ שטיבעלע, זאָגסטו? ווי אַ טישל די גרויס. ווי אַ בענקעלע.

—ווי אַ בענקעלע, זאָגסטו? ווי די גמרא די גרויס, ווי מײַן סידור.

—ווי דײַן סידורל, זאָגסטו? ווי אַן איי, ווי אַ וועלשן ניסל.

— ווי אַ ניסל, זאָגסטו? ווי אַ פאַסאָלע, ווי אַן אַרבעסל.

— ווי אַן אַרבעסל? ווי אַ מאַנדל, ווי אַ מילב, ווי אַ... אַ... אַ...

און ס'איז בײַ אונדז אַלע געבליבן דער הסכם. מיר זאָלן זיך אויס־צײַען אויבן, אַפן באַרג, מיט די פּנימער אַרויף.

איך האָב זיך שטאַרק אײַנגעקוקט אינעם בלויען הימל, און מײַנע אויגן האָבן דעם הימל צו זיך צוגעצויגן, אַלץ נענטער און נענטער, אַזוי לאַנג, ביז איך האָב אים צו זיך צוגעצויגן נאָענט, גאַנץ נאָענט.

אַזוי נאָענט, אַז איך האָב די האַנט אויסגעצויגן און האָב מיט מײַ־נע פינגער זיך צוגערירט צום הימל, צום קאַלטן הימל, זיך צוגערירט, אָנגענומען, אָנגעטאַפּט, געהאַלטן, געהאַלטן, געהאַלטן...

נית נאָר די אויגן אַליין זײַנען געווען אין הימל; מײַן נשמה, מײַן האַרץ, מײַן גוף, מײַן גאַנצער „איך" — איך בין אינגאַנצן, אינגאַנצן געווען דאָרט, אויבן אין הימל.

איך בין געווען אין הימל און האָב געזען מלאכים. מיט די ווײַסע ברייטע פליגלען זײַנען די מלאכים געשוווּמען אונטערן ברייטן בלויען הימל; זיי האָבן זיך געוויגט און געוויגט, געשוועבט און געשוועבט — און געשטאַנען אַף איין אָרט. פון זייער וויגן זיך און פון זייער שוועבן

זײַנען געגאַנגען זיסע זעלטענע קולות; סע האָט געזונגען און געזונגען, אַזוי שטיל געזונגען, אַזוי שיין געזונגען, אַזוי זיס געזונגען, ווי די כהנים מיט די לוויים, ווי דער „אָרגל" אין בית־המקדש, בײַ ייִדן פֿאַרצײַטנס, ווי סע שטייט בײַ אונדז אין הייליקע ספֿרים געשריבן.

און אַ גרינגע, קיל ווינטעלע איז פֿאַרבײַ מיר דורכגעלאָפֿן, און האָט מיך עטוואָס, קוים־קוים, אָנגערירט אין שטערן. און אַ טײַערער ריח פֿונעם גן־עדן, איז פֿאַרבײַ מיר דורכגעגאַנגען, און מײַנע אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט, צוגעמאַכט...

— אין חדר אַרײַן, שקצים, עבֿברושים, הולטאַיעס! אין חדר אַרײַן, ימח־שמוניקעס! הערט, שיבעניקעס, איך וועל אײַך שוין צושטעלן, ליידאַקעס, אַ בענקעלע צום רבין! אין חדר אַרײַן, פּוסטעפּאַסניקעס, כּל־בוניקעס, אין חדר אַרײַן!

דאָס איז געווען דער שמש פֿון בית־המדרש, רב יקותיאל דער שמש. אַ בייזער ייִד מיט אַ צעפּלעצטער נאָז און מיט אַ שטענדיקן לולקע־ציבעק אין די ציין.

און מיר זײַנען מיטאַמאָל אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם הימל אויף דער ערד.

ב.

כותל מערבֿי

(די איבערגעבליבענע וואַנט פֿונעם בית־המקדש).

— דערציילט זשע מיר, איך בעט אײַך, אַקוראַט. האָט איר הייסט דאָס אַליין געזען מיט אײַערע אייגענע אויגן די „כותל מערבֿי"? אַזוי, הייסט דאָס? האָט איר זי גוט געזען? דערציילט זשע מיר, ווי־אַזוי, און וואָס, און ווען?...

אַזוי האָט מײַן רבי זיך אָנגערופֿן צו אַ ייִדן, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צוריק פֿון ארץ־ישׂראל, פֿון ירושלים.

— זאָגט־זשע מיר, איך בעט אײַך, מאָלט מיר אויס אַקוראַט, ווי־אַזוי און ווו, און וואָס, און ווען?

דער ירושלים־ייִד האָט אים אויסגעמאָלן אַקוראַט, ווי־אַזוי, און ווו, און וואָס, און ווען, און מײַן רבי האָט געשלונגען די ווערטער, אָנגע־

קוועלט, געוואָרן ברייטער ווי לענגער, ווי אַ מענטש, וואָס נעמט־אָפּ אַ גרוס פון אַ נאָענטן מענטשן אין אַ ווײַטער מדינה.

דער רבי האָט זיך אַזוי שטאַרק אײַנגעקוקט אינעם ירושלים־ייִד, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט, ווי מיר, חברה, האָבן זיך איינציקווײַז אַרויסגערוקט פונעם טיש, און האָבן זיך אַרויסגעגנבעט אין דרויסן אַרויס, און האָבן געכאַפּט אַ גליטש אָפּן אײַז.

אַז מיר זײַנען געקומען צוריק אין חדר אַרײַן, האָבן מיר נאָך גע־טראָפן זיי זיצן.

— כותל מערבי! — האָט דער רבי געזאָגט צום ירושלים־ייִד.

— כותל מערבי! אָט דאָס איז אונדז פאַרבליבן פון אונדזער גאַנצן בית־המקדש, פון אונדזער גאַנצער מלוכה! כותל מערבי! כותל מערבי!...

און דער רבי האָט זיך צעוויינט.

ג.

אַברהמל

אַז איך האָב זיך מיט זיי באַגעגנט, זײַנען זיי ביידע צוזאַמען אַלט געווען כמעט צוויי הונדערט יאָר.

— אַברהמל! מיר האָבן אַ גאַסט.

— ווער איז?

און דאָס פּאָרפאָלק פון צוויי הונדערט יאָר האָבן מיך אויפגענומען מיט פרייד, מיט פאַרגעניגן.

און איך האָב באַם פּאָרפאָלק פון צוויי הונדערט יאָר פאַרבראַכט די צײַט מיט פרייד, מיט פאַרגעניגן.

ביידע נידעריקע, ווײַסע, ווי געפּאַלענער שניי, אָן ציין, אײַנגעבויגענע, נאָר פריילעכע, ציכטיקע, לעבעדיקע, ווײַזן אויס ווי ברודער און שוועסטער, ניט ווי מאַן און ווײַב.

— איך געדענק נאָך אײַער זיידן, אײַער עלטער־זיידן; געווען אַ ווילער ייִד, גאָר אַ ווילער, אָבער טאַקע גאָר אַ ווילער, ניט אַזוי ווי הײַנטיקע ייִדן — ניין, אָבער טאַקער גאָר ניין! מיר האָבן זיך באַקענט מיט אים, אַפּנים, — ווו האָבן מיר זיך באַקענט מיט אײַער עלטער־זיידן?...

ער שאמקעט מיט די ליפּן און דערציילט מיר אלע מעשיות פון אמאליקע יאָרן, און דערמאָנט ער זיך אָן יונגע יאָרן, ווערט ער ווי מונטערער, פרישער, יונגער.

— הער נאָר, סערדצע! — זאָגט דער אַלטיטשקער. — געדענקסט ניט, נשמה־מײַנע, ווי אַזוי האָט געהייסן דער פּריץ, וואָס זײַן עלטער־עלטער־זיידע האָט אים געהאַלטן די אַרענדע? האַ, סערדצע?

— פאן פרזשעשרזשאנסקי, — זאָגט זי — אברהמל, פרזשעשרזשאנסקי האָט ער געהייסן.

— יאָ, ביסט געראָטן, סערדצע, ביסט געראָטן: פאן פרזשעשרזשאנסקי האָט ער געהייסן.

און זיי פײַפן אויס מאָדנע דעם דאָזיקן נאָמען מיט דער צונג.

— דאָס האָט באַדאַרפט זײַן, סערדצע, ניט זייער לאַנג, איאָ? ווי מיינסטו, סערדצע?

— נישט לאַנג, אברהמעלע, נישט לאַנג; אַ יאָר... אַ יאָר זעכציק אָדער זיבעציק; נישט מער, נישט מער ווי אַ יאָר זיבעציק, — ענטפערט אים די אַלטיטשקע.

און דער אַלטער יונגערמאַנטשיק דערציילט מיר אַלערליי מעשיות, אַנעקדאָטן, ביז שפּעט־שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

— קום שוין, אברהמעניו, קום שוין שלאָפן!

און די אַלטיטשקע נעמט דעם אַלטן און פירט אים אַפּ פאַר אַ האַנט שלאָפן, ווי מע פירט אָפּ אַ קליין קינד, און אין עטלעכע מינוט אַרום קומט זי אַרײַן צו מיר שוין אַליין, אַביסל אויסגעטאָן, מיט אַ ווײַסן אָנגעקראָכמעלטן שלייער אָפן קאָפּ און מיט עטלעכע שפּילקעס אין מויל. זי זעצט זיך צו צו מיר אַביסל שמועסן און מיר שמועסן ווידער אַ היפּשע ווײַלע, און מיר קאָנען זיך נאָר זאַט ניט אָנריידן; דאָס הייסט, ניט איך רייד — זי רעדט, די אַלטיטשקע רעדט, און איך הער זי אויס.

— איר קאָנט זיך גאָרניט פאָרשטעלן — זאָגט זי צו מיר, אָנגעשפּאַרט אָף די אויסגעטריקנטע עלנבויגנס — איר קאָנט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, ווי שוואַך מײַן אברהמל הייבט אָן צו ווערן די לעצטע צײַט. אָן איבעריקע האַלבע שעה לאָז ער זיצן באַדערנאַכט, ווערט ער מיד און מוז גיין שלאָפן. נאָר למאי זאָל איך זינדיקן? אַ דאַנק גאָט דערפאַר. קיין סך אברהמלען, ווי מײַן אברהמל, איז ניטאָ. איך האָב נאָך פון

אים קיין איינציק מאָל, חלילה, קיין אומכבוד נישט געהאַט. קיין קרום וואָרט ניט געהאָרכט, פון דער ערשטער שעה נאָך דער חופּה ביז הײַטיקן טאָג צו הונדערט און צוואַנציק יאָר. למאי זאָל איך זאָגן? איך האָב צו אים גאָרניט. איך האָב צו אים גאָרניט, און מיר לעבן זיך ברוך השם, צופרידן, ווי גאָט האָט געבאָטן, און צום אייבערשטן קיין טענות האָבן מיר אויך ניט. ער פירט אונדז אויס פון כמה יאָרן, און מיר דאַרפן, חלילה, צו לײַטן ניט אָנקומען, און קיין פרעמדס האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט פאַרנומען, געלויבט איז גאָט ברוך־הוא...

— נו, און אײַערע קינדער?

— מײַנע קינדער?... עך־עך־עך! גאָט ברוך־הוא האָט מיך גע־שטראָפט, אויסגעשטאָרבן אַלע קינדער... אייניקלעך האָבן מיר, גע־לויבט דער אייבערשטער, אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך, קיין עין הרע ניט... נאָר קיין קינדער נישטאָ; אַלע אויסגעשטאָרבן.

די אַלטיטשקע האָט זיך פאַרטראַכט.

אין אַ מינוט אַרום רופט זי זיך אָן צו מיר:

— וואָס זאָגט איר עפּעס אַף אים?

— אַף וועמען?

אַף מײַן אברהמלען.

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זי מיינט דערמיט, האָב איך נאָר אַ שמייכל געטאָן און האָב איבערגעטראָגן אונדזער שמועס אַף אַן אַנדער ענין.

מיר האָבן נאָך לאַנג — לאַנג פאַרבראַכט. מיר האָבן גערעדט וועגן אַלערליי זאַכן און וועגן פאַרשיידענע לײַט; נאָר מער און אָפּטער פון אַלע האָט זיך געדרייט באַ איר אַף דער צונג אברהמל, איר אברהמל.

אברהמל איז געווען אַ בײַשפּיל אַף יעדן אויפן, אַ פאַרגלײַכן צו יעדן מענטשן. אברהמל! אברהמל! אברהמל!

עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז סע זיצט אַקעגן מיר אַ ווײַבל, אַ יונג ווײַבל, ניט קיין אַלטע ייִדענע פון קרוב צו הונדערט יאָר.

איך וואָלט אַ בעלן זײַן וויסן, ווו איז אַצינד דאָס דאַזיקע פּאָרל?...

ד.

דער אוצר.

אױף יענער זײַט באַרג, הינטערן אַלטן בית־המדרש, געפינט זיך אַן אוצר.

אַזױ האָט מען געשמועסט באַ אונדז אין שטעטל.

נאָר קומען צום אוצר איז ניט אַזױ גרינג. אַז אַלע ייִדן אין שטעטל װעלן לעבן בשלום, און װעלן זיך נעמען אַלע אים זוכן, דעמאָלט װעט מען אים געפינען.

אַזױ האָט מען געשמועסט באַ אונדז אין שטעטל.

און אַז אַלע ייִדן װעלן לעבן צופרידן, עס װעט ניט זײַן קײן קנאה באַ ייִדן, קײן שנאה, קײן קריג, קײן לשון־הרע, קײן רכילות, און מע װעט זיך נעמען אַלע, װעט מען אָפּזוכן דעם אוצר, און אַז ניט — װעט ער אַרײַן טיף־טיף אין דער ערד אַרײַן...

אַזױ האָט מען געשמועסט באַ אונדז אין שטעטל, און מע האָט אָנגעהױבן זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און צו װערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, װאָס װײַטער אַלץ מער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבערן אוצר. דער האָט געזאָגט: ער דאַרף זײַן דאָ, דער האָט געזאָגט: דאָרטן, — און מען האָט ניט אױפגעהערט זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און צו װערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, װאָס װײַטער אַלץ מערער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבערן אוצר — און דער אוצר... האָט געזונקען אַלץ טיפער און טיפער אין דער ערד אַרײַן.

ה.

אַן עזות!

אױף דער ערד איז ער געזעסן, אױף דער ערד, באַ דער טיר פון דער שול, ער איז געזעסן און האָט גערעכנט די גראָשנס, געציילט די פּרוטות — די פּרוטות, װאָס ער האָט דורכן טאָג געמאַכט. צענויפגעקליבן.

צװײ מאָל אין װאָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, גײט ער איבער די

הײזער. פּרוטות נעמט דער אָרעמער אָרעמאַן בײַ די רײַכע אָרעמעלײַט. די צוויי טעג זײַנען זײַנע.

ווי ליכטיק שײַנט די זון, ווי וואַרעם זײַנען אירע שטראַלן! איין האַנט האַלט ער אין בוזעם, און אין דער אַנדערער האַלט ער די גראָשנס, די פּרוטות. ער וואַרפֿט זיי און קלינגט מיט זיי: ער ציילט זיי און רעכנט זיי. פּלוצים...

ווער פֿאָרט דאָס איז דער דאָזיקער קאַרעטע, זעקס פֿערד געשפּאַנט? אַ! דאָס איז דער גראַף פֿונעם שטעטל.

די פֿערד טראָגן די קאַרעטע, און דער שטויב גייט נאָך, ווי צוויי וואָלקנס, בײַ די זײַטן.

דער שטויב האָט אים אַביסל פֿאַרשאָטן די אויגן מיטן מויל און האָט אים אױף צוויי מינוט פֿאַרשטעלט די שײַן פֿון דער ליכטיקער זון.

— אַביסל אַ העזה! אַן עזות פֿון אַ גראַף! — האָט ער אַ מורקע געטאָן זיך אין באָרד אַרײַן, און האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, רעכענען די גראָשנס, ציילן די פּרוטות...

ו.

אײַנגעשטילט זיך.

הײַנט איז געוואָרן אַ מאָדע: „חברות", „חדרים", „שקאָלעס", „סאַנאַטאָריע". אמאָל האָבן מיר דערפֿון גאַרנישט אָנגעהויבן צו וויסן.

געשטאָרבן אַן אָרעמאַן און איבערגעלאָזט אַ טוץ קינדער יתומים — כאָטש נעם וואַרף זיי אַרײַן אין וואַסער אַרײַן! מאַלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי; עס האָט זיך נאָך נישט געמאַכט, מע זאָל נעמען לעבעדיקע נפשות און וואַרפֿן זיי אין טײַך אַרײַן! עס רעדט זיך נאָר אַזוי...

אַזוי ווי הײַנט געדענק איך. כתריאל דער וואַסערפֿירער איז געשטאָרבן, און באַלד נאָך אים איז געשטאָרבן זײַן ווײַב כתרילעכע, און ס'איז געבליבן פֿון זיי אַ היפּש ביסל קינדער. אַן אַ טאַטן, אַן אַ מאַמען, אַן אַ ווינקל, אַן אַ שטיקל ברויט — אַ גוואַלד, אַ גוואַלד, חושך איז געוואָרן אין שטאָט, חושך צווישן די אָרעמע לײַט.

רוצחים! גזלנים! קוילערס! וואָס שווײַגט מען? ווי לאָזט מען דאָס אַזויפֿיל נפשות אויסגיין פֿון הונגער? פֿאַרוואָס טוט מען עפּעס ניט? ווו זײַנען די נגידים אונדזערע? די גבירים?

די נגידים, די גבירים זיינען געווען פארנומען מיט זייערע געשעפטן, און די ארעמעלייט האבן ניט אויפגעהערט צו פילדערן און צו ליארעמען, אזוי לאנג, ביז ס'איז געקומען אפדערנאכט, האט מען געמאכט באם רב אן אסיפה, און ס'איז געבליבן, מע זאל זיך מיט די קינדער איינטיילן.

אט דא איז ערשט געווארן דער רעכטער געפילדער: בעלנים אף אזא גרויסע מצווה זיינען געווען א סך, און קינדער — סך הכל זיבן.

ז.

צוויי נשמהלעך.

— שוין פארטיק בא דיר דארט אלצדינגע? נעם אט די צוויי און טראג זיי אראפ אהין, אף דער ערד, און קום באלד צוריק.

אזוי האט גאט ברוך־הוא געזאגט צום מלאך, אנווייזנדיק אים אף צוויי זינדיקע נשמהלעך.

און דער מלאך האט גענומען די צוויי זינדיקע נשמהלעך אונטער די פליגל און האט זיך אראפגעלאזט מיט זיי אף דער ערד.

און די נאכט האט פארשפרייט אירע שווארצע פליגל אף דער ערד, און ס'איז געווען פינצטער.

און א קאלטער ווינט, א שטארקער ווינט, האט געדרייט און געבלאזן דורך די פענצטער, דורך דער טיר, דורך די ווענט פון א קליין איינגעהויקערט שטיבל. אינעם קליין איינגעהויקערט שטיבל, אף שטרוי געבעט, ליגט אף דער ערד אן אויסגעטריקנט ווייבל. דאס ווייבל ליגט און קאטשעט זיך. זי קאטשעט זיך — זי גייט צו קינד.

און א קאלטער ווינט, א שטארקער ווינט האט געדרייט און געבלאזן און האט ניט געקענט דורכבלאזן די געמויערטע ווענט מיט די הויכע טירן און פענצטער פון א שיין רייך הויז. אינעם שיינעם רייכן הויז, ווייך געבעט, גוט געבעט, מיט אטלעס און מיט זייד, ליגט א געזונטע, א שיינע פרוי. די געזונטע שיינע פרוי ליגט און קאטשעט זיך. זי קאטשעט זיך — זי גייט צו קינד.

און דער מלאך האט אין דער גיך אהער אריינגעלאזט די צוויי נשמהלעך.

— גייט, קינדערלעך, — האָט ער צו זיי געזאָגט — גייט, ברי־דערלעך, קומט־אָפּ אַביסל אַף דער וועלט!

און ס'איז אין דער דאַזיקער נאַכט געבאָרן געוואָרן צוויי יינגלעך: איינס אַף דער ערד, אַף שטרוי, — אַף הונגער, אַף דחקות, אַף צרות — אַ פּיקערל, אַן עסערל, אַן איבעריקס אַף דער וועלט; און דאָס אַנדערע — אַף אַטלעס און אַף זייד, אַף פרייד, אַף גוטס, אַף גליק, אַף לאַקעט־קעס, אַף זאַבאַוואָקעס, צו געניסן פון דער וועלט.

— היתכן? — האָט דער מלאך געפרעגט באַם רבונו־של־עולם. — איז טאַקע רעכט אַזוי? דעם גאָר, און דעם גאָרנישט? דעם שטרוי, און דעם אַטלעס? דעם לאַקעטקעס, און דעם דחקות?

— קוק־אַראָפּ און שווייג! — האָט אים געענטפערט דער האר פון דער גאַנצער וועלט.

עס איז איבערגעלאָפן צוואַנציק יאָר.

און די נאַכט האָט פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע פליגל אַף דער ערד און ס'איז געוועזן פינצטער.

און אַ שטאַרקער ווינט, אַ קאַלטער ווינט האָט געדרייט און גע־בלאָזן דורך די פענצטער, דורך דער טיר, דורך די ווענט פון אַ קליין איינגעהויקערט שטיבל, פונעם קליין איינגעהויקערט שטיבל הערט זיך אַ קול, אַ וויינענדיק קול:

— רבונו של עולם! ליבער גאָט! נעם־אָן מיין געבעט, הער־צו מיין געוויין; שיק מיר דעם טויט, נעם מיך צו פון דער וועלט — איך קאָן זיך שוין מער דאָ ניט מוטשען!

— ניין, לעב נאָך, לעב נאָך, מוטשע זיך, — לעב לאַנג, לעב לאַנג, מיין קינד!...

און אַ שטאַרקער ווינט, אַ קאַלטער ווינט האָט געדרייט און גע־בלאָזן און האָט ניט געקאָנט דורכבלאָזן די געמויערטע ווענט מיט די הויכע טירן און פענצטער פון אַ שיין רייך הויז. פונעם שיינעם רייכן הויז הערט זיך אַ קול, אַ וויינענדיק קול:

— רבונו של עולם! ליבער גאָט, נעם־אָן מיין געבעט, הער־צו מיין געוויין; נעם־צו דעם מלאך־המות פון מיר. איך וויל לעבן.. אַן עבירה אַזאַ גוטס. איך וויל פון דער וועלט אַזוי יונג נישט גיין!

— ניין, שטאַרב, ניין, שטאַרב, געזעגן זיך, — גענוג געהוליעט, מיין קינד!...

און אַ שטאַרקער ווינט, אַ קאַלטער ווינט האָט געדרייט און גע־בלאָזן די נאַכט, און די זינדיקע נשמה אינעם גליקלעכן הויז, פון דעם גביר דעם געזונטן, איז ניט ווילנדיק צוריק אַפּן הימל אַרויף.

און אַ שטאַרקער ווינט, אַ קאַלטער ווינט האָט נאָך לאַנג דאָ גע־בלאָזן און געדרייט, און די זינדיקע נשמה אינעם געפאַלענעם שטיבעלע האָט זיך ניט ווילנדיק באַם קבצן באַם קראַנקן געהאַלטן נאָך לאַנג, נאָך לאַנג געהאַלטן!

ה.

איך שעם זיך.

איך האָב געהאַט אַ חבר. מיר האָבן געלערנט אין איין חדר. אײנ־איינעם געלעבט, אינאייינעם געטאָן נאַרישקייטן אינאייינעם געטיילט פריידן און ליידן.

די בלינדע, וואָס מע רופט זי פאָרטונע, די הצלחה, האָט זיך צוגעשמייכלט צו מיין חבר, און סע האָט אים באַגליקט, און ס'איז אים אוועקגעגאַנגען בעסער און בעסער, און איז געוואַקסן העכער און העכער.

און איך בין געבליבן פון אונטן...

לאַנג, גאַנץ לאַנג האָבן מיר זיך ניט געזען, ניט באַגעגנט. מיר זיינען געגאַנגען אַף פאַרשיידענע וועגן, מיר האָבן געוווינט אין פאַרשיי־דענע שטעט.

איינמאָל בין איך געקומען אין דער שטאָט, ווו מיין חבר האָט גע־וווינט, און בין געגאַנגען פאַרביי מיין חברס אויסגעצייכנט הויז און האָב זיך אָפּגעשטעלט:

„יאָ אַריינגיין, צי ניט אַריינגיין?״

און איך בין אַריינגעגאַנגען.

שטעלט אייך פאָר — ער האָט מיך דערקענט!...

— וואָס־זשע מאַכסטו, ברודער? ווי גייט עס?

אַ היפּשע ווײַלע זיינען מיר געשטאַנען פון פאָרנט; אינעווייניק צו זיך האָט ער מיך ניט אַריינגערופן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז סע וווּנדערט מיך, האָט ער צו מיר גע־זאָגט, באַטראַכט מיין הלבשה:

— זײַ מיר מוחל, גוטער ברודער, האָב קיין פּאַראיבל, איך בעט דיך, זײַ מיר מוחל, איך קאָן ניט. איך שעם זיך!...

— דו שעמסט זיך, דו שעמסט זיך מיט מיר?

— אַך, ניין, חלילה, ניט דאָס מיין איך, ניט דאָס האָב איך גע־זאָגט! איך האָב געזאָגט, איך שעם זיך מיט... מיט מײַן גרויסאַרטיק הויז... פאַר דיר, פאַר מײַן אַלטן חבר, פאַר... פאַר... זאָג מיר, ווו וווינסטו? ווו שטייסטו? איך וועל קומען, איך וועל זײַן בײַ דיר, איך וועל זײַן בײַ דיר!

ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף מײַנע אויסגעדרייטע צעריסענע שטיוול און איז געוואָרן רויט פאַר בושה...

איך האָב אים פאַרשטאַנען און האָבן אים מוחל געווען מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן גאַנצן האַרצן!

ט.

עק־וועלט.

דאָרט, אויף יענער זײַט בית־עולם, הינטער דער שטאָט, גייט זיך צונויף דער הימל מיט דער ערד.

דאָרט, אויף יענער זײַט בית־עולם, הינטער דער שטאָט, איז עק־וועלט.

אַזוי האָבן מיר אַלע אין חדר אָפּגעפּסקנט און האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך — צענויפזאַמלען זיך שבת באַטאָג, ווען דער עולם, ווען אַלע יידן, ווען די גאַנצע שטאָט שלאָפן מיטן זיסן שבתדיקן שלאָף, און זיך לאָזן און גיין ביזן עק־וועלט.

שבת באַטאָג, ווען דער עולם, ווען אַלע יידן, ווען די גאַנצע שטאָט זײַנען געשלאָפן מיטן זיסן שבתדיקן שלאָף, האָבן מיר זיך צענויפגע־זאַמלט און האָבן זיך געלאָזט גיין און גיין ביזן עק־וועלט.

און מיר זײַנען געגאַנגען — צי אַ שעה, צי צוויי, צי דרײַ — ווייס איך ניט; נאָר מיר זײַנען, ברוך השם, מיט גאָטס הילף, געקומען בעשלום ביז דער מיל, ביז דער ווינט־מיל.

דאָ, בײַ דער ווינט־מיל, האָבן מיר זיך געזעצט רוען. זיך צוגעזעצט, צוגעלייגט. צוגעלייגט זיך, אויסגעצויגן זיך אויפן גרינעם גראָז, אויפן שמעקנדיקן גראָז, און געכאַפּט אַ דרעמל.

יעדער פון אונדז איז פאַרנומען מיט זײַן זאַך, מיט זײַנע געדאַנ־קען, מיט זײַן פאַרגעניגן. ס׳איז שטיל. קיינער זאָגט ניט קיין וואָרט; קיינער וויל, מע זאָל אים איבערשלאָגן. קיינער וויל יענעם איבערשלאָגן.

— ווו־זשע איז ע ק ־ ו ו ע ל ט? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון אונדז.

— אָט דאָס איז דאָך עק־וועלט, נאַרעלע! — האָט אים דער אַנ־דערער געענטפערט.

און ס׳איז בײַ אונדז אַלע געבליבן דער הסכם, אַז דאָ, הינטער דער ווינט־מיל, איז עק־וועלט; אַז ווײַטער פון דער מיל איז שוין די הרי־חושך, די פינצטערע בערג, וואָס זײַנען באַדעקט מיט אַ שוואַרץ גראָז, און דאָרט, אויף די בערג, געפינען זיך נאָך עד־היום קליינע ייִדעלעך מיט לאַנגע בערד ביז די שפּיץ־פינגער פון די פיס, — די קליינע ייִדעלעך, וואָס גאָט האָט זיי אַהער פאַרטריבן פאַר זייערע צינגער, פאַר זייערע לאַנגע צינגער, דערפאַר וואָס זיי האָבן געהרגעט איינער דעם אַנדערן מיט די צינגער; און אויף יענער זײַט בערג איז שוין דער פאַרגליווערטער ים, וואָס דער שטורעמווינט פאַרטרײַבט אַהין אַלע אָקרענטן מיט אַלע שיפן און וואָס קיינער קומט שוין פון דאָרט ניט צוריק...

— אין בית־מדרש אַרײַן! ווײַסע־חברהניקעס! אין בית־מדרש אַרײַן! לײַטישע בחורימלעך! דאַכט זיך, שענער צו זיצן אין בית־מדרש שבת בײַטאָג און לערנען „פּרק", איידער וואַלגערן זיך, גלײַך מיט אַלע שקצימלעך, הינטער דער מיל. אין בית־מדרש אַרײַן, גויִים, עם־הארצים. אין בית־מדרש אַרײַן!

דאָס איז געווען „מאָטיע רויטעבאַק" אַ שיינער ייִד, אַ יודע־ספר, אַ בעל־הבית מיט אַן אייגענער שטוב און מיט אַ „שטאָט" אין מזרח־וואַנט, די דריטע שטאָט פונעם אָרון־קודש...

9.

מ ל א ך ־ ה מ ו ת

איך האָב געהערט אין חדר. מײַן רבי האָט מיר דערציילט. מײַן רבי רב מאיר, זכרונו לברכה...

שרעקלעכע מעשיות האָט ער זיך אָנדערציילט פונעם מענטשנס סוף, פונעם מלאך־המות מיט די טויזנטער אויגן פון קאָפּ ביז פיס, פו־

נעם מלאך־הדומה מיט די אײַזערנע ריטער, וואָס קומט אין קבר אַרײַן מיט אַ דאָפּראָס:

— רשע! מה שמך? רשע! וויאַזוי רופט מען דיך? עסקת בתורה? וואָס האָסטו געלערנט?

און נאָך פֿיל שרעקלעכע, באמת מוראדיקע מעשיות. און עס איז איבערגעגאַנגען אַ פראָסט איבערן לײַב, און די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר.

נאָר שרעקלעכער פֿון אַלץ איז באַ מיר געווען דער מלאך־המות, דער מלאך־המות מיט די טויזנטער אויגן פֿון קאָפּ ביז פּיס. און איך בין זיכער, אַז ווען איך וואָלט דערנסטמאָל זיך באַגעגענט מיטן דאָזיקן פּאַרשוין, וואָלט איך געוויס געשטאָרבן פֿאַר פחד אַליין.

אָך, ווי עס בײַטן זיך די צײַטן!

אַצינד, ווען איך זע זיך מיט „אים" כמעט יעדן טאָג, ווער איך גאָר ניט נתפּעל.

איך פֿיל „אים" נעבן זיך; איך הער „זײַן" אָטעמען אָט דאָ, נעבן זיך; איך ווייס, איך הער, אַז „ער" גייט מיר נאָך פֿון הינטן פּיס־טריט — און גאָרניט!

—, נו, גיכער, גיכער! — זאָגט „ער" מיר. — מאַך אַ צוואה און קום...

— מאָרגן, אם־ירצה־השם, מאָרגן! — ענטפֿער איך „אים" און לייג דאָס אָפּ פֿון טאָג אױף טאָג.

און אַזוי ווי איך זעט, נאַרן מיר איינער דעם אַנדערן. ער זאָגט מיר: „צוואה!" איך אים: „מאָרגן... מאָרגן... מאָרגן..."

דער יִינגסטער פון די מלכים

(אַ מעשה לכּבוד פּסח).

א.

אַ גליקלעך קינד אָט דער יוזעק! אַלע האָבן אים ליב, איטלעכער פּעסטעט אים, גיט אים נאָך, קושט אים, האָלדזט אים.

וואָס איז די מעשה?

יוזעק!

„אייגענע טאַטע־מאַמע באַדאַרפן אַזוי ניט באַלעווען קיין בן־יחידל, ווי די צוויי שוועסטער, שׂרה און רבקה, באַלעווען דאָס קליינע ברודערל זייערס. יוזעק און יוזעק! יוזעק, עס! יוזעק, טרינק! יוזעק, גיי שלאָפן! יוזעק, נאַ דיר אַ צוקערקע! יוזעק, מע נייט דיר אַ פּאָר נײַע הייזלעך אויף יום־טוב! יוזעק, מע וועט דיך שיקן ערב פּסח אין באָד אַרײַן! יוזעק, וועסט פֿראַווען פּסח דעם סדר! יוזעק און יוזעק און יוזעק — ס'איז שוין נמאס און מאוס צו הערן! „איר נעמט אַ קינד, אַ ברילאַנטן קינד, און מאַכט פון דעם אַ תּל!"

אַזוי זאָגן די שכנהטעס, וואָס זיצן מיט די שוועסטער אינאיינעם, און אַליין רוקן זיי אונטער יוזעקן אַלע מאָל אַ צוקער־לעקעכל, אַ שטיקל שטרודל, אַ געבראָטן לעבערל, אביסל אײַנגעמאַכטס.

געגונומען האָט זיך עס פון רחמנות, פון דעם, וואָס אַלע, די גאַנצע וועלט האָט אויף אים געהאַט רחמנות — נעבעך אַ יתומל!

ב.

ס'איז געווען אַ ייִד, האָט ער געהייסן רפאל, און איז געווען כל ימיו אַן אָרעמאַן, און דערצו נאָך אַ יאַדישליוועך, מיט אַ מאָדנער מאָר־זיקאַלישער ברוסט, וואָס פלעגט שפּילן, דאָס הייסט, באַם אַריינציִען און באַם אַרויסלאָזן דעם אָטעם פלעגט זיך הערן אַ מין געזאַנג פון אַ פידל, וואָס מע פירט איבער איר מיט אַ ניט־קיין־אָנגעשמירטן סמיטשיק. און געווען איז דער רפאל אַ גאַנץ ערלעכער. נאָר, לאָז ער מיר מוחל זיין, אַ שלים־מזלניק, דאָס הייסט, מחמת ער איז געווען זייער אַן ער־לעכער, איז ער געווען אַ שלים־מזלניק, אָדער פאַרקערט, מחמת ער איז געווען אַ גרויסער שלים־מזלניק, איז ער געווען אַן ערלעכער. אַף אים האָט מען געזאָגט אין כתרילעווקע, אַז ווען רפאל זאָל ניט זיין קיין שלים־מזלניק, וואָלט ער איצט געהאַט אַ סך געלט.

און ער האָט דאָס געהאַט ביד, וואָרעם ער איז געווען כל ימיו „נאמן" באַ רב שמחהלע ווינער אין פּאַדוואַל, און אַ כּוץ זיין געהאַלט, האָט ער געקאָנט גיין שווערן אַ שבועה דאורייתא, אַז ער האָט ניט נהנה געווען קיין פרעמדע פּרוטה.

רב שמחהלע ווינער האָט זיך נישקשה, געקאָנט פאַרלאָזן אַף זיין נאמן. ער האָט אים טאַקע דערפאַר געהאַלטן בכבוד, געצאָלט אים אָקו־ראַט די זעקס קאַרבן אַ וואָך, אַמאָל אונטער אַ יום־טוב געשענקט אַ צענקערבלשטיק, פּסח ארבע־כוסות אומזיסט, און פּסחדיקן בראָנפן אַ פלעשל — פון דעם שמועסט מען ניט, ווי דען? רב שמחהלע ווינער איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט דען ניט, ווי מע באַדאַרף שעצן אַ מענטשן? אי, רפאל דער נאמן האָט באַקומען באַ אים אין „פּאַדוואַל" פריִער אַ „רעמאַטיז" און נאָכדעם האָט זיך אים געלייגט אַ קאַטאַר אַף דער לונג, און סע האָט אים אָנגעהויבן פייפן אינעווייניק און שפּילן און זינגען — ווער איז שולדיק? געזונט — דאָס איז דאָך אַ גאָט־זאַך. דער געזונטסטער מענטש קאָן חלילה גייענדיק שטאַרבן. אונדזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט דערויף, אַז... נאָר איר ווייסט דאָך שוין מסתמא, וואָס אונדזערע חכמים האָבן דערויף געזאָגט.

הקיצור, רפאל האָט אַזוי לאַנג געפייפט, געשפּילט און געזונגען, ביז ער האָט זיך איינמאָל, חול־המועד פּסח איז דאָס געווען, אוועקגע־לייגט, באַקומען פּערציק גראַד היץ און איז שוין מער ניט אויפגעשטאַנען.

ג.

רפאל איז געשטאָרבן און — אײ־אײ־אײ! — וואָס פאַר א לוויה ער האָט געהאַט! רב שמחהלע האָט אײַנגעלייגט די וועלט! ער האָט אים אליין ארויסגעטראָגן אױף דער מטה פון שטוב, אליין געהאָלפן טראָגן מיט זײַנע פלייצעס, אליין נאָכגעגאַנגען ביזן הייליקן אָרט, אליין גע־זען, מע זאָל אים געבן א שיינעם אָרט, אליין אכטונג געגעבן, ווי מע גראָבט די קרקע, אליין געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ מיט דער לאָפּעטע, און בשעת דאָס קינד, יוזעק, האָט געזאָגט אינאיינעם מיט עוזר דעם שמש דעם ערשטן קדיש אױפן פּאָטערס קבר, האָט רב שמחהלע געוויינט, סטײַטש געוויינט!

— וואָס ווייסט איר! וואָס ווייסט איר! — האָט ער נאָכדעם גע־זאָגט איטלעכן באזונדער. — ס'איז בײַ מיר אזא היזק, אזא היזק, וואָס איז גאָר אין לשער!

און צו דער אלמנה האָט ער געזאָגט:

— וויין ניט, איך וועל דיר מיט דײַנע יתומים מסתמא נישט פאַר־לאָזן. פרײַער גאָט, נאָכדעם איך...

און רב שמחהלע האָט געהאַלטן וואָרט, ווי ווײַט ער האָט געקאָנט. דאָס הייסט, די ערשטע עטלעכע וואָכן האָט ער געצאָלט דער אלמנה די זעלבע שכירות, וואָס רפאל פלעגט נעמען. אמת, זי האָט באדאַרפט נאָך דעם גיין אַלע וואָך, און ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, און דאָס איז געווען פאַר איר עפּעס ניט אזוי אנגענעם; נאָר איך בעט אײַך; וואָס האָט איר געוואָלט? מע זאָל איר אָפּשיקן אהיים? דאַכט זיך, מען איז געוויס יוצא, אז מע צאָלט א מענטשן שכירות נאָכן טויט!

— איר גייט צו מיר מאָנען געלט, — האָט ער צו איר אמאָל א זאָג געטאָן, — גלײַך ווי עס קומט אײַך טאַקע, גלײַך ווי איר האָט עפּעס אײַנגעלייגט בײַ מיר א חלק אין פאַרוואַל...

יענעם טאָג האָט די אלמנה מער געוויינט, ווי בשעת רפאל איז געלעגן אױף דער ערד, און אז אירע צוויי טעכטער, שרה און רבקה, זײַ־נען געוואָר געוואָרן דעם סוד, וואָס די מאַמע וויינט, האָבן זיי זי באַ־שווירן, זי זאָל שוין מער אהינצו נישט גיין.

— וואָס־זשע וועלן מיר טאָן?

— דאָס וואָס אַלע טוען: מיר וועלן גיין דינען, מיר וועלן וואַשן גרעט, מיר וועלן נייען אַף דער מאַשין.

נייען אַף דער מאַשין איז שוין איצט אין כתרילעווקע אַ שטיקל ענין. מע קאָן שוין פאַרדינען די צוויי גילדן אַ טאָג, אַבי מע זאָל נאָר וועלן זיצן איבער דער מאַשין אַזוינע זעכצן־זיבעצן שעה אין מעת־לעת; אין מיט אַרבעט איז אויך קיין דאגה נישט, מע קריגט; אַז ניט קיין קליידלעך, איז ליפן, אַז ניט קיין ליפן, איז העמדער, אַז ניט קיין העמדער, איז נאַז־טיכלעך אונטערהאָקן. שלעכט איז נאָר, וואָס מע דאַרף האָבן אַ מאַשין, צוויי מאַשינען!

אמת מע גיט מאַשינען אַף אויסצאָלן, ווי־זשע נעמט מען די ערשטע עטלעכע קערבלעך?

— גייט זיך דורך צו אַייער נגיד. — האָבן די שכנים געגעבן אַן עצה דער אלמנה. — זאָגט אים אַזוי און אַזוי, זיי וועלן אים אָפּאַרבעטן.

ד.

ס'איז צו זאָגן: גיי צום נגיד! נאָר וואָס טוט ניט אַ ייִד צוליב פּרנסה? די אלמנה איז זיך דורכגעגאַנגען צו רב שמחהלע ווײַנער, געטראָפן אים אין דער בעסטער צײַט, סאַמע נאָכן עסן. איר ווייסט, אַז איר דאַרפט צו עמעצן אָנקומען מיט אַ טובה, זאָלט איר אים טשאַטעווען נאָר נאָכן עסן; נאָכן עסן איז דער ערגסטער מענטש ווייכער ווי פאַרן עסן; פאַרן עסן איז אַ מענטש — אַ חיה.

— וואָס ווילסטו זאָגן עפּעס גוטס?

די אלמנה האָט אים אָנידערגעלייגט אַ צעטל, אַזוי און אַזוי — מאַשינעס.

רב שמחהלע האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ די גאַנצע צײַט, געקאַלופּעט די ציין, געוועזן רויט, אַביסל געשוויצט און עטוואָס געדרעמלט, דאָס הייסט, חלילה ניט געשלאָפן, נאָר געדרעמלט, געקוקט אַף איר נאָר מיט איין האַלב אויג, בשעת מעשה געקלערט אַביסל וועגן געשעפט און אַביסל וועגן עניני המאָגן. רב שמחהלע איז אַביסל אַ פולער, אַביסל צו פעטלעך, האָבן אים די דאָקטוירים געהייסן עסן מער פלייש און ווייניקער מעל־שפּײַז; און רב שמחהלע האָט דווקא ליב מעל־שפּײַז, ברויט, לאָקשן, קוגעלעך וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס ווערן געמאַכט פון מעל.

ער וויים, אַז סע שאַט אים, נאָר אַז ער זעט דאָס, עסט ער, און אַז ער עסט־אָפּ, האָט ער חרטה...

— איז וואָס־זשע מאַכסטו, הייסט דאָס? — רופט ער זיך אָן צו דער אַלמנה בשעת יענע ווערט אַנטשוויגן, און ער הערט אויף צו דרעמ־לען, קוקט אַף איר מיט אַנדערהאַלבן אויגן.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — ענטפערט אים די אַלמנה. — איך הערט דאָך שוין, וואָס איך מאַך; אַף אַלע שונאים! איז ווען איך האָב איצט אַף אַ מאַשינע, אַף צוויי מאַשינעס, כאָטש איין מאַשינע...

— וואָסער מאַשינע? — מאַכט ער צו איר פאַרווונדערט און קוקט אַף איר שוין מיט בייזע אויגן.

— איך האָב דאָך אייך דערציילט, אַז מײַנע טעכטער ווילן זיך פאַרנעמען מיט נייען, ווערן נייטאָרנס, נייען אַף דער מאַשינע, איז ניטאָ קיין מאַשינע, צוויי מאַשינעס דאַרפן זיי האָבן, מע גיט אַף אויסצאָלן.

— דאָס איז אַ גוטע זאַך, זייער אַ גלײַכע זאַך נייטאָרנס, נייען, פאַרדינען, מהיכתיתי, זייער גלײַך!

נאָר תוך כדי דבור פליט אים דורך אַ מחשבה: „וואָס איז די מעשה, וואָס ס'איז מיר אַזוי אַנגעפילט דער מאָגן? איך האָב, דאַכט מיר, הײַנט גאָר אַזוי פיל ניט געגעסן!" און איין אויג הייבט באַ אים אָן ווערן קלע־נער. נאָר מחמת די אַלמנה ווערט אַנטשוויגן, כאַפּט ער זיך אויף און רעדט ווײַטער צו איר:

— נו, זייער פֿײַן, נייען, מהיכתיתי, פאַרוואָס ניט?

— האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, רב שמחהלע, איר האָט שוין אַזויפיל געטאָן פון אונדזערטוועגן טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, אַז...

רב שמחהלע דערהערט, אַז סע שמעקט מיט אַ בקשה, אַ גמילות־חסד, געלט מסתמא, כאַפּט ער זיך אויף.

— אַז וואָס?

— אַז איר זאָלט אויסלײַען דאָס ערשטע געלט, וואָס מע באַדאַרף אַף די מאַשינעס.

— וואָסערע מאַשינעס.

— אָט די, וואָס איך זאָג אײַך, צוויי מאַשינעס פון מײַנע טעכטערס וועגן, כאָטש איין מאַשינע.

— ווי קומט צו מיר מאַשינעס? וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט מאַשינעס?

— געלט! — זאָגט די אַלמנה. — מאַשינעס וועלן זיי אַליין קויפֿן. מע גיט מאַשינעס אױף אויסצאָלן. למשל, איך צאָל איצט אײַן איצט אַ פּופּצי־קער, און שפּעטער מיט דרײַ חדשים אַ פֿינפֿאונצוואַנציקער, און שפּע־טער . . . .

— איך ווייס, איך ווייס, דו באַדאַרפֿסט מיר ניט דערציילן. איך קאָן באַשטיין, זיי זאָלן זיך באַגיין אָן מאַשינעס. נאַדיר גאָר מאַשינעס!

— וואָזוי זשע וועלן זיי נייען? מיט די הענט קאָן מען אַזוי פֿיל ניט אָננייען; אַלע נייטאָרנס האָבן הײַנט מאַשינעס.

— ווילסט זיי מאַכן פֿאַר נייטאָרנס? אַז אָך און ווי די יאָר! דײַן מאַן זאָל איצט אויפֿשטיין און דערהערן, אַז דו ווילסט מאַכן פֿון דײַנע קינדער נייטאָרנס, וואָלט ער נאָכאַמאָל געשטאָרבן. דו ווייסט? דײַן רפֿאל איז געווען אַן ערלעכער, אַ כשרער ייִד.אַזעלכע ווי רפֿאל איז ניש־טאָ! רפֿאל זאָל הערן נייטאָרנס, וואָלט ער דאָס ניט אויסגעהאַלטן! ער וואָלט זיך — איך ווייס אַליין ניט וואָס!

רב שמחה רעדט מיט האַרץ. ער מיינט דאָס ערנסט. און וואָס ווײַ־טער — העכערט זיך בײַ אים דאָס קאָל:

— נייטאָרנס? הע! אַ שיינע עובֿדה פֿאַר אַ ייִדיש מיידל! הע! מיר ווייסן וואָס הייסט אַ נייטאָרן! און נאָך בײַ ייִדן! הע! רפֿאלס טעכטער נייטאָרנס! און ווו בין איך? דו ווייסט, אַז דײַן רפֿאל איז בײַ מיר אויס־געוואַקסן? איך האָב אים געמאַכט פֿאַר אַ מענטשן, פֿרעגער גאָט, נאָכדעם איך. און ווער האָט אים חתונה געמאַכט, אַז ניט איך? הע! ווילסטו, אַז איך זאָל דערלאָזן אַזעלכעס? חס וחלילה! וואָס בין איך עפּעס? אַ שטיין? אַ ביין? אַ שײַט האָלץ? הע!

די אַלמנה — מיט דעם וואָס זי איז געקומען, מיט דעם איז זי אוועקגעגאַנגען.

אוועקגעגאַנגען און זיך געגעבן דאָס הייליקע וואָרט, געשוואָרן זיך מיט די האַרבסטע שבֿועות, אַניט זאָל זי ניט דערלעבן אירע קינדער מגדל זײַן, אַז מער זאָל איר פֿוס ניט זײַן בײַ רב שמחהלען אין שטוב — בעסער גיין דינען!

ה.

נאָר ס'איז גרינג אויסצוריידן „גיין דינען"! רפאל דעם נאמנס ווייב א בעל־הביתטע גלייך מיט אלע כתרילעווקער בעל־הביתטעס, וועט זיך שטעלן דינען? שטיין בא א פרעמדן אויוון? זיצן בא א פרעמדן טיש? איידער אזא לעבן איז שוין גלייכער שטאַרבן! און די אלמנה האָט גע־בעטן אף זיך דעם טויט. און דאָס מאָל האָט גאָט, דער גרויסער אלמעכ־טיקער גאָט, דער וואָס איז אן אבי יתומים און דיין אלמנות, דווקא דער־באַרעמט זיך אף דער אָרעמער אלמנה, און האָט זי ניט געלאָזט לאַנג ארומדרייען זיך אף דער וועלט. איר צוגעשיקט א גרינגן טויט, א מין געשווילעכטס אזעלכעס אינעווייניק. געמוטשעט זיך, און גוט געמוטשעט זיך, סך הכל א חדשים דריטהאַלבן און אוועקגעשטאַרבן. און גראָדע האָט זיך באַדאַרפט טרעפן אזוי, אז ס'איז אין כתרילעווקע אין דער צייט, א כויץ קליינע קינדער קיינער נישט געשטאָרבן, האָט מען די אל־מנה באַהאַלטן ניט ווייט פון איר מאַן כמעט א קבר נעבן א קבר — באַ־שערט געווען א גליק! און יוזעק האָט שוין פאַר איינס געזאָגט קדיש אי נאָכן טאַטן, אי נאָך דער מאַמע, — און פון דעמאָלט אָן איז דאָס יוזעק געוואָרן אזוי באַליבט און טייער בא אלע שכנים און בא אלע שכנות און בא אלע די, וואָס האָבן אים געהערט זאָגן קדיש אין בית־המדרש, שטייענדיק אף א באַנק, קוויטשען אף זיין קינדערש קולכל „יתגדל ויתקדש"... איטלעכער, ווער עס האָט געזען דאָס דאַזיקע קליי־נע יינגל מיטן קײלעכיקן היטעלע, מיט די שוואַרצע אייגעלעך און מיט די רויטע בעקעלעך, שטיין אף דער באַנק אין בית־המדרש, און געהערט אים זינגען דעם „יתגדל ויתקדש", איז געבליבן שטיין צוגעקאָוועט, גע־זיפצט און פאַרטיפט אין געדאַנקען נישט קיין ליכטיקע, אין מחשבות נישט קיין פריילעכע, וואָרעם איטלעכער מענטש קאָן חלילה שטאַרבן, איטלעכער מענטש האָט קליינע קינדער, וואָס קאָנען חס ושלום בלייבן יתומים, מע זאָל באַהיט און באַוואָרנט ווערן! און מע רוקט־אונטער דעם קליינעם יתומל ווער א קאָפּיקע און ווער אן עפּל, אביסל פאַר רחמנות און אביסל פאַר „צדקה תציל ממות"...

דעם אמת דאַרף מען זאָגן, אז יוזעק איז טאַקע געווען א געראָטן קינד מיט אזא מין פנימל וואָס סע בעט זיך: „האָב מיך ליב". און דערצו האָט ער געהאַט א גוט קעפּל און איז געווען אין דער כתרילעווו־

קער תלמוד־תורה דאָס בעסטע ייִנגל; נח דער מלמד האָט זיך ניט גע־קאָנט אָנלויבן פון אים, און די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים געקלונגען.

— עפּעס לויבט מען זייער רפאל דעם נאמנס זונדל.

— יוזעקן? מע זאָגט, ס'וועט עפּעס זײַן גאָר אַ חריפות אין דער וועלט!

— און ווו דאַרף זיך פאַרוואַלגערן אַזאַ אַן אַנטיקל? צווישן אָרע־מעלײַט, אָפּן מיסט!

— תמיד אַזוי. ווער לעבט? דער אַלטער משה־אַרן, אַן הענט און אָן פיס. ווער שטאַרבט? רב שמחהלעס איידעם, אַ פרישער, אַ געזונ־טער, אַ טאַטע פון קינדער און אַ יונגערמאַן מיט געלט — נעמט ער און שטאַרבט אַוועק!

— איר זאָגט, רב שמחהלעס איידעם? למאי פייסי דעם נגידס שנור?

— וואָס מאַכט זי?

— זי מאַכט! מע האָט שוין דרײַ מאָל אַראָפּגעבראַכט דעם פּראָפע־סאָר פון יעהופּעץ.

— אַזוי? איך זאָל עס פאַרמאָגן וואָס סע וועט קאָסטן כאָטש האַלב, רבונו־של־עולם!

— ס'איז אוודאי אַ וועלט!

— אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

אַזוי שמועסט מען זיך דורך אין כתרילעווקע און מע קריטיקירט די אַרבעט פונעם רבונו־של־עולם אויף וואָס די וועלט שטייט: וועמען גאָט גיט יאָרן, און וועמען ניט! וועמען גאָט גיט געלט, און וועמען קדחת! וועמען גאָט גיט געראָטענע קינדער, און וועמען — דער רוח ווייס וואָס!... קיינעם קומט ניט אויף די געדאַנקען זיך פאַרטראַכטן: פונוואַנען לעבן די דאָזיקע געראָטענע קינדער? וואָס עסן זיי? וואָר קליידט זיי? צי פרירן זיי ניט אויס אין די לאַנגע ווינטערנעכט אין די קאַלטע קעלערס? צי וואַקסן זיי ניט אויס קיין קאַליקעס, הויקערס, פאַרטיקע אָרעמעלײַט, איבעריקע אומגליקלעכע נפשות אויף דער וועלט?...

אַ גליק, וואָס די שוועסטער, שרה און רבקה, האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ מאַשין, און דאָס האָבן זיי צו פאַרדאַנקען זייערע דרײַ שכנהטעס, בתיה די רופאטע, פעסיע די שמשטע און סאָסיע די טענדלערקע, וואָס זיצן מיט זיי אונטער איין דאַך. זיי האָבן זיך צענויפגעלייגט אַלע דרײַ און האָבן אויסגעליִען די ערשטע עטלעכע קערבלעך, און דאָס איבערי־

קע — אַף אויסצאָלן, און ס'איז געוואָרן אַ מאַשין. און וואָס איז דער חדוש? מען איז דאָך לעבעדיקע מענטשן. וואָס דען זאָלן טאָן צוויי מיידלעך, שוין דערוואַקסענע, מיט אַ קליין יינגל אַ יתומל אַף די הענט? אַ שלאַנג, זאָגט מען, האָט אויך רחמנות אַף די קליינע שלענגעלעך ובפרט אַ מענטש!

איין חסרון נאָר, וואָס די מאַשין קלאַפּט אין קאָפּ אַריין אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט, וואָרעם אַרבעט איז, דאַנקען גאָט, פאַראַן, און ביידע שוועסטער נייען אַף דער מאַשין, מע בייט זיך מיט דער אַרבעט און מע „נעמט זיך איבער די הענט", דאָס הייסט, בשעת איין שוועסטער נייט אַף דער מאַשין, הייצט די אַנדערע איין דעם אויוון, און, פאַרקערט, בשעת איינער שטעלט דעם וואָרעמעס, נייט די אַנדערע אַף דער מאַשין. און די מאַשין הערט ניט אויף צו קלאַפּן, און די שכנהטעס האַלטן זיך באַם קאָפּ און הערן ניט אויף צו וואָר־טשער שטילערהייט:

— נאַ דיר אַ גראַגער!...

ז.

גאָט איז אָבער אַ גוטער; ער שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. די רפואה איז געווען יוזעק. אין יעדער שטוב מאַכט זיך, אַז ס'איז וויסט און פינצטער, די צייט איז שלעכט, די געשעפטן גייען ניט, ס'איז ביטער אַפן האַרצן, — ווערט געבוירן אַ קליין וועוויריקל און די גאַנצע שטוב בייט זיך איבער. תחילת שרייט דאָס קליינע וועוויריקל, קוויטשעט, רייסט זיך אַפן בייכל, לאָזט ניט שלאָפן קיינעם. נאָר אָט איז דאָס וועוויריקל אָביסל אונטערגעוואַקסן, עס הערט־אויף צו שרייען, עס עפנט־אויף די אויגעלעך און סע קוקט, ווי אַ זינדיקער מענטש: — „זעט נאָר, ווי סע קוקט מיט אויגן! אַנו, פּיצעלע! אַנו, ברעקעלע!" און דאָס וועוויריקל עפנט אויף דאָס מייַלעכל, שטעלט־אַרוים דאָס צינגל, און סע הייבט אָן צו לאַכן, — און עס ווערט ליכטיק אַלעמען אין די אויגן: — „זעט נאָר, זעט, סע לאַכט, איך זאָל אַזוי זיין געזונט, סע לאַכט!"... אַ גדולה, אַ שמחה, אַ פרייד אַף דער נשמה! די גאַנצע שטוב איז פול מיט דעם, איטלעכער טראָגט זיך מיט דעם אַרום, מע פאַרגעסט אָן די צרות, די ביטערקייט פונעם לעבן ווערט פאַרצוקערט, ס'איז נאָר אַ חיות און גענוג!

דאָס אייגענע איז געווען מיט אונדזער יוזעקן. יוזעק איז געווען דאָס ליב וועוריקל, וואָס אַלע האָבן אים ליב געהאַט און אַרומגעטראָגן זיך מיט אים. און אַז ס'איז געקומען ערב פּסח, האָט מען אים אויסגעקליידט בגדי־מלכות, אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטקעלע מיט הייזעלעך אויף שלייקעס, אויפגעניים אַ פּאָר שטיוועלעך און געקויפט אַ נײַ היטעלע, צוגעזאָגט אים שענקען ניסלעך און באַצײַטנס אים געמאַכט אַ סקאָווערדע לאַטקעס פון מצה־מעל, אים קאַלע געמאַכט דעם מאָגן און שיִר ניט אַריבערגעפּעקלט אים אויף יענער וועלט.

— ווער בעט אײַך, איר זאָלט אים האָדעווען מיט דער שוואַרץ־יאָר ווייס וואָס? — האָבן די שוועסטער געשריגן אויף די שכנהטעס.

— שאַ, שאַ, קוקט זיי אָן אביסל! מע האָט געגעבן דעם קינד אַ לאַטקע מיט שמאַלץ, וואָס סע טוט זיך דאָ!

אַזוי האָבן די שכנהטעס פאַרענטפערט זיך און בתיה די רופאטע האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס זי האָט געקאָנט, און האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד. און ס'איז געקומען ערב פּסח, האָט מען יוזעקן מיטגעגעבן אַ העמד מיט דרײַ גראָשן און אָפּגעשיקט אים אין באָד אַרײַן. און אַז ער איז געקומען פון באָד, האָט מען אים אָנגעטאָן די נײַע מלבושימלעך, און ער האָט געשײַנט ווי די זון.

— אַ קייזערלעך קינד! — האָבן זיי געזאָגט איינע צו דער אַנדערער.

—קיין עין־הרע ניט, קיין בייז אויג זאָל אים ניט שאַטן!

און יוזעק האָט גענומען דאָס סדורל און איז געגאַנגען אין שול אַרײַן דאַוונען, געזאָגט קדיש און געקומען אַהיים מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב און געטראָפן דעם טיש גרייט מיט מצות, מיט אַ פלעשל ראָזינקעס־ווײַן, מיט מרור, חרוסת, קאַרטאָפלעס און זאַלץ־וואַסער — אַלצדינג איז געווען, אַלץ, וואָס מע באַדאַרף. נאָר איין זאַך האָט געפעלט: ס'איז נישט געווען, ווער ס'זאָל אָפּריכטן דעם סדר.

נישט געווען קיין מלך!

ז.

אַלע דרײַ שכנהטעס זײַנען געווען אַלמנות. דאָס הייסט, צוויי זײַנען געווען אַלמנות און איינע אַ גרושה. קיין קינדער האָבן זיי אויך ניט געהאַט. דאָס הייסט, זיי האָבן געהאַט קינדער, נאָר נישט בײַ זיך;

אין דער פרעמד זײַנען זיי געווען, צעזייט און צעשפּרייט איבער דער־גאָרער וועלט: ווער — אַ בעל־מלאכה, און ווער — אין אַ קלייט, און ווער — פאַרוואָרפן אינעם ווײַטן־ווײַטן אַמעריקע. זייער מזל, אָדער זייער שלים־מזל, האָט צענויפגעטריבן די דאָזיקע דרײַ ווײַבער אין איין שטוב, בײַ בתיה די רופאטע, וואָס זי איז געווען די בעל־הביתטע און זי איז געווען צווישן זיי די נגידית.

געזעסן אַלע דרײַ אונטער איין דאַך, געשטאַנען בײַ איין אויוון, געבאַקן ברויט פון איין באַקדייזשע, געדעשטשינעט חלה פון איין מול־טער, האָט זיך יעדע פון זיי געהאַט איר באַזונדערן טיש, וואָרעם ס'איז שווער, אַז דרײַ ווײַבער זאָלן קאָנען הויזן, אויסקומען צווישן זיך. אויב איר זעט היינטמאָדישע דאַמען לעבן פרײַנטלעך, קושן זיך, בשעת מע קומט איינס צו דאָס אַנדערע אַף אַ זשורפיקס, זיצן אינאייינעם און קנאַקן ניסלעך, — זאָל אײַך קיין חדוש ניט זײַן: ס'איז נאָר דערפאַר, וואָס מע זיצט ניט אונטער איין דאַך און מע שטייט ניט בײַ איין אויוון און מע באַקט ניט פון איין באַקדייזשע און מע רעשטשינעט ניט פון איין מולטער.

צווישן די דרײַ הונדערט זעכציק טעג, וואָס ס'איז פאַראַן אין יאָר, האָבן זיך אונדזערע ווײַבער אַ מאָל דרײַ הונדערט געקריגט; נאָר איך וויים ניט, וואָס ווערט בײַ אײַך אָנגערופן געקריגט? מע האָט חלילה איינס בײַ דאָס אַנדערע ניט צוגענומען גאָרניט, חלילה נישט באַליי־דיקט, ניט אָנגערירט אין כבוד, נאָר גלאַט, דרײַ כאַראַקטערן קאָנען זיך ניט אויסגלײַכן. למשל, פעסיע די שמשטע האָט ליב פאַרשאַרן דאָס גאַנ־צע פײַער אין אויוון און פאַרשטעלן מיט דער זאַסלינקע. וואָס קומט איר דערפאַר? האָט אָבער סאָסיע די טענדלערקע אַ טבע צו שטעלן אַלע אינדערפרי אַ קריגל ציקאָריע אָפן פריפּעטשיק. איז, דאַכט מיר, אויך ניט קיין עוולה! זי וועט דאָך ניט קריכן מיט איר קריגל ציקאָריע צווישן די פלײישיקע טעפּלעך! זאָגט אָבער פעסיע די שמשטע, אַז ס'איז ניט כדאי, אַז צוליב אַ קריגל ציקאָריע זאָל כפּרה ווערן די חלה אין אויוון. זאָגט סאָסיע די טענדלערקע: לאָזן אירע שונאים זײַן די כפּרה! זאָגט איר פעסיע די שמשטע, אַז זי האָט, אפנים, היפּשלעך שונאים? זאָגט סאָסיע די טענדלערקע: „ניט צו פאַרזינדיקן, איך האָב זיי גענוג, מע זאָל זיי גערדיכט זייען און זיי זאָלן שיטער אַפּויגיין". זאָגט איר פעסיע די שמשטע: „פון ווען אָן זײַט איר דאָס געוואָרן אַזוי באַרעדעוודיק?"

זאָגט איר סאָסיע די טענדלערקע: „פון זינט איך האָב מיך באַזעצט אי־נעם דאָזיקן וויסטעניש". רופט זיך אָן בתיה די רופאטע, די בעל־הביתטע פון דער שטוב, וואָס שטייט בשעת מעשה בײַ דער זײַט, פאַרלייגט די פאַטשיילע הינטער די אויערן, מיט אַ קאַטשלקע אין די הענט, און קאַ־טשעט אַ בלאַט לאָקשן אויף שבת: „איך ווייס ניט, וואָס איז אײַך דאָ אַזוי וויסט? די סך דירע־געלטן, וואָס איר צאָלט זיך אָן?" זאָגט צו איר סאָסיע די טענדלערקע: „גוט איז אײַך, אַז איר זײַט אַ נגידיתטע און האָט קיין עין־הרע, אַ סך געלט!" זאָגט צו איר בתיה די רופאטע: „וואָס גייט אײַך אָן, צי אַ סך, צי ניט קיין סך? בײַ אײַך האָט איך ניט צוגע־נומען גאָרניט?" זאָגט צו איר סאָסיע די טענדלערקע: „וואָס האָט איר בײַ מיר צו נעמען? דעם דלות? נעמט אײַך אים!" זאָגט איר בתיה די רופאטע: „האַלט זיך מיט אים געזונטערהייט!..." רופט זיך אויף פעסיע די שמשטע: „פון דלות איז קיינער ניט באַוואָרנט! מע האָט שוין גע־זען פײַנע בריהס מיט אייגענע הײַזער ליגן פונדעסטוועגן גוט אין דער ערד!..." „און באַקן בייגל"... — העלפט איר אונטער סאָסיע די טענדלערקע. ווערט בתיה די רופאטע אין כעס און פאַלט אָן אויף סאָסיע די טענדלערקע. שטעלט זיך אײַן פאַר איר פעסיע די שמשטע. ווערט אַ גערודער צווישן אַלע דרײַ ווײַבער, אַ מישמאַש, אַ צעצויפגיסעניש פון ווערטער, רייד און משלים: „געזען אַביסעלע אַ מליץ־יושרטע!"... „געפעלט אײַך אַ השגה פון אַ ידענע!"... „געפעלט אײַך ניט, וועט איר מיט מיר קיין שדוך ניט טאָן!"... „מע זוכט אַ שער, רופט זיך אויף דאָס אייבערשטע פון שטויסל!"... „אַ משל קאַבאַק!"... „אויך מיר אַ נגידיתטע — איבער אַ קאַטשערע מיט אַ לאָפּעטע"... „לאָז זײַן שטיל, פיסקאַטקע, וואָרעם סע קאָן פליִען אַ קאַטשערע אין קאָפּ אַרײַן"... „איך ווייס ניט וועמען, איר זײַט בילכער"... „נאַ זשע דיר טאַקע!"... „נאַ דיר!"...„ נאַט אײַך ביידע!"...

איר מיינט, וואָס איז דאָס געווען? פעטש? חס וחלילה! — פײַנן, פײַגן פון צוויי צעצויפגעדרייטע פינגער, אינמיטן אַ דריטער, און גלײַך אין נאָז אַרײַן.

ח.

האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן: איך האָב מורא, אַז ווען חלילה מע שפּאַנט צענויף דרײַ הײַנטמאָדישע דאַמען און מע

קוועטשט זיי צענויף אַלע אינאיינעם אונטער איין דאַך, ווי מע האָט צע־גויפגעקוועטשט אונדזערע דרײַ ווײַבער. בין איך אײַך ניט ערב, וואָס דערפון וואָלט אַרויס; עס קאָן זײַן, עס וואָלט ניט אַרויס גאָרניט, און עס קאָן זײַן, אַז עס וואָלט געווען מיאוס, נאָך מיאוסער, ווי בײַ מײַנע דרײַ שכנהטעס... איך מיין חלילה דערמיט קיינעם ניט באַליידיקן; נאָר גלאַט, מע רעדט — רעדט מען...

איך קער זיך אום צוריק צו מײַנע ווײַבער. נאָך אַלע מחלוקתן מיט די מיאוסע „קאָנפליקטן", וואָס צווישן זיי פלעגט פאָרקומען, איז מען זיך קיין שונאים, חס ושלום, ניט געווען. וואָרעם וואָס, אייגנטלעך, האָט מען געהאַט איינס צו דאָס אַנדערע? חלילה אָפּגענומען פּרנסה? אָט האָט מען זיך געקריגט, און אָט האָט מען זיך איבערגעבעטן. און ווער שמועסט, אַז ס'איז געקומען פּסח, איז מען גאָר געוואָרן שלום, אחדות, נפש אחת. וואָרעם אַלע דרײַ האָבן געבאַקן מצות אין איין טאָג, אַלע האָבן געשטעלט איין דייזשקעלע באָרשט, אַלע האָבן געהאַנדלט איין מציאה אַ זעקל קאַרטאָפּלעס, און אַלע האָבן זיך געזעצט צום סדר בײַ איין טיש, טאַקע בײַ דער בעל־הביתטע, בײַ בתיה די רופאטע, אינ־איינעם מיט איר געהויבן די שיסל, איר נאָכגעזאָגט שטילערהייט וואָרט בײַ וואָרט די הגדה, וואָס בתיה האָט געלייענט אויף עברי־טײַטש פון אַ גראָבן סדור.

נאָר דאָס איז אָבער געווען אַמאָל, בשעת בתיה דער רופאטעס מאַן, ישראל דער רופא, האָט נאָך געלעבט, פלעגט ער אָפּריכטן דעם סדר. נאָכ־דעם, אַז ישראל דער רופא איז געשטאָרבן, האָט איינער פון שכנהטעס זין געפּראַוועט דעם סדר. איצט, אַז אַלע האָבן זיך צעפאָרן, דער אהער און דער אהין, און אין דער גאַנצער שטוב איז געבליבן איין מאַנצביל יוזעק, איז געוואָרן צווישן די ווײַבער אַ רייד, אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז יוזעק זאָל הײַנטיקס יאָר אָפּריכטן דעם סדר? יוזעק איז אַ יינגל, וואָס לערנט שוין חומש, און עברי זאָגט ער ווי אַ וואַסער, — פאַרוואָס זאָל ער ניט זײַן דער מאַנצביל, דער מלך?

— יוזעק, ווילסט זײַן אַ מלך?

אַ מלך? פאַרוואָס ניט? ווער זאָגט זי עס אָפּ פון מלוכה?

— אַז אָך און ווי איז צו דער מלוכה, אַז יוזעק איז דער מלך!...

אַזוי האָבן געזאָגט די דרײַ ווײַבער מיט די צוויי שוועסטער און האָבן אים אויסגעבעטן זייער אַ שיינע „היסב־בעט", אַרומגעלייגט מיט

קישנס, און יוזעק, אז ער איז געקומען פון שול מיטןברייטן גוט יום־טוב, האָט ער זיך געזעצט על כסא מלכותו, אין די נײַע יום־טובדיקע בגדימלעך, ווי אַן אמתער מלך.

ט.

דרײַ זאַכן: גענעצן, לאַכן און וויינען — דאָס זײַנען פון די ענינים, וואָס מע נעמט זיך אָן איינער פונעם אַנדערן. גענעצן, לאַכן און וויינען איז ניט בײַ אונדז אין די הענט.

באָם סדר, וואָס מיר באַשרײַבן אַצינד, סאַמע צום רעכטן שפּיץ, בשעת דעם יונגסטער פון די מלאכים, יוזעק דער יתום, האָט נאָך דעם ברייטן „לפיכך" מיטן שיינעם „הלל" אויפגעהויבן דעם צווייטן כוס און אָנגעהויבן זאָגן דעם „הריני רוצה לקיים מצוות כוס שני של ארבע כו־סות" און געוואָלט צוטראָגן דאָס גלעזל צום מויל, האָט זיך געלאָזט הערן צווישן די ווײַבער אַ יאָמערלעך געוויין, ווי מע באַוויינט אַ טויטן.

ווי‌אַזוי דאָס האָט זיך געטראָפן: ווער פון זיי האָט פריִער אָנגע־הויבן וויינען, — איז שווער צו וויסן. בשעת יוזעק האָט אָפּגעמאַכט דעם קידוש און אָנגעהויבן צו זינגען דעם „עבדים היינו", האָט איינע פון די צוויי שוועסטער זיך דערמאָנט, אַז פאַראיאָרן אין דער צײַט זײַ־נען זיי אויך געזעסן באָם סדר; נאָר ס'איז געווען אַן אַנדער סדר. דער־טאַטע האָט געלעבט, און די מאַמע האָט געלעבט, און זיי, די צוויי שוועסטער, האָט מען אויפגענייט אויף פּסח נײַע קליידלעך. זיך גאָרנישט געריכט, אַז זיי וועלן איצטער באַדאַרפן זיצן בײַ אַ פרעמדן טיש מיט פרעמדע ווײַבער, און יוזעק וועט זיי אָפּריכטן דעם סדר... און בײַ איינער פון די צוויי שוועסטער האָט אָנגעהויבן פינטלען אין אויג, אונ־טערציטערן די אונטערשטע ליפּ. און אויף איר קוקנדיק, האָט זיך בײַ דער אַנדערער שוועסטער אָנגעהויבן לאָזן אַ טרער נאָך אַ טרער. און אויף זיי קוקנדיק, האָט זיך איינע פון די דרײַ שכנהטעס דערמאָנט אויך אָן איר אומגליק: אַז נתי דער שמש, איר מאַן היימט דאָס, האָט גע־לעבט, איז איר געווען גוט ווי די וועלט, דאָס הייסט, גוט איז איר קיינ־מאָל ניט געווען, נאָר בעסער ווי איצטער אוודאי, אַז זי באַדאַרף זײַן אַ פּידשמשטע, וואָרעם עוזר דער שמש וואָס איז פריִער געווען בײַ נתי דעם שמש אַ פּידשמש, איז הײַנט געהויבט געוואָרן, אַרויף נאָך איר

נתים טויט פון פּידשמש אַף שמש, און זײַן ווײַב גנעסיע איז געוואָרן אַזוי גרויס, טאַטעניו, אַז מע קאָן שוין גאָר צו איר ניט צוטרעטן!...

אַזוי האָט זיך געטראַכט פּעסיע די שמשטע און האָט געמאַכט בשעת מעשה אַזאַ קרום פּנים, אַז סאָסיע די טענדלערקע האָט באַדאַרפט זײַן שטאַרקער פון אײַזן, זי זאָל זיך אײַנהאַלטן פון טרערן. סאָסיע האָט זיך דערמאָנט אָן טרויעריקע זאַכן: זיבן און זיבעציק ווײַבער, וואָס רײַבן פון די הענט, לאָזן נישט פאַרדינען אַ גראָשן, צעבאַלעווען די קונהטעס, מאַכן פון זיי אַ תל, אַ תל! הײַנט האָט זי זיך דערמאָנט אָן איר עלטע־רע טאָכטער, וואָס זי איז געשטאָרבן שוין לאַנג, נאָך קינדווײַז, ראָסע האָט זי געהייסן! ווען ראָסע זאָל געוועזן ניט שטאַרבן, וואָלט זי שוין איצטער געווען אַ מיידל צו לײַטן, און אפשר אַ מאַמע פון קינדער. און אויך אָן איר מאַן האָט זי זיך דערמאָנט, ווי ער איז נעבעך אָפּגעקומען כל ימיו, געווען אַ פינצטערער קאַליקע, אַ לא־יוצלח לשום מלאכה, אַ קראַנקער נעבעך — און סאָסיע די טענדלערקע, נאָכזאָגנדיק שטילער־הייט בתיה דער רופאטע די הגדה און צושאָקלענדיק זיך גלײַך מיט איר צום טאַקט, באַוואַשט זי זיך מיט טרערן. און אַפילו די פּאַרזאָגערן אַליין, בתיה די רופאטע, הערט זיך אַליין ניט צו צו די ווערטער פון דער הגדה, וואָס גיסן זיך בײַ איר אָן איר ווילן, דערמאָנט זיך אויך אָן אי־רע אייגענע צרות, אָן אירע קינדער, וואָס זײַנען אוועק אין דעם ווײַטן־ווײַטן אַמעריקע. זיי שרײַבן אַפילו פון דאָרטן גאַנץ גוטע בריוולעך, אַז זיי מאַכן דאָרטן אַ גוט לעבן; היינו, זיי אַרבעטן זייער אַ סך און זײַנען מענטשן גלײַך. צו באַווײַזן, ווי גוט זיי איז, האָבן זיי איר גע־שיקט זייערע פּאָרטרעטן, וואָס דאָרטן רופט מען דאָס „פּיקטשערס“. און זאָגן איר צו, אַז אויב די געשעפטן, אָדער, ווי מע רופט דאָס דאָרטן, די „ביזנעס“, וועלן זיך אַביסל פּאַרבעסערן, וועלן זיי איר צושיקן עט־לעכע קערבלעך, אָדער, ווי מען רופט דאָס דאָרטן, „דאָללערס“, מיט אַ שיפסקאַרטע און וועלן זי אַריבערנעמען אַהינצו, אין דעם גרויסן גליקלעכן לאַנד, וווּ אַלע מאַכן אַ לעבן, וווּ אַלע מענטשן זײַנען גלײַך, אַ מענטש מעג דאָרטן אויסצײַען זיך אין מיטן גאַס פון הונגער, וועט אים קיינער ניט זאָגן „קרום גייסטו“... נאָר אַזוי לאַנג קרענקען די שונאים, ווי לאַנג בתיה וועט ניט פאָרן אַהינצו. זי האָט דאָ אויך קינ־דער. אַי, ס'איז זיי נעבעך ניט גוט? — וואָס זאָל מען טאָן? ס'איז אַ גאָטס־זאַך. אַלצדינג איז פון גאָט!

אזוי טראַכט זיך בתיה די רופאטע און לייענט די הגדה, ווי אַ וואַסער, און זי אַליין באַמערקט גאָר ניט, ווי זי וויינט און גיסט מיט טרערן. ביז ס׳איז געקומען צום צווייטן כוס פון די אַרבע כוסות, אַז דער יינגסטער פון די מלכים האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּטרינקען אַ ביסל ווײַן, האָבן זיך אַלע ווײַבער אַליין דערשראָקן פאַר זייער געוויין, און בתיה די רופאטע איז אַנגעפאַלן אויף זיי מיט אַ געפּילדער, זיך אויסגעווישט די אויגן מיטן פאַרטעך און אויסגעשנײַצט די נאָז:

— וואָס האָט איר זיך צעיאַכמערט פּלוצים אין מיטן דרינען? וואָס איז הײַנט, יום־כּפּור? צי תשעה־באב? געזען אַביסל!

ערשט דעמאָלט האָבן זיך די ווײַבער באַרויקט, ווען איינע פון זיי האָט אונטערגעטראָגן דעם מלך אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ טאַץ אויף צו וואַשן זיך, די אַנדערע האָט דערלאַנגט די הייסע פיש פונעם אויוון, די דריטע האָט צוגעטראָגן דעם כריין. דער יינגסטער פון די מלכים האָט געמאַכט אַ ברכה, „על אכילת מצה״, די ווײַבער האָבן געענטפערט אמן, און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן שטיל, אָן ווערטער.

געשריבן אין יאָר 1904.

קדלת וקדשת

אַ האַרצרײַסנדיקע טראַגעדיע איבער אַ יום־טובדיקן קידוש

א.

(מײַן צונעמעניש. — שוואַכע פעיִקייטן. — וואָס וועט זײַן פון מיר!)

„איוואַן פּאַפּעריל ע"... קיין אַנדער נאָמען האָב איך ניט געהאַט אין דער היים צווישן אַ גאַנצער כאַליאַסטרע. אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב ניט געוואָלט לערנען? דאָס אַבוּע. ווען האָבן איך טאַקע ניט געוואָלט. ווער וויל דאָס לערנען? אָדער אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב געהאַט אַ גראָבן קאָפּ? דאָס קאָן אויך זײַן. קיין שטאַרק גוטן קאָפּ האָב איך טאַקע ניט געהאַט. דאָס הייסט, די תּפיסה איז באַ מיר געווען — אַזוי האָט דער רבי געזאָגט — אַ האַרטע תּפיסה. איידער איך האָב תופס געווען אַ זאַך, איז אָנגעקומען שווערלעך. דערפאַר אָבער איז דער זכרון געווען באַ מיר, ניט פאַר אײַך געדאַכט, זייער־זייער אַ שוואַכער! ניט געווען די זאַך, וואָס איך זאָל געדענקען. אָט האָב איך אויסגעלערנט אַף אויסנווייניק, און אָט האָב איך עס שוין פאַרגעסן. איך קאָן מיך גאָר ניט דערמאָנען אָן די קלעפּ, מיט די פּעטש, מיט די שמיץ וואָס מע האָט מיר אַרײַנגעלייגט. אומזיסט האָט נעבעך מײַן טאַטע זיך אָפּגעריסן דאָס האַרץ. אומזיסט זײַנען נעבעך געווען דער מאַמעס טרערן. עס האָט קיין זאַך מיך ניט גענומען.

— גוואַלד! איוואַן פּאַפּעריל ע! וואָס וועט זײַן פון דיר?

— גוואַלד! יידישע קינדער! וואָס וועט זײַן פון מיר?...

ב.

(מײַן טאַטנס פּרײד. — מזל טוב, איך בין שױן אַ חתן. — מײַן מחותנס יחוס און מײַן כּלהס מעלות. — איך פאָר צו מײַן כּלה אױף יום־טוב)

איך האָב שױן אַמאָל געזען מײַן טאַטן פריילעך זײַן. למשל, פּורים צו דער סעודה. שמחת־תּורה נאָך הקפות. אױף אַלערלײ שמחות. נאָר אַזױ פריילעך, װי ער איז געװען יענעם ערב פּסח, װאָס איך גײ אײַך דערצײלן, — האָב איך אים נאָך קײנמאָל ניט געזען. װאָס זשע איז מיט אים געװען די גדולה? — איך בין אַ חתן געװאָרן. מזל־טוב! מיט מזל זאָלט איר לעבן! װער איז דער מחותן? — דער מחותן איז שױן אײנמאָל אַ מחותן. ערשטנס, אַ מיוחס. די האָרנשטײנס פון ראַדאָמישל האָט איר געקענט? די זוסמאַנס פון אַסטרע װײסט איר? און די טשערנאָבילסקים פון שפּאָלע האָט איר אױך געהערט? איז ער באַ זײ געװען אַ קאָמיסיאָנער. ניט הײַנט, נאָר אַמאָל. אײדער ער האָט זיך מיט זײ צעקריגט... הײַנט איז ער שױן אַלײן אַ סוחר. ניט קײן גרױסער, נאָר אַ סוחר. נדן גיט ער אױך. ניט קײן סך. מײַן טאַטע גיט צװײ מאָל אַזױ פיל. דערפאַר אָבער גיט מען מיר אַ כּלה — שױן אײנמאָל אַ כּלה! איך אַלײן קען זי נאָך ניט. איך האָב זי נאָך ניט געזען. נאָר די, װאָס האָבן זי געזען, קאָנען זיך פון איר ניט אָפּלױבן. און געזען האָבן זי דער טאַטע, די מאַמע, מײַנע אַן עלטערע שװעסטער און איר מאַן, מײַן שװאָגער. זאָגט די מאַמע, אַז זי איז אַ שײנע. און די שװעסטער זאָגט, אַז זי איז ניט אַזאַ שײנע, װי אַ קלוגע. און מײַן שװאָגער דרינגט, אַז זי איז ניט אַזאַ קלוגע, װי אַ גוטע. עס ליגט איר גוטסקײט אױפן פּנים. זאָגט דער טאַטע, אַז װאָס זי זאָל ניט זײַן, בין איך זי ניט װערט... װערט ניט װערט — אַבי איך האָב זי. אַזױ טראַכט איך מיר און קוק שױן אַרױס אױפן פּסח, װי אַן ערלעכער ייִד אױף משיחן. װאָרעם איך האָב געהערט זאָגן, אַז אױף פּסח פאָר איך מיך דורך צו מײַנע מחותּנים צוגאַסט.

ג.

(אַ קאָמפּליצירטער קידוש. — אַ הבדלה אַ צוגאָב)

צו די מחותנים, חלילה ניט צו דער כלה. אַזוי זאָגן זיי, מײַנע טאַטע־מאַמע. וואָס איך דענק וועגן דעם — דאָס איז מײַן עסק. און ווײַל איך בין נאָך באַ זיי אין רשות, מוז איך מיך אונטערגעבן און אויסהערן אַלצדינג, וואָס זיי וועלן מיר זאָגן. און וואָס זאָגט אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע? זיי זאָגן, אַז איך זאָל זיך האַלטן, ווי אַ מענטש, און אַז איך זאָל זיצן, ווי אַ מענטש, און אַז איך זאָל עסן, ווי אַ מענטש, און אַז איך זאָל ניט ריידן קיין נאַרישקייטן.

— בקיצור, דו זאָלסט זיך ניט אַרויסבאַווײַזן, אַז דו ביסט אַ איוואַן פּאַפּערילע...

אַט דאָס זאָגט מיר אָן דער טאַטע און פאַרכאַפּט זיך:

— שאַ! דעם יום־טובדיקן קידוש קענסטו שוין, צי ווער—וואָס?

לאָזט זיך אויס, אַז ניין. איך קען אים נאָך ניט. פונוואַנען זאָל איך אים קענען? פון פאַראַיאָרן? ווער האָט דאָס אַזאַ קאָפּ? ובפרט, אַז הײַנטיקער פּסח פאַלט אויס אַקוראַט שבת־צונאַכט — און דאָס איז אַן אומגליק! דאָ מוזט איר קענען קידוש מיט הבדלה אינאיינעם. דער פּסחדיקער קידוש אַליין, מאַלט אײַך, איז אויך אַ גענוגנדיקע מכה — גיי געדענק דעם „זמן חרותנו". איז קאַרג — נאָט אײַך נאָך אַ הבדלה אַ צוגאָב, מיט אַ „קדשת", און מיט אַ „הבדלת וקדשת". אַ גוט שטיקל אַרבעט!

— נישקשה, ביסט ניט קליין אויסצולערנען, — זאָגט דער טאַטע — האָסט נאָך געזונטע דרײַ וואָכן צו פּסח.

ד.

(דער רבי שטודירט מיט דיר דעם קידוש. — אַ פרײַע האַנט. — אַ הבדלת מיט אַ וקדשת)

פאַרלאָזן זיך פונדעסטוועגן אינגאַנצן אַף מײַן יושר איז מײַן טאַטע קיין בעלן נישט. הייסט ער מיר, איך זאָל אים צושיקן דעם רבין. וואָס דאַרף ער דעם רבין? ער וויל אים בעטן, ער זאָל מיט מיר איינ־

שטודירן דעם יום־טובדיקן קידוש מיט דער הבדלה אינאיינעם. אָבער אַזוי — אַז איך זאָל אים קענען, ווי אַ וואַסער. ער זאָגט אָן דעם רבין מיטן הארבן וואָרט:

— איר זאָלט אַף אים קיין כבוד ניט לייגן, אַף דעם באַמולע. באַטש ער איז מיַינער אַ זון. פּאַסעם זאָלט איר פון אים שניַידן! דעם קידוש זאָל ער מיר קענען!...

דער רבי האָט מער ניִשט באַדאַרפט, ווי אַ פּריַיע האַנט. די גאַנ־צע דריַי וואָכן זיַינען אַוועקגעגאַנגען אַפן קידוש. איך מעג מיך באַרי־מען, אַז איך האָב דעם קידוש געקענט טאַקע ווי אַ וואַסער. אָבער נאָר דעם קידוש. מיט דער הבדלה איז געווען צרות! דאָס הייסט, די הבדלה אַליין איז אויך געגאַנגען באַ מיר, ווי אַ מזמור. אָבער נאָר ביז אַ געווי־סער סטאַנציע. ביזן ערשטן „קדשת״. און פונעם ערשטן „קדשת״ אָן און וויַיטער — איז באַטש ווערט צעזעצט! דער, וואָס האָט אויסגע־טראַכט דעם קידוש, האָט, אַפּנים, ניט געהאַט וואָס צו טאָן. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ „קדשת״, און טאַקע באַלד נאָכן „קדשת״ אַ „הבדלת וקדשת״. וואָס וואָלט אים געאַרט, עס זאָל זיך שטיין אָדער קדשת, אָדער הבדלת? ממה נפשך — איז קדשת, איז ניט הבדלת, איז הבדלת, איז ניט קדשת.. צו וואָס דרייען אַ מוח? פרעגן באַם רבין — איז אַ פּראָסק אין דער מאָרדע! קיין אַנדער ענטפער איז ניטאָ באַ אים...

ה.

(איך פלי אַבציק מיַיל אַ שעה. — צוויי הונדערט פּופציק מאָל הבדלת וקדשת)

— ווי האַלטסטו אינעם קידוש? — טוט מיך דער טאַטע אַ כאַפּ שוין פאַר יום־טוב. איך האַלט שוין באַ פּאָרן. — קענסטו אים שוין אויסווייניק?

— ווי אַ וואַסער!

— אַנו, זאָג.

און איך זאָג. עס גייט ווי געשמירט. איך פלי, ווי אַ קוריער־צוג, מיט אַ גיכקייט פון אַבציק מיַיל אַ שעה. נאָר אַז עס קומט צו דעם המבדיל, הייבט דער צוג אָן צו גיין אַביסעלע שטילער, אַיַינגעהאַלטע־

נער: „בין קדושת שבת לקדושת יום־טוב הבדלת, ואת יום השביעי מששת ימי המעשה ק־ד־ש־ת. קדשת והבדלת"...

— ניט קדשת והבדלת, איוואן פאפערילע, נאר הבדלת וקדשת. צוויי הונדערט און פופציק מאל זאלסטו מיר איבערחזרן „הבדלת וקדשת"!...

און איך גיי ארום איבער דער שטוב, ווי א משוגענער, און חזר שטילערהייט: „הבדלת וקדשת, הבדלת וקדשת" — ביז עס הייבט מיר אן צו הבדלתן און צו וקדשתן אין די אויגן און אין קאפ, און איך פאל צו א פארטומלטער אף דער קאנאפע — עס גייט מיר אפ א מינוט צי חלשן...

— וואס איז דיר? — פרעגט די מאמע.

—גארניט, — זאג איך — הבדלת וקדשת, קדשת והבדלת...

— וואס פאר א „והבדלת"? — פרעגט דער טאטע, — פון וואנען האט זיך גענומען צו דיר, איוואן פאפערילע, א „והבדלת"?

— טאמער וואלט דאס שוין אמאל געהאט אן עק? — מישט זיך אריין די מאמע, לעבן זאל זי. — דו וועסט אים אזוי פארשלאגן דעם קאפ מיט דיינע קדשתס און והבדלתס, אז דאס קינד וועט שוין גארניט וויסן אף וואס פאר א וועלט ער איז...

לאנג לעבן זאל די מאמע מיינע — זי האט מיך אויסגעלייזט פון גלות. האט זיך אבער דער „והבדלת" אריינגעדרייט אין מיטן און האט מיך ניט אפגעלאזט אף קיין מינוט. וואס איך זאל ניט זאגן און ווען וואס איך זאל ניט טראכטן, איז דער „והבדלת" מיר געשטאנען פאר די אויגן, געשפרונגען מיר אין פנים אריין.

ז.

(איך מאך מיר א סימן נאך די פערד. — דער שורש פון „קדלת". — א בהלה. — מיין כלהם גרין קאפטל. — מיר איילן זיך אין שול אריין)

איך בין געזעסן אפן וואגן און געפארן אף יום־טוב צו דער כלה (טאטע־מאמע זאגן „צו די מחותנים") און האב ניט ווילנדיק געחזרט דעם קידוש אף אויסווייניק, און אז ס'איז געקומען צו דער סטאנציע „קדשת, הבדלת וקדשת", האב איך מיר געמאכט א סימן: דאס פערד

וואָס איז געגאַנגען לינקס, איז געגאַנגען גלײַך, האָט עס בײַ מיר גע־הייסן „קדשת". און דאָס פערד, וואָס איז געגאַנגען רעכטס, האָט גע־וואָרפן מיט די פיס, האָט ער דערפאַר געהייסן בײַ מיר „קדלת (פונעם שורש קידאַט — וואַרפן). דער סימן איז געווען: „לינקס, רעכטס און לינקס". און אַזוי איז דאָס שוין פאַרבליבן בײַ מיר פעסט אין מײַן גע־דעכעניש: פריִער „קדשת, דערנאָך „קדלת" און דערנאָך ווידעראַמאָל „קדשת" — דאָס הייסט: „קדשת וקדלת וקדשת" — אויסגעצייכנט! איך, אַז ס'איז שוין ניט געווען דער כח אויף דער וועלט, וואָס זאָל עס קאָנען אַרויסרײַסן פון מײַן זכרון!...

און אַזוי בין איך געקומען בשלום צו מײַן כלה (טאַטע־מאַמע ווילן האָבן, אַז „צו מחותנים") דעם טאָג פון ערב פסח און ניט צײַט געהאַט אַפילו רעכט אָנקוקן מײַן כלה, וואָרעם מע האָט זיך שוין געקליבן גיין אין שול אַרײַן. עס איז געווען אַ בהלה, אַ כאַפּעניש, אַן ערב יום־טובדי־קער הו־האַ. אינעם טומל האָב איך געכאַפּט אַ קוק — דאַכט זיך, ניש־קשה פון אַ מיידל. נישט קיין מיאוסע. פון איר חכמה קאָן מען נאָך גאָרניט ווײסן. און קיין גוטסקייט אויפן פנים, ווי מײַן שוואָגער זאָגט, זעט מען אויך ניט אַרויס. אויב קליינע פרישטשיקלעך אויפן פנים איז אַ סימן פון גוטסקייט, באַדאַרף זי זײַן זייער אַ גוטע... איך מיין, אַז זי וואָלט אַסאַך געווינען, ווען זי זאָל גיין די האָר פאַרקעמט, ניט צע־לאָזט, ווי בײַ אַן אַלטער מכשפה. אויך וואָלט ניט געשאַדט, זי זאָל אײַ־בערבײַטן דאָס גרינע זײַדענע קאָפּטל — עס פּאַסט איר ניט קיין גרי־נער קאָליר. און וואָס איז דאָס בײַ איר פאַר אַ טבע, וואָס באַלד עפּעס ווערט זי רויט, ווי אַ פײַער? מע דאַרף זי אָפּגעוווינען דערפון. לאָז איך נאָר ווערן מיט איר גוט באַקאַנט... דערווײַל טרײַבט מיך דער מחותן אין שול אַרײַן...

ז.

(מײַן מחותן אין שול. — קאַלטע שלום־עליכמס. — דער פּחדיקער קידוש. — סטאָפּ בײַ „קדלת"...)

מײַן מחותן — וואָס קאָן איך זאָגן וועגן אים? אַ ייִד איז אַזוי פאַרטאַרעראַמט מיטן הייליקן יום־טוב. — און דאָ קומט צו אים אַ גאַסט אַ חתן, וואָס ער פירט אים אין שול אַרײַן, באַווײַזן דער שטאָט

וואָס ער האָט געהאַנדלט. דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! די האָר זײַ־נען אים נאָך ניט אויסגעטריקנט פונעם מרחץ. הינטער דער האַלדז איז נאָך רויט פונעם אונטערשערן זיך. די מלבושים קנאַקן יום־טובדיק. די נײַע שטיוולעטן גלאַנצן נאָך און שמעקן מיט יוכט. אין שול זיצט ער אויבנאָן. אַלע טראָגן אים אָקעגן דעם גוט יום־טוב און שטעקן אָפּ אַ קאַלטן שלום־עליכם דעם חתן. קאַלט איז דער שלום־עליכם דערפאַר־וויַיל די פינגער זײַנען קאַלט, און אַ ייִד, אַז ער גיט אײַך שלום, גיט ער אײַך נאָר די שפּיץ־פינגער. אַלצדינג אין אײַלעניש. מע קומט אַהיים מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב, און גלײַך צום סדר. די כלה ענטפערט אָבן גו טיום־טוב, און ווערט שוין ווידער רויט, אַזוי ווי אַ צײַטיקער אַרבוז. די מחותנתטע שײַנט. זי איז באַהאַנגען מיט צירונג, ווי „גאָטס מאַמע". דער מחותן האָט אָפּגעקלונגען דעם לאַנגן קידוש, ווי אַ גלאָק, און האָט אַ ווונק געגעבן צום חתן, אַז ער זאָל מוחל זײַן אויפשטיין און אויך מאַכן קידוש, ווי דער שטייגער איז. און דער חתן שטייט אויף, נעמט דעם כוס און צעלאָזט זיך מיטן קוריער־צוג. און הויך. און פּײַנטשיק. מיטן ניגון. גיך־גיך. ביז ער קומט צו דער שווערער עברי, צום רעכטן זומפּ, הייבט ער אָן גיין פּאַוואָליע, האַרט בא דער ערד:

„— — — בין קדושת שבת לקדושת יום טוב הבדלת... ואת יום השביעי מששת ימי המעשה קדשת..." דאָ דערמאָנט ער זיך אָן די פערד, איינער הייסט „קדשת" און גייט גלײַך, דער אַנדערער וואַרפט מיט די פיס און הייסט „קדלת".

— — — „קד־לת ו־קד־שת... קד־שת ו־קד־לת, קד־לת ו־קד־לת ו־קד־שת ו־קד־לת... — — — — — — — — — — — — — — — —

ח.

(איך פאָר אַהיים. — אוים חתן. — „קדלת וקדשת" האָט אַ שם)

דעם ערשטן טאָג חול־המועד גאַנץ פרי. די כלה איז נאָך גע־שלאָפן, נאָר דער מחותן איז געזעסן אין אַ זײַדן כאַלאַט מיט אויסגע־טראָטענע שטעק־שיך אויף די פיס און האָט געשוויצט און געסאָפּעט אי־בער אַ בריוול וואָס ער האָט געשריבן צו זײַן מחותן. בא דער זײַט איז געזעסן די מחותנתטע אָנגעבלאָזן, ווי אַ אינדיטשקע. דער חתן האָט

צענויפגעלייגט זײַנע זאַכן אין טשעמאָדאַנטשיק, געווען גרייט אויפֿ־צוזעצן זיך און פֿאָרן אַהיים.

— נאַ! — זאָגט צו אים דער מחותּן און גיט אים אַ פֿאַרחתמעטן בריוו. — דו וועסט לאָזן גריסן דעם טאַטן און וועסט אים איבערגעבן אָט דאָס בריוול. פֿאָר געזונט!...

זיצנדיק אָפּן וואָגן בין איך געווען טשיקאַווע צו וויסן וואָס שרײַבט דער מחותּן צו מײַן טאַטן, און וואָס האָבן זיי מיך אַזוי פֿרי אַרויסגע־משלחט?... איך עפֿן־אויף דעם קאָנווערט, פֿאַלן אַרויס די „תּנאָים" און אַ בריוועלע צום טאַטן. אינעם בריוועלע שרײַבט מײַן מחותּן און בעט מחילה בײַ מײַן טאַטן, „ער זאָל קיין תּרעומות ניט האָבן — דער שידוך קאָן ניט זײַן קיין שידוך איבער כּמה וכמה טעמים. השם יתברך זאָל אים צושיקן זײַן זיווג, און זײַן טאָכטער — איר זיווג... און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם נדן מיט די מתּנות להחתן והכּלה, וועט מען זיך אָפּ־בײַטן, דעם חתן וועט מען אומקערן זײַנס, דער כּלה אירס, און אַלצדינג וועט זײַן אין בעסטער אָרדענונג, שלום ושלווה, מע וועט זיך צעגיין, ווי גוטע פֿרײַנט. ובזכות זה וועט זײַן שלום און פֿרידן צו אַלע ייִדן, ונאמר אמן..."

אַ גליק כאָטש, וואָס ער שרײַבט ניט קיין זאַך וועגן דעם שיינעם קידוש — לאַנג לעבן זאָל ער! לאָזט זיך אויס אַ מעשה, איך קום אַהיים, באַגעגנט מיך מײַן טאַטע מיט אַ פֿײַנע פּאָר פּעטש.

— קדלת וקדשת! פֿונוואַנען האָט זיך צו דיר גענומען, דו משומד איינער, אַ „קדלת" אין מיטן דרינען?...

— אַזוי גאָר? פֿונוואַנען ווייס ער דאָס שוין? און פֿאַרוואָס עפּעס נאָר ער? די גאַנצע שטאָט ווייס שוין דערפֿון? און איך הייס שוין מער ניט „איוואַן פּאַפּערילע". איך הייס שוין אַ נײַעם נאָמען. מײַן נאָמען איז שוין איצטער: „קדלת וקדשת"... איצט איז דאָס בײַ מיר אַ גע־לעכטער. וויפֿל טרערן, ביטערע טרערן האָט דאָס מיך געקאָסט דעמאָלט!...

געשריבן אין יאָר 1916.

מעשיות פאַר ייִדישע קינדער

צווייט בוך

אינהאַלט:

די פּאָן — — — — — — — — — — — — — — — — — 205

חנוכה־געלט — — — — — — — — — — — — — — — — 221

באַם קעניג אחשורוש — — — — — — — — — — — — 239

אַ פאַרשטערטער פּסח — — — — — — — — — — — — 255

ל״ג בעומר — — — — — — — — — — — — — — — — 275

גרינס אַף שבועות — — — — — — — — — — — — — 291

שוין איינמאָל אַ סוכה — — — — — — — — — — — — 301

די ערשטע קאָמונע — — — — — — — — — — — — — 313

דאָם דריידל — — — — — — — — — — — — — — — — 332

אסתר — — — — — — — — — — — — — — — — — — 355

די ערב־פּסחדיקע עמיגראַציע — — — — — — — — — 363

די פאָן

א.

קינדער! איך וועל אייך דערציילן א מעשה מיט א פאָן. ווי־אזוי איך, אַן אָרעמאַנס א יינגל, האָב באַקומען אַף שמחת־תורה א פאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פאַרלאָרן. גאָט האָט מיך געשטראָפט, איך האָב זי אויסגעקרענקט...

אז איך בין געווען א קליין יינגעלע, אַזוי ווי איר, האָט מען מיך גערופן „טאַפּעלע טוטעריטו", דאָס הייסט „קאַפּעלע קוקאַ־ריקו". ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל, ערשטנס, האָב איך געהאַט א דין קוויטשיק קולכל, ווי א יונג האָנעבל, וואָס האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו קרייען, און צווייטנס, האָב איך ניט געקאָנט אויסריידן קיין „קוף" און קיין „כף" און קיין „גימל", און ווי אַף צו־להכעיס האָט מיין טאַטע באַדאַרפט הייסן קלמן, מיין מאַמע — גיטל קלמנס, איך — קאָפּל גיטל קלמנס, און דער רבי — גרשון גאָרגל דרדקי פון גאַלגאַניוווקע.

— יינגעלע! ווי־אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאָפּל דיטל טלמנס...

— העכער אַביסעלע!

— טאָפּל דיטל טלמנס!...

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אַף א קול:

— טאָ־פּל! די־טל! טל־מנס!

— און בא וועמען לערנסטו?

— בא וועמען לערן איך? בא דרשון דאָרדל דרדטי פון דאַלאַדאַ־ניוווטע!...

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דערפאַר, וואָס מע שלאָגט מיך. איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין הארצן, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תל־מידים. מע לערנט מיך, איך זאָל ריידן, „ווי א מענטש"...

דער רבי האָט מיר איינמאָל אַרײַנגעזעצט א „שפּרײַז־העלצל" און האָט געהייסן די תלמידים, זיי זאָלן מיר שפּײַען אין מויל אַרײַן, — טאָמער וועט דאָס זײַן א רפואה... האָט זיך אַרײַנגעמישט רב זיאַמע דער סטאָלער, וואָס איז געזעסן מיטן רבין אונטער איין דאַך.

— וואָס מוטשעט איר א קינד נעבעך אומזיסט־אומנישט? אַט לאָזט מיך אַף איין מינוט, וועט איר זען, אַז בא מיר וועט ער ריידן, „ווי א מענטש"...

אזוי זאָגט רב זיאַמע דער סטאָלער, רופט מיך צו, נעמט מיך אָן פאַרן בערדעלע און מאַכט צו מיר אזוי:

— קוק אַף מיר, יִנגעלע, און זאָג מיר נאָך וואָרט בא וואָרט: „אָץ קוצץ — בן קוצץ — קצוצי — לקצץ"...

איך קוק אַף אים און זאָג אים נאָך וואָרט בא וואָרט: „אָת טוצץ — בן טוצץ — טצוצי — לטצץ"...

— ניט אזוי! — מאַכט רב זיאַמע. — דו קוק מיר גלײַך אין מויל אַרײַן און זאָג מיט מיר אינאיינעם: „יומם השמש לא יכּכה וירח בלילה"...

איך קוק אים גלײַך אין מויל אַרײַן און זאָג מיט אים אינאיינעם: „יומם השמש לא יטטה וירח בלילה"...

— ניין, נאַרעלע, — זאָגט צו מיר רב זיאַמע — דו זאָג ניט יטטה; זאָג בעסער: יככה! יככה! יככה!

—יטטה! יטטה! יטטה!...

רב זיאַמע טוט א מאַך מיט דער האַנט:

— ווייסט איר, וואָס איך בין דערגאַנגען? אַרויסגעוואָרפן די טרחה! אים וועט שוין קיין טאַטער אויך ניט העלפן. אָן אייביקער קאַליקע!

ב.

האָבן אַף שמחת־תורה א פאָן, טאַקע וואָס א פאָן הייסט, א פאָן מיט א שטעקל, פון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל א ליכטל — דאָס האָט באַ מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט אפילו טראַכטן פון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פאַראַן אַף דער וועלט? למאַי ס'איז פאַראַן אַזעלכע ייִנגלעך אין חדר, וואָס פאַרמאָגן געלט אַף צו קויפן א מעסערל, א בײַטעלע, א שטעקעלע? למאַי ס'איז פאַראַן ייִנגלעך אַזעלכע, וואָס עסן אַלע טאָג קאָנפעקטן, קנאַקניסלעך; פון בייגל און פון בלינעס שמועסט מען ניט! הײַנט איז פאַראַן אַזעלכע וואָס עסן ווײַסע בולקע איינדערוואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלעך! איך האָב קיין ווײַסע בולקע אינדערוואָכן קיינמאָל נישט געגעסן! איך בין געוועזן, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ־ברויט צו זאַט, מחמת מיר זײַנען געווען, נישט פאַר אײַך גערעדט, ביטערע אָרעמעלייט, אביונים, כאָטש אַלע האָבן באַ אונדז געהאַלטעוועט: דער טאַטע עליו השלום, איז געווען אונטער־שמש אינעם אונטערשטן קלײַזל פון דער קצבישער קלויז, די מאַמע, עליה השלום, איז געווען א בריה אַף באַקן קאַרענעם לעקעך, און די שוועסטער האָבן אונטערגעאַרבעט זאַקן. איר מעגט מיר גלייבן בנאמנות, איך האָב נישט געוווּסט דעם טעם, וואָס הייסט אַפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָך א מאָל.

הײַנט ווער שמועסט האָבן באַ זיך אין קעשענע א קאָפּיקע, אַן אייגענע קאָפּיקע — דאָס האָט זיך מיר אפילו ניט געחלומט.

און שטעלט אײַך פאָר, אַז איך קאָפּל קוקאַריקו, ווערט מיט אַמאָל א גביר און באַקום מײַן אייגנס צוויי־און־צוואַנציק קאָפּיקעס!

אפשר מיינט איר א נס — א פריץ האָט פאַרלאָרן און איך האָב געפונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפן. אָדער טאָמער רעכנט איר, איך האָב זיי גלאַט אַזוי ערגעץ דערטאַפּט, אַרויסגעגנבעט חלילה פון א פּושקע? גאָט זאָל אײַך היטן פון אַזאַ מחשבה! איך האָב זיי, שוועך אײַך, פאַרדינט, כשר פאַרדינט, פאַרהאָרעוועט מיט מײַנע אייגענע... פּיס.

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות צווישן די בעלי־בתים פונעם אונטערשטן

קליזל פון דער קצבישער קלויז. פריִער פלעגט צעטראָגן דעם שלח־מנות איינע פון מײַנע עלטערע שוועסטער, און איצט, אַז איך בין שוין אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שוין אויך זיין אַ שטיקל הילף. האָב איך גענומען דאָס שעלעכל מיטן פלעדל, ארומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב צווישן אַלע בלי־בתים פונעם אונטערשטן קליזל פון דער קצבישער קלויז, געקנעטן מיט די באַרוועסע פיס די קאַלטע גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשנס, וואָס מע האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

ג.

באַקומען מיטאַמאָל אַזאַ אוצר, גיי איך אַרום און טראַכט, וואָס טוט מען מיט, קיין עין־הרע, אַזויפיל געלט?

קומען צו גיין צו מיר דער יצר־הרע מיטן יצר־טוב און מוטשען מיך. דער יצר־הרע זאָגט:

— וואָס וועסטו זיך האַלטן מיט די גראָשנס, נאַר איינער? קויף דיר עפּעס: קויף מאַנדלעך, פאַראַן זיסע בײַ פּיראַנדיטשקין אפן שטעלכל; קויף פלעדלעך גוטע מיט האָניקפאַרפל, אָדער כאַטש אַן עפל אַ געפרוירענעם, וועסטו זיך מחיה זײַן.

— נאָכגעבן די קישקע? — זאָג איך. — וועל איך אויפעסן אין איין טאָג דאָס גאַנצע געלט. איך וויל ניט!

— געדענקט! — זאָגט דער יצר־טוב אַ סך גלײַכער שוין פאַרלײַען דער מאַמען די עטלעכע קאָפּיקעס! איר וועט דאָס צונוץ קומען.

— אַ חכם! — זאָג איך. — ס'זאָל זײַן פאַרפאַלן? ווו וועט זי נעמען אַף אָפּצוגעבן?

— זי מוטשעט זיך נעבעך, — זאָגט דער יצר־טוב, — און צאָלט פאַר דיר שכר־למוד...

— וואָס געהער זיך אָן מיט דיר שכר־למוד? — זאָגט דער יצר־הרע. — קויף דיר בעסער אַ פײַפעלע פון ווײַסע ליים מיט רויטע פינטעלעך, אַ מעסערל אַ שאַרפס מיט צוויי קלינגלעך און מיט אַ מעשענעם קאַסטן, אָדער גאָר אַ בײַטעלע מיט אַ גוט שלעסל.

— וואָס וועסטו האַלטן אינעם בײַטעלע? — זאָגט דער יצר־טוב.

— דעם דלות?

— קנעפּלעך! — זאָגט דער יצר־הרע. — וועסט אָנשטופּן אַ פֿול בײַטעלע מיט קנעפּלעך, וועט מען מיינען, אַז ס'איז געלט, וועלן דיר אַלע ייִנגלעך מקנא זײַן...

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען פֿון דעם? — זאָגט דער יצר־טוב. — אָט פֿאָלג מיך, צעטייל גאָר דאָס געלט פֿאַר אָרעמעלייט, טו צדקה, וועסטו פֿאַרדינען אַ מצווה, אָרעמעלײַט נעבעך גייען־אויס פֿאַר הונגער.

— אָרעמעלייט? — זאָגט צו מיר דער יצר הרע. — ביסט אַליין אַן אָרעמאַנס אַ ייִנגל, ביסט תמיד הונגעריק, איטלעכער איז אַ ותרן אױף יענעם. פֿאַרוואָס האָט דיר קיינער ניט געגעבן, אַז דו האָסט ניט געהאַט, ניט הײַנט געדאַכט?...

ד.

שיר־שיר האָט מיך דער יצר־הרע איינמאָל ניט איבערגערעדט.

אין חדר האָב איך געהאַט אַ חבר — יואליק, אַ נגידס אַ ייִנגל. ער פֿלעגט האָבן תמיד פֿולע קעשענעס מיט גוטע זאַכן. נאָר יענעם געבן האָט ער פֿײַנט געהאַט; מע זאָל זיך אויסצײַען פֿאַר אים — נישט אַ שמעק! פּלוצים האָט זיך יואליק עפּעס אָנגעהויבן צו מיר שטאַרק צושאַרן, צושמייכלען, געוואָרן מיט מיר חבר — די נשמה!

— דו ווייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ביסט אַ וואויל ייִנגל, ווי איך בין אַ ייִד. איך האָב דיך ליב נאָר דערפֿאַר, וואָס דו האָסט פֿײַנט בעטלען, אַזוי ווי אַנדערע: „גיב מיר אַ שטיקעלע! גיב מיר אַ פּיצעלע!" אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די בעטלערס!... אַ שטיקל קאָנפֿעקט ווילסטו?

— אַ שטיקל טאָנפֿעט? — זאָג איך. — פֿאַרוואָס ניט?

— נו, — זאָגט ער — און ניסלעך אַ צוויי וואָלסטו געקנאַקט?

— ניסלעך? — זאָג איך — פֿאַרוואָס ניט? איך זאָל האָבן, וואָלט איך דעטנאַטט.

יואליק לייגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע. איך מיין, אַז דאָס נעמט ער אַרויס און גיט מיר. צום סוף רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— איך וועל דיר געבן מאַרמעלאַד אַ האַלב שטיקל און ניסלעך דרײַ... אויב דו וועסט זיך מיט מיר בײַטן. וועסט זיך בײַטן?

— בײַטן? — זאָג איך. — מיט וואָס ווען מיר זיך בײַטן?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — געבן דאָס מעסערל מײַנס. דו ווייסט דאָך מײַן ווײַס מעסערל? אַן אמתדיקס, אַ זאַוויאַלאָוום!

אַ חידוש אביסל, אויב איך ווייס יואַליקס מעסערל! ווער ווייסט ניט יואַליקס מעסערל? וויפֿל מאָל האָב איך אים דערויף מקנא געווען! וויפֿל מאָל האָב איך דאָס געזען אין חלום!...

— נו, און איך? — זאָג איך. — וואָס זאָל איך דיר געבן דערפֿאַר?

— און דו — זאָגט ער — וועסט מיר געבן דײַן זילבערנעם פּער־ציקער.

— נעם! זאָגט צו מיר דער יצר־הרע. — נעם, ס'איז אַן אַנטיק פֿון אַ מעסערל. אַלע ייִנגלעך וועלן דיך מקנא זײַן...

איך וויל אַרויסנעמען געלט; נאָר באַלד פֿאַרכאַפּ איך מיך.

— אַ חכם אַ ייִד! זאָג איך. — פֿאַר אַ פּערציטער טאָן מען שוין טויפֿן אַ נײַ מעסערל.

— אַט אַזאַ מעסערל? — זאָגט יואַליק. — פּורים נאָכן קאַלטן קוגל!... שאַ, ווייסטו גאָר וואָס? איך גיב דיר צו אַ האַלב טוץ קנעפּ־לעך ביינערנע.

— פֿאַר דעלט — זאָג איך — טאָן מען טויפֿן צענטוויזנט טוץ טנעפּלעך.

— נו זאָגט ער — און קאָנפּעקטן און ניסלעך איז קיין געלט נישט? איך זאָג דיר צו, אַלע מאָל, ווען דו וועסט בעטן, גיב איך דיר, ווי איך בין אַ ייִד. אַט האָב איך אַ צוויאַק אַן אײַזערנעם, זעסטו? — שענק איך דיר אָוועק דעם צוויאַק אומזיסט. דו זעסט, וואָסער אַ צוויאַק?

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — צוויעטעס?

— ער וועט דיר — זאָגט ער צונוניצ קומען, נאַרעלע. קאָנסט אים פֿאַרשלאָגן ווו דו ווילסט. קאָנסט מיט אים אויסגראָבן אַ גריבל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דראָבן דריבלעך?

— איך וועל דיר — זאָגט ער — לאָזן דאַווענען אין מײַן סידורל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — דאַווענען אין פֿרעמדע סידורים?

— איך וועל דיר געבן — זאָגט ער אַנמעסטן מיין שבתדיק קאַשקעטל.

— וואָס דאַרף איך — זאָג איך — מעסטן פֿרעמדע טאַשמעטן?

— ווילסטו ניט? נאַ־זשע דיר! — מאַכט יואליק און דערלאַנגט מיר אַ בוכענצע אין זײַט אַרײַן. — געפעלט אײַך אביסל אַ קבצניוק? איך גים אים אַזויפיל זאַכן: אַ מעסערל, און קנעפּלעך, און קאָנפעקטן, און ניסלעך, און אַ צוויאַק, און אַ סידורל, און אַ היטעלע אָנמעסטן — וויל ער נאָך ניט! אַ קבצנישע קישקע — וויפל מע לייגט אין איר ניט אַרײַן, איז ווינציק! ער מיינט, אַז ער האָט אַ זילבערנעם פּעריציקער, איז ער שוין אַ גאַנצער יאַ־טובי־דאַם! וואַרט אויס, טאַפּעלע טוטאַריטו, וועסט אַמאָל אָנקומען צו מיר, וועט דיר אויספאַלן באָקאָם!... נחמיה! נאַ, איך שענק דיר אַוועק דעם צוויאַק!...

יואליק שענקט־אַוועק דעם צוויאַק נחמיהן (אַן אָרעם ייִנגל, וואָס הינקט אַף אַ פיסל), און מיט מיר ווערט ער אויס חבר.

ה.

וועט איר דאָך פרעגן: אַף וואָס פאַרט האָב איך געהאַלטן דאָס געלט?

ערשטנס, אַף ל"ג־בעומר צו דער סעודה. ל"ג־בעומר צו דער סעודה פלעגן אַלע קינדער ברענגען עפּעס אין חדר אַרײַן: ווער מזומן געלט, ווער אַן עסנוואַרג, און ווער אַ נאַשערײַ. נאָר איך איינער פלעג קומען מיט מײַן שטענדיקן אָנבײַסן — אַ שטיקל ברויט מיט קנאָבל. עס פלעגט מיר פלאַמען דאָס פּנים; און כאָטש אין קאָן האָט מען מיך אַרײַנגענו־מען גלײַך מיט אַלע ייִנגלעך, נאָר געפילט האָב איך, אַז ס'איז מ צ ד ר ח מ נ ו ת — און ס'איז מיר ניט אײַנגעגאַנגען די שמחה... „אַצינד, האָב איך מיר געטראַכט, העט איך אײַך אַלע מיטן קאָטער; איך בין, ברוך־השם, אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איך גיי מיט מזומנים. וויבאַלד אַזאַ נגידם אַ ייִנגל, ווי יואליק, גיט צושטײַער אַ פּערטעלע, מעג איך געבן אַ קאָפּיקע. וואָרעם וואָס בין איך אַקעגן אים? אַ גאָרנישט! ווי איז אָבער דער דין, אַז איך גיב אַ פיטאַקל, בין איך יוצא? נו, גיב איך טאַקע אַ גריווינקע — און ווייסט ווער איז קאָפּל קוקאַריקו!"...

און איך האָב אַרײַנגעבראַקט אין דער קאַראַבקע אַף ל"ג־בעומר צען קאָפּיקעס, דאָס איבעריקע געלאָזט אַף שפּעטער.

שפּעטער, זומער־לעבן, ס'איז אויפגעקומען גרינוואַרג, עס האָבן זיך באַוויזן פרישע אויבסטן באַ פיראָנדיטשקין אין די מולטערלעך, איז געקומען ווידעראַמאָל דער יצר־הרע.

— זעסט — זאָגט ער — גרינע אַגרעסן? זעסט וואָסערע רויטע ווײַמפּערלעך?

— פון גרינע פּירות — זאָג איך — ווערן נאָר הײַליק די ציין.

— מאַך „שהחיינו", — זאָגט צו מיר דער יצר־טוב — שהחיינו איז אַ מצווה...

— שהחיינו —זאָג איך — וועל איך נאָך צײַט האָבן צו מאַכן; דער זומער איז נאָך גרויס. עס וועט נאָך גיין אַ סדרה פון ווײַנשל און פון פלוימען, פון עפּל און פון בארן, פון דיניעס און פון קאַווענעס...
איך וועל בעסער איבערלאָזן דאָס געלט, אם ירצה השם, — אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

און ס'איז געבליבן, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט, אם ירצה השם, אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

ז.

גאָט האָט געהאָלפן, דער סוכות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזײַטנדיקע".

פון איין זײַט זײַנען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָבן געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר באמת זײַנען זיי געווען לייבן, מיט אָפענע מײַלער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען בײַ זיי זײַנען געווען אַרויפגעטאָן פײַפלעך, אפנים, שופרות, מחמת ס'איז געשטאַנען אָנגעצייכנט מיט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופר.

אונטן, אונטער די לייבן, איז געשטאַנען אויפגעשריבן פון דער רעכטער האַנט: דגל מחנה יהודה. פון דער לינקער האַנט: דגל מחנה אפרים.

דאָס האָט איר ערשט איין זײַט פאָן. אויף דער אַנדערער זײַט איז געווען נאָך שענער. דאָרט זײַנען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטן פון משה מיט אהרנען, פּינקטלעך, ווי לעבעדיקע. משה מיט אַ גרויסן דאַשעק אויפן שטערן, און אהרן מיט אַ גאָלדענער רייף אויף דער געלער פּאַטלע. אינמיטן, צווישן משהן מיט אהרנען, — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע ייִדעלעך. געפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע, מיט תורהלעך אין די הענט. אַלע האָבן זיי איין פּנים, גלײַך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט: אַלע מיט לאַנגע אַלץ איינע קאַפּאָטקעלעך, אַלע מיט שיך און

זעקלעך און אַלע מיט גאַרטעלעך, אַביסל נידעריקער פון דער דיך...
די ייִדעלעך הייבן די פיס און זינגען: ש י ש ו ו ש מ ח ו ב ש מ־
ח ת ת ו ר ה.

באַקומען די פאָן, באַדאַרף מען קריגן אַ שטעקל, צו דער פאָן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאַמע דעם סטאָלער, טאַקע דער איינגענער רב זיאַמע, וואָס האָט אַמאָל זיך אונטערגענומען מיך אויס־לערנען ריידן, „ווי אַ מענטש".

— וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן, טאַפּעלע טוטאַריטו?

— אַ שטעקל צו דער פאָן...

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטל?

— אַ שטעטל — זאָג איך — פון אַ שטיטל האַלץ, מע זאָל טאָ־נען טראָגן די פאָן.

רב זיאַמע טרײַבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין מיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט־אַוועק אַלע אַרבעט, נעמט אַ שטיקל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיק.

אַצינד פעלט מיר נאָך אַן עפּל מיט אַ ליכטל, געוויינלעך, פון וואַקס, ניט פון חלב, וואָרעם חלב, אַז וועט אַרויפקאַפּען אויפן עפּל, איז פאַרפאַלן דער עפּל, מע וועט אים נאָכדעם ניט קאָנען עסן... אָבער וואַקס מאַכט ניט אויס, וואַקס איז כשר.

נו, און וואַקס איז דאָך בײַ מיר פאַראַן מער ווי בײַ אַלע ייִנגלעך. אדרבה, אַ ייִנגל, אַז ער באַדאַרף אַ שטיקל וואַקס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרעם מײַן טאַטע איז דאָך אונטער־שמש אין אונטערשטן קלײַזל פון דער קצבישער קלויז, איז וואָס עס בלײַבט נאָך יום־כּפּור פון די ליכט געהער צו אים — דאָס איז זײַן הכנסה. ער שמעלצט דער־פון „שמשים" צו די חנוכּה־ליכטלעך, הבדלות און סטאַטשיקעס. און וואָס עס פאַלט אַראָפּ פון די הבדלות מיט די סטאַטשיקעס געהער צו מיר — דאָס איז מײַן הכנסה.

הקיצור, איך האָב אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף!

ז.

אַרײַנגעזעצט די פאָן אינעם שטעקל, אויפגעפּאַסט אויפן שפּיץ אַ רויטן עפּל און אָנגעצונדן פון אויבן דאָס וואַקסענע ליכטל, לאָז איך מיך שמיני־עצרת אָפּדערנאָכט אין שול אַרײַן, צו די הקפות, לעבעדיק־

פריילעך, ווי א גליקלעכער פרינץ, ווי א בן־מלך, וואָס קיינער איז צו אים ניט גלײַך.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבן, אויף דער מיזרח־באַנק, מיט אַלע בעלי־בתּישע קינדער. די ליכט ברענען. מײַן פּאָן איז שענער פון אַלע פּאָנען. מײַן עפּל איז רויטער פון אַלע עפּל. מײַ ליכטל איז גרעסער פון אַלע ליכטלעך. אין שול איז אַן ענגשאַפט. א היץ מיט סכנות־נפשות. ווײַבלעך און מיידלעך א סך זײַנען געקומען קושן די תורה. אַט גייט רב מלך דער חזן מיטן צעלאָזטן טלית אויף צור־פריזער, ווי א גענעראַל־פעלדמאַרשאַל. נאָך אים — די בעלי־בתּים. רב מלך ציקלט זיך און זינגט אויף זײַן בלעכענער שטימע: „ע ו ־ ז ר ד ־ ־ ־ ל י ם, ה ו ש י ע ה נ א !" די ווײַבלעך מיט די מיידלעך שפּרינגען אין פּנים אַרײַן, קושן די תורות און שרײַען מיט א קוויטש: „דערלעבט איבער א יאָר! דערלעבט איבער א יאָר!" — „גם אתם! גם אתם!"

נאָר איידער מע קומט־צו צום אונטערשטן קלײַזל פון דער קצבישער קלויז, דאַרט ווו איך דאַוון, מוז מען דורכגיין פאַרבײַ עטלעכע שולן און בתּי־מדרשים: די קאַלטע שול, די ליטווישע שול, דאָס שנײַדערשע שולכל, דאָס גרויסע בית־מדרש, דאָס קליינע בית־מדרש, דאָס אַלטע בית־מדרש, די ערשטע קלויז, די חסידישע קלויז, די מתנגדישע קלויז. די נײַע קלויז, דאָס געלע קלײַזל — ביז מע קומט צו דער קצבישער קלויז, און פון דאַרטן שוין לאָזט מען זיך אַראָפּ אין אונטערשטן קלײַזל.

אַט־אָ־די אַלע שולן און בתּי־מדרשים, וואָס איך האָב אײַך דאָ אויסגערעכנט, זײַנען חלילה נישט צעוואָרפן דער אין ליסע, און יענער אין סטריסע, ווי בײַ אײַך אין יעהופּעץ. בײַ אונדז, אין כּתרילעווקע, איז א חיות. בײַ אונדז געפינען זיי זיך אַלע אויף איין גאַס, אויף איין שטיקל ערד, כּמעט אין איין הויף, — און דאָס ווערט אָנגערופן דער „שולהויף".

אונדזער שולהויף איז אינגאַנצן כּמעט איין שול. זומער, אַז די פענצטער זײַנען אָפן, און איר גייט פאַרבײַ בשעת מע דאַוונט, ווייסט איר ניט וואָס איר זאָלט טאָן: צי איר זאָלט בלײַבן שטיין און שפּרינגען קדושה, צי איר זאָלט זיך אָנבייגן כאַפּן א ברכו, צי איר זאָלט ענט־פערן „אָמן יהא שמיה רבא". בשעת פון איין זײַט הערט זיך א געזאַנג „אָז ישיר משה", שרײַט עמעצער פון דער זײַט: „א ־ ח ־ ־ ־ ד!" פאַלט איינער אַרײַן פלוצים מיט א ניגון פון דער גמרא: „מכּלל שהוא צריך

לפרט ומפרט שהוא צריך לכלל״. שלאָגט אים איבער נאָך איינער מיט אַ ניגון: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא״. קומט צו גיין אַ דריטער און לאָזט־אויס גאָר מיט אַן אַנדער טאָן: „הללויה! הללויה!״...

אונדזער שולהויף האָט צוויי געשטאַלטן: אינדערוואָכן איז ער אַנדערש, שבת און יום־טוב — ווידער אַנדערש. אינדערוואָכן איז ער אַ מאַרק פון ייִדישע ספרים, טליתים, ציצית און מזוזות, פוילע עפּל, קברות־בארלעך, סעמעטשקעס און בעבלעך, מאַנדלעך, בייגעלעך און צוקער־לעקעך. ציגן צעלייגן זיך, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און זײַנען מעלה־גרה, שאָקלען בשעת מעשה מיט די בערדלעך. קומט אָבער שבת און יום־טוב — אויס מאַרק, אויס מסחר, אויס ציגן. ייִדן, זאָלן געזונט זײַן, קלייבן זיך צונויף רעדלעך־ווײַז, מע רעדט און מע גראַגערט. מע דערציילט נײַעס פון דער גאַנצער וואָך, פונעם גאַנצן יאָר און פון דער גאַנצער וועלט. אויך קינדער, חדר־ייִנגלעך, זײַנען דאָ. חדר־ייִנגלעך פון אַלע חדרים לויפן, שפּרינגען, שוועבן אַהין און אַהער, ווי די פיש אין וואַסער; גאָט האָט זיי געשענקט אַ מתנה — זיי זײַנען פרײַ! מע באַטראַכט זיך איינס אויף דאָס אַנדערע די נײַע קאַפּאָטקעלעך, וועמענס איז לענגער, די יום־טובדיקע קאַשקעטלעך, וועמענס קאָפּ איז גרעסער, און מע מעסט אויף די פינגער, וועמענס פּאה איז קירצער. דערבײַ כאַפּט מען געוויינלעך, ווער אַ פליק און ווער אַ שטורך און ווער אַ קלאַפּ — ס'איז פריילעך.

נאָך פריילעכער ווי אַלע מאָל איז סוכות, שמיני־עצרת אַפּדערנאַכט, פאַר די הקפות, בשעת אַלע ייִנגלעך פון אַלע חדרים קומען זיך צענויף אַהער מיט די פאָנען. דאָ מושטירעוועט מען זיך אויס אויף כתות, גרויסע ייִנגלעך באַזונדער און קליינע ייִנגלעך באַזונדער. דאָ באַטראַכט מען איינס באַם אַנדערן די פאָנען, וועמענס שטעקל איז גרעסער, וועמענס עפּל איז רויטער, וועמענס ליכטל איז פון חלב און וועמענס — פון וואַקס. דערבײַ פאַלן געגנוג ווערטלעך, חכמות און געלעכטערן. איינער טוט־אָפּ דעם אַנדערן אַ שפּיצל: ער פאַרלעשט אים דאָס ליכטל, אָדער ער פאַרגנבעט זיך און בײַסט אים אָפּ דעם עפּל, באַקומט ער אין טאַטנס טאַטן מיט אַ פּאַטש אויף פאַרבײַסן — ביז מע צעגייט זיך איטלעכער אין זײַן שול אַרײַן.

ה.

— מזל־טוב! טאַפּעלע טומאַריטו האָט אַ פּאָן! שלום עליכם אַ גוטער ייִד, אַ האַלבן פּנים אָפּגעבריט...

מיט אַזאַ ברייטן ברוך־הבא האָבן מיר חברה קונדייסים באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אָפּן שולהויף מיט מײַן פּאָן.

איך באַטראַכט אַלע פּאָנען און וואַרף אַ קוק אױף מײַן פּאָן — ווער? וואָס? ווען? ווי קומען זייערע פּאָנען צו מײַן פּאָן?

ערשטנס, די פּאָן אַליין. בײַ קיינעם שטייט זי ניט אַזוי גלײַך אָרײַנגעזעצט אין שטעקל, אַז מע זאָל אַרויסזען בײדע זײַטן. בײַ קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלײַך, קײַלעכיק, געטאָקט שטעקל. בײַ קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּל. בײַ קיינעם איז ניטאָ אַזאַ שיין געראָטן ליכטל, וואָרעם ווער פאַרמאָגט אַזויפיל וואַקס, ווי איך? ווער האָט געכאַפּט אַזויפיל פּעטש מיט סטוסאַקעס, ווי איך, בשעת דער טאַטע האָט מיך געכאַפּט אין פֿאַליש אונטער דער באַנק קלייבן די שטיקלעך וואַקס פון די צעשמאָלצענע יום־כּפּורדיקע שטיקלעך ליכט?... איך מאַך אַ פאַרגלײַך צווישן מײַן פּאָן און צווישן די אַלע איבעריקע פּאָנען — און מײַן האַרץ ווערט פול מיט גדלות. עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער, די פיס טראָגן מיך. עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שרײַען, קוויטשען, כאַפּן אַ טענצל...

— אַנו, ווײַז נאַר! — רופט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלײַבט שטיין פאַרגאַפט.

ער באַקוקט מײַן פּאָן. איך באַקוק זײַן פּאָן. „אויך מיר אַ פּאָן! — טראַכט איך מיר. — אויך מיר אַ שטעקל! אויסגעבויגן, גלײַך ווי אַ קאָטשערע!" איך זע, אַז ער איז אַ געקאָכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט ווויסנדיק און קוק קלוימערשט אָן אַ זײַט.

— קאָפּל! — מאַכט ער צו מיר. — ווו האָסטו גענומען אַזאַ שיין שטעקעלע?

— האַ? — זאָג איך און דריי מיך אויס צו אים מיטן פּנים.

— ווו האָסטו דערטאַפּט — זאָגט ער נאָכאַמאָל — אַזאַ טשאַקנדיק שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו אים. — ווילסט זיך אפשר בײַטן אױף דײַן צוויאַק?...

יואליק פאַרשטייט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אויגלעך, אַ סמאַרע מיט דער נאָז, לייגט־אַריין די האַנט אין קעשענע און טרעט־אָפּ. איך קוק אים נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע, ווי ער רופט־אָפּ נחמיהן מיטן קרומען פיסל אָף אַ זייט און סודעט זיך מיט אים און ווינקט אָף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט ווייסנדיק. אין אַ מינוט אַרום גייט־צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פיסל, האַלט יואליקס פאָן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל; מיינס האָט זיך פאַרלאָשן.

— ס'איז דען דיין פאָן? — זאָג איך צו אים און בייג אים אָן מיין פאָן מיטן ליכטל. — איך ווייס דאָך וועמענס פאָן דאָס איז...

און איידער איך קוק מיך אַרום, טראָגט־צו נחמיה זיין אָנגעצונדן ליכטל צו מיין פאָן און מאַכט בורא מאורי האש. מיין פאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פלאַקער, פּ־פּ־פּו — אויס פאָן!

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס פאַלט־אַראָפּ פונעם הימל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין, ווען אַ ווילדע חיה פאַלט־אָן אָף מיר און וויל מיך פאַרצוקן, אָדער ווען עס קומט מיר אַנטקעגן אַ מת אום האַלבע נאַכט אין ווייסע תכריכים און וויל מיך וואַרגן, — וואָלט מיין שרעק נישט באַדאַרפט זיין אַזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזען מיין נאַקעטן שטעקן מיט דער אָפּגעברענטער פאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ מיר פונעם האַרצן אַ געשריי:

— אוי וויי, מיין פאָן! מיין פאָן! מיין פאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון מיינע אויגן. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרן פינצטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זיינען אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין ניט וווהין. איך גיי און גיס מיט הייסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַוויין מיין פאָן, ווי מע באַוויינט אַ טויטן. און איך קום צו גיין אַהיים איינער אַליין, אָן אַ פאָן, און איך פאַרקלייב מיך אין אַ ווינקעלע, און דאָ, אין דער פינצטער, זיץ

איך, דעם קאָפּ אראָפּ צווישן די קניען, און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט הערן, און איך פרעג בא גאָט א קשיא:

— גוואַלד, גוואַלד, רבונו של עולם! פאַרוואָס קומט דאָס מיר? פאַרוואָס און פאַרוועו?!...

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס לעצטע קאַפּיטל.

איר ווייס, קינדער, אַלע מעשיות האָבן אַ סוף און לאָזן זיך אויס אָדער פריילעך, אָדער טרויעריק.

ייִדישע מעשיות לאָזן זיך אויס, צום מיינסטן, טרויעריק. פאַראַן בא אונדז אַ ווערטל, אַז אַ ייִדר, ובפרט אַן אָרעמאַן, טאָר קיין הנאה ניט האָבן. ס'איז אַ סך וועגן דעם צו ריידן; אַז איר וועט אונטערוואַקסן, וועט איר געוואר ווערן... דערווײַל באַדאַרף איך אײַך זאָגן, אַז די מעשה מיט מײַן פאָן האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט דערמיט, וואָס איך האָב אײַך דאָ דערציילט. איך האָב נאָך גוט, גוט צוגעקרענקט, געלעגן אין אַ העליש פײַער, געזען פאַר זיך משונה־מאָדנע זאַכן, שלאַנגען און עקדישן מיט פײַערדיקע צונגען און ווילדע חיות אינעם געשטאַלט פון מענטשן ... איך האָב געהערט משונה־מאָדנע קולות פון קעץ און פון פּיפּערנאַטערס. איך האָב זיך געוואָרפן, געדעדט פון היץ, געוועזן פאַרבײַ. מע האָט נישט געהאַלטן פון מײַן לעבן. אין אונטערשטן קלײַזל פון דער קצבישער קלויז האָט מען שוין אפילו אָפּגעזאָגט תהלים אויך. איך בין געוועזן העכער האַלב אױף יענער וועלט.

נאָר אַזוי ווי ס'איז הײַנט ערב יום־טוב, און יום־טוב, בפרט שמחת־תורה, באַדאַרף מען זײַן פריילעך, וויל איך אויסלאָזן די מעשה מיט מײַן פאָן אויך פריילעך.

ערשטנס, זעט איר, אַז איך בין מיט גאָטס הילף ניט געשטאָרבן.

צווייטנס, זײַט ווייסן, אַז אַפן אַנדערן יאָר האָב איך געהאַט אַ פאָן נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענערן שטעקל, מיט אַ שענערן עפּל, און בין דווקא געוועזן אין שול גאַנץ אויבנאָן, אױף דער מיזרח־באַנק, מיט אַלע

בעלי־בתישע קינדער. די ליכט האָבן געברענט. מײַן פּאָן האָט געשײַנט. ייִדן זײַנען געגאַנגען מיט די הקפות. רב מלך דער חזן מיטן צעלאָזטן טלית איז געגאַנגען אַף צו־פֿריִער, ווי אַ גענעראַל־פֿעלדמאַרשאַל. ער האָט זיך געציקלט און געזונגען אַף זײַן בלעכענער שטימע: „ע ו ־ ז ר ד ־ ־ ־ ל י ם, ה ו ש י ע ה נ א!״ ווײַבלעך און מיידלעך אָן אַ שיר האָבן געקושט די תורות, געשפּרונגען אין פּנים אַרײַן און געשריגן מיטן אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר!״ — גם אתם! גם אתם!״

קינדער, ג ם א ת ם!...

געשריבן אין יאָר 1900

חנוכה־געלט

א.

טרעפט, קינדער, וואָסער יום־טוב, איז דער בעסטער פון אַלע ימים־טובים?

חנוכה.

אַכט טאָג כסדר נישט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידלעך און באַקומען פון אַלע זײַטן חנוכה־געלט — נו, באַדאַרף מען נאָך אַ בעסערן יום־טוב?

ווינטער. דרויסן איז קאַלט, דער פראָסט ברענט מיט סכנות, די פענצטער זײַנען פאַרקאַוועט, באַדעקט מיט שניי, צעמאַלט אַפן שענסטן אַרט, און אין שטוב איז וואַרעם — מחיה־נפשות. דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפּל שטייט צוגעגרייט נאָך פון באַטאָג. דער טאַטע גייט־אום איבער דער שטוב, די הענט אַרונטער, און דאַוונט מעריב. אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, נעמט ער אַרויס פון טישקעסטל אַ וואַקסן ליכטל (דעם שמש), זאָגט „עלינו" און מאַכט צו אונדז, צו מיר מיט מײַן יינגערן ברודער מאָטל, אַף לשון קודש:

— אי־אָ! שהוא נוטה שמים ויוסד הארץ... אי־נו־אָ!

איך און מײַן ברודער מאָטל פאַרשטייען ניט וואָס ער מיינט, און מיר פרעגן אים:

— וואָס? אַ שוועבעלע?

דער טאַטע באַווײַזט מיט דער האַנט אַהין, אין קיך אַרײַן.

— אי־אָ־אָ! ועל כן נקוה לך... אי־אָ־נו!

— וואָס? אַ קאָלאָדאַטשמעסער? אַ שערל? דאָס אייבערשטע פון נעם שטויסל?

— מט־אי־אי־אָ־נו־פע! אמי! אמי! ביום ההוא יהיה יי אחד ושמו אחד... די מאַמע! רופט־אַרײַן די מאַמע, לאָז זי גײן הערן בענטשן חנוכה־ליכטלעך.

איך און מײַן ברודער מאָטל לאָזן זיך לױפן בײדע, אײנס איבערן אַנדערן.

— מאַמע! גיכער, חנוכה־ליכטלעך!

— אױ אַ מכּה איז מיר, חנוכה־ליכטלעך! — זאָגט די מאַמע און װאַרפט־אַװעק אַלע אַרבעט אין קיך (מע האָט געקױלעט גענדז, מע פּרעגלט שמאַלץ, מע האָט גערעשטשינעט לאַטקעס) און לאָזט זיך לױפן אין שטוב אַרײַן, און נאָך איר — בריינע די קעכן, אַ שװאַרצע ייִדענע מיט װאָנצעס, מיט אַ פֿעט פּנים און מיט תּמיד פֿעטע אױסגעשמירטע הענט. די מאַמע שטעלט זיך אַװעק אין אַ זײַט און מאַכט אַ פֿרום פּנים. און ברײַנע די קעכן בלײַבט שטײן באַ דער טיר, װישט די הענט אינעם קױטיקן פֿאַרטעך, טוט אַ שמיר מיט דער פֿעטער האַנט איבער דער נאָז פֿון אונטן אַרױף און לאָזט־איבער אַ שװאַרצן צײכן איבערן גאַנצן פּנים. מיר זײַנען שטאַרקער פֿון אײַזן, איך און מײַן ברודער מאָטל, אַז מיר האַלטן זיך אײַן און שיסן ניט אױס קײן געלעכטער.

דער טאַטע גײט־צו מיטן אָנגעצונדענעם שמש צום חנוכה־לעמפּל, בײגט זיך אָן און מאַכט די ברכה מיטן באַקאַנטן ניגון: „ברוך אתה!" און לאָזט־אױס: „להדליק נר של חנוכה!"

די מאַמע ענטפֿערט מיט גרױס יראת־שמים „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן", און ברײַנע שאָקלט־צו מיטן קאָפּ און מאַכט בשעת מעשה אַזעלכע פּיסקעס, אַז איך און מײַן ברודער מאָטל האָבן מורא אַ קוק טאָן אײנס אױף דאָס אַנדערע.

„הנרות הללו שאָנו מדליקין"... — זינגט דער טאַטע אונטער דער נאָז און שפּאַצירט־אַרום הין און צוריק איבערן זאַל, קוקט אױפֿן חנוכה־לעמפּל און זאָגט און הערט גאַר נישט אױף צו זאָגן. מיר װאָלטן װעלן, עס זאָל שױן האָבן אָן עק, ער זאָל זיך שױן נעמען צו דער קעשענע, צום בײַטעלע. מיר װינקען זיך איבער, שטופּן אונטער אײנס דאָס אַנדערע:

— מאָטל, גײ־צו, זאָג אים חנוכה־געלט.

— װאָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכה־געלט?

— אַזױ, װאָרעם דו ביסט קלענער, באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכה־געלט.

— טאַטער פאַרקערט, דו ביסט עלטער, באַדאַרפסטו בעטן חנוכה־געלט?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר ריידן פון חנוכה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. שטיל, נישט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונדז איבער אַ קליין פּרעסטל איבערן לײַב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אַף דער סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּאה, מאַכן זיך כּלומרשט קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— הם... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אײַך חנוכה־געלט.

באַקומען אונדזער חנוכה־געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מײַן ברודער מאָטל, פּרוּער פּאַוואָליע, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם — גיכער און גיכער, מיט אַ שפּרונג־אונטער און מיט אַ טענצל. און ביז מיר קומען אין אונדזער חדרל אַרײַן קאָנען מיר זיך ניט אײַנהאַלטן, קוליען זיך איבער דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, שפּרינגען אַף איין פוס און זינגען־אונטער:

ענגע, בענגע,
סטופּע צענגע,
אַרצע, באַרצע,
גאָלע שוואַרצע,
עימעלע, עימעלע,
בייגעלע, פייגעלע —
האָפּ!

און פאַר גרויס שמחה און התפּעלות גיבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט־אַרײַן דער פעטער בעניע.

— חברה פלעצל, אײַך קומט חנוכה־געלט!

דער פעטער בעניע לייגט־אַרײַן די הענט אין זשילעט־קעשענע, נעמט־אַרויס צוויי זילבערנע גילדן און גיט אונדז חנוכה־געלט.

ב.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פעטער בעניע זײַנען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער, דער פעטער בעניע — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ שוואַרצער, דער פעטער בעניע — אַ געלער; דער טאַטע — אַ מרה־שחורהדיקער, אַ שווײַגער, דער פעטער בעניע — אַ פריילעכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, צעווירעט אױף קעסטעלעך, שוואַרצע און ווײַסע, הייסט אַרײַנטראָגן פון קיך פּאַסאָלעס, שוואַרצע און ווײַסע — דאָס וועט זײַן אַ דאַמינע.

די מאַמע איז אין קיך, פּרעגלט שמאַלץ און באַקט לאַטקעס. איך מיט מײַן ברודער מאָטל שפּילן אין דריידל: נס גדול היה שם, און דער טאַטע מיטן פעטער בעניען זעצן זיך אַוועק שפּילן אין דאַמינע.

— איין זאַך וועל איך דיך בעטן, בעניע — בלא חרטה ובלא דרייי, דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זײַן אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג. — זאָגט דער פעטער בעניע און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג. — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט־אָפּ דעם פעטער בעניעס אַ ציגל.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג. — זאָגט דער פעטער בעניע און שלאָגט־אָפּ דעם טאַטנס צוויי ציגלעך.

וואָס ווײַטער־ווײַטער לאָזן זיי זיך אַרײַן אין דעם שפּיל אַלץ טיפער. קײַען בשעת מעשה די בערד, טרייסלען מיט די פיס אונטערן טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע מיט אַ ניגון פון דער גמרא און קײַט איין עק באָרד. — זאָל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהין? — וועט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ מין גאַנג!

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! — העלפט אים אונטער דער פעטער בעניע מיטן זעלבן נוסח.

— וואָס זשע באַדאַרף איך מורא האָבן? — זינגט דער טאַטע ווײַטער. — טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענעם ציגל? וועל איך באַ אים

צונעמען צוויי ציגלעך. אי, וואס? טאמער מיינט ער מיר שלאגן דריי ציגלעך?

— דריי ציגלעך, דריי ציגלעך, דריי ציגלעך? — העלפט אים אונ־טער דער פעטער בעניע.

— אוי, ביסטו א טפש, בעניע, א טפש און א גרויסער! — זינגט דער טאטע און גייט א גאנג.

— ביסט אליין א טפש, מיין ברודער, און נאך א גרעסערער! — זינגט דער פעטער בעניע און גייט א גאנג און פארכאפט זיך באלד צוריק.

— פע, בעניע, מיר האבן דאך גערעדט, א גאנג איז א גאנג! — זאגט דער טאטע שוין אן א ניגון און כאפט דעם פעטער בעניע פאר דער האנט.

— א גוטער משל! — זאגט דער פעטער בעניע. — כל זמן איך האלט אין מיטן גאנג מעג איך מיר גיין וווהין איך וויל.

— ניין! — זאגט דער טאטע. — א גאנג איז פארפאלן! מיר האבן דאך עפעס געשמועסט, בעניע, בלא חרטה, בעניע, בלא דריי!

— הרטה? — זאגט דער פעטער בעניע. — וויפל מאל מאכט זיך, אז דו האסט חרטה?

— איך? — זאגט דער טאטע. — ע, בעניע, דערפאר האב איך דאך פיינט מיט דיר צו שפילן אין דאמינע!

— ווער זשע נייט דיך, זאלסט מיט מיר שפילן?

— שוין? מע קריגט זיך שוין איבער א פאסאלקעלע? — רופט זיך אן די מאמע און קומט־אן פון קיך מיט א פארפלאמט פנים, און נאך איר — ברײנע מיט א גרויסן פאלומעסיק מיט הייסע לאטקעס מיט שמאלץ. פון די לאטקעס זעצט א פארע. אלע לאזן זיך צום טיש. איך און מיין ברודער מאטל, וואס האבן זיך פריער אביסל געקריגט, געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שלום און זעצן זיך צו די לאט־קעס מיט גרוים כונה.

ג.

באנאכט אפן געלעגער ליג איך און טראכט: וויפל קאן זיך, אשטיי־גער, בא מיר צונויפקלייבן, אז אלע פעטערס מיט אלע מומעס מיט אלע קרובים וועלן מיר געבן חנוכה־געלט? ראשית חכמה, דער פעטער משה־

אהרן, דער מאַמעס ברודער, אַפּילו זייער אַ קאַרגער, נאָר אַ נגיד. נאָכ־דעם דער פעטער איטשע און די מומע דבורה, וואָס דער טאַטע און די מאַמע זײַנען מיט זיי ברוגז שוין פון כמה וכמה יאָרן. הײַנט דער פע־טער בייניש און די מומע יענטע? הײַנט ווו איז אונדזער שוועסטער איידל? און איר מאַן שלום־זיידל? און אַלע איבעריקע קרובים?

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפל,מיינסטו, וועט אונדז געבן דער פעטער משה־אהרן חנוכה־געלט?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נביא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמעצער האָט אַזויפיל פעטערס מיט אַזויפיל מומעס ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויבאַלד דו שלאָפסט, הײַנט ווו:אַזוי רעדסטו מיט מיר?

— דו פרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפערן.

אין דרײַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— טססס — טררר — חילחילחיל — טססס...

מאָטל כראָפּעט, כאָרכלט, פײַפט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיך אויף אויף מײַן בעטל, נעם־אַרוים מײַן קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס.

„דאַכט זיך, וואָס? — טראַכט איך מיר. — אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס קאָן מען דערפאַר ניט קויפן? צאַצקעס, מעסערלעך, שטעקעלעך, בײַטעלעך, ניס און קאָנפעקטן, און ראַזינקעס, און באַקסערן און וואָס ניט?"

איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן און לייען־אָפּ קריאת־שמע, קומט־אַרײַן ברײַנע פון קיך מיט אַ פולן פאַלומעסיק מיט קערבלעך... ברײַנע גייט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופטן, זינגט

„הנרות הללו שאָנו מדליקין", און מאָטל שלינגט קערבלעך, ווי האַ־לעשקעס. „מאָטל! — שרײַ איך מיט אַלע כוחות. — גאָט איז מיט דיר, מאָטל, וואָס טוסטו? ק ע ר ב ל ע ך ? ? ? ?"...

איך כאַפּ זיך אויף און שפּײַ־אויס דרײַ מאָל: "טפו־טפו־טפו — אַ חלום!"

און ווער אַנשלאָפן.

ד.

אַף מאָרגן אין דער פרי, אָפּגעדאַוונט און איבערגעגעסן, טוט אונדז אָן די מאַמע אין קעצענע טולופּלעך, וויקלט אונדז אײַן אין גרויסע וואַ־רעמע שאַלן, און מיר לאָזן זיך גיין נאָך חנוכה־געלט, פריִער פון אַלע־מען, געוויינלעך, צום פעטער משה־אהרן.

דער פעטער משה־אהרן איז אַ ייִד נישט קיין געזונטער, האָט צו טאָן שטענדיק מיטן מאָגן; ווען מע קומט, טרעפט מען אים נעבן האַנט־פאַס ווישן זיך די הענט און זאָגן „אשר יצר".

— אַ גוט מאָרגן, פעטער משה־אהרן! — שיסן מיר אויס ביידע מיטאַמאָל, איך און מײַן ברודער מאָטל, און עס קומט אַנטקעגן די מומע פעסל, אַ ייִדענע אַ קליינטשקע, איין אויג אַ שוואַרץ, דאָס אַנדע־רע אַ ווײַס, דאָס הייסט, איין ברעם אַ שוואַרצע, די אַנדערע אַ ווײַסע. די מומע פעסל טוט אונדז אויס די טולופּלעך, וויקלט אונדז אויס פון די שאַלן און שנײַצט אונדז אויס די נעזער אין איר פאַרטעך.

— שנײַצט־אויס! — זאָגט די מומע פעסל. — גוט, גוט שנײַצט־אויס! זשאַלעוועט ניט! נאָך! נאָך! אָט אַזוי!...

און דער פעטער משה־אהרן, אין אַן אַלט קעצן כאַלאַטל, מיט אַ וואַטאָוועער יאַרמלקע אַפן קאָפּ, מיט וואַטע אין די אויערן און מיט אויס־געקראָכענע וואָנצעס, שטייט באַם האַנטפאַס, ווישט זיך די הענט, קנייטשט מיטן פּנים, פינטלט מיט די אויגן און קוועטשט: „נקבים, נק־בים! חלולים, חלו־לים!"

איך און מײַן ברודער מאָטל זיצן אין געהאַקטע ווונדן. עס פאַלט אַף אונדז אָן אַ פחד, אַ קעלט, אַלעמאָל, ווען מיר קומען אַהער. די מומע פעסל זעצט זיך אוועק אַקעגן אונדז צום עקזאַמען:

— ס'מאַכט דער טאַטע?

— גאָרניט.

— ס׳מאַכט די מאַמע?

— גאָרניט.

— געקוילעט גענדז?

— געקוילעט.

— געפּרעגלט שמאַלץ?

— געפּרעגלט.

— געבאַקן לאַטקעס?

— געבאַקן.

— דער פעטער בעניע געווען?

— געווען.

— געשפּילט דאָמינעס?

— געשפּילט.

און אַזוי ווייטער.

די מומע פּעסל שנייצט אונדז אויס די נעזער נאָכאַמאָל און רופט זיך אָן צום פעטער משה־אהרן:

— משה־אהרן, מע באַדאַרף זיי עפּעס געבן חנוכה־געלט.

דער פעטער משה־אהרן הערט ניט; ער ווישט זיך די הענט און לאָזט אויס מיט אַ קוועטש: „ומפליא ל־ע־שות!"

די מומע פּעסל פֿוילט זיך ניט דערמאָנען אים נאָכאַמאָל:

— משה־אהרן. די קינדער חנוכה־געלט!

— האַ? וואָס? — מאַכט דער פעטער משה־אהרן און לייגט איבער די וואַטע פון איין אויער אינעם אַנדערן.

— די קינדער חנוכה־געלט!! — שרייט־אויס די מומע פּעסל אים גלייך אין אויער אַריין.

— אוי, דער באַוך! דער באַוך! — מאַכט דער פעטער משה־אהרן (ער רעדט אַביסל „בראָדיש") און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט באַם בויך. — חנוכה־געלט ווילט איר? האַ? אויסגעבן, צעטרענצלען, האַ? וויפל האָט אייך געגעבן דער טאַטע אייערער חנוכה־געלט? האַ?

— מיר אַ קערבל, — זאָג איך — און אים אַ האַלבס.

— אַ קערבל?!! המ... מע באַלעוועט קינדער, מע מאַכט פון זיי אַ תל! וואָס וועסטו טאָן מיטן קערבל? האַ? צעבייטן? האַ? זאָלסט

דאָס ניט צעבײַטן! דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? זאָלסט דאָס ניט צע־בײַטן! צי אפשר ווילסטו דאָס צעבײַטן, הא?

—ניט צעבײַטן, יאָ צעבײַטן — וואָס גייט דאָס דיך אָן? — מישט זיך אַרײַן די מומע פעסל. — גיב זיי אָפּ זייערס און לאָזן זיי גיין געזונטערהייט.

דער פעטער משה־אהרן גייט אַוועק צו זיך אין חדר, שאַרעוועט מיט די שקראַבעס, זוכט אין אַלע טישקעסטלעך מיט אַלע שופלעדלעך, קראַצט־אויס פון דאָרטן עטלעכע מטבעות און רעדט צו זיך אַליין:

— המ... מע פירט־איבער קינדער, מע מאַכט פון זיי אתל, א תל־עולם!

און ער רוקט אונדז אַרײַן אין האַנט אַרײַן עטלעכע האַרטע מט־בעות. די מומע פעסל שנײַצט אונדז אויס די נעזער נאָך אַמאָל (דאָס לעצטע מאָל), טוט אונדז אָן די טולופּלעך, וויקלט אונדז אײַן אין די גרויסע וואַרעמע שאַלן, און מיר גייען ווײַטער.

מיר לויפן איבערן ווײַסן, געפרוירענעם סקריפּענדיקן שניי און ציילן די האַרטע מטבעות, וואָס דער פעטער משה־אהרן האָט אונדז אַרײַנגערוקט, און מיר קאָנען זיי ניט איבערציילן. די הענט זײַנען אונדז געפרוירן, רויט, אָנגעדראָלן; די מטבעות זײַנען קופּערנע, גרויסע שווע־רע מטבעות, עפּעס זעקסערס פאַרצײַטיקע, דרײַערס מאָדנע אָפּגעריבענע. גראָשנס אַלטפּרענקישע, געשוואָלענע, פאַרגרינטע — ס'איז שווער, אוממעגלעך אויסצורעכענען אינדרויסן אָפן פראָסט וויפל דער פעטער משה־אהרן האָט אונדז געגעבן חנוכה־געלט!...

ה.

אונדזער צווייטע סטאַנציע אויף נעמען חנוכה־געלט איז דער פע־טער איטשע מיט דער מומע דבורה, די וואָס דער טאַטע מיט דער מא־מע זײַנען מיט זיי ברוגז שוין פון כמה וכמה יאָרן. פאַרוואָס זיי זײַנען ברוגז — דאָס ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן נאָר, אַז דער טאַטע און דער פעטער איטשע (לײַבלעכע ברידער) ריידן ניט צווישן זיך קיינמאָל ניט באַטש זיי דאַווענען ביידע אין איין שול און זיצן ביידע אויף איין באַנק, א שטאָט לעבן א שטאָט, א סטענדער מיט א סטענדער. און אַז עס קומט צו יום־טוב צו אויסנעמעניש (הוצאת התורה) און עס האַלט בא פאַרקויפן עליות, דינגען זיי זיך, ווילן דווקא ביידע איין עליה,

שמײַסן אײנס דאָס אַנדערע און שמײַסן אַרײַן אין טאָג אַרײַן. אין שול איז דעמאָלט אַ יריד; אַלע ריידן, רירן זיך, שושקען זיך, לאַכן און העלפן אונטער דינגען זיך; איטלעכער איז נײַגעריק צו װיסן, פֿאַר װעמען װעט בלײַבן דער „שישי", אָדער דער „מפטיר". אַז עס גײט אַרײַן אין נצחון, דעמאָלט װילן אַלע, מען זאָל זיך דינגען ביזן בײן אַרײַן. דער שול־שמש, מעכטשע פּאַנפּאַטש מיט די רױטע קאָלטענעס, שטײט אױף דער בימע, העכער האַלב אַריבערגעבױגן, דער טלית איז אים אַראָפּגעפֿאַלן, די יאַרמלקע — פֿון יענער זײַט; ער קוקט אין מיזרח־זײַט, אױפֿן טאַטן און אױפֿן פֿעטער איצען, און זינגט אױף זײַן פּאַנפּעװאַטער שטימע:

— אַכצן גילדוין אום שישי! צװאַנציק גילדוין אום שישי! צװײ און צװאַנציק גילדוין און שישי!

דער טאַטע און דער פֿעטער איצע זיצן, דער אַהער, דער אַהין, בײדע פּאַרטיפֿט, כּלומרשט איטלעכער אין זײַן חומש; נאָר װײפֿל אײנער גיט, גיט דער אַנדערער מער. דער עולם קװעלט, העלפֿט־אונטער. דרײַסיק, דרײַסיק! פֿינף און דרײַסיק! זיבן און דרײַסיק! פֿערציק, פֿערציק! מעכטשע פּאַנפּאַטש קוקט פֿון אײנעם אױפֿן אַנדערן:

— פֿערציק גילדוין אום שישי! צװײ און פֿערציק גיל־דוין אום שישי! פֿינף און פֿערציק גילדוין אום שישי!

דער טאַטע און דער פֿעטער איצע הערן ניט אױף צו שמײַסן זיך; מע האָט שױן אַרײַנגעשמיסן ביז פֿופֿציק גילדוין. מעכטשע הײבט אױף די האַנט און װיל צו־פּאַטשן פֿאַרן טאַטן:

— פֿופֿציק גיל - - - דוין...

איז זיך מײשב דער פֿעטער איצע און הײבט אױף אַ פֿינגער, און דער גאַנצער עולם העלפֿט־אונטער: אײן און פֿופֿציק! אײן און פֿופֿציק! — און מע שמײַסט װײַטער. אַזױ לאַנג, אַזױ ברײט, ביז מע שמײַסט אַרײַן אין עטלעכע און זעכציק גילדוין (אַזאַ מעשה איז נאָך ניט געהערט געװאָרן!), און „שישי" בלײַבט פֿאַרן פֿעטער איצען. קומט צו „מפטיר", טוט דער טאַטע אַ קוק אױפֿן שמש און אַ מאַך מיט דער האַנט, װי אײנער רעדט: „מפטיר — דאָס געהערט צו מיר!"... בײַ מעכטשען האָט איר דאָס געפֿועלט; איז אָבער אַ סברה, אַז דער עולם איז ניט מסכּים: דינגען זיך — דאָס מוז מען, דערױף איז דאָס יום־טוב, נישטאָ קײן מאַנאָפּאָל, חזקה אױף מפטיר!

— צען גילדוין אום מפטיר! פֿופֿצן גילדוין אום

מפטיר! צוואַנציק ג י ל ד ו י ן אום מפטיר! פופציק ג י ל ד ו י ן אום מפטיר!

אַ גוטער שפּרונג! דער טאַטע דרייט אויס דעם קאָפּ: ווער קריכט דאָס אַף זײַן מפטיר? און שטעלט אײַך פאָר, אַז דאָס שמײַסט ווידער דער פעטער איצע; ער האָט פּשק צו קויפן דעם מפטיר פאַר זײַן ייִנגערן איידעם. נאָר אי „שישי", אי „מפטיר" — אַזאַס! מיט צוויי בײַטשן שמײַסט מען נים!... דער טאַטע הייבט זיך אויף, טוט אַ ווונק צום שמש.

— הונדערט.

דאָס וואָרט „הונדערט" לויפט־דורך איבער דער שול, ווי אַ בליץ מיט אַ דונער. דער גאַנצער עולם איז איבערראַשט, אויסער זיך. אַזוי ווײַט אַרײַנשמײַסן מפטיר — דאָס האָט מען נאָך נישט געהערט זינט די שול איז אַ שול.

און מעכטשע פּאַנפּאַטש טוט זיך זײַנס, גלײַך ווי געוויינלעך:

— הונדערט ג י ל ד ו י ן אום מפטיר! הונדערט ג י ל ד ו י ן אום מפטיר! הונדערט גיל־־־דוין... (ער וויל צופּאַטשן).

דער פעטער איטשע הייבט זיך אויף. דער טאַטע טוט אַף אים אַ מאָדנעם קוק, ווי איינער רעדט: „משוגע, צי חסר־דעה? ווילסט קוילען? קוילע!"...

דער פעטער איצע זעצט זיך אַנידער, און דער מפטיר בלײַבט פאַר אונדז...

פונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך נים אָן. אַז עס קומט אַ שמחה, בײַ אונדז אָדער באַם פעטער איצען, אַ מזל־טוב, אַ בן־זכר, אַ ברית, אַ פּדיון־הבן, אַ בר־מצווה, אַ קנס־מאָל, אַ פאָרשפּיל, אַן אויפרופנס, אַ חתונה אָדער אַ גט, קומט מען איינס צום אַנדערן, מע באַזעצט זיך אויבנאָן, מע שענקט „דרשה־געשאַנק", מי־שברך־געלט" און מע טאַנצט מיט אַלע מחותנים אין קאָן.

— אַ גוט מאָרגן אײַך, פעטער איצע! אַ גוט מאָרגן אײַך, מומע דבורה! — שיסן מיר אויס ביידע מיטאַמאָל, איך און מײַן ברודער מאָטל, און מע נעמט אונדז אויף פאַר זייער אָנגעלייגטע געסט.

— איר מיינט דאָך נים די הגדה, איר מיינט די פּאַלערטשיקעס...

— מאַכט צו אונדז דער פעטער איצע, קנײַפּט אונדז אין די בעקלעך.

עפּנט־אויף דאָס בײַטעלע און גיט אונדז חנוכּה־געלט, מיר אַ ווײַסן זילבערנעם צוואַנציקער און מײַן ברודער מאָטלען אַ ווײַסן זילבערנעם צוואַנציקער, און מיר גייען־אַוועק פֿון דאָרטן צום פּעטער בייניש.

ז.

אויב איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן דעם גיהנום — אָט דאָס איז דעם פּעטער ביינישעס שטוב. ווען איר זאָלט ניט קומען אַהין, טרעפֿט איר אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ געפּילדער. ס'איז דאָרט אַ פֿולע שטוב מיט קינדער — האַלב־נאַקעטע, פֿאַרשמירטע, פֿאַרמורזעטע, ניט קיין געצוואָגענע, תּמיד צעשלאָגענע, שטענדיק צעדראַפּעטע, אָפּטמאָל צעבלוטיקטע, מיט סימנים אונטער די אויגן. דער וויינט און דער לאַכט, דער זינגט און דער קוויטשעט, דער הוקעט און דער פֿײַפֿט, דער האָט אָנגעטאָן דעם טאַטנס קאַפּאָטע מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל און דער פֿאָרט רײַטנדיק אַף אַ בעזעם, דער טרינקט מילך פֿון אַ קריגל, דער קנאַקט ניסלעך, דער טראָגט זיך אַרום מיט אַ קעפּל פֿון אַ הערינג און דערסמאָטשקעט אַ קאָנפֿעקטל, און פֿונעם נעזל רינען בײַ אים צוויי קליינע ריטשקעלעך גלײַך אין מויל אַרײַן. די מוטע יענטע איז שטאַרקער פֿון אײַזן, אַז זי האַלט אויס פֿון דער דאָזיקער „קאָמאַנדע". זי שילט זיי, זי קנײַפּט זיי, רײַסט אויס שטיקער פֿלייש. זי קלייבט נישט איבער: ווער עס כאַפּט זיך אונטער דער האַנט, דער באַקומט אַ זעץ, אַ טראַסק, אַ בוכענצע אין זײַט אַרײַן. אַ פּאַטש איז דאָרט אַ וואָכעדיקער גאַנג. „וואַרגן זאָלסטו זיך! די כּפּרה זאָלסטו זײַן! פֿאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן!" — דאָס איז פֿון די קליינע קללות; דאָרט קענט איר הערן „קדחת", און „חלירע" און אַ „מיתה־משונה" — און דווקא אין גוטן מוט, פּונקט ווי איר זאָגט אַ גוט־שבת. שטיל ווערט נאָר, בשעת דער פּעטער בייניש קומט צו גיין. נאָר מחמת דער פּעטער בייניש איז אַ פֿאַרנומענער מענטש, זיצט אַ גאַנצן טאָג אין קלייט און קומט אַהיים נאָר אַף אַ מינוט „אָפּעסן", דערפֿאַר איז בײַ זיי אין שטוב דער אמתער גיהנום.

אַרײַנגעקומען, האָבן מיר געטראָפֿן עזריאלקן (דעם מיטלסטן) פֿאָרן רײַטנדיק אַף געצען (אָפֿן עלטערן), און פֿרויקע מיט מענדלען (צוויי נאָך קלענערע) האָבן אונטערגעשמיסן געצען, איינער מיט אַן אַרבל פֿון

אַ וואַטאַוון לײַבל און דער אַנדערער מיט אַ טאַוול פון אַ סידור, אַ חו־מש, אָדער אַ ספר. חיימל (אַ מיטלסטער צווישן פרויקען און מענדלען) האָט דערטאַפּט אַ גערגעלע פון אַ געקוילעטער גאַנדז, האָט דאָס אָנגע־בלאָזן מיט אַלע זײַנע לעצטע כחות, ער איז אַזש געוואָרן ברוין און בלוי, און ס׳איז אים געראָטן אַרויסבאַקומען פון דעם אַ מין משונה קול, ווי פון, להבדיל, אַ חזיר, בשעת מע שעכט אים און ער קוויטשעט... זײַנוועלע (איך וויים נים, צי אַן עלטערער, צי אַ קלענערער) האָט אָפּגע־געבן קאָנצערט אױף אַ קעמל, און דווידל (אַ קלײנער פון אַ יאָר פיר) האָט אָנגעטאָן די שטיוועלעך אױף די הענט און האָט צוגעקלאַפּט מיט זיי צום טאַקט. סענדערל האָט געטראָגן אַ קעצל אין האַנט פאַרן גערגעלע; דאָס קעצל האָט אַרויסגעשטעלט דאָס צינגעלע, פאַרמאַכט די אייגלעך, אויס־געצויגן די פיסלעך, ווי איינער רעדט: „אַט אַזוי, ווי איר זעט, ווערט מען דאָ פאַרשוואַרצט! מע מוטשעט! מע מוטשעט!״... אסתרל (דאָס עלטערע מיידל), האָט געוואָלט אויסקעמען באַסקיען (דאָס קלענערע מיידל), איר פאַרפלעכטן אַ צעפּל; נאָר מחמת באַסקיעס האָר זײַנען זייער געגרײַזלט און שוין לאַנג נים געקעמט, לאָזט זי זיך נים, וויינט זי און כאַפּט פּעטש. שטילער פון אַלע איז פיניעלע, אַ קליין ייִנגעלע מיט קרומע אויסגעבויגענע פיסעלעך און מיט אַן אונטערגעשטעקט העמדעלע. איין חסרון נאָר, וואָס ווו ער שטעלט זיך אַנידער, דאָרט לאָזט ער אַ סימן... דאָס אַלצדינג שטערט אָבער נים דער מומע יענטען, זי זאָל זיך זיצן גאַנץ רויק באַם טיש מיט צוויי נפשות, איינס באַ דער ברוסט און דאָס אַנדערע אױפן שויס, און טרינקען ציקאָריע.

— מיר זאָל זײַן פאַר זײַנע ביינדעלעך! — זאָגט זי און טוליעט־צו מיט גרוים ליבשאַפט דאָס זייגנדיק נפשל צום האַרצן און דערלאַנגט בשעת מעשה טאַקע אַ שטורך דעם עלטערן, וואָס אױפן שויס: — זע נאָר, ווי דו עסט, עסן זאָלן דיך די ווערעם! אסתרל, רחציע, באַסקיע, ווו זײַט איר ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר? נעם וויש אים אָפּ דאָס נעזל גיכער, וואָש מיר אוים אַ שאָל, איך דאַרף טרינקען אַן אַ שאָל! דערלאַנג אים אַ סטוסאַק, ער זאָל זיך דרײַ מאָל איבערקערן! האַרץ מײַנס, נשמה מײַנע, טרייסט מײַנער! דאָס מויל מאַכט זיך זיי גאָרניט צו! אַ גאַנץ פרימאָרגן נאָר מע עסט, פאַרכאַפּט זאָלט איר ווערן!

דערזעען מיך מיט מײַן ברודער מאָטלען, האָבן זיך חברה אַ לאָז געטאָן אַקעגן און מע איז אונדז באַפאַלן, ווי די היישעריקן. דער אױף די

הענט, דער — אַף די פיס, דער — אַפן קאָפּ. חיימל האָט אָנגעבלאָזן דאָס גערגעלע פון דער געקוילעטער גאַנדז גלײַך מיר אין אויער אַרײַן. און דווידל האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיטביידע שטיוועלעך. פּיניעלע מיטן אונטערגעשטעקטן העמדל האָט זיך אָנגעטשעפּעט מיר אין אַ פּוס, אַרומ־גערינגלט אים, ווי אַ שלענגל, און אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע קולות האָט אונדז גערינגלט, פאַרטורקעט די אויערן.

— אַף די ציינדלעך זאָלט איר שרײַען! — שרײַט די מומע יענטע פונעם אַנדערן חדר. — טויב קאָן מען ווערן, פאַרלייגן זאָל דאָס אײַך! שדים, ניט קיין קינדער, ברענען זאָל די נשמה אײַערע!

די מומע יענטע שרײַט, און די קינדער שרײַען — אַלע שרײַען. פלוצים קומט אָן דער פעטער בייניש מיטן טלית ותפילין (אַפּנים, פון בית־המדרש). אין איין אויגנבליק ווערט שאַ־שטיל, און די גאַנצע כאַליאַסטרע ווערט פאַרשוווּנדן.

— אַ גוט מאָרגן אײַך, פעטער בייניש! — שיסן מיר אויס, איך און מײַן ברודער מאָטל.

— וואָס טוט איר דאָ, שקצים? אוודאי נאָך חנוכה־געלט? — מאַכט דער פעטער בייניש און נעמט־אַרויס און שענקט אונדז צו זיל־בערנע גריוונעס.

די כאַליאַסטרע קינדער קוקן־אַרויס פון די ווינקעלעך, ווי די טאַראַ־קאַנעס, גלאַנצן אַף אונדז מיט די אייגעלעך, ווי די מײַזלעך, ווינקען עפּעס צו אונדז, באַווײַזן עפּעס מיט די פינגערלעך, מאַכן בשעת מעשה משוגענע תנועות, ווילן אונדז, אַפּנים, צעלאַכן, — קוים־קוים וואָס מיר האַלטן זיך אײַן, און מיר אַנטלויפן פונעם דאַזיקן גיהנום.

ז.

מיר גייען ווײַטער נאָך חנוכה־געלט, צו אונדזער שוועסטער איידל.

אונדזער שוועסטער איידל און איר מאַן שלום־זיידל, עליהם השלום — זיי זײַנען שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט.

איידל איז פון קינדווײַז אויף געווען אַ פאַרווייינטע נשמה; איבער אַ מינדסטער נאַרישקייט פלעגט זי זיך צעוויינען, פאַרגיסן טרערן אַף אייגענע און אַף פרעמדע צרות. נאָר פון זינט זי איז געוואָרן אַ כלה פאַר שלום־זיידלען, האָט זי נישט אויפגעהערט צו וויינען. אפשר מיינט איר

דערפאר, ווייל ס'איז איר ניט געפעלן דער חתן? חלילה! זי האט איר דען געקענט, וואס ער זאל איר ניט געפעלן? גלאט אזוי, א כלה פאר דער חתונה באדארף וויינען. אז די שניידערס האבן איר געבראכט אנ־מעסטן די חתונה־מלבושים, האט זי זיך צעוויינט אף א גאנצער נאכט. שפעטער, צום פארשפיל, אז אירע חברטעס זיינען זיך צונויפגעקומען טאנצן, איז זי אלע מאל אוועקגעלאפן צו זיך אין אלקער אביסל אויסוויי־נען זיך אין די קישנס. דעם טאג פון דער חופה שמועסט מען ניט. דעמאלט איז געווען איר טאג. זי האט גארניט אויפגעהערט צו וויינען. נאך די רעכטע חתונה איז געווען צום „באדעקנס", בשעת משנה פידעלע דער כלי־זמר האט זי גענומען „באזעצן", און רב ברוך בדחן איז ארויף אפן טיש, צונויפגעלייגט די הענט אפן בויך, אראפגעלאזט דעם קאפ, ווי בשעת מע באווייגט א טויטן, און האט אנגעהויבן מיטן שיינעם טרויע־ריקן ניגון, וואס קאן נעמען א שטיין, בזה הלשון:

כלה לעבן! כלה לעבן!
וויין זשע, וויין.
דיינע טרערן האבן אצינד
דעם זיבעטן חן.
ווארעם דו טוסט דאך איצט פארן בית־דין
של מעלה שטיין.
אט באלד וועסטו, מיידל,
צו דער חופה גיין.
באדארף מען דיר געבן
צו פארשטיין,
אז דאס לעבן איז ביטער,
אזוי ווי כריין;
אז א מענטש איז ניט פון אייזן
און ניט פון שטיין,
א בשר ודם
פון הויט און ביין;
אז מע טוט די רשעים אין גהינם שמייסן
זייער ניט שיין,
און זיי טוען וויינען און יאמערן און שרייען
אף די ציין; —

לכן באַדאַרפסטו תשובה טאָן,
זיך האַלטן זייער קליין,
אויסגיין פון טרערן
און פון געוויין...

און אַזוי ווײַטער, אָן אַן עק.

אַלע ווײַבער, אייגענע און פרעמדע, וואָס זײַנען געשטאַנען דערבײַ, געהאָלפן צעפלעכטן דער כלה אירע שיינע גרויסע צעפּ, האָבן געמאַכט משונה־מאָדנע פּיסקעס, געשנײַצט די נעזער, געווישט די אויגן, און איידל נעבעך האָט אַזוי געיאָמערט, אַזוי געכליפּעט, אַז זי האָט געחלשט דרײַ מאָל; מע האָט זי קוים מיט צרות אָפּגעמינטערט.

נאָר אַף וויפל אונדזער שוועסטער איידל איז געווען אַן אומעטיקע זאַך, איז אונדזער שוואָגער שלום־זיידל געווען אַ פרייליכער יונג, אַ לעבעדיקער, אַ קאַטאָוועס־טרײַבער, אַ פּאַרשלעפּטע קרענק און, לאָז ער מיר מוחל זײַן, אַן אײַנגעגעסענע בריאה. דהיינו, ער פלעגט ליב האָבן דערקוטשען, שנעלן זיך, דערלאַנגען יענעם אַ שנעל גלײַך אין שפּיץ נאָז. אָדער אין עק אויער — דאָס איז געווען באַ אים דאָס חיות. ניט איין מאָל פלעגן מיר אַרומגיין, איך און מײַן ברודער מאָטל, מיט אָנגעשוואָלענע אויערן. מיר האָבן זיך ממש מחיה געווען, אַז מיר האָבן דערהערט, אַז דאָס פּאָרפאָלק גייט־אַראָפּ פון קעסט. דעם טאָג, וואָס זיי האָבן זיך באַדאַרפט איבערקלײַבן פון אונדז אַף „אייגענע קעסט", איז באַ אונדז אין שטוב געווען חורבן בית־המקדש. איידל האָט געוויינט, אײַנגעלייגט די וועלט, און די מאַמע — אַף איר קוקנדיק. און שלום־זיידל, וואָס האָט געהאָלפן בלומרשט פּאַקעווען די זאַכן, האָט נאָר אַרומגעטאַנצט הין און צוריק, זיך אונטערגעגנבעט אַלע מאָל זייער קונציק און דערלאַנגט אונדז אַ שנעל אָדער פון פאָרנט אין שפּיץ נאָז, אָדער פון הינטן אין עק אויער. ער האָט זיך מיט אונדז אָפּגעזעגנט איין מאָל פאַר אַלע מאָל און האָט נאָך געהאַט די העזה אָנצוזאָגן אונדז, מיר זאָלן זיך ניט לאָזן לאַנג בעטן און זײַן באַ אים אָפטע געסט! מיר האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, מיר זאָלן זײַן פּנים ניט אָנקוקן!

נאָר אַ מענטש פאַרגעסט אַלצדינג, ובפרט אַ שנעל. וווּאַזוי גייט מען ניט נאָך חנוכה־געלט צו אַן אייגענעם שוואָגער?...

געקומען צו איידלען, גייט אונדז שלום־זיידל אַקעגן מיט אַ גאַנץ ברייטן ברוך־הבא.

— סקאַצל קומט! וואָס מאַכט איר גוטס? זייער קלוג האָט איר געטאָן, וואָס איר זײַט געקומען. איך האָב צוגעגרייט פון אײַערטוועגן חנוכה־געלט!

און שלום־זיידל נעמט אַרויס דאָס בײַטעלע און ציילט אונדז אויס צו עטלעכע נײַענקע, גלאַנצנדיקע, זילבערנע מטבעות גלײַך אין האַנט אַרײַן, און איידער מיר האָבן צײַט אַרומקוקן זיך און איבערציילן די נײַע מטבעות, כאַפּן מיר שוין צו עטלעכע שנעלן, פֿריִער איך אין שפּיץ נאָז און מאָטל אין עק אויער, און נאָכדעם מאָטל אין שפּיץ נאָז און איך אין עק אויער.

— אָבער לאָז שוין זײַן גענוג צו מוטשען קינדער! — בעט זיך נעבעך באַ אים אונדזער שוועסטער איידל מיט טרערן אין די אויגן, און זי רופֿט אונדז אָפּ אָן אַ זײַט, שטופּט אונדז אָן פולע קעשענעס מיני־לעקעך, מיט ניסלעך און מיט באָקסערן און שענקט אונדז אַ חוץ חנוכה־געלט.

מיר כאַפּן די פּיס אַף די פּלייצעס און לויפֿן אַהיים.

ה.

— אנו, מאָטל לאָמיר זיך אַקאָרשט נעמען צו דער אַרבעט, אויס־רעכענען, וויפֿל האָבן מיר אונדזער אייגנס חנוכה־געלט? נאָר ווייסטו וואָס? דו שווײַג; פֿריִער וועל איך איבערציילן מײַנס, נאָכדעם וועסטו ציילן דײַנס.

און איך צייל: „אַ קערבל מיט דרײַ צוואַנציקער, מיט פֿיר גילדן, מיט פֿינף גריוונעס, מיט זעקס פּיטאַקלעך, — וויפֿל מאַכט דאָס אײַנ־איינעם? אַפֿנים, אַזוי גרויס, ווי אַ קערבל מיט דרײַ צוואַנציקער, מיט פֿיר גילדן, מיט פֿינף גריוונעס, מיט זעקס פּיטאַקלעך...״

מײַן ברודער מאָטל וויל ניט וואַרטן, ביז איך וועל ענדיקן מײַן חשבון, און ער נעמט זיך צו ז ײַ נ ע קאַפּיטאַלן; ער לייגט פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער און ציילט:

— אַ צוואַנציקער און אַ צוואַנציקער איז צוויי צוואַנציקער, נאָך אַ צוואַנציקער איז דרײַ צוואַנציקער, און צוויי גילדן איז דרײַ צוואַנצי־

קער מיט צוויי גילדן, און אַ גריוונע און נאָך אַ גריוונע און נאָך אַ גריווע־נע — איז אינאיינעם צוויי צוואַנציקער מיט דרײַ גילדן, מיין איך דרײַ גילדן מיט צוויי צוואַנציקער. טפו! וואָס רייד איך? מע באַדאַרף אָנ־הייבן נאָך אַמאָל פֿונעם אָנהייב!

און ער הייבט אָן נאָך אַמאָל פֿונעם אָנהייב. מיר ציילן און ציילן און קענען ניט איבערציילן; מיר רעכענען און רעכענען און קענען ניט אויסרעכענען. און אַז עס קומט צום פֿעטער משה־אַהרנס אַלטע פּיטאַקעס, שווערע זעקסערס, אָפּגעריבענע דרײַערס און אָנגעשוואָלענע גראָשנס, פֿאַרפּלאָנטען מיר זיך אַזוי שטאַרק אין חשבון, אַז מיר ווייסן שוין גאָר ניט ווו מיר זײַנען אין דער וועלט. מיר פּרוּוון זיך אויסבײַטן די דאָזיקע מטבעות בײַ דער מאַמען, בײַ טאַטן, בײַ ברײַנע די קעכן — עס גייט ניט: קיינער וויל זיי ניט נעמען אין האַנט אַרײַן!

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּיטאַקעס? ווער האָט דאָס אײַך אַרײַנ־געװרוקט אַזאַ געלט?

מיר שעמען זיך אויסזאָגן און מאַכן אַ שווײַג.

— ווייסטו גאָר וואָס? — זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאָטל. — לאָמיר זיי נעמען און אַרײַנוואַרפֿן אין אויוון אַרײַן, אָדער גאָר אין דרויסן אָפֿן שניי, קיינער זאָל ניט זען.

— אַ חכם אַ ייִד! — זאָג איך צו אים. — שוין גלײַבער, דוכט זיך, אַוועקשענקען זיי אָן אָרעמאַן.

נאָר ווי אַף צו להכעיס, קומט ניט קיין אָרעמאַן! ווו זײַנען אַהינ־געקומען אַלע אָרעמע־לײַט, וואָס רײַסן בײַ די פּאָלעס, דינגען זיך, זיד־לען זיך און שילטן? ניין, דאָס וואָס מע באַדאַרף וועט קיינמאָל ניט קומען! קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט!...

געשריבן אין יאָר 1900

באַם קעניג אַחשורוש

א.

אַז איך בין געווען אַ קליין יינגל — ווייסט איר, וועמען איך האָב מקנא געווען?

אַחשורושן.

ניט יענעם אַחשורושן, וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז כוש, אַף הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות. איך מיין קאָפּל דעם שניידער מיט דער גילדענער קרוין, דאָס הייסט, מיטן פּאַפּירענעם ספּאָדעק און מיט דער לאַנגער גילדענער רוט פונעם בעזעם.

אויך מרדכין דעם שני־למלך (לווי דעם שוסטער) מיט דער איבער־געקערטער קאַפּאָטע אַף דער לינקער זייט און מיט דער קלאָטשקעוואַטער פלאַקסענער באָרד האָב איך שטאַרק מקנא געווען.

איך האָב מקנא געווען ושתי המלכהן (מאָטל דעם סטאָליער) מיטן קליידל אַף דער קאַפּאָטע און מיט דער פאַטשיילע, וואָס ער פלעגט זיך אונטערבינדן דאָס בערדל, מע זאָל מיינען אַף אים, אַז ער איז אַ נקבה... און וואָס איז אָפּגעגאַנגען, אַ שטייגער, אסתר המלכהן (עוזר דעם אונ־טער־שמש) מיטן גרינעם פאַרטעך? און וואָס איז אָפּגעגאַנגען המנען (יאָסקע דעם באַהעלפער) מיטן שאַרבן אַפן קאָפּ?...

נאָר מער פון אַלעמען האָב איך מקנא געווען פייוול דעם יתום, וואָס פלעגט זיך אָנטאָן אין אַ רויט העמדל, זיך פאַרשטעלן פאַר „יוסף הצדיק”, בשעת חברה האָבן געשפּילט יענץ שיינע שפּיל, וואָס ווערט אָנגערופן „מכירת־יוסף”. זיינע ברידער פלעגן אים אַראָפּרייסן דאָס רוי־טע העמדל, אַריינוואַרפן אים אין „לייבן־גרוב”, און יוסף הצדיק (פייוול הייסט דאָס) פלעגט זיך וועקשטעלן אַף די קני, צונויפלייגן די הענט

און באַשווערן די חיות רעות, זיי זאָלן צו אים קיין שליטה ניט האָבן, און זינגען בשעת מעשה זייער אַ טרויעריק ליד, וואָס די ווערטער זײַנען זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר:

שלאַנגען און עקדישן,
פֿאַרשליסט אײַער מויל!
פֿאַרשליסט אײַער מויל!
צי ווייסט איר דען,
צי ווייסט איר דען,
צי ווייסט איר ווער איך בין?
איך בין יוסף הצדיק,
יצחקס אַן אייניקל,
יעקבס אַ זון,
יעקבס אַ זון!...

און כאָטש יוסף הצדיק איז געווען אַ יתום, אַן אָרעם בחורל, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין אונטערשטן קלײַזל און געלעבט פֿון אַ „פּאָלג־מיך־אַ־גאַנג", און כאָטש איך בין געווען אַ נגידס אַ יינגל, דעם זיידן רב מאירס אַן אייניקל, פֿונדעסטוועגן וואָלט איך מיך מיט אים געביטן נאָר צוליב דעם איינעם טאָג פּורים אַליין.

אַז ס'איז געקומען דער גוטער, דער ליבער טאָג פּורים, האָב איך פֿון גאַנץ פֿרי אָן שוין אַרויסגעקוקט אויף דער „חבֿרה", וואָס גייען פֿון שטוב צו שטוב און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יינגלעך לויפֿן זיי נאָך פֿון הינטן מיט באָרוועסע פֿיס אויפֿן שניי. פֿאַרוואָס קאָן איך ניט זײַן אין דער כאַליאַסטרע? ניין! איך טאָר ניט, וואָרעם איך בין אַ נגידס אַ יינגל און דעם זיידן רב מאירס אַן אייניקל, באַדאַרף איך ליגן, ווי אַ הונט, אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און גיין מיט אַלע גרויסע צום זיידן רב מאיר צו דער סעודה.

— וואָס דרייסטו זיך, ווי אַ דײַטש אויפֿן קאָרעק? — מאַכט צו מיר דער טאַטע בשעת מיר גייען אַלע אינאיינעם צום זיידן רב מאיר צו דער סעודה און איך דערזע פֿון דער ווײַטן די „כאַליאַסטרע".

— ביסט שוין, קיין עין־הרע, אַ היפּש יינגעלע, קאָנסט גיין אַביסל גיכער! — זאָגט די מאַמע. — אם ירצה השם, שבת־הגדול ווערסטו אַכט יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק.

— טשעפּעט אים ניט, ער האָט דערזען די „קאָמעדיאַנטשיקעס"!
— רופט זיך אָן מײַן עלטערער ברודער משהלע, וואָס איז אַליין אויך אַ בעלן זיך אָפּשטעלן אָנקוקן די „קאָמעדיאַנטשיקעס".

— גיי, גיי! — מאַכט צו מיר דער רבי איצע, מײַן מלאך־המוות, און דערלאַנגט מיר אַ שטורך פון הינטן.

איך לאָז אַראָפּ די אויגן אין דער בלאָטע און גיי גלײַך מיט אַלע, פאַרטיפט אין אומעטיקע מחשבות, טרויעריקע געדאַנקען: „תמיד מיט אַלע גרויסע! שטענדיק מיטן רבין!... אינדערפרי, און באַנאַכט, און שבת, און יום־טוב!... רב איצעס רויטע נאָז מיט טאַבעקע, אײַנגעזונקען זאָל זי ווערן!"...

ב.

דער זיידע רב מאיר איז דער גרעסטער גביר פון שטאָט. ער זיצט, ווי אַ מאָנאַרך, אַ גרויסער זאַל מיט אַ גרויסן זילבערנעם הענגלײַכטער, וואָס הענגט אַראָפּ פון דער מיט סטעליע. טאָמבעקענע העסעס אַף די ווענט. אַ גרויסע שווערע זילבערנע מנורה אַפן טיש מיט אַ סך זילבערנע לײַכטער, וואָס די באָבע נחמה נעמט זיי אַרויס נאָך צוויי מאָל אין יאָר: פּסח צום סדר און פּורים צו דער סעודה, און עס ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך.

גאַנץ אויבן אָן, אַף אַ גרויסן שטול, מיט גרינס באַצויגן, זיצט דער זיידע רב מאיר אַליין — אַ קליין יידל, מיט אַ שיטער בערדל, מיט אַביסל אָן אויסגעבויגענער נאָז, מיט זילבערנע האָר און מיט שוואַרצע יונגע אויגן. אָנגעטאָן גייט ער אין אַ לאַנגער זײַדענער קאַפּאָטע מיט אַ גע־פלאָכטענעם גאַרטל און מיט אַ שטרײַמל אַפן קאָפּ. אַקעגן אים אַפן טיש זיצט אַ גרויסער, אַ מוראדיקער, אַ געפלאָכטענער פּורים־קוילעטש, אָן אָנגעהויבענער שוין, מיט זאַפראַן פאַרגעלט און מיט ראָזשינקעס אַרומ־געשטעקט.

פונקט אין מיטן טיש זיצט די באָבע נחמה, אַ הויכע יידענע, נאָך גאָר אַ שיינע, אויסגעפּוצט אין אַ גאָלדפאַרביק זײַדן קלייד מיט ווײַסע עפּל, מיט אַ שטערנטיכל פון דימענטן מיט בריליאַנטן, מיט רײַכע פּערל אַפן האַלדז, מיט אוירינגלעך און מיט פינגערלעך. לעבן איר שטייט אַ גאַנץ גרויסער פאַלומעסיק מיט הייסע, שמעקדיקע, געצוקערטע און געפעפערטע פיש, פאַרפראַוועט מיט ציבעלעס, מיט ראָזשינקעס און מיט

אלערליי געווירצן. די באָבע טיילט אַרויס די פיש, די שיינע זײַדענע פּאַטשיילע פאַרקאַטשעט הינטער די אויערן מיט צוויי שפּיצן, די דימענטן מיט די בריליאַנטן בשעת מעשה פינקלען און שעמערירן, און דאָס פּנים שײַנט און שמייכלט.

אַרום און אַרום טיש, פון ביידע זײַטן, זיצן די פעטערס מיט די מומעס, אַלע מיט זייערע קינדער, יונגלעך און מיידלעך, וואָס הייסן אַלץ נאָך אַלץ איינע זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס. פרוּער דער פעטער צדוק און די מומע צביה מיט דרײַ יונגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע און צוויי מיידלעך: שרהלע, פייגעלע. נאָכדעם דער פעטער נפתלי און די מומע דבורהל מיט פיר יונגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, און דרײַ מיידלעך: שרהלע, פייגעלע, רחלע. נאָכדעם דער פעטער אברהם און די מומע סאָסיע מיט פינף יונגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, און פיר מיידלעך: שרהלע, פייגעלע, רחלע, טײַבעלע. נאָכדעם דער פעטער בעריש און די מומע אסתרל מיט זעקס יונגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, פישעלע, און פינף מיידלעך: שרהלע, פייגעלע, רחלע, טײַבעלע און חנציע. נאָכדעם דער פעטער בנימין און די מומע לאה מיט זיבן יונגלעך: משהלע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, פישעלע, שמואליקל, און זעקס מיידלעך: שרהלע, פייגעלע, רחלע, טײַבעלע, חנציע און גנענדל. נאָכדעם דער פעטער קלמן און די מומע איטל מיט אַכט יונגלעך...

נאָר אפשר וואָלט געווען גענוג אויסרעכענען די משפּחה? עס קאָן, זאָגט מען, שאַטן... דער זיידע האָט איינמאָל געוואָלט אַף אַ ציקאַוועס איבערציילן, וויפל פאַרשוין זיצן באַם טיש, האָט ער גענומען אַ זילבער־נעם בעכער אין האַנט און האָט אָנגעהויבן צו ציילן: „ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ, ניט פיר, ניט פינף, ניט זעקס, ניט זיבן"... האָט די באָבע אַרויסגעריסן באַ אים דעם בעכער פון האַנט און האָט אים ניט געלאָזט ציילן ווײַטער: „אַף מײַנע שונאימס קעפּ! וואָס ציילסטו, וואָס? פאַראַן, קיין עין־הרע, גענוג טעלער!"...

צונויפגעקליבן זיך אַלע צו דער סעודה, זעצט דער זיידע אַליין אויבן דעם גאַנצן טיש. דער זיידע רב מאיר האָט ליב, ס'זאָל זײַן שיין און ריין און ציכטיק און מיט אַ סדר — עס קומט אויס גוט: אַ פעטער זיצט לעבן אַ פעטער, אַ מומע לעבן אַ מומע, און אונדז, קליינוואַרג, זעצט מען אויס אַזוי, אַז ס'זאָל אויסקומען ניט אַ ברודער מיט אַ ברודער און אַ

שוועסטער מיט אַ שוועסטער, מחמת אייגענע קענען ניט הויזן צווישן זיך; לכן באַדאַרף זיצן אַ פרעמדער משהלע מיט אַ פרעמדן הערשעלע, און אַ פרעמדער הערשעלע מיט אַ פרעמדן וועלוועלע, און אַ וועלוועלע מיט אַ נאָטעלע, אַ נאָטעלע מיט אַ יענקעלע, אַ יענקעלע מיט אַ פישעלע, אַ פישעלע מיט אַ שמואליקל. און די מיידלעך אויך אַזוי: אַ שרהלע מיט אַ פייגעלע, אַ פייגעלע מיט אַ רחלע, אַ רחלע מיט אַ טײַבעלע, אַ טײַבעלע מיט אַ חנציע, און אַ חנציע מיט אַ גנענדל, אַ גנענדל מיט אַ שרהלע, אַ שרהלע מיט אַ פייגעלע, און אַזוי ווײַטער. נאָר מיר האָט ניט געסטאַיעט קיין פּאָרל, האָט מען מיך אַנידערגעזעצט מיט מײַן מאַלך־המוות, דעם רבין רב איצע. דער רבי רב איצע איז בײַ מיר ניט נאָר אַ מלמד, אַ לערער אַליין, נאָר אויך אַ מדריך, אַ וועגווײַזער, אַ מין גוווערנאַנטקע, אַף צו לערנען מיך דרך־ארץ, ווי אַזוי צו זיצן בײַם טיש און ווי אַזוי צו עסן.

— אַז דו זיצט בײַם טיש, — אַזוי האָט מיך געלערנט מײַן גוווערנאַטקע רב איצע — זאָלסטו זיצן, ווי אַ מענטש. דו זאָלסט קוקן גלײַך, און די הענט זאָלסטו האַלטן אונטערן טיש, און ניט ריידן בײַם עסן. און אַז דו עסט לאָקשן מיט יויך, זאָלסטו אָננעמען מיט דעם לעפל פּונקט אַזויפיל לאָקשן וויפל יויך; אַ זופּ יויך — און אַוועקגעלייגט דעם לעפל און אָפּגעווישט די ליפּן; און ווידער אַ זופּ יויך — און ווידער אַוועקגעלייגט דעם לעפל און אָפּגעווישט די ליפּן. ניט כאַפּן איין לעפל נאָכן אַנדערן, ווי אַ גוי...

אַנידערגעזעצט זיך לעבן מיר און געמאַכט אַ מוציא, נעמט דער רבי רב איצע אַרויס די רויטע פּאַטשיילע פון בוזעם־קעשענע, טרייסלט אויס די טאַבעקע גלײַך צו מיר אין טעלער אַרײַן, נאָכדעם הייבט ער אָן שנײַצן די נאָז מיט אַ מאָדנעם קוויטש און מיט אַ קול פון אַ שופר און לאָזט אויס מיט אַ תקיעה גדולה, און בשעת מעשה קוקט ער אַף מיר מיט איין אויג, צי איך זיץ, ווי אַ מענטש...

שושנת י־ע־ע־קב!

אַזוי הייבט אָן דער זיידע צו זינגען מיט זייער אָן אָנגענעמער שטימע, תיכּף נאָכן ערשטן גלעזל ווײַן, און קנאַקט צו בשעת מעשה מיטן פינגער, און דער גאַנצער עולם כאַפּט אונטער:

צהלה ושמחה!

אף אַלערליי קולות, אַלע מאָל העכער און העכער. און מײַן רבי רב איצע, וואָס איז אַ קליינער מנגן, ער האָט אַ קול פון אַ שלײַען, העלפט אויך זינגען, דאָס הייסט, ער האַלט אָפּן דאָס מויל, פאַרמאַכט די אויגן, גיט אַכטונג פונדעסטוועגן בעשה מעשה מיט אַ האַלב אויגל אַף מיר, צי איך זיץ, ווי אַ מענטש, דעם קאָפּ האַלט ער אָביסל אַף אַ זײַט, קלאַפּט מיטן מיטלסטן פינגער אין טיש — הקיצור, ער באַווײַזט דעם זיידן, אַז ער זינגט אויך אין קאָן... און אַז עס קומט צו „ברוך־מרדכי" און „אָרור־המן", בענטשט מען מרדכין און מען שילט אָן המנען — עס זאָל זיי אָנגיין אַ צענט־חלק, רבונו של עולם!...

ה.

— געקומען די פורים־שפּילער! — רופט זיך אָן תנחום דער משרת, אַ ייִד מיט אַ רויטער קאַפּאָטע, וואָס זאָגט אַלעמען „דו", אַ חוץ דעם זיידן מיט דער באָבען.

דערהערט „פורים־שפּילער", שפּרינגען מיר, קליינוואַרג, אַלע אין איין רגע אַרויס פונעם טיש און מיר שטייען שוין אַלע אַרום דעם קעניג אחשורוש מיט דער גילדענער קרוין.

— גוט יום־טוב! — שיסן אויס די חברה אַלע מיט אַמאָל גאַנץ פריילעך, און מע שטעלט זיך אויס אין צוויי שורות. אַף אַ גילדענעם שטול זיצט דער קעניג אחשורוש, און עס טרעט אַרויס אַף איין פוס ממוכן (חיים שמײַסער), זינגט אַ דײַטשיש לידל:

בין איך ממוכן פאָן די אַחשתרנים,
נאָך גאָר אַ יונגער הערר — דאָס זעט איר אין מײַן פנים.
אַף איין פוס טו איך טון שפּרינגון
און אַף מײַן זיסער שטימע — זינגון.

פרעגט אים דער קעניג אחשורוש:

זאָג, מײַן ליבער קנעכט ממוכן,
וואָס ביסטו געקומען אַהער צו קרוכון?

ענטפערט אים ממוכן:

לאָז דער קעניג אחשורוש קיקון,
ווי מע וויל פאַר המנען ניט ביקון...

ווערט דער קעניג אחשורוש אָנגעצונדן:

ווער טוט דאָס ווידערשפעניקן מיינע ווערטער,
וואָס איך האָב באַפוילן אין אַלע ערטער ?

ענטפערט אים ממוכן :

אַ פאַרפלוכטער יודע, ער טוט שבת האַלטון,
די קאַפּאָטע איז באַ אים הינטן ניט צעשפּאַלטון,
אַפּן אַכטן טאָג טוט ער די קינדער צו באַשניידון,
ווי קאָנסטו דו אַזעלכעס אין דיין קעניגרייך גאָר ליידון ?

זאָגט דער קעניג אַחשורוש :

אויב אַזוי, לאָז מען דעם יודען אַהער ברייינגון,
מיר וועלן אים אַף אַ הויכן בוים אויפהייינגון !

זינגט אוים ממוכן :

אַריין, אַריין, אַריין,
ברודער מאָנדריש דו מיין !

עס קומט אַריין מאָנדריש מיט דער קלאָטשקעוואַטער באָרד און הייבט זיך אָן פאַרענטפערן פאַרן קעניג אַחשורוש, דערציילט אים דעם יחוס, פון וואַנען ער קומט ארוים : „אברהם יצחק ויעקב זיינען זיינע זיידעס, די תרי״ג מצוות זיינען זיינע עדות״. און ער לאָזט אוים מיט אַ געזאַנג :

אַז אַך און אַז וויי איז צו אונדזערע הערצער,
אַז המן איז באַ דיר אַ מונדערפערצער !

. . . .

— דו ביסט יוסף הצדיק ? — רוף איך מיך אָן צו פייוול דעם יתום, וואָס שטייט באַ דער זייט מיט אַן אויסגעמידט פאַריאָמערט פנים.

— יוסף הצדיק. — מאַכט צו מיר פייוול.

— דו וועסט אויך שפּילן ? — פרעג איך אים.

— אַז מע וועט מיר הייסן שפּילן, וועל איך שפּילן. — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק און בייגט זיך אָן צו מיר אַפּן אויער : — גיב מיר אַ שטיקל קוילעטש פון איינער פורים־קוילעטש.

— מע וועט דערזען, וועט מען זיך בייזערן. — מאַך איך צו אים שטילערהייט.

— שלעפּ אַוועק אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט זען. — זאָגט ער צו מיר, און די אייגעלעך בלישטשען.

— גנבהנען? — זאָג איך.

— דאָס הייסט דען געגנבהט? — מאַכט ער.

— וואָס דען — זאָג איך — הייסט דאָס? געלקחנט?

— איך בין טויט־הונגעריק, — זאָגט ער צו מיר שטילערהייט און ער עסט דעם קוילעטש מיט די אויגן, — פון גאַנץ פרי אָן נאָך אין מײַן מויל ניט געהאַט...

דער גאַנצער עולם איז פאַרטיפט אין דעם „שפּיל“, גיי איך צו פּאַוואָלינקע צום טיש, פאַרלייג די האַנט אַרונטער, שלעפּ אַוועק אַ שטיק קוילעטש און רוק אים אַרײַן אין האַנט אַרײַן. יוסף הצדיק לאָזט אַראָפּ קונציק דאָס שטיקל קוילעטש אין קעשענע אַרײַן און טוט מיר אַ קוועטש בײַ דער האַנט.

— ביסט אַ וווילער יינגל, געבן זאָל דיר גאָט אַלדאָס גוטס!

. . . .

ד.

— אפשר ווילט איר, מיר זאָלן אײַך שפּילן „מכירת־יוסף“ אויך?

— רופט זיך אָן דער קעניג אַחשורוש און טוט אויס די גילדענע קרוין און טוט אָן אַ פּראָסט היטל.

— גענוג, גענוג! — מאַכט דער זיידע, און ער גיט דעם קעניג אַחשורוש אין האַנט אַרײַן אַ זילבערנע מטבע, און הייסט תנחום דעם משרת, ער זאָל נעמען אַ בעזעם און אויסראַמען די בלאָטע, וואָס די „קאָמעדיאַנטשיקעס“ האָבן אָנגעמאַכט... אין שטוב ווערט אַ שטיקל בהלה, אַ רוקערײַ מיט די בענקלעך, און בשעת די משפחה האַלט אין אויסזעצן זיך צוריק אויף די ערטער, כאַפּ איך מיך דערווײַל אַרויס אויף אַ מינוט באַגלייטן די „חברה“.

— קום! — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק און נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט. — פאָלג מיך, קום מיט מיר. איך האָב דיך ליב, ביסט אַ וווילער יינגל, זייער אַ וווילער.

— וווּהין? — זאָג איך און דאָס האַרץ טיאָכקעט מיר.

— צום קעניג אַחשורוש. — מאַכט ער צו מיר. — מיר שפּילן שוין מער הײַנט ניט. דאָס גייען מיר צום קעניג אַחשורוש צו דער סעודה.

יוסף הצדיק נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט, און מיר שפּאַנען איבער דער בלאָטע.

די נאַכט רוקט זיך אָן נענטער און נענטער, די בלאָטע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ טיפער. עס דוכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פליגל, עס טראָגט מיך אין דער לופטן. אָט באַלד הייב איך אָן פליִען... שוועבן...

— איך האָב מורא. — זאָג איך צו יוסף הצדיק און האַלט אים צו בײַ דער האַנט.

— וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע? — מאַכט ער צו מיר און קײַט בשעת מעשה דאָס שטיקל קוילעטש, וואָס איך האָב אים געגעבן. — דאָרט וועט זײַן אַ סעודה, נאַרעלע, דאָרט וועסטו הערן, ווי מיר זינגען לידער... אוי, וואָס פאַר אַ קוילעטש בײַ אײַך איז! טעם גן־עדן! צע־גייט זיך אין מויל, ווי אַ פּוטער! איך פאַרשטיי ניט, וואָזוי זעט מען פאַר זיך אַזאַ־נ־אַנטיק און מע עסט דאָס ניט?

— אַ טײַערע מציאה! — זאָג איך מיט גדלות. — בײַ אונדז עסט מען אין דער וואָכן אויך קוילעטש.

— אַלע מאָל קוילעטש? — זאָגט יוסף הצדיק און באַלעקט זיך.

— און פלייש?

— אַלע טאָג? — זאָג איך.

— אַלע טאָג? — מאַכט ער און טוט אַ שלונג. — און איך עס פלייש נאָר איין מאָל אין וואָך, שבת; אי דאָס — ניט אַלע שבת, וואָרעם ניט אַלע שבת נעמט מיך אַ נגיד. און אַז גאָט העלפט, מע פאַלט אַרײַן צו אַ קבצן, עסט מען קדחת.

— וואָס הייסט מע עסט קדחת? — זאָג איך.

— קדחת עסן ווייסטו ניט? מע עסט מכות הייסט דאָס. — גיט ער מיר צו פאַרשטיין. — ניטאָ וואָס צו עסן, עסט מען מכות. איך לעב פון דעם, וואָס מע גיט מיר. עוזר דער שמש, לעבן זאָל ער, האַלט מיך אונטער אַמאָל מיט אַ שטיקל ברויט, אַמאָל מיט אַ קאַרטאָפליע. עוזר איז אַ טײַערער ייִד, אַ דימענטענע נשמה! דו קענסט אים? דאָס איז דאָך אסתר המלכה...

— ווו איז דײַן טאַטע? — פרעג איך אים.

— איך האָב ניט קיין טאַטן.

— ווו איז דײַן מאַמע?

— איך האָב ניט קיין מאַמע.

— דער זיידע? די באָבע?

— איך האָב ניט קיין זיידן, איך האָב ניט קיין באָבע.

— אַ פֿעטער? אַ מומע?

— איך האָב ניט קיין פֿעטער, איך האָב ניט קיין מומע.

— אַ ברודער? אַ שוועסטער?

— איך האָב ניט קיין ברודער, איך האָב ניט קיין שוועסטער. איך האָב קיינעם ניט, קיינעם ניט, איך בין אַ יתום בין איך!

איך כאַפּ אַ קוק אויף זײַן פּנים און אויף דער לבֿנה, און עס דוכט זיך מיר, אַז ער און די לבֿנה האָבן איין קאָליר... איך רוק מיך צו צו אים נאָך נענטער, און מיר לויפֿן נאָך דער „חבֿרה" מיט אונדזערע קליינע פּיסלעך גאַנץ געשמײַדיק.

ה.

— אַט דאָ זיצט דער קעניג אחשורוש. — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק, און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אַלע אין אַ קליין פֿינצטער שטיבל, מיט ערד געדעקט.

— פֿריידע־עטל, אַרויס פֿון בעטל! — רופֿט זיך אָן דער קעניג אחשורוש צו זײַן ווײַב, אַ קראַנקע ייִדענע, אַ יאַדעשליווע, וואָס בשעת זי הוסט, כאַפּט זי זיך מיט איין האַנט באַם קאָפּ און מיט דער אַנדערער באַם האַרצן. „חבֿרה" האָבן זיך אָנגעזונגען אַ גאַנצן טאָג מיט לידער און זײַנען שוין אַזוי געוווינט געוואָרן מיטן גראַם, אַז אָן אַ גראַם איז זיי שוין שווער צו ריידן...

— די שיינע פֿיש זאָלט איר געבן צום טיש! — זאָגט ממוכן. — קוילעטש האָבן מיר אַליין, אויף צו קנאַקן מיט די ציין, און דרײַעקעכיקע המן־טאַשן, וואָס מע פֿאַרשפּאַרט זיך צו זיי וואַשן, און פּלאָדן מיט פּלעד־לעך, מיט פּורימדיקע קנײדלעך, און בראָנפֿן אַ פֿלעשל האָט אונדז גע־שענקט רב יהושע־העשל... מאַנדריש, בינד־אויף דעם זאַק, אָט גיב איך דיר אַ קנאַק!

— איידער באַקומען אַ קנאַק אין באַק, איז גלײַכער אויפֿבינדן דעם זאַק, — זאָגט מאַנדריש מיט אַ דרײַגאַרנדיקן גראַם און וויל אויפֿבינדן דאָס זעקל.

— איר האָט זיך גענומען צום עסן, און דאָס געלט האָט איר פאַר־געסן! — זאָגט ושתי.

— ושתי איז נישט קיין שכור, ער ווייס, אַז דער גראָשן איז דער עיקר! — רופט זיך אָן המן, און אים האַלט־אונטער אסתר המלכה, געוויינטלעך, אויך מיט אַ גראַם.

נאָר אַז עס קומט צו דער „חלוקה" פונעם געלט, הערט מען אויף ריידן צום גראַם. מע רעדט פּראָסט, ווי אַלע מענטשן ריידן, בשעת עס האַלט בײַ געלט... דעם גרעסטן חלק נעמט־אַראָפּ, געוויינטלעך, דער קעניג אחשורוש. דאָס איז שוין בײַ זיי אַ תקנה פון יאָר צו יאָר. נאָר אַז עס קומט צו די איבעריקע חברה־לײַט, ווערט אַ שטיקל מחלוקת: ממוכן פרעגט אַ קשיא, פאַרוואָס קומט ושתין מער פון אים? ער, ממוכן, דאַרף האָרעווען מער פון אַלעמען, שפּרינגען אַף איין פוס, לופּטערן די שפּראַך, שיטן מיט גראַמען, שפּאַרן די שיינע ווערטער, — און אַז עס קומט צום טיילן זיך, ווערט ושתי אַ מיוחס! באשר וואָס איז? ער געהער זיך אָן אַ קנעפּל מיטן קעניג אחשורוש; אַ שנײַדער מיט אַ סטאָליער שלאָגן תמיד בלאָט...

— לאָז זײַן שטיל! — צעשרײַט זיך אַף אים דער קעניג אחשורוש.

— דו שײַסער, דו פערד־טרײַבער, דו וואָגן־שמירער, דו ליימענער דײַ־שעל, דו פּאַפּירענע שלייע, דו גלעזערן פּלעקל, דו רימענע אָקס! דו האָסט אַ העזה צו ריידן אַקעגן דעם קעניג אחשורוש? אָט וואַרף איך דיר אַרײַן אַ מעסטל פּעטש אין די יאָסלעס, וועסטו גיין בײַ מיר אָפּן דראָנזשיק!...

ממוכן ווערט אַנטשוויגן. פאַרן קעניג אחשורוש האָבן אַלע אַרטיסטן דרך־ארץ, וואָרעם ער איז דער בעל־הבית, דער אַנטרעפּרעניער הייסט דאָס... מאָנדריש בורטשעט אַפילו אונטער שטילערהייט, אים האַלטן־אונטער די אַלע איבעריקע; נאָר איין אסתר המלכה לאָזט־אַראָפּ די עט־לעכע מטבעות אין קעשענע אַרײַן, זאָגט דערבײַ אַ ווערטל, און „הברה" ווערט ווידער לעבעדיק, פריילעך, און מע הייבט אָן ריידן ווידער צום גראַם.

— נישט מער זאָלן די נגידים פאַרמאָגן אַף זייערע לײַבער, וויפל מיר וועלן ברענגען אַהיים פאַר אונדזערע ווײַבער! — זאָגט ממוכן.

איך באַטראַכט די זיצונג פונעם קעניג אחשורוש. אין מיטן שטוב אַ גרויסער טיש, צוגעדעקט מיט אַ גראָבן טונקעלן טיש־טוך. בײַ איין

זײַט אַ װאָרשטאַק מיט געצײַג, בײַ דער אַנדערער זײַט אַ הילצערן בעטל מיט אַ סאַך קישנס כמעט ביז דער סטעליע. אַקעגן אויװן אַ טאַפּטשאַן. אױפֿן טאַפּטשאַן זיצט אַ שװאַרצער קאָטער, האַלט די לאַפּקעס אונטער זיך און דרעמלט. פֿון אױפֿן אױװן קוקן אַראָפּ עטלעכע פּאָר שװאַרצע, קאַרע און גרויע אײגעלעך.

— אַראָפּ, ממזרים! — מאַכט צו זײ יוסף הצדיק און װינקט צו זײ מיטן פֿינגער. די שװאַרצע, קאַרע, גרויע אײגעלעך לאָזן זיך לאַנג נישט בעטן און גליטשן זיך אַראָפּ אײנציקװײַז פֿונעם אױפֿן אױװן מיט צעריסענע העמדלעך, װאָס פֿאַרשטעלן דאָס לײַב נאָר ביז עטװאָס ני־דעריקער פֿונעם פּופּיק... יוסף הצדיק, װײַזט אויס, איז דאָרט אַ היי־מישער מענטש, װאָרעם די נאַקעטע קינדערלעך גײען־צו צו אים, װי די קלײנע שעפּעלעך, בײגן אָן צו אים די געקרײַזלטע קעפּעלעך, ער זאָל זײ גלעטן.

— איר זײַט הונגעריק? — זאָגט צו זײ יוסף הצדיק. — אָט װעלן מיר באַלד עסן. מיר האָבן אײַך געבראַכט אַלע גוטע זאַכן.

און ער רעכנט זײ אויס אַלע „גוטע זאַכן", װאָס מע האָט הײַנט געבראַכט, און די קלײנע שעפּעלעך קוקן זיך איבער, שלינגען די שליים און באַלעקן זיך. און יוסף הצדיק גלעט זײ די געקרײַזלטע קעפּעלעך, שלינגט די שליים גלײַך מיט זײ און באַלעקט זיך אַזש... זײ קוקן שוין ארויס, מע זאָל גײן צום טיש, זיך נעמען צו דער אכילה... גאָט האָט זײ געהאָלפֿן, דער קעניג אַחשורוש נעמט זיך צום פֿלעשל, גיסט אָן אַ גלעזל בראָנפֿן און טרינקט דעם ערשטן כּוס לכּבֿוד דעם „הייליקן" יום־טובֿ פּורים; און נאָך אים נעמען אַלע צו גלעזלעך בראָנפֿן. און מען זעצט זיך צום טיש, אַלע, פֿון גרויס ביז קלײן, אַ חוץ פֿרײדע־עטל, װאָס פֿאַרעט זיך בײַם אויװן; און אַפֿילו דער שװאַרצער קאָטער כאַפּט זיך אויף, גלײַכט זיך אויס דעם רוקן מיט אַ גענעץ און גײט צום טיש און שטעלט זיך אַװעק אַקעגן און װאַרט, טאָמער װעט ער עפּעס נאַשן פֿון דער סעודה... איך און יוסף הצדיק און די נאַקעטע שעפּעלעך מיט די געקרײַזלטע קעפּעלעך זעצן זיך אויס אַלע אױף אַ לאַנג בענקל, װאָס הינקט אױף אַ פֿוס און עס שאָקלט זיך; און מיר, קלײנװאַרג, צע־לאַכן זיך פֿונעם הינקענדיקן בענקל, אַזױ װי פֿון דער שענסטער קאָ־מעדיע, און ערשט דאָ דערזעט מיך „חבֿרה" און װוּנדערט זיך: עפּעס אַ נײַער, נישט קײן קענטלעכער פּאַרשױן!

— ווער איז דער אַגרעס? — פרעגט דער קעניג אחשורוש.

יוסף הצדיק דערציילט זיי, ווער איך בין און ווי איך קום אהער. דעם עולם איז דאָס, אַפּנים, שטאַרק געפעלן, מחמת איטלעכער גייט צו, טוט מיר אַ זעץ איבער דער פּלייצע, אַ קניפּ אין בעקל, און איטלעכער זאָגט אַן אַנדער ווערטל, געוויינטלעך, צום גראַם, און די סעודה הייבט זיך אָן. פריידע־עטל טראָגט צו פונעם אויוון שטאַרק־געפעפערטע פיש מיט קאַרטאָפליעס, און כאָטש זיי זײַנען נישט פאַרפראַוועט מיט אַלערליי געווירצן, ווי באַם זיידן רב מאיר, נאָר זיי ווײַזן מיר אויס דווקא זייער בעטעמט. איין חסרון נאָר, וואָס זיי זײַנען פול מיט ביינדלעך! דערפאַר עסן אָבער אַלע פון איין טעלער, און דאָס איז מיר דווקא שטאַרק געפעלן: איטלעכער שטופּט דעם גאָפּל — ס'איז פריילעך! נאָך די פיש נעמט „חברה" ווידער צו ביסלעך בראַנפן, און מע טרינקט לחיים, און מע ווערט לעבעדיק גאָר אַף אַן אַנדער אופן; מע שטייט אויף פונעם טיש, מע נעמט זיך פאַר די הענט און מע גייט גאָר אַ טענצל און מע זינגט אַ לידל:

וואָס מיר זײַנען
זײַנען מיר,
אָבער ייִדן
זײַנען מיר!
וואָס מיר האָבן
האָבן מיר,
אָבער צרות
האָבן מיר.

— רוסקאָוואַ פעסניאַ! — צעשרײַט זיך מאַנדריש אַף אַ קול. — רוסקאָוואַ פעסניאַ פּאַראָוואַי!...

און „חברה" זינגט אַ רוסיש לידל, טאַנצט און פּלעסקעט צו מיט די הענט:

נאַדראַ זנאַט
קאַק גוליאַט!
פּערעד באַנגאַם
אַטוועטשאַט!

מי פיאַם, מי גוליאַיעם
ואתה מלך חי וקיים!
לאָמיר, ייִדן, טרינקען לחיים!
לשנה הבאה בירושלים!

— איאַ, ס'איז באַ אונדז גוט? — זאָגט צו מיר יוסף הצדיק, וואָס האָט איבערגעכאַפּט דעם הונגער און איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, און ער נעמט אַביסל בראָנפן, און ער גיט מיר אויך אַביסל בראָנפן און שלעפּט מיך טאַנצן. איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז די שמחה אַזוי גרויס, נאָר איך פיל מיך עפּעס זייער אויפגעלייגט. איך פיל, אַז ס'איז מיר גוט, גוט אָן אַן עק! פלוצים...

ז.

פלוצים עפנט זיך די טיר, און איך דערזע דעם טאַטן מיטן רבין רב איצע און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. וואָס דער טאַטע האָט געקלערט, בשעת ער האָט מיך דערזען טאַנצן מיט „חברה" אין קאָן, ווייס איך נישט. איך האָב נאָר געזען, אַז ער איז געבליבן שטיין צוגע־קאָוועט צום אָרט, געקוקט אויף מיר, אויף דער „חברה" און אויפן רבין; דער רבי האָט געקוקט אויף מיר, אויף דער „חברה" און אויפן טאַטן; איך האָב געקוקט אויפן טאַטן, אויף דער „חברה" און אויפן רבין... און „חברה" האָבן געקוקט אויפן טאַטן, אויפן רבין און אויף מיר... קיינער פון אונדז האָט נישט געקאָנט אויסריידן אַ וואָרט. איז אַרויסגעטראָטן ממוכן און האָט זיך אָנגערופן מיט אַ גראַם, ווי זײַן שטייגער איז:

— וואָס שטייט איר אין איינע יסורים? ס'איז דאָך הײַנט עפּעס פורים! לאָמיר מאַכן אַ כוסה, און דווקא אַ גרויסע! פאַרבײַסן מיט פלאָדן, סע האָט זיך געפונען אַ נײַער שאָדן!...

און ממוכן טראָגט אונטער דעם טאַטן אַ גלעזל בראָנפן מיט פאַר־בײַסן. דער טאַטע שטופּט אים אָפּ פון זיך אָן ווערטער. ממוכן פאַלט באַ זיך נישט אַראָפּ און רעדט ווײַטער:

— הנגיד רב אשר ברב מאיר! איך געפעל אײַך נישט אין שלייער? וועל איך טרינקען אַליין, ונאמר אָמן!...

און ממוכן קערט איבער דאָס גלעזל בראָנפֿן און זינגט אַ לידל:

וואָס מער קבצן
מער הוליאַקע,
וואָס מער נגיד
מער סאַבאַקע!
וואָס מער אביון
מער ספּיוואַקע,
וואָס מער עושר
מער סוויניאַקע!...

— מאַנדריש, וואָס שווײַגסטו? מאַך זיי אַ מי־שברך, די נגידים פֿון שטאָט, און טרינק אַ כּוס פֿון זייער כּבוד וועגן!

און מאַנדריש גיסט זיך אָן אַ גלעזל בראָנפֿן און מאַכט אַ מי־שברך די נגידים פֿון שטאָט:

— מי שברך! נעמען זאָל זיי קורח! קורח זאָל זיי נעמען! עסן זאָל זיי ווערעם! ווערעם זאָלן זיי עסן! אָן גאָט זאָלן זיי פֿאַרגעסן! פֿאַרגעסן זאָלן זיי אָן גאָט! שכּור זאָלן זיי זײַן ווי לוט! ווי לוט זאָלן זיי זײַן שכּור! אין מויל זאָל זיי זײַן ביטער! ביטער זאָל זיי זײַן אין מויל! שיסן זאָל זיי אַ קויל! אַ קויל זאָל זיי שיסן!...

— וואָס שווײַגט איר זיי, רב אָשרל!? — רופֿט זיך אָן דער רבי רב איצע און טוט אַ רעכטן שמעק טאַבאַק און אַ קנאַק מיט צוויי פֿינגער אין דער לופֿטן.

— איר זעט דען נישט, אַז ס'איז שכּורים? — זאָגט דער טאַטע אויסער זיך פֿון כּעס און נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט אַזוי שטאַרק, אַז עס טוט מיר וויי, און מיר גייען אַרויס אַלע דרײַ פֿונעם קעניג אחשורוש אָן אַ זײַט־געזונט. אינדרויסן שטעלט זיך דער טאַטע אָפּ, טוט אַ קוק אַף מיך און שענקט מיר צוויי רעכטע פּעטש.

— דאָס — זאָגט ער — איז ערשט אָן אויפֿגאַב. דיין פּסק וועסטו ערשט האָבן אינדערהיים פֿונעם רבין... הערט זשע צו, רב איצע! איך גיב אײַך אים איבער אַף אײַערע הענט! איר זאָלט אים קאַטעווען וויפֿל עס וועט אין אים אַרײַן! בלוט זאָל גיין! אַזאַ בחורל פֿון כּמעט דאָס נײַנטע יאָר! ער זאָל געדענקען, ווי אַזוי נאָכצולויפֿן פּורים־שפּילער. קאָמעדיאַנטשיקעס, שלעפּערס!... פֿאַרשטערן אַלעמען דעם יום־טוב!...

איך לאָז נישט קיין טרער, נאָר איך פיל, אַז עס פּלאָמט מיר אַ באַק און דאָס האַרץ איז מיר שווער, ווי אַ שטיין. איך קלער נישט פון דעם פּסק, וואָס איך וועל האָבן אינדערהיים פונעם רבין. מיין קאָפּ איז מיר גאָר ערגעץ אַנדערש. מיינע מחשבות זיינען גאָר דאָרטן, באַם קעניג אחשורוש, באַ יוסף הצדיק, באַ די קליינע נאַקעטע שעפּעלעך מיט די גע־קרייזלטע קעפּעלעך, און אין די אויערן הערט מיר נישט אויף צו קלינגען דאָס זיסע רוסישע לידל:

נאַדאַ זנאַט
קאַק גוליאַט!
פּערעד באָגאָם
אַטוועטשאַט!
מי פּיאָם! מי גוליאַיעם!
ואתה מלך חי וקיים!
לשנה הבאה בירושלים!...

געשריבן אין יאָר 1901

א פֿאַרשטערטער פּסח

א.

— רב ישראל! רב ישראל. זײַט זשע מוחל! איר קאָנט זיך אונ־טערנעמען, ס'זאָל זײַן פּאַרטיק דעם קינדס מלבושימלעך אױף יום־טוב?

אַזױ שרײַט די מאַמע צו ישראל דעם שנײַדער מיט אַלע כּוחות, מחמת ישראל דער שנײַדער איז טױב, װי די װאַנט.

ישראל, אַ הױכער ייִד מיט אַ לאַנג פּנים און מיט װאַטע אין די אױערן, טוט אַ האַלבן שמײכל און אַ מאַך מיט דער האַנט. װי אײנער רעדט: „פֿאַרװאָס זאָל נישט זײַן פּאַרטיק?"...

— נעמט זשע אים, זײַט מוחל, אַראָפּ אַ מאָס, נאָר מיט אַ תּנאַי. אויב עס קאָן זײַן פּאַרטיק אױף פּסח.

ישראל דער טױבער טוט אַ קוק אױף דער מאַמע, װי אײנער רעדט: „אַ מאָדנע ייִדענע! דאַכט זיך, געװנג אַז מע זאָגט אײן מאָל?"... און ער שלעפּט אַרױס פֿון בוזעם־קעשענע אַ לאַנגע פּאַפּירענע מאָס מיט אַ גרױסער ענגלישער שער און שטעלט מיך אַװעק און הײבט מיך אָן אױסצומעסטן אין דער לענג און אין דער ברײט, און די מאַמע שטײט בײַ דער זײַט און קאָמאַנדעװעט:

— לענגער, נאָך לענגער!... ברײטער, נאָך ברײטער!... למען־השם, די הײזלעך נישט פֿאַרשמעלן!... און דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זײַן מיט אַ „פֿאַלבאָם"!... אױף עטלעכע פֿינגער!... נאָך, נאָך אַ ביסעלע!... אָט אַזױ!... אין סטאַן זאָל חס־ושלום נישט זײַן קורץ!... בעל־הבתיש... נאָך, נאָך!... זשאַלעװעט נישט קײן מאַטעריע, װאָרעם אַ קינד װאַקסט!...

ישראל דער שנײַדער װײס אַלײן גאַנץ גוט, אַז „אַ קינד װאַקסט",

ענטפערט ער נישט דאָס אַנדערע וואָרט און טוט זיך זײַנס. אויסגעמאָסטן מיר אַלע איברים, טוט ער מיך אַ שטופּ אָפּ פון זיך, ווי איינער רעדט: „קאָנסט גיין, ביסט פרײַ!"... מיר ווילט זיך זייער, אַז דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זײַן פון הינטן מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע, נאָך דער „הײַנטיקער מאָדע", נאָר איך ווייס נישט, צו וועמען זאָל איך מיך ווענדן. ישראל דער טויבער דרייט צונויף די מאָס אויף צוויי פינגער און רעדט בשעת מעשה צו דער מאַמע האַלבע ווערטער:

— אַ שווערער פאַר־פּסח!... גרויסע בלאָטעס!... פּיש — יקרות!... קאַרטאָפּליעס — מיט גאָלד!... אייער — נישט אַ לעק!... אַרבעט — געשלאָגן!... נײַע מלבושים — לאָ!... לאַטעס און לאַטעס און לאַטעס!... אַז רב יהושע־העשל קאָן שוין הייסן איבערניצעווען אַן אַלטן פּאַליטאָ!... רב יהושע־העשל אַליין!... יאָרן!... האַ?... עק וועלט!...

די מאַמע ווערט דערפון ווינציק־וואָס נתפּעל. זי שלאָגט אים איבער־אינמיטן:

— וויפל וועט איר זיך הייסן, אַ שטייגער, אָנמעסטן אַרום און אַרום פאַר דער אַרבעט, רב ישראל?

ישראל דער טויבער נעמט־אַרויס פון זשילעט־קעשענע אַ ביינערן ראָזשיקל, בייגט אויס דעם גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט, אַזוי אַז עס ווערט אַ גריבל; שיט ער אָן אין גריבל אַרײַן אַ בערגעלע טאַבאַק, טראָגט דאָס צו פּאַוואָלינקע צו דער נאָז און שלעפּט אַרײַן דאָס בערגעלע טאַבעקע אַזוי קונציק, אַז עס פּאַלט נישט קיין סימן אַפילו אויף די וואָנצעס. נאָכדעם טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זאָג:

— עט, וואָס איז שײַך, מיר וועלן זיך ניט קריגן... איר פאַרשטייט אַ מעשה? רב יהושע־העשל!... איבערניצעווען אַן אַלטן פּאַליטאָ!... גוואַלד געשריגן!...

— געדענקט זשע, רב ישראל, וואָס איך בעט אײַך: ניט שמאָל, און ניט קורץ, און אַ „פּאַלבאָם", און דער סטאָן — גראָס און „פּראָסטאָרנע"...

— און אַ שפּאַל...? — וויל איך מיך אַרײַנמישן און מיטן.

— שטיל, לאָז אויסריידן אַ וואָרט! — זאָגט די מאַמע און דערלאַנגט מיר מיטן עלנבויגן אין זײַט אַרײַן. — געדענקט זשע נאָך אַ מאָל:

ניט קורץ, און ניט שמאָל, און דאָס סטאַנדל, און אַ פּאַלבאָם... למען־השם, אַ פּאַלבאָם!...

און אַ קעשענע?... — פּרוּוו איך מיך נאָך אַ מאָל.

— וועסט ניט אַנשטומט ווערן? — זאָגט צו מיר די מאַמע. — האָסטו געזען, אַ קינד זאָל האָבן אַ טבע זיך אַרײַנמישן בעשת עלטערע ריידן!...

ישראל דער טויבער נעמט דאָס פּעקל סחורה אונטער דער האַנט, טוט אַ שמיר די מזוזה מיט צוויי פינגער און אַ זאָג פון דער טיר:

— ווילט איר, הייסט דאָס, דווקא ס׳זאָל זײַן אַף פּסח?... אַ גוטן יום־טוב.

ב.

— אָ, אָט איז רב גדליה! מע זאָל דערמאָנען משיחן!... איך האָב נאָר־וואָס אין זינען געהאַט צו שיקן צו אײַך נאָך אַ מאָל!

גדליה איז אַ ייִד אַ שוסטער, אַ אויסגעדינטער סאָלדאַט, פון פּאַרנט אָן ציין, מיט אַ גרויס קײַלעכדיק בערדל, וואָס מע דערקענט, אַז אַמאָל, שוין לאַנג, איז דאָס געווען אין מיטן אויסגעגאָלט.

— רב גדליה! — מאַכט צו אים די מאַמע. — זאָגט נאָר, איר וועט זיך קאָנען אונטערנעמען אויפנייען דעם קינד אַ פּאָר שטיוועלעך אַף פּסח?

גדליה דער שוסטער איז אַ פרײַלעך ייִדל, וואָס בשעת ער רעדט כאַפּט ער אַ טענצל.

— איר ווילט „נעפּרעמעננאַ" אַף פּסח? — מאַכט ער צו דער מאַמען. — ס׳איז דיר אָן אַנטיק: איטלעכער וויל אַף פּסח! חיהלע רב מאָטלס האָב איך צוגעזאָגט אַף פּסח צוויי פּאָר באָטיקלעך, פּאַר איר און פּאַר דער טאָכטער, — מוז מען איר מאַכן... יוסעלע רב שי־מעלעס האָט באַשטעלט בײַ מיר פיר פּאָר שטיוועלעך אַף פּסח — מוז מען מאַכן... הײַנט פייגעלע רב אברהמס האָב איך שוין לאַנג צוגע־זאָגט אַ פּאָר באָטיקעס; עס זאָלן פאַלן שטיינער פון הימל — וועט זיך ניט העלפן! און משה דער שנײַדער האָט מיך געבעטן אַ פּאָר קעפּ־לעך, קאָן מען אים אויך ניט אָפּזאָגן! און זיאַמע דעם סטאָליער אַ פּאָר „סאַיווקעס" באַדאַרף מען אונטערוואַרפן — עס העלפט נישט! הײַנט

אסנה דער אלמנהס מיידל האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט, איך זאָל איר, למען השם...

— הכלל, — שלאָגט אים איבער די מאמע — לאָמיך הערן ווער־טער: קאָנט איר, הייסט דאָס, נ י ש ט אונטערנעמען זיך, ס'זאָל זײַן פּאַרטיק אױף פּסח? שיק איך נאָך אַן אַנדער שוסטער...

— פאַר וואָס זאָל איך ניט קאָנען? — זאָגט גדליה מיט אַ טענ־צל. — צוליב אײַך לייג איך אַוועק אַלע אַנדערע אַרבעטן — און אײַערע שטיוועלעך מוזן, אם ירצה השם, זײַן אױף פּסח; ס'איז עפּעס אַ תירוץ?

און גדליה דער שוסטער קראַצט־אױס אַ שטיקל בלוי פּאַפּיר, שטעלט זיך אַוועק אױף אַ קני און נעמט מיר אַ מאָס.

— לאָזט־צו נאָך אַ קאַפּעטשקע. — זאָגט די מאַמע. — נאָך, נאָך... וואָס זשאַלעוועט איר אַ שטיקל לעדער?... אָט אַזוי... עס זאָל אים חלילה ניט קוועטשן די פינגער!...

— קוועטשן די פינגער. — זאָגט איר נאָך גדליה.

— לעדער זאָלט איר געבן רב גדליה, פונעם בעסטן. איר הערט? נישט קיין פוילן!

— פוילן. — זאָגט איר נאָך גדליה.

— פאַדעשוועס זאָלט איר לייגן גוטע, זיי זאָלן נישט אָפּרײַבן זיך.

— אָפּרײַבן זיך, — זאָגט־נאָך גדליה.

— און די אָבצאַסן זאָלן חלילה ניט אָפּשפּרינגען.

— אָפּשפּרינגען. — זאָגט־נאָך גדליה.

— איצט קאָנסטו גיין אין חדר אַרײַן. — זאָגט מיר די מאַמע.
—דו זעסט כאָטש, ווי מען ברענגט זיך אויס פון דײַנעטוועגן? זאָלסט כאָטש וועלן לערנען, וועסטו זײַן אַ מענטש, אַניט — וואָס וועט פון דיר זײַן? אַ גאָרנישט מיט נישט, אַ הינטשלעגער!...

איך ווייס נאָך אַליין נישט, וואָס עס וועט פון מיר זײַן: אַ מענטש, אַ גאָרנישט מיט נישט, אָדער אַ הינטשלעגער? איך ווייס נאָר, אַז בזה הרגע ווילט זיך מיר זייער־זייער, אַז די שטיוועלעך זאָלן מיר סקרי־פּען. אוי, ווילט זיך מיר סקריפּקעס!...

— וואָס ביסטו געבליבן שטיין, ווי אַ ליימענער גולם? — רופט זיך אָן צו מיר די מאַמע. — פאַר וואָס גייסטו נישט אין חדר אַרײַן? גיי, מע וועט שוין מער נישט געבן גאָרנישט!

גדליה דער שוסטער לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום צוריק.

— ווילט איר, הייסט דאָס, „נעפּרעמעננאַ” אַף פּסח? — זאָגט גדליה. — אַ גוטן יום־טוב!...

ג.

גייענדיק פונעם חדר אַהיים, כאַפּ איך מיך אַרײַן קודם כל צום שנײַדער מכח דעם שפּאַלט און מכח דער קעשענע.

באַ אַ גרויסן טיש שטייט ישראל דער טויבער אָן אַ קאַפּאָטע, מיט אַ ברייטן טלית־קטן, פאַרטיפט אין דער אַרבעט; אַפן האַלדז עטלעכע לאַנגע פאָדעמס. אין זשילעט עטלעכע נאָדלען. ער צייכנט מיט אַ קרײַדל, שערט מיט אַ שער, קראַצט זיך מיטן מיטלסטן אויסגעבויגענעם פינגער פון הינטן און רעדט צו זיך אַליין האַלבע ווערטער, ווי זײַן שטייגער איז:

— „פּאָלבאָמעס” מאַך זיי... גראַם זאָל זיי זײַן... „פּראָסטאַר־נע”... פון וואָס?... פון אתה ירצת?... מע שנײַדט זיך די פינ־גער... קוים, קוים... ווי מיט קרעפּל־פלייש...

אַרום טיש זיצן עטלעכע שנײַדער־יונגען און נייען, וואַרפן מיט די נאָדלען גיך־גיך און זינגען אַלע אינאיינעם אַ לידל. איינער אַ געלער בחור, מיט קלײַען אַפן פּנים, מיט אַביסל אַן אײַנגעפאַלענער נאָז, זינגט אַף אַ גלעקל־שטימע און ציט מיטן פאָדעם צום טאַקט:

אוי, דו פאַרשט אוועק,
און אוי, דו פאַרשט אוועקעט, —
און מיך לאָזטו אי־ווי־ווי־ווי־וויבער!...

און די איבעריקע חברה כאַפּן־אונטער מיט אַ קוויטש:

אָט שטעך איך זיך!
אָט הענג איך זיך!
אָט טרינק איך זיך!
איך טו מיר אַ מעשה אָ־וואָ־וואָ־וואָנעט!...

— וואָס ווילסטו זאָגן, יינגעלע? — מאַכט צו מיר ישראל.

— אַ שפּאַלט. — זאָג איך.

— האָ? — מאַכט ישׂראל און בייגט זיך צו מיר מיטן אויער.

— אַ שפּאָלט! — שריַי איך צו אים הויך, ער זאָל דערהערן.

— אַ שפּאָלט?

— אַ שפּאָלט!

— ווּ אַ שפּאָלט?

— פון הינטן.

— וואָס פון הינטן?

— אַ שפּאָלט! מיט אַ קעשענע!

— וואָס פאַר שפּאָלטן? וואָס פאַר קעשענעס? — מישט זיך אַריַין באַסיע די שניַידערן, אַ קליין וויַיבעלע, וואָס זיצט און טוט דריַי אַרבעט מיטאַמאָל: מיט אַ פוס וויגט זי אַ קינד, מיט די הענט אַרבעט זיך אַ זאַק און מיטן מויל רעדט זי און בייזערט זיך: — נאַ דיר גאָר שפּאָלטן! נאַ דיר גאָר קעשענעס! ווּ האָסטו אַף קעשענעס? ער וויל קעשענעס? לאָז אים די מאַמע געבן אַף קעשענעס, וועט ער האָבן קעשענעס! נאַ דיר גאָר קעשענעס!...

איך האָב שוין חרטה אַף דער גאַנצער מעשה. עס זאָל כאָטש נישט אָנקומען צו דער מאַמע!

— ווילסטו, הייסט דאָס, ס'זאָל זיַין דווקא מיט אַ שפּאָלט? — מאַכט צו מיר ישׂראל דער שניַידער און נעמט אַרויס דאָס ראָזשיקל מיט טאַבעקע. — גיי, יינגעלע אַהיים, סע וועט זיַין אַ שפּאָלט.

— און מיט אַ קעשענע? — זאָג איך צו אים און מאַך פאַר אים אַ רחמנות־פּנים.

— גיי, יינגעלע, אַהיים, — מאַכט צו מיר ישׂראל, — איך וועל שוין זען, ס'זאָל זיַין אַלצדינג...

איך נעם די פיס אַף די פּלייצעס און לויף אַוועק פון דאָרטן מיט אַ שׂמחה צו גדליה דעם שוסטער מכוח סקריפּקעס אין די שטיוועלעך.

גדליה דעם שוסטער טרעף איך נישט אינדערהיים. באַם וואַרשטאַט זיצט זיַין אַרבעטער קאַרפּע איבער אַן אויסגעגלעטער פאַדעשווע.

קאַרפּע איז אַ געזונטער, אַ ברייטבייניקער שייגעץ, מיט אַ געשטופּלט פּנים, מיט אַ לעדערן ריַיפל אַף די שוואַרצע האַרטע האָר.

— וואָס דו, יינגעלע, ווילסט? — מאַכט ער צו מיר אַף יידיש. — מודה אני, פריידי מאַני, טאַטעלע מאַמעלע, אַ געב אים אַ גענדזעלע... זאָג, וואָס דו ווילסט?

— כּאַזשאַיען! — ענטפֿער איך אים אַף רוסיש. — יאַ אָטשעם באַטיל אימעט דאָ וואָש כּאַזשאַיען גדליה! *

— בעל־הבית געגאַנגען אַ ברית. מאַך אַ קידוש, טרונק אַ בראָנבען.

— מאַכט צו מיר קאַרפּע ווידער אַף ייִדיש, און בכדי איך זאָל פֿאַרשטיין אַקוראַט וואָס ער מיינט, טוט ער זיך אַ שנעל מיטן פֿינגער איבערן האַלדז.

איך זעץ מיך אַוועק אַקעגן אַף אַ לעדערן בענקל און לאָז מיך אַרײַן מיט קאַרפּען אין אַ ברייטן שמועס מכּוח לעדער, „טאָוואַר", מכּוח שטיוול, פּאָדעשוועס, פּלעקלעך, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז איך קום אַרויף אַף סקריפּקעס. ער רעדט אַף ייִדיש, און איך אַף רוסיש. פֿאַרשטייט ער נישט וואָס איך רייד, מאַך איך צו אים מיט די הענט:

— יאַ זשע טאָבי, גויעשער קאָפּ, דבֿרן פּאָוואַשעמו: קאַזשי מיני שכל שאָ טשאָבעטקעלי מאַכן טררר! טררר **

— דו בעסער רעד ייִדיש! — מאַכט צו מיר קאַרפּע, טוט אַ לעק די פּאָדעשווע מיט דער צונג און מאַכט אַ צייכן מיט זײַן גראָבן שוואַרצן נאָגל באַ דער זײַט פּאָדעשווע.

— וואָס איז דער שכל — זאָג איך צו אים שוין אַף ייִדיש — וואָס איז דער טעם פֿון סקריפּקעס? וואָס לייגט איר אַזעלכעס אין שטיוועלעך, זיי זאָלן סקריפּען?

— אַ? סקריפּקי? — מאַכט קאַרפּע. — אַ שטיוועלע סקריפּען דאַרף מען אַ צוקער.

— פּשוט, — זאָג איך — צוקער? וואָס איז דער שכל?

— אַ צוקער? — זאָגט קאַרפּע און גיט מיר צו פֿאַרשטיין דעם שכל: — אַ צוקער קלאָפּ־קלאָפּ, סקריפּ־סקריפּ...

— אַהאַ? — מאַך איך צו אים. — דעם צוקער מסתּמא צעקלאַפּט מען, טרישטשעט ער. נו, און ווײַטער לייגט מען נישט אַרײַן גאָרנישט?

— אַ בראָנבן, — מאַכט קאַרפּע — אַ ביסנעם בראָנבן.

— אַ בראָנפּן? — זאָג איך. — וואָדקי הייסט דאָס? זאַטשעם וואָדקי? מילאַ סאַכער — סקריפּ־סקריפּ; אָבער וואָדקי? נאַשטשאָ טאָבי וואָדקי?

קאַרפּע מוטשעט זיך און גיט מיר צו פֿאַרשטיין, און דווקא אַף ייִדיש.

---

* איך האָב זייער געדאַרפֿט האָבן צו אײַער בעל־הבית גדליה.

** איך רייד דאָך מיט דיר, גויעשער קאָפּ, אַף דײַן שפּראַך! זאָג־זשע מיר דעם שכל, ווי קומט דאָס, וואָס אַ שטיוועלע סקריפּעט?

דעם שכל, אַף וואָס מע באַדאַרף האָבן בראָנפֿן. אײדער מע לײגט אַרײַן, זאָגט ער, אין די שטיװועלעך דעם צוקער, מוז מען פּרוּװער די פֿאָדעשווע גוט באַשפּריצן מיט בראָנפֿן, אַנישט, נעמט זיך נישט צו גוט דער צוקער.

— אַהאַ! — זאָג איך. — יאַ אוזשע דאָברע צעקײַט. יאַק נע באודע װאָדקי, טאַק נע באודע סאַכער; יאַק נע באודע סאַכער, טאַק נע באודע סקריפּען.* אם אין קמח אין תורה — ביז איך אים מסביר די זאַך מיט אַ פּסוק, און איך עפֿן אויף דאָס בײַטעלע און גיב קאַרפּען מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן: דאָס גאַנצע חנוכה־געלט, מיטן שלח־מנות־געלט, און געזעגן זיך אָפּ מיט אים גאָר פֿרײַנטלעך, און קאַרפּע רוקט מיר אַרײַן אַ גרויסע, שוואַרצע האַנט, אויסגעשמירט מיט סמאָלע, און זאָגט מיר אָפּ אַף גיך: „מודה אני, פּרײדי מאַני, טאַטעלע מאַמעלע, אַ געב אים אַ געזונדועלע"... איך לויף אַהײם איבערבײַסן, און פֿון דאָרט — צוריק אין חדר אַרײַן זיך באַרימען פֿאַר אַלע יִנגלעך, וואָס פֿאַר אַ מין מלבושימלעך מע נײט מיר אַף פּסח: אַ קאַפּאָטקעלע פֿון הינטן מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע! און שטיװועלעך מיט סקריפּקעס! מיט סקריפּקעס! סקריפּקעס!...

ד.

— מאַמע, איך בין פֿרײַ! — קום איך צו לויפֿן אַהײם אַ פּאָר טאָג פֿאַר פּסח און זאָג איר אָן אַ בשורה, אַז מע האָט אונדז צעלאָזט פֿונעם חדר.

— אַ גדולה אַף דער באָבע! זאָלסט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות! — ענטפֿערט די מאַמע, וואָס איז פֿאַרטאַרעראַמט מיטן פּסח. זי האָט אונטערגעבונדן בײדע דינסטן מיט ווײַסע פֿאַטשײלעס און געגעבן זײ בערשטלעך, בעזעמס מיט פֿלעדערווישן אין די הענט אַרײַן, און אַלײן האָט זי זיך אויך אונטערגעבונדן מיט אַ ווײַסער פֿאַטשײלע, און אַלע דרײַ רײניקן און שמירן, וואַשן און רײַבן, שײַערן און כשרן אַף פּסח. איך קאָן מיר קײן אָרט נישט געפֿינען. וווּ איך זיץ און וווּ איך שטײ און וווּ איך גײ — איז שלעכט.

— אוועק מיט די חמצדיקע מלבושים פֿון דער פּסחדיקער שאַפֿע! —

* אַהאַ, איך האָב שוין רעכט צעקײַט: אַז ס'וועט נישט זײַן קײן בראָנפֿן, איז אומזיסט דער צוקער, און אַז ס'וועט נישט זײַן קײן צוקער, וועט נישט סקריפּען.

טוט די מאמע אן מיר א געשריי מיט אזא אימפעט, גלייך ווי איך וואלט געגאנגען מיט פייער ארום פולווער.

— פאוואלי, אט טרעטסטו אן א פסחדיקן זאך!

— אהינצו זאלסטו גאר אפילו נישט קוקן — דארטן שטייט דער פסחיקער בארשט!...

איך דריי מיך ארום פון איין ארט אינעם אנדערן, פלאנטע מיך אונטער די פיס. איך כאפ א שטורך, א זעץ, א שליידער.

— איינגעזונקען זאל ווערן דער רבי דיינער! קראנק געווען אייך האלטן אין חדר נאך א טאג! נישט זאלסט זיך דארפן ארומדרייען, ווי א סאוואלע, טאמער איז ווינציק ארבעט טאמער! בא לייטן קינדער זיצן אף איין ארט זיצן זיי... קראנק אזא בחורל פון כמעט דאס נייטע יאר נעמען עפעס טאן, איבערחזרן נאכאמאל די פיר קשיות?

— מאמע, — זאג איך — איך קען זיי שוין אף אויסנווייניק!

— א גדולה! — זאגט די מאמע. — קאסט קארג געלט קאסטו?...

קוים מיט צרות דערלעבט דעם אפדערנאכט, וואס דער טאטע גייט ארום מיט א ליכטל, מיט א הילצערנעם לעפל און מיט א פלעדערוויש און איז בודק חמץ, און איך העלף אים זוכן די שטיקלעך ברויט, וואס ער אליין טאקע האט זיי צוגעגרייט אף אלע פענצטער... „סך הכל איין מעת־לעת, — טראכט איך מיר — נאך איין נאכט און איין טאג — און איך וועל מיך אנטאן יום־טובדיק, ווי א פרינץ, א ניי קאפאטקעלע מיט א שפאלט און מיט א קעשענע פון הינטן, און די שטיוועלעך וועלן סקריפ־ן!... וועט מיך די מאמע מסתמא פרעגן: „וואס איז דאס פאר א סקריפעריי?" וועל איך זיך מאכן כלומרשט ווי איך ווייס נישט פון וואס צו זאגן... היינט דער סדר, די פיר קשיות, ארבע כוסות, און די פסחדיקע מאכלים: לאטקעס, און קניידלעך, און קוגעלעך, און כרעמזלעך"... איך דערמאן מיך אן די מאכלים, און עס הייבט מיר אן צו ציען דאס הארץ. איך האב א גאנצן טאג כמעט גארנישט געגעסן.

— לייען־אפ קריאת־שמע — זאגט צו מיר די מאמע — און גיי לייג זיך שלאפן. היינט עס מען נישט קיין וועטשערע: ס'איז ערב פסח...

איך לייג זיך שלאפן, און עס חלומט זי מיר, אז ס'איז שוין פסח... איך גיי מיטן טאטן אין שול אריין דאווענען... מיינע נייע מלבושימלעך קנאקן... מיינע שטיוועלעך סקריפען: סקריפ! סקריפ! סקריפ!...

„ווער גייט דאָס?" — פרעגן פרעמדע מענטשן. — „דאָס איז מאָטל משה־חיים אברהם־הערש ראובנס יינגל"... פלוצים — איך ווייס נישט פון וואַנען עס נעמט זיך אַ שווארצער, אַ קודלאַטער הונט און פאַלט־אָן! אַף מיר „האַוו־האַוו" און כאַפּט מיך פאַרן קאַפּאָטקעלע... שטייט דער טאַטע און האָט מורא צוגיין, און מאַכט מיט די הענט און שרייט: „פּאַ־שאָל! פּאַשאָל!"... הערט אים נישט דער הונט און רייסט מיך פון הינטן, סאַמע באָם שפּאַלט, סאַמע באַ דער קעשענע, און רייסט מיר אָפּ אַ האַלב קאַפּאָטקעלע און וויל אַנטלויפן... לויף איך אים נאָך מיט כוחות און פאַרליר אַ שטיוועלע, און בלייב שטיין אין דער בלאָטע מיט איין שטיוועלע און מיט איין פוס באָרוועס... הייב איך אָן וויינען און שרייען: „גוואַלד! גוואַלד גוואַלד!"... און איך כאַפּ מיך אויף און דערזע אונדזער דינסט־מיידל ביילע שטייט לעבן מיר, רייסט פון מיר די קאָלדרע און שלעפּט מיך פאַר אַ פוס:

— זע נאָר, ווי מע קאָן אים נישט דערוועקן! שטיי שוין אויף! די מאַמע האָט געהייסן, מע זאָל דיך אויפוועקן. מע באַדאַרף אַרויסטראָגן דעם לעצטן חמץ!...

ה.

דער טאַטע וואַרפט אַריין דעם הילצערנעם לעפל מיטן פלעדערוויש אין אויוון אַריין און פאַרברענט דעם חמץ... אין שטוב ווערט פּסחדיק... אומעטום איז ריין, אומעטום איז כשר... דער טיש איז גרייט... די אַרבע כוסות שמייכלען צו מיר פון דער ווייטן... אָט־אָט, נאָך אַ שעה נאָך אַ שעה וועט ווערן פּסח... אָט־אָט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, וועל איך מיך אָנטאָן יום־טובדיק... נאָר ביז דער שניידער מיטן שוסטער וועלן מיר ברענגען מיין יום־טובדיקן אָנטאָן מאַכט מיך דערווייַלע די מאַמע פּסחדיק: זי צוואָגט מיר אוים דאָס קעפּל מיט הייס זודיק וואַסער און מיט אַ געלעכל פון אַן איי. זי קעמט מיך און רייסט מיר די האָר; קנייטש איך זיך, שענקט זי מיר אַלע מאָל אַ שטורך מיטן עלנבויגן, אָדער אַ פּאַטש:

— דו וועסט נישט אויפהערן דרייען זיך, ווי אַ וואָרעם?... אַ קינד זאָל נישט קאָנען אייַנשטיין! מע טוט אים גוטס, איז ער נאָך נישט צופרידן!...

איבערגעקומען, ברוך השם, דאָס צוואָגן אויך, זיץ איך מיר אין איין העמדל באַם טיש און וואַרט אַף מײַנע נײַע מלבושימלעך און באַטראַכט דעם טאַטן, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פונעם מרחץ מיט נאַסע פאות נאָך. ער זיצט איבער אַ גראָבן ספר און לערנט שטילערהייט מיט אַ ניגון פון דער גמרא און שאָקלט זיך:

— „ל צ ו ר ך מ ר ו ר נ ו ה ג י ן — צוליב מרור איז מען זיך נוהג, ל ק ח ת ת מ כ א — נעמען כריין, ו כ י ו ן ש ה ו א ח ר י ף — און מחמת ער איז האַרבלעך, י כ ו ל י ן ל פ ר ר ו ב ר י ב א י י־ ז ע ן — קאָן מען אים אָנרײַבן אַף אַ ריבאײַזן"...

איך קוק אָפן טאַטן, און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז נאָך אַזאַ ערלעכער ייִד ווי דער טאַטע, איז נישטאָ אַף דער וועלט, אַז נאָך אַזאַ כשרער פסח, ווי בײַ אונדז, איז נישטאָ אין ערגעץ, אַז נאָך אַזעלכע מלבושימלעך, ווי בײַ מיר, וועט נישט זײַן בײַ קיינעם! נאָר למאַי ברענגט מען זיי נאָך נישט? וואָס איז די מעשה? טאָמער זײַנען זיי חלילה נישט פאַרטיק אַף פסח — דאָס וויל איך גאָרנישט נעמען אָפן קאָפּ! ווי אַזוי וועל איך גיין אין שול אַרײַן? וואָס וועלן זאָגן מײַנע חברים? ווי אַזוי וועל איך מיך זעצן צום סדר? די שעה זאָל גאָרנישט זײַן, איך וועל דאָס גאָרנישט איבערטראָגן!...

אַזוי ווי איך זיץ פאַרטיפט אין די טרויעריקע מחשבות, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן ישראל דער שנײַדער מיט דער אַרבעט. פאַר גרויס שמחה כאַפּ איך מיך אויף, טו אַ שפרונג און אַ פאַל מיטן בענקל אינאיינעם, שיער נישט געבראָכן האַלדז־און־נאַקן. לויפט אַרײַן די מאַמע פון קיך מיט אַ פסחדיקן שמאַלץ־לעפל אין האַנט.

— וואָס האָט דאָס אַזאַ קלאַפּ געגעבן וואָס? ווער איז דאָס געפאַלן ווער? ס'איז דו, ברענען זאָלסטו נישט אָפן פײַער? אַ רוח, אַ שד, נישט קיין קינד! האָסטו זיך חלילה נישט אַ זעץ געטאָן ערגעץ, חלילה? אַ מצווה אַף דיר! לויף נישט, שפרינג נישט! גיי ווי אַ מענטש!...

און צו ישראלן זאָגט זי:

— איר האָלט וואָרט, רב ישראל! און איך האָב שוין געוואָלט שיקן צו אײַך!

ישראל טוט אַ האַלבן שמייכל און אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אײנער־רעדט: „אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! איך זאָל נאָך נישט האַלטן קיין וואָרט?"...

די מאַמע לייגט אַוועק דעם שמאַלץ־לעפל און העלפט מיר אַרײַנ־קריכן אין די נײַע הייזלעך אַרײַן, טוט מיר אָן דאָס ציצענע אַרבע־כּנפֿות. וואָס זי אַליין האָט מיר אויפגענייט אױף פּסח, און פֿון אויבן טוט זי מיר אָן דאָס קאַפּאָטקעלע, און איז צופרידן, וואָס ס'איז גענוג גראָם און „פּראָסטאָרנע"...

איך טו מיך אַ טאַפּ פֿון הינטן — אַ צרה, אַ שלאַק: נישטאָ קיין סימן פֿון קיין שפּאַלט און פֿון קיין קעשענע! פּאַרנייט, גלאַט און גאַנץ, אַרום און אַרום!...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קישקע? — רופֿט זיך אָן פּלוצים די מאַמע צו ישׂראל דעם טויבן און דרייט מיך אױף אַלע זײַטן.

ישׂראל דער טויבער נעמט אַרויס דאָס ראָזשיקל, בייגט אויס דעם פֿינגער, שיט אָן אַ בערגעלע טאַבעקע און ציט אַרײַן אין נאָז אַרײַן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קישקע? — זאָגט די מאַמע נאָכאַמאָל און טוט מיך אַ דריי.

ווו האָט איר אַ קישקע? — זאָגט ישׂראל און טוט מיך אַ דריי צוריק.

— דאָס איז דער „פּאַלבאָס". איר האָט דאָך געבעטן אַ „פּאַלבאָס" זאָל זײַן. איר האָט שוין פֿאַרגעסן?

— אַ שיינער פּאַלבאָס! — זאָגט די מאַמע און טוט מיך אַ דריי.

— אַ בייזע וויסטע חלשות! פֿע, אַ בזיון! כּ'לעבן, אַ בזיון!

ישׂראל פּאַלט, חס ושלום, באַ זיך נישט אַראָפּ. ער באַטראַכט מיך פֿון אויבן ביז אַראָפּ, ווי אַ פּראָפֿעסאָר, און זאָגט, אַז עס ליגט אויס־געצייכנט גוט, מע באַדאַרף גאָרנישט בעסער! „אַזאַ אַרבעט מאַכט מען נישט אַפֿילו אין פּאַריזש! דאָס קאַפּאָטקעלע זינגט, ווי איך בין אַ ייִד, סע זינגט!"...

— געפֿעלט דיר דאָס זינגען, וואָס סע זינגט? — זאָגט די מאַמע און פֿירט מיך צו צום טאַטן. — וואָס זאָגסטו אױף דעם געזאַנג?

דער טאַטע דרייט מיך אױף אַלע זײַטן, באַטראַכט דאָס קאַפּאָטקעלע און געפֿינט, אַז די הייזלעך זײַנען יאָ אַביסל צו לאַנגלעך...

ישׂראל נעמט אַרויס דאָס ראָזשיקל און איז מכבד דעם טאַטן מיט אַ שמעק טאַבעקע.

— צו לאַנגלעך די הויזן, רב ישׂראל!

— האַ?... וואָס?... לאַנגלעך, זאָגט איר? ווייסט איר נישט וואָס מע טוט? פֿאַרקאַטשעט מען זיי.

— זײַט איר אפשר אויך גערעכט. — זאָגט דער טאַטע. — וואָס זשע טוט מען אָבער, אַז זיי זײַנען אַביסל צו ברייט, ווײַזן אויס, ווי צוויי זעק?

— אַ חסרון — די כלה איז צו שיין! — מאַכט ישראל און ציט אַרײַן אַ בערגעלע טאַבעקע אין נאָז אַרײַן. — ברייט, זאָגט איר? שמאָל איז ערגער, טויזנט מאָל ערגער!...

איך הער נישט אויף צו טאַפּן זיך פון הינטן: איך זוך דעם שפּאַלט מיט דער קעשענע.

— וואָס זוכסטו דאָרטן? — זאָגט צו מיר די מאַמע. — דעם נעכטיקן טאָג?

„אַלטער ליגנער! — טראַכט איך מיר און קוק אויף ישראלן, ווי אַ גזלן. — טויבע לאָך, אַ רוח אין דײַן טאַטן אַרײַן!"...

— פאַרניץ געזונט! — זאָגט צו מיר ישראל דער טויבער און צע־רעכנט זיך פאַר דער אַרבעט, און דער טאַטע נעמט זיך צוריק צום שלחן־ערוך און לערנט מיטן זעלבן ניגון:

— „מי ש ש כ ח — ווער עס האָט פאַרגעסן, ל א כ ו ל א פ י־ק ו מ ן — צו עסן דעם אפיקומן"...

— טראָג געזונט! — זאָגט צו מיר די מאַמע, אַז ישראל דער שנײַדער גייט אַוועק, און זי הערט זיך נישט אויף צו שפּיגלען אין מײַן קאַפּאָטקעלע. — דו זאָלסט זיך נאָר נישט אָנהייבן מיט קיין קונדייסים, נישט שלאָגן זיך מיט קיין שקצים, וועסטו דאָס, אם ירצה השם, טראָגן און טראָגן, אַבי געזונט!...

ז.

— אָט איז רב גדליה אויך! — זאָגט די מאַמע. — מע זאָל דער־מאָנען משיחן!... פאַרטיק דעם קינדס שטיוועלעך?

— נאָך אַ מין פאַרטיק! — זאָגט גדליה דער שוסטער מיט אַ טענצל און טראָגט די אויסגעפּוצטע שטיוועלעך אויף אַ פינגער, ווי מע טראָגט אויף אַ שטעקעלע פרישע צאַפּלדיק פיש, נאָר־וואָס געכאַפּט פונעם טײַך. — ס'איז דיר נאָר אַן אַקציע מיט זיי!... די גאַנצע וועלט וויל אויף פּסח זאָל זײַן פאַרטיק! איך האָבן געאַרבעט מיט דער גאַל, באַדאַי נישט גע־

שלאָפֿן אַ נאַכט!... איך, אַז איך גיב אַ וואָרט, מעג דונערן און בליצן!...

די מאַמע מעסט מיר אָן די שטיוועלעך, טאַפּט מיך און קוועטשט מיך און פֿרעגט מיך, צי פֿיל איך נישט חס וחלילה, אַז עס זאָל מיך ערגעץ קוועטשן?

— קוועטשן? — זאָגט גדליה. — מיר דאַכט, אַז אין די שטיוועלעך קאָנען אַרײַן נאָך אַ פּאָר פֿיסלעך, ווי באַ אײַער זון.

— אַנו, שטעל זיך אַקאָרשט אַנידער אױף דער ערד! — זאָגט די מאַמע.

איך שטעל זיך אַנידער און קוועטש די פּאָדעשוועס, איך וויל הערן, ווי זיי סקריפּען — ווער? וואָס? ווען? קיין פּיפּס הערט מען פֿון זיי נישט!...

— וואָס קוועטשסטו אַזוי? — זאָגט צו מיר די מאַמע. — האָב צײַט, דאָס יאָר איז נאָך גענוג גרויס! איך בין דיר ערב, אַז דו וועסט זיי, אם ירצה השם, צערײַסן ביז איבעראַיאָר פּסח!... אַצינד גיי זיך דורך מיטן טאַטן צו יחיאל דעם קירזשנער, וועט מען דיר אויסקלײַבן אַ קאַשקעטל אױף יום־טוב; נאָר פּאַוואָליע די שטיוועלעך! קלאַפּ נישט אַזוי מיט די פּאָדעשוועס, זיי זײַנען נישט פֿון אײַזן!...

יחיאל דער קירזשנער זיצט די אַנדערע שטוב פֿון אונדז. מיר כאַפּן זיך אַרײַן דורכן הויף צו אים אין קלייט אַרײַן.

יחיאל אַ ייִד פֿון געבוירן דווקא אַ ווײַסער, מיט ווײַסע האָר; נאָר אַזוי ווי ער האָט שטענדיק צו טאָן מיט שוואַרצע געפֿאַרבטע היט־לען, איז ער שטענדיק ווי אויסגעשמירט אין סאַזשע; די נאָז איז באַ אים תמיד פֿון ביידע זײַטן פֿאַרבלאָעט, און די פֿינגער זײַנען ווי אײַנ־געטונקען אין טינט.

— ברוך־הבא, אַ שכן, סקאָצל קומט! — מאַכט צו אונדז יחיאל דער קירזשנער גאָר פֿרײַנטלעך. — פֿאַר וועמען ווילט איר דאָס אַ קאַש־קעט אױף יום־טוב? פֿאַר זיך אַליין טאַקע, צי פֿאַר אײַער ייִנגל?

— פֿאַר מײַן זון. — זאָגט דער טאַטע מיט גדלות. — נאָר איר זאָלט מיר ווײַזן עפּעס רעכטס... עפּעס אַזעלכעס... איר פֿאַרשטייט?

— דהיינו? — פֿרעגט יחיאל און קוקט אױף די פּאָליצעס.

— דהיינו, — זאָגט דער טאַטע און ווײַזט אים אױף די הענט —

ס'זאָל זײַן אי פײַן, אי שיין, אי גוט, אי וואָלוול, אי אַזוי... איר פאַר־שטייט?

— האָב איך פאַר אײַערטוועגן פונקט דאָס, וואָס איר באַדאַרפֿט!

— מאַכט יחיאל און טוט אַ כאַפּ פון דער פּאָליצע עטלעכע היטעלעך מיט אַ מאָל, און איטלעך היטעלע, בשעת ער טוט דאָס אַ נעם אױף דער האַנט, טוט זיך דאָס באַ אים אַ דריי אַליין פון זיך, עפּעס טאַקע נאָר ווי דורך אַ כשוף!... אַלע מינוט מעסט ער מיר אָן אַן אַנדער היטעלע, טרעט אָפּ אױף אַ האַלב אַרשין, טוט מיר אַ קוק אין פּנים אַרײַן מיט אַ שמייכעלע און אַ זאָג צום טאַטן:

— לאָמיר האָבן אַזאַ יאָר, ווי סע פּאַסט אים! — האַ? ווי געפעלט אײַך אַ היטעלע? שוין איין מאָל אַ היטעלע!

— ניין, רב יחיאל, נישט דאָס מיין איך! — זאָגט דער טאַטע און ווײַזט אים אױף די פינגער. — איך וואָלט וועלן אַ מין קאַש־קעטל אַזעלכעס, ס'זאָל זײַן, איר פאַרשטייט, אַ מין ייִדיש טאַקע, נאָר מיט דער מאָדע, אָן צאַצקעס, בעל־הבתיש, און און און... איר פאַר־שטייט?

— זאָגט זשע אַזוי! — מאַכט יחיאל און כאַפּט־אַראָפּ מיט אַ לאַנגן שטעקן פון דער אויבערשטער פּאָליצע אַ קאַשקעטל, אַ האַלב־קײַלעכיקס, אַ קאָלירנדיקס, מיט קעסטעלעך, מיט אַ ווייך דאַשעקל, און טראָגט דאָס צו אױף איין פינגער, און עס דרייט זיך באַ אים גיך־גיך, ווי אַ מילעכל... פּאַוואָלינקע טוט ער דאָס מיר אָן אָפּן שפּיץ קאָפּ, קוים וואָס ער רירט זיך צו, גלײַך ווי מײַן קאָפּ וואָלט געווען פון דין גלאָז און ער האָט מורא, ער זאָל זיך ניט צעברעכן, און ער ווינטשט זיך אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל, ווי דאָס קאַשקעטל פּאַסט מיר! ס'איז מער נישטאָ באַ אים, זאָגט ער, ווי דאָס איינס, ער זאָל אַזוי ריין זײַן פון שלעכטס!...

דער טאַטע דינגט זיך מיט אים לאַנג־לאַנג; יחיאל שווערט זיך, אַז נאָר צוליב אונדז גיט ער דאָס אַוועק אַזוי וואָלוול, כמעט אונטערן קערן, ער זאָל אַזוי האָבן אַ כשרן פּסח און אַלדאָס גוטס!...

איך זע, אַז דעם טאַטן איז דאָס קאַשקעטל שטאַרק געפעלן, מחמת ער גייט צו אַלע מאָל, שפּיגלט זיך אין דעם, טוט מיר אַ גלעט די פּאהלעך...

— ער זאָל באַטש איבערטראָגן דעם זומער. — זאָגט דער טאַטע.

— צוויי זומערן! — זאָגט יחיאל און שפּרינגט אונטער צום טאַטן.

— דרײַ זומערן! אזא יאָר אױף מיר, װאָס פֿאַר אַ קאַשקעטל דאָס איז! פֿאַרניץ געזונטערהײט!...

ביז איך קום אַרײַן אין שטוב אַרײַן איז שױן דאָס קאַשקעטל בײַ מיר אױף די אױערן. איך פֿיל, אַז ס'איז אױף מיר אַביסל צו גרױס.

— אַן אַן אומגליק. אַבי ס'איז ניט ענג! — זאָגט די מאַמע און רוקט דאָס מיר אַן כמעט ביז דער נאָז. — זאָלסט דאָס נאָר ניט אױס־טאָן אַלע מינוט און אָנטאָן צוריק! זאָלסט ניט טאַפּן מיט די הענט!... טראָג געזונטערהײט!...

ז.

געקומען מיטן טאַטן פֿאַרנאַכט אין שול אַרײַן דאַװענען, טרעף איך שױן דאָרטן אַלע מײַנע חברים: איציק און בערל, און לײבל, און אײַזיק, און צדוק, און װעלװל, און שמעיה, און קאָפּל, און מאירל, און חײם־שלום, און שכנא, און שעפּסל, און נאָך און נאָך. אַלע גײען אָנגעטאָן יום־טובדיק. אַלע מיט נײַע קאַפּאָטקעלעך, אַלע מיט נײַע שטיװעלעך, נײַע קאַשקעטלעך. נאָר קײנער טראָגט ניט אַזאַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ „פֿאַלבאָם", װי איך, קײנער גײט ניט אין אַזעלכע „שטיװאַלעס", װי איך, און בײַ קײנעם זע איך ניט אַזאַ מין משונה מאָדנע קאַשקעט, װי בײַ מיר... פֿון שפּאָלטן, פֿון קעשענעס און פֿון סקריפּקעס רײד איך שױן ניט; מע האָט מיך רעכט אָפּגענאַרט, אָנגעטאָן אַ ספּאָדעק!...

חברה האָבן מיך באַגעגנט מיט אַ געלעכטער:

— אַט דאָס זײַנען דײַנע נײַע בגדימלעך, װאָס דו האָסט זיך אַזױ באַרימט? װוּ איז דײַן שפּאָלט פֿון הינטן? װוּ איז דײַן קעשענע, װאָס דו האָסט געזאָגט? פֿאַרװאָס הערט מען עפּעס ניט דײַנע שטיװעלעך זאָלן סקריפּען?...

געענוג ס'איז מיר אַזױ אױך שװער אױפֿן האַרצן, זאָלן זײ מיר נאָך אױף די װונדן! איטלעכער זאָגט אױף מיר אַן אַנדער שטעכװערטל:

איציק זאָגט: װאָס איז דאָס בײַ דיר פֿאַר אַ קאַפּאָטכע?

בערל: אַ כאַלאַט!

לײבל: אַ כלאַמידע!

אײַזיק: אַ כלאַמינדריק!

צדוק: אַ זשיפּעצע!

װעלװל: אַ קלײדל!
שמעיה: אַ קראַנאַלינע!
קאָפּל: זע נאָר אַ פּאָר תחתונים מיט צװײ „טשאָבעטעס״!
מאירל: און אַ קאַשקעאוט!
חיים־שלום: אַ קאַטערוכע!
שכנא: אַ לאַקשנטאָפּ!
שעפּסל: אַ פּאַמעניצע!...

איך בין אַזוי צעקאָכט, אַז איך הער אַפילו ניט הערש־בער דעם חזן, װי שײן ער דאַװנט... איך קום צו זיך נאָר דעמאָלט, װען דער עולם זאָגט שױן אײנער דעם אַנדערן „אַ גוט יום־טוב! אַ גוט יום־טוב! אַ גוט יום־טוב!״... מיט אַ שװער געמיט און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ גײ איך מיטן טאַטן אַהײם, קױם װאָס איך שלעפּ די פיס. עס ברענט אַ פײַער אין מײַן האַרצן! עס גײט מיר ניט אײַן די אַרבע כוסות, װאָס מיר װעלן באַלד טרינקען, די פיר קשיות, װאָס איך װעל פרעגן דעם טאַטן, די הגדה, װאָס מיר װעלן זאָגן, די גוטע געפעפערטע פיש, װאָס מיר װעלן עסן מיט אונטערגעװײקטער מצה, די הײסע קנײדלעך, די כרעמזלעך מיט די פּאַלירטשיקעס, מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן — אַלץ, אַלץ איז מיר ניט ליב, נמאס, פאַרשטערט, פאַרשטערט!...

* * *

באַם סדר זיצט דער טאַטע, דער „מלך״, אין אַ װײַסן קיטל מיט דעם סאַמעטענעם קאַשקעט אױפן קאָפּ, אױבן־אָן, אױף דעם הסב־בעט. לעבן אים זיצט די מאַמע, די „מלכה״, מיט דעם אַנטיקמאָרענעם קלײד, מיט דער זײַדענער פאַטשײלע און מיט די שײנע פערעלעך, װאָס גיבן איר צו זײער פיל חן. אַקעגן זײ זיץ איך, דער בן־מלך, דער „פּרינץ״, אָנגעטאָן אין גאָלע נײַעס פון קאָפּ ביז די פיס. פון אײן זײַט זיצט בײלע דאָס דינסט־מײדל, אָנגעטאָן מיט אַ נײַער ציצענער „פּלאַטיע״ און מיט אַ װײַסן אָנגעקראָכמאַלעטן פאַרטעך, װאָס קנאַקט און טרישטשעט, װי אַ מצה. פון דער אַנדערער זײַט זיצט די ייִדענע די קעכן, ברײַנע מיט די װאָנצעס, מיט אַ נײַער געלער פאַטשײלע אױפן קאָפּ; זי האַלט זיך צו דאָס פּנים מיט אײן האַנט און שאָקלט זיך. זי איז אָנגעברײט צו „האָרכן״ די הגדה...

— כהא לחמא עניא, — זינגט דער מלך מיט זײער אַ שײ־

נער שטימע, און די מלכה העלפט אים הייבן די שיסל, און דאָס פּנים שײַנט איר און לײַכט, ווי א שטערן. ביילע לאָזט אראָפּ די רויטע הענט אַפן ווײַסן פאַרטעך, און דער פאַרטעך שעלעשטשעט, ווי א בלאַט. ברײַנע דערהערט א ייִדיש וואָרט, מאַכט זי א פרום פּנים און פאַרקרימט זיך צו וויינען. אַלע זײַנען אויפגעלייגט, אַלע זײַנען יום־טובדיק, נאָר דער פרינץ איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. דאָס האַרץ איז אים פאַרשטיינערט. די אויגן פאַרצויגן מיט א רויכל. ס'זאָל ניט זײַן פּסח צום סדר, וואָלט ער זיך צעוויינט. און אַז ער וואָלט זיך אויסגעוויינט, וואָלט אים אפשר געוואָרן אביסל גרינגער...

— השתא עבדי — לאָזט אוים דער מלך מיט א ניגון און מיט גרוים גדלות — הײַנט זײַנען מיר קנעכט, לשנה הבאה בני־חורין — איבער א יאָר זײַנען מיר פרײַע מענטשן!...

דער מלך זעצט זיך אַנידער און שפּאַרט זיך אָן אױף דעם הסב־בעט. נאָך אים זעצן זיך אַנידער אַלע אױף זייערע ערטער און מע וואַרט, ביז דער פרינץ וועט אויפשטיין און וועט פרעגן די פיר קשיות: „מה נשתנה?״ — וועט דער מלך נאָכדעם ענטפערן א תירוץ: „עבדים היינו״... דער פרינץ זיצט אָבער, ווי צוגעקאָוועט צום בענקל: ער קען זיך ניט רירן פונעם אָרט.

— נו?... — טוט א מאַך דער מלך מיט דער האַנט.

— שטיי אויף! — זאָגט די מלכה. — פרעג דעם טאַטן די פיר קשיות!

דער פרינץ רירט זיך ניט. ער פילט, אַז עמעצער האָט אים אָנגענומען ווי מיט אַן אָפּצווענגע באַם גאָרגל און ווערגט אים. דער קאָפּ בייגט זיך אים אױף א זײַט. די אויגן הייבן אים אָן שפרינגען — שפּרינגען; עס טיילן זיך אױף צוויי קײַלעכיקע טרערן, ווי פּערעלעך, קײַקלען זיך איבער די בעקלעך און קאַפּען, פאַלן גלײַך אױף דער הגדה.

— וואָס איז דיר? וואָס איז דאָס פאַר א געוויין פלוצים, אין מיטן דערינען, באַם סדר? — צעשרײַט זיך די מלכה און ווערט אין כעס. — דאָס דאַנקסטו אַזוי אױף פאַר די נײַע מלבושימלעך, וואָס מע האָט דיר געמאַכט אױף יום־טוב?

דער פרינץ וויל אויפהערן וויינען, קען ער ניט; עס קוועטשט אים,

עס שטיקט אים. עס האָט זיך אים מיטאַמאָל געעפנט אַ קוואַל, אַ גאַנצער ברונעם.

— זאָג, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי? וואָס שווייגסטו? ענטפער! צי דו ווילסט, דער טאַטע זאָל דיך אַנידערלייגן און אַריינ־פיצקען לכבוד פּסח?...

שטייט אויף דער פּרינץ און פּלאָנטערט מיט דער צונג:

— קשיא, איך וועל דיך פרעגן פיר טאַטעס... מיין איך — טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר... קש... קש...

דעם פּרינץ ווערן אונטערגעהאַקט די פיס, און ער פאַלט מיטן קאָפּ אַפן ווייסן טישטעך און וויינט און כליפּעט, ווי אַ פּיצעלע קינד...

אַ פאַרשטערטער, אַ פאַרשטערטער פּסח!...

געשריבן אין יאָר 1901

ל״ג־בעומר

א.

— אַנו, קומט נאָר אַ הער, קינדער, איך באַדאַרף אײַך עפּעס זאָגן אַ נײַס! — אַזוי רופֿט זיך אָן צו אונדז אַ טאָג פֿאַר ל״ג־בעומר דער רבי רב יודל מלאך־המוות, און מיר שטעלן אויף מויל און אויערן, וואָס וועט אונדז עפּעס דער רבי זאָגן פֿאַר אַ „נײַס״?

איך זע, ווײַסע הברהניקעס, אַז איר ווילט, איך זאָל אײַך דאָ אָפּמאָלן מײַן רבין, וואָס פֿאַר אַ פּנים ער האָט — טו איך אײַך צוליב; נאָר בתנאי, איר זאָלט מיך ניט קוועטשן, פֿאַרוואָס מען האָט אים גערופֿן מיטן נאָמען „מלאך־המוות״. אַ קלוג יינגעלע וועט זיך אַליין שטויסן פֿאַר וואָס: מחמת מיר האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט, ווי פֿאַר אַ מלאך־המוות. וועט איר דאָך פֿרעגן: פֿ אַ ר וו אָ ס האָבן מיר פֿאַר אים מורא געהאַט, ווי פֿאַר אַ מלאך־המוות? מחמת ער פֿלעגט אונדז שמײַסן מיט אײַזערנע ריטער ביז בלוט זאָל גיין. אַי, פֿאַרוואָס האָט ער אונדז געשמיסן מיט אײַזערנע ריטער ביז בלוט זאָל גיין, — מסתמא האָבן מיר פֿאַרדינט; מיר האָבן ניט געוואָלט לערנען... למאַי האָבן מיר ניט געוואָלט לערנען, מסתמא זײַנען מיר געווען גרויסע שקצים... הקיצור, ס׳איז דאָך אַ מעשה אָן אַ סוף — מע האָט אים גערופֿן „רב יודל מלאך־המוות״, און זײַט זיכער, אַז ער האָט דעם נאָמען פֿאַרדינט כשר, כאָטש אויסזען האָט ער אויסגעזען דווקא ניט ווי אַ מלאך־המוות: אַ קלײנס, אַ נידעריקס, אַ טרוקנס, ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק, ווי אַ פֿײַג הייסט דאָס; דאָס פּנים טונקל־גרין־געלבלעך, ווי אַ פֿאַראַיאָריקער לולב, און געקנייטשט, ווי אַ מצה שמורה; די באַקן אײַנגעפֿאַלן; אַ בערדל קוים־קוים וואָס סע שפּראָצט, אי דאָס — נאָר ערטערווײַז; אַ נאָז, זעט איר,

גראַד אַ היפּשע; הייבט זיך אָן דין און לאָזט זיך אויס גראָב, און אויס־געבויגן, ווי אַ שופר; און אין גאָרגל אַ קנאַפּ, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ און אַרויף, גלײַך ווי עס וואָלט אַרומגעלאָפן דאָרטן אינעווייניק אַ מײַזל...

— וואָס פאַר אַ טאָג האָבן מיר מאָרגן, — פרעגט אונדז דער רבי מיט אַ ניגון, בייגט אײַן דעם קאָפּ און מאַכט צו איין אויגל.

— ל״ג־בעומ־־ר! — שרײַען מיר אויס אַלע אין איין קול, ווי די ציגעלעך, אַז זיי שרײַען: „מעעע!״...

— וואָס איז ל״ג־בעומר? — פרעגט ער אונדז ווײַטער מיטן איי־גענעם נוסח.

— דרײַ און דרײַסיק טאָג אין דער ספירה! — ענטפערן מיר אים.

— וואָס טוען חדר־יינגלעך ל״ג־בעומר?

— חדר־יינגלעך ל״ג־בעומר לייגן זיך צונויף אַלע אינײנעם און מאַכן אַ סעודה.

— וואָס נאָך טוט מען ל״ג־בעומר?

— מע נעמט די „פֿײַלנבויגנס״ מיט די „ראָדביקסלעך״ און מע גייט געוואָפנט מיט כלי־זין און מיט געזאַנג ווײַט־ווײַט הינטערן שטאָט אַרויס.

— אָט אַזוי — רופט זיך אָן דער רבי און עפנט אויף דאָס אויגל — אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב! אָט אַזוי זײַט איר ווילע יינגלעך! און דערפאַר לאָז איך אײַך אָפּ פרײַ כמעט אַף אָנדערטהאַלבן מעת־לעת.

דערהערט דאָס וואָרט „פרײַ״ און נאָך „אַף אָנדערטהאַלבן מעת־לעת״, טוען מיר אַ שטיי אויף אַלע פון די ערטער און ווילן זיך לאָזן לויפן אַהיים; נאָר איין קוק פונעם רבינס קליינע אייגעלעך איז גענוג, אַז מיר זאָלן בלײַבן צוגעקאָוועט צו אונדזערע ערטער.

— אַהאַ. — רופט זיך אָן דער רבי שוין גאָר מיט אַן אַנדער נוסח. — זע נאָר, זע. שוין פאַרטיק אָפּן פּידפּאַליק?! איר האָט נאָר דער־הערט דאָס וואָרט „פרײַ״, האָט איר שוין פאַרגעסן דעם עול פונעם חדר און זײַט שוין גרייט צו שפּרינגען, ווי די ווילדע צאַפּקעלעך — האָץ־האָץ־האָץ! זאָג איך אײַך אָן, טאָמער חלילה... איר ווייסט דאָך שוין וואָס איך מיין? לאָם איך זען אַף עמעצן פון אײַך אַ ריס אַף דער קאַ־פּאָטע, אָדער אַ דראַפּ אָפּן פּנים, אָדער אַזוי עפּעס אַ סימן פון שקאָצערײַ, — מאַך איך פון אײַך...

דער רבי רב יודל נעמט אַרויס דעם קאַנטשיק פון דער גמרא „מסכת מכות“ און מאַכט צו אונדז אַזוי:

— ווייסט איר וואָס, קינדער? וואָס טויג אונדז ווערטער? מוסר? שטראָפּרייד? — נאַרישקייטן! איר וועט דאָך מיך גְעוִויס ניט פאָלגן, וועל איך דאָך אײַך נאָכדעם געוויס דאַרפן שמײַסן; אַמער, לייגט זיך שוין איינציקווײַז אַנידער, לאָם איך אײַך געבן לעת־עתה צו עטלעכע שמיצלעך, אַן אַדערויף הייסט דאָס... אַי וואָס? טאָמער וועט דאָס זײַן קאַרגלעך? האָט קיין יסורים ניט: אם ירצה השם, נאָך ל״ג־בעומר וועל איך אײַך, נישקשה, פאַרבעסערן... נו, חברה, מאַכט זשע ניט. איך בעט אײַך, קיין לאַנגע שהיות, הייבט אָן שפּיליען די הייזלעך, אַן עבירה די צײַט, דער טאָג שטייט ניט!...

און דער רבי באַטראַכט די ריטלעך פונעם קאַנטשיק גאַנץ רויק, ווי מע באַטראַכט, אַ שטייגער, ערב שבת די פּאָדעם פון די ציצית אינעם טלית־קטן; ער גלײַכט זיי אויס, פּרוּווט זיך פריִער מיט זיי אַביסל אויף דער לופט; נאָכדעם שטייט ער אויף, גייט צו צו דער לאַנגער באַנק, נעמט אַ גוטן שמעק טאַבעקע און איז אָנגעברייט צו דער אַרבעט... מיר לאָזן זיך לאַנג ניט בעטן, ווי יצחק בשעת אברהם אָבינו האָט אים געפירט צו דער עקדה. מיר שטייען אויף איינציקווײַז און גייען צו צו דער באַנק, ציִען אַראָפּ די הייזלעך און לייגן זיך אַנידער שטיל, אָן ווער־טער, דאָס העמדעלע אַרויף, מיטן פּנים אַראָפּ, ווי איינער רעדט: „נאָט אײַך, רבי לעבן, דאָס וואָס איר האָט געוואָלט“...

— אָט אַזוי, יאָסעלע, האָב איך דיך ליב! — מאַכט צו מיר דער רבי און שענקט מיר עטלעכע גרינגע שמיצלעך דערפאַר, וואָס איך האָב מיך געלייגט דער ערשטער. — אָט אַזוי, קעצעלע: איינס... צוויי... דרײַ... פיר... פינף... זעקסטו? אַיאָ, אַז דער רבי שמײַסט אָפּ, ווערט מען גאָר אַן אַנדער מענטש?... אַצינד, מאָטעלע, — מאַכט ער צו מײַן ברודער מאָטל — קום נאָר דו הער!... די „יאָסעלעך“ מיט די „מאָ־טעלעך“ האָב איך ליב דערפאַר, וואָס זיי לאָזן זיך ניט לאַנג בעטן. זיי. אַז מע זאָגט „לייג זיך“, לייגן זיי זיך... שמואליקל, נשמה מײַנע, ליג, ליג, נאַרעלע, עס וועט לאַנג ניט געדויערן, ניט מער זאָל דער ייִדישער גלות געדויערן!... און דו, לייבעניו, וואָס געדויערט בא דיר אַזוי לאַנג דאָס צעשפּיליען זיך? מאַך עס בקיצור!... אַברהמעלע, מײַן טײַערס, דיר בין איך שולדיק אַ חוב נאָך פון נעכטן. עס וועט שוין זײַן בא אונדז

אינאיינעם איין רעכענונג... שימעלע! וואָס מאַכט עפּעס די ציג, וואָס דו ביסט געפֿאָרן אויף איר רײַטנדיק? דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פֿאַרגעסן?... הערשל דער קליינער! זאָג הערשל דעם גרויסן, ער זאָל זיך מטריח זײַן פֿאַרקאַטשען דאָס העמדל; נישקשה, דאָ זײַנען גאָלע מאַנצבילן... קום נאָר אַהער, טאַפּעלע טוטאַריטו! האָב קיין פֿאַראיבל ניט, וואָס איך בין דיך מכבד מיט „אחרון"; דער טאַטע דײַנער דער שמש איז ניט געוווינט געוואָרן צו גרעסערע כּיבודים...

אָפּגעשמיסן קאַפּלען אויך, גלײַכט זיך דער רבי אויס די ביינער, נעמט זיך מיטן גראָבן פֿינגער באַם גאָרגל, אָפּן חזנישן שטייגער, און זינגט אויס מיטן ניגון, וואָס מע רופֿט אויף אַ חתן, און ציקלט זיך בשעת מעשה, פּונקט ווי רב הערש־בער דער חזן:

— יע־מוד הח־תן יום־טוב ליפּמאַן ברב שלום־אײַזיק מפ־טיר!... נישקשה, שעם זיך ניט, רב ליפּע, דו ביסט טאַקע אַ בר־מצווה־ייִנגל, און אַ חתן דערצו, מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קאַפּעטע, נאָר פֿונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן — לכּבוד ל"ג־בעומר מענסטו זיך מטריח זײַן אַנידערלייגן אָט דאָ אָפּן בענקל. איך וועל דיר חלילה קיין שלעכטס ניט טאָן, איך וועל דיר נאָר אָפּשמײַסן, מער גאָרניט!... איך בין דיר ערב, אַז ביז דער חתונה וועט זיך פֿאַרהיילן... ליפּע, ליג גלײַך, ליפּע, מאַך ניט קיין אָנשטעלן, איך האָב קיין כּוח ניט צו באָרען זיך מיט אַזאַ בחורעץ, ווי דו! אָט אַזוי, לאָז אײַך ווויל באַקומען!... אַצינד פֿאַרשפּיליעט זיך גאַנץ פֿײַן, קינדערלעך, וואַשט די הענט און דאַוונט אײַך אָפּ מנחה און — מאַרש אַהיים. נאָר שטיל, פֿײַן, שיין, אַזוי ווי איך האָב ליב... און, אם ירצה השם, איבערמאָרגן גאַנץ פֿרי זאָלט איר מיר זײַן אָט דאָ אַלע אָפּן אָרט, נאָר ווי עס געהער צו זײַן, פּײַנטשיק! איר האָרכט, וואָס מע רעדט צו אײַך? לאָם איך זען אויף עמעצן אַ שפּרינקעלע! אַ האָר!... אַ גוטע נאַכט, גייט געזונט, און האָט אײַך אַ פֿריילעכן יום־טוב!

ב.

אויף מאָרגן האָט נאָט אַרויסגעצויגן די זון פֿון איר פֿוטער־פּאַס און האָט אונדז געשענקט אַ שיינעם, אַ ליכטיקן, אַ פֿריילעכן זומער־טאָג, איינעם פֿון יענע שיינע ליכטיקע זומער־טעג, וואָס אפילו אין דעם פֿינצ־

טערן וויסטן כתרילעווקע, וואָס ליגט באַם טײַך „שטונקײַלאָ”, איז די לופט שמעקנדיק, פריש, מחיה־נפשות. דער הימל איז לויטער בלוי. די פייגעלעך זינגען. עס גלוסט זיך אין דרויסן אַרויס, אַף דער לופט. עס ציט אַהין, ווײַט־ווײַט פון דער בלאָטיקער שטאָט אַרויס, דאָרט, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזעלע, און די ביימער זײַנען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלעך, דאָרט, ווו גאָטס פייגעלעך טאַנצן און שפּרינגען, פּישטשען און זינגען... אין יענעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך געכאַפּט, איך און מײַן ברודער מאָטל, אויפשטיין וואָס פריִער, אָפּדאַווענען וואָס גיכער, נעמען דעם אָנבײַסן מיט זיך — און מאַרש צו ליפּע שלום־אײַזיקס! וואָס עפּעס צו ליפּע שלום־אײַזיקס? ווײַל, ערשטנס, איז ליפּע שלום־אײַזיקס דער עלטסטער פון די תלמידים, אַ בר־מצווה־ייִנגל, און אַ חתן דערצו, מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קאַפּערטקע; און, צווייטנס, איז דאָרט פאַראַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס דאָרט פלעגן מיר פאַרברענגען דעם גאַנדערן האַלבן טאָג פרײַטיק, שפּרינגען אַף איין פוס, שפּילן אין „קוצי־באַבע”, אין „עקאַך און מקח”, אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז”, אָדער אין „באַהעלטערלעך”, אָדער אין „טרעפּעניש"...

אַז מיר זײַנען געקומען, איך און מײַן ברודער מאָטל, צו ליפּע שלום־אײַזיקס, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן די גאַנצע חבֿרה (אַרום און אַרום זײַנען מיר געווען פיר און פערציק פּאַרשוין, תלמידים פון צוויי חדרים: פון „רבֿ יודל מלאך־המוות” און פון „רבֿ אפרים תלין").

— אָט זײַנען שוין די „יאַסעלעך” און די „מאָטעלעך” אויך דאָ! ווײַזט, וואָס האָט איר געבראַכט? — רופט זיך אָן ליפּע שלום־אײַזיקס. און ער הייבט אָן צונויפנעמען די מתנות, וואָס יעדער האָט געבראַכט צו דער סעודה, און אויסרופן אַף אַ קול איטלעכן צום גראַם:

— מענדל, מע מעג עסן פון דײַן פענדל! אַנו, ווײַז וואָס האָסטו דאָרטן? צוויי אייער־בייגל, אַ שטיק לעקעך, איין איי מיט זעקס גראָשן.

— איציק־שפּיציק, נאָדל־טעשל! גיי אין קלייט, כאַפּ אַ פלעשל! עפּעס זע איך באַ דיר, קיין עין־הרע ניט, אַ גאַנצן אוצר: צוויי קיכלעך, דרײַ אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטלעכע צוקער־לעקעכלעך מיט מאַנדל־בייגעלעך, און האָזענע ניסלעך עפּעס גאָר אַ גוזמא — אהאָ! און נאָך צען גראָשן דערצו! מאָלאָדיעץ!...

— יענקעלע־בענקעלע־פלעשעלע — בול־בול־בול! באַווײַז זיך אַרויס מיט דײַן גוטס: אַ בולקע אַ גאַנצע, אַ פערטל עוף, אַ גלעזל געגדזן־

שמאָליק — וואָס איז דאָס? אַ פֿלעשל מעד? הערסטו, ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ מזיק, כ׳לעבן!...

— שמהליע־שטויסעלע, קלאַפּ אין שול! אַלטע ווײַבער שלאָפֿן! קום נאָר אַהער, האָסט געבראַכט בראָנפֿן? — האָב איך דיך ליב, וואָרעם ווי האָט איר געזען אַ „סעודה" אָן בראָנפֿן?...

— אָבי — פֿאָטער, קלמן — טאָטער, טאָטער — קלמן, שניאור — זלמן, זלמן — שניאור, שלאָף אין שלייער! באַוויַזן, באַוויַזן, שעם זיך ניט! אַ האַלב איי סך־הכל?... אַ שטיקל ברויט מיט האָניק?... אויך אַ מטבע! גיב אַהער, נישקשה, עס מאַכט ניט אויס! דערויף איז דאָס ל״ג־בעומר, אַ שותּפֿותדיקע סעודה!...

— טאָפּעלע טוטאַריטו! וויַז וואָס האַלטסטו דאָרטן? אַ טאָפּיטע מיט אַ שטיקל בולטע מיט אַ טעפּל טנאָבל? וואָס האָט דיר די מאַמע אַזוי ווינציט דערעבן?... — ליפּע שלום־אײַזיקס מאַכט אים נאָך, ווי ער רעדט מיט דער „טוף", און חברה קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער, און קאַפּל אַליין לאַכט אויך.

— יואליק־בייליק האָט דעם גרעסטן חלק! דו ביסט דאָך עפּעס אַ נגידס אַ יינגל, באַ דיר קער אוודאי זײַן אַ גאַנצער אוצר פֿון ביצים און פֿון שמאַלץ, פֿון ווײַן און פֿון בראָנפֿן און פֿון כּל־טוב! איאָ, איך האָב געטראָפֿן? צוויי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אַהאָ! אַ צענדליק אייער, און טיי און צוקער. הײַנט ניסלעך, מיט באָק־סערן, מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און פּאָמעראַנצן, און אַ לימענע אויך — ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן! קום אַהער, לאָם איך דיר כאָטש זאָגן אַ דאַנק!

יואליק דעם נגידס גייט צו, די הענט אין די קעשענעס, מיט גרויס גדלות, און ליפּע שלום־אײַזיקס דערלאַנגט אים אַ שנעל אין נעזל אַרײַן, צווישן עולם ווערט אַ געלעכטער.

— אַצינד, קינדער, זעצט זיך אויס אַלע אָט אָ דאָ, צווישן די קלע־צער, — זאָגט ליפּע שלום־אײַזיקס, — לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען צו דער סעודה. בראָקט און עסט און „לאָז אײַך וווּל באַקומען", ווי דער רבי זאָגט, אַז ער שמײַסט אונדז אָפּ... ווער האָט אַ גלעזל? גיב אַהער, לאָמיר טרינקען לחיים! לחיים, מלך! אַז מע טרינקט, איז מען פֿריי־לעך! לחיים, נוח! פֿון פֿלעשל ציט מען כּוח! קום אַהער, ניסל, נעם בראָנפֿן אַביסל! לחיים, שעפּסל! מאַך אַ שנעפּסל! לחיים, אַברהם־משה!

דו האָסט דאָך ליב אַ כוסה אַ גרויסע! לחיים, טאַפּעלע! דאַט זאָל דעבן דעזונט מיט דליט מיט אַלדאָס דוטס! טרינט אוים דאָס דאַנצע דלעזל, אַניט דים איך דיר אַרײַן אין דאָרדל מיט דוואַלד, וועסטו ערדער מאַכן!...

אַלע לאַכן, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— קינדער! זאָגט, וווהין גייען מיר הײַנטיקס יאָר? — טוט אַ פרעג ליפּע שלום־אײַזיקס נאָך דער סעודה.

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפּילדער. איטלעכער זאָגט זײַן מיינונג, וווהין מע זאָל גיין.

— אַף יענער זײַט בית־עולם! — זאָגט מלך דער אַלמנהס.

— אַף דער ליוואַדע! — מאַכט נוח דעם שוחטס.

— צו דער ציגעלניע! — שרײַט אוים אברהם־משה דעם וויינערס אַף אַ הילכיק קול.

— צו דער ציגעלניע! צו דער ציגעלניע! — העלפן אים אונטער עטלעכע קולות מיטאַמאָל.

— דאָרט איז פאַראַן הינט, איר האָט שוין פאַרגעסן? — רופט זיך אָן ניסל, אַ יינגל אַ בלייכס מיט אַן איבערגעשראָקענעם קוק.

— ווער האָרכט זיי? ווער האָט מורא פאַר הינט? — זאָגט יואליק דעם נגידס מיט שטאַרקייט.

— דו אַליין האָסט מורא פאַר אַ הונט אימת־מוות! — האַקט אים איבער דוודל־צעהאַקטע־ליפּ.

— ניט פאַר אַ הונט, אפילו פאַר אַ קאַץ!... — כאַפּט אונטער שעפּסל, אַ יינגל מיט אַן אָפּגעבריטער באַק, און צווישן חברה ווערט אַ געלעכטער.

יואליק דעם נגידס ווערט אָנגעצונדן, לֹמאי מע לאַכט פון אים, גייט ער צו צו שעפּסלען מיט דער אָפּגעבריטער באַק און טראָגט אים אונטער אַ פײַג גלײַך אונטער דער נאָז; כאַפּט ער אַ זעץ פון דוודל־צע־האַקטע־ליפּ אין זײַט אַרײַן; ענטפערט ער צוריק; הייבט ער אָן כאַפּן פעטש פון אַלע זײַטן... אין אַן אַנדער צײַט וואָלט זיך קיינער ניט אײַנגעשטעלט אַרויסטרעטן פראַנק און פרײַ קעגן אַ נגידס אַ יינגל, נאָר ל״ג־בעומר מאַכט ניט אוים, ל״ג־בעומר איז מען פרײַ...

— שאַט! — רופט זיך אָן ליפּע שלום־אײַזיקס. — גענוג אײַך קריגן זיך! ווייסט איר וווהין מיר זאָלן גיין הײַנטיקן ל״ג־בעומר?

— וווהין? וווהין?

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע!

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע! קיין גאַלאַגאַנאָווקע! — שרײַען אַלע אין איין קול, און אפילו קוקאַריקו העלפֿט קוויטשען אױף זײַן דין קולכל: „דאַלאַדאַנאָווטע! דאַלאַדאַנאָווטע!"...

און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען קיין גאַלאַגאַנאָווקע.

ג.

גאַלאַגאַנאָווקע איז אַ דערפֿל, ניט ווײַט פֿון כתרילעווקע. אַז איר פֿאָרט צו אונדז קיין כתרילעווקע, מוזט איר פֿריִער דורכפֿאָרן דאָס דאָזיקע דערפֿל; אַז איר פֿאָרט דורך דאָס דאָזיקע דערפֿל, מוזט איר באַגעגענען אַ גאַנצע טיטשקע מיט קליינע שקאָצימלעך מיט גרויסע היטלען, וואָס לויפֿן אײַך נאָך נאָכן וואָגן, וואַרפֿן שטיינדלעך, רייצן אָן די הינט, מאַכן משוגענע העוויות און זינגען בשעת מעשה עפּעס אַ פּאַסקודנע לידל:

זשיד, זשיד, פּאַרכאָוויק!
זאָהוביוו טשערעוויק!
אַ יאַ שאָוו,
טאַי נאַשאָוו,
טאַי פּידניאָוו,
טאַי פּישאָוו...! *

און כאָטש די דאָזיקע ווערטער האָבן ניט קיין טעם און קיין ריח, פֿונדעסטוועגן פֿאַרדריסט דאָס אײַך גאַנץ גוט; און ניט אַזוי די ווערטער, ווי דאָס געלעכטערל זייערס; און ניט אַזוי דאָס געלעכטערל, ווי די שטיינדלעך, וואָס זיי וואַרפֿן; און ניט אַזוי די שטיינדלעך, ווי די הינט, וואָס זיי רייצן אָן אױף אײַך...

— וואָס וועלן מיר אָבער טאָן, — פֿרעגט איינער פֿון אונדז — טאָמער חלילה פֿאַלן אָן אױף אונדז די שקאָצימלעך?

— וואָס האָרכן מיר שקאָצימלעך, — זאָגט ליפּע שלום-אײַזיקס — אַז מיר זײַנען, קיין עין-הרע, פֿיר-און-פֿערציק פּאַרשוין, אָנגעוואָפֿנט

---

* ייִד, ייִד, פּאַרך, האָסט פֿאַרלאָרן אַ שוך! בין איך געגאַנגען, און האָב אים געפֿונען, און האָב אים אויפֿגעהויבן, און בין מיר אַוועקגעגאַנגען.

מיט כלי־זיין, מיט „פּײַלן־בויגנס", מיט „ראַדביקסלעך" און גלאַט מיט שטעקלעך? אדרבה, לאָזן זיי זיך פּרוּוון אָנפאַלן אַף אונדז!

— מיר וועלן זיי באַווײַזן ווער מיר זײַנען! — זאָגט יואליק דעם נגידס, וואָס האָט גאָר פאַרגעסן, אַז מע האָט אים נאַרוואָס אויסגעלאַכט און „אָנגעבוכעט".

— מיר וועלן זײַן די „בני־ישראל", און זיי וועלן זײַן די „פּלשתּים"!

— פאַלט מײַן ברודער מאַטל אַף אַ המצאה, און דאָס געפעלט אַלעמען.

— איר זאָלט מ י ך וועלן פאָלגן, — לייגט פאָר חיים, אַ גמרא־ייִנגל פון רב אפרים תּלינס חדר — וואָלטן מיר זיך באַדאַרפט אײַנטיילן אין צוויי מחנות: איין מחנה וועט הייסן „י ה ו ד ה" און די אַנדערע — „א פ ר י ם". לאָז ליפּע שלום־אײַזיקס זײַן דער פירער פון דער „מחנה יהודה", דאָס הייסט, פון „יודל מלאך־המוותעס" חדר, און מענדל לאַשעק וועט זײַן דער פירער פון דער „מחנה אפרים", דאָס הייסט, פון „אפרים תּלינס" חדר.

— גערעכט, ווי איך בין אַ ייִד! — העלפן אים אונטער עטלעכע מיטאַמאָל. — יעקב אָבינו, בשעת ער איז געגאַנגען מלחמה האַלטן מיט עשׂוון, האָט אויך אַזוי געטאָן; ער האָט זיך געטראַכט: טאָמער פאַלט אָן דער שונא און צעשלאָגט איין מחנה, וועט די אַנדערע מחנה מאַכן אַ פּליטה...

— **קיינער, קיינער וועט ניט מאַכן קיין פּליטה! — זאָגט ליפּע** שלום־אײַזיקס. — מיר וועלן שלאָגן די „פּלשתּים" עד חרמה — מאַכן פון זיי אַ תּל! קינדער, נעמט די כלי־זיין און קומט אַף די פּלשתּים!

— לאָמיר זינגען עפּעס אַ לידל, קינדער!

— אַ לידל! אַ לידל!

— וואָסער אַ לידל זאָלן מיר זינגען?

ראַז, דוואַ, דרי, טשעטירע! פּאָידעם, פּאָידעם נאַ קוואַטירע!

אַכטער, באַכטער, קאַלישקאַ! וואָסיעם דענגי ראַבאַשקאַ!

— פע, פע! אַ ייִדיש ליד! אַ ייִדיש!...

און נוך דעם שוחטס ציט אוים מיט אַ ניגון אַף זײַן שיין קולכל:

אָמר ד' ליעקב —

סקאַזאַל פּאַן־באָג דאַ יעקב:

אַל תּירא, עבדי יעקב —

ניע פּוגאַיסיאַ, באַרין יעקב!

און מיר אַלע כאַפּן אונטער פריילעך אױף רוסיש:

ניעט, ניעט, ניטשאַווא,
ניע באַימסיאַ ניקאַווא,
טאַלקאַ באָגאַ אַדנאַווא!...

ד.

— װוּ נעמט מען איצטער עטלעכע פּלשתּים? — רופט זיך אָן יאָליק דעם נגידס און ציט־אָן דעם פײַלנבויגן.

— איך װאָלט זיך אָן זײ נוקם געװען! — מאַכט יאַנקל און שטעלט אָן דאָס ראַדביקסל.

— געמאַכט פון זײ אַ תּל! — רופט זיך אָן חיים און צעלאָזט זיך מיט אַ שטעקל.

— צעריסן אױף צװײטען! — זאָגט אַברהם־משה און באַװײַזט מיט די הענט, װי אַזוי ער װאָלט צעריסן אַ פּלשתּי אױף צװײען.

— שאַט, קינדער! — רופט זיך אָן אײנער. — אָן פֿאַרט אונדז אַקעגן אַ „פּלשתּי" מיט אַ פּאָר אָקסן!

דאָס איז זיך געפאָרן פון דאָרף אין שטאָט אַרײַן אַ גױ מיט אַ גרױס שמױסן היטל, זיך געזעסן גאַנץ רויִק אין װאָגן, געפּיפּקעט אַ ליולקע, געדרײט מיט דער בײַטש און אונטערגעטריבן די אָקסן: „הײ, הײ, סאָב סאַלאָװײ!"

— קינדער! ציט אָן די פײַלנבויגנס! — קאָמאַנדעװעט ליפּע שלום־אײַזיקס צו דער „מחנה יהודה".

— קינדער! צילט אײַך מיט די ראַדביקסלעך גלײַך אױפן „פּלשתּי"!

— קאָמאַנדעװעט מענדל־לאָשעק צו דער „מחנה אפרים".

מיר ציִען אָן אונדזערע פײַלנבויגנס און צילן זיך מיט די ראַד־ביקסלעך, און נאָך דעם שוחטס ציט־אױס מיט אַ ניגון:

בחר ר' ביעקב —
אזבראל פאַן־באָג ביעקב;
אַל תּירא, עבדי יעקב —
ניע פּוגאַסיאַ, באַרין יעקב-

און מיר כאַפּן אונטער אַף רוסיש:

ניעט, ניעט, ניטשאַווא,
ניע באָימסאַ ניקאַווא,
טאָלקאָ באָגאַ אַדנאַווא!...

דער „פּלשתי" האָט זיך, אַפּנים, שטאַרק איבערגעשראָקן פאַר אונ־דזערע „צוויי מחנות". ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, האָט זיך איבערגעצלמט דרײַ מאָל, אויסגעשפּיגן און האָט זיך אָנגערופן צו אונדז מיט אַ גראָב קול:

— ווי טשאַהאָ, זשידעניאַטאַ, נעכריסטי פּראָקליאַטיע? * — און האָט אונדז געמאַכט אַ רעכטן „מי־שברך" און האָט געוואָלט אַראָפּ פונעם וואָגן מיט דער בײַטש און זיך שטעלן מיט אונדז מילחמה האַלטן.

— ווייסט איר וואָס, לאָמיר דעם דאָזיקן פּלשתי לאָזן צורו! — זאָגט יואליק דעם נגידס. — וואָס האָט ער אונדז געטאָן? מיר גייען דאָך מילחמה האַלטן מיט די קליינע „פּלשתימלעך"...

— גערעכט, ווי איך בין אַ ייִד, גערעכט! — שרײַען מיר אויס אַלע מיט אַ שמחה, און גורטן אָן אונדזערע לענדן, און לאָזן זיך לויפן, ווי די גבורים, אַלע מיט דעם אייגענעם ניגון:

גאַל ד' את יעקב —
ספּאַסאַל פּאַן־באָג את יעקב;
אל תירא, עבדי יעקב —
ניע פּוגאַסיאַ, באַרין יעקב!...

און מיר אַלע כאַפּן אונטער אַף רוסיש:

ניעט, ניעט, ניטשאַווא,
ניע באָימסאַ ניקאַווא,
טאָלקאָ באָגאַ אַדנאַווא!...

— אַצינד, קינדער, לאָמיר זיך צוזעצן אַביסעלע אָפּרוען! — קאָמאַנדעווען אונדזערע ביידע קאָמאַנדירן, ליפּע שלום־אײַזיקס און מענדל־לאָשעק, און מיר פּאַרקאַטשען די קאַפּאָטקעלעך און זעצן זיך אויס אַלע אין פעלד, אַפּן גרינעם גראָז, און ציִען זיך אויס אַף דער ערד, און קוקן

*) וואָס טוט איר דאָ ייִדעלעך, נישט קיין געטויפטע, פאַרשאָלטענע?

ארויף, אין ריינעם בלויען הימל אַרײַן, ווו עס שווימען שטיקלעך וואָלקנס, ווײַסע ווי זילבער און דינע ווי רויך, ווו אַ לאַנגע שורה פייגעלעך שוועבן שטילערהייט, טוקן זיך אין טיפן הימל און ווערן פארשוווּנדן.

— ווו זײַנען, אַ שטייגער, אהינגעקומען די פייגעלעך? — טוט אַ פרעג איין יינגל באַם אנדערן און קוקט אין הימל אַרײַן.

— זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַפן שפּיץ באַרג פון די בערג „אררט", — ענטפערט אים דאָס אנדערע יינגל, גלײַך ווי ער וואָלט דאָס געוווּסט פאַר געווים.

— וואָס עפּעס אררט? — טוט אים יענער אַ פרעג נײַגעריק.

— ווײַל אררט איז דער העכסטער פון אַלע בערג! — ענטפערט אים יענער, ווי אַ מענטש, וואָס ווייס אַלצדינג אויף דער וועלט.

איך ליג און הער זיך צו צו די דאָזיקע רייד פון די צוויי יינגלעך, און איך פארשטיי נישט, ווי קומט אַהער אררט? אררט איז דאָך אין ארץ־ישראל, און מיר זײַנען אין חוץ־לארץ! נאָר באַלד צוריק פארענט־פער איך מיר אַליין די קשיא מיט אַ נײַער קשיא: למאַי די פּלשתים? די פּלשתים זײַנען דאָך אויך דאָרטן, פונדעסטוועגן גייען מיר דאָך אויף די פּלשתים!...

יענע צוויי באַריידעוודיקע חברה־לײַט הערן נישט אויף צו ריידן צווישן זיך. איינער פרעגט, דער אַנדערער ענטפערט.

— וואָס וועט זײַן נאָכדעם, אַשטייגער, אַז מיר וועלן, אם ירצה השם, אײַננעמען די פּלשתים?

— וואָס האָסטו געוואָלט, זאָל זײַן?

— איך מיין, וואָס וועלן מיר טאָן מיט זייער לאַנד?

— וואָס האָסטו געוואָלט, זאָלן מיר טאָן?

— איך מיין, צי מיר זאָלן דאָס לאַנד „פארוויסטן", די שטעט „פארברענען" און זייערע ווײַבער מיט זייערע קליינע קינדער „שלאָגן צום שארפן שווערד"?

— למאַי זאָלן מיר ברענען שטעט? און וואָס האָסטו צו די קליינע קינדער נעבעך?

— ס'טײַטש, סע שטייט דאָך אָבער אַזוי געשריבן אין פּסוק!

— אַ משל! יענץ איז געווען אַמאָל, און דאָס איז הײַנט! עס וועט זײַן גענוג פון זייערטוועגן, אַז מיר וועלן אויף זיי ארויפלייגן מס, זיי זאָלן אונדז צאָלן צינז...

דער שמועס פון די צוויי ווײַסע־חברהניקעס, די ווייכע וואַרעמע לופט, דער בלויער הימל, דאָס גרינע גראָז און דער ריח פון דער ערד וואַרפן־אָן אַף אונדז עפּעס אַ מין זיסקייט, אַ דרעמל, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים. מיר וואָלטן אַזוי געלעגן אַ גאַנצן טאָג, עס זאָל זיך נישט געווען אויפכאַפּן איינער מיט אַ געשריי:

— פּלשתים! פּלשתים!...

ה.

אַז מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַף די פיס, האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ טשערעדע פון שעפּעלעך, און עטלעכע יונגע פּאַסטוכער מיט גרויסע בולאַוועס זײַנען געשטאַנען, אונדז באַטראַכט און איבערגעשמועסט זיך איינער מיטן אַנדערן אַף זייער לשון:

— שאָ צע טאַקע, הריציו?

— מאַבוט, נעטשיסטאַ?

— ני, צע זשידעניאַטאַ איז קאַסרילאָווצי.

— נעכריסטי סאָבאַטשי!

—טאַי שטשע סלאָמאַקאַמי, דיווים!

— דאַוואַי, כלאָפּצי, טרעשטשאַטי!

— סאָבאַק נאַצקאָוואַטי!

— דערזשי, כלאָפּצי!

— היי, כלאָפּצי, כלאָפּצי!...*

— וואָס שווײַגט איר, קינדער? — רופן זיך אָן צו אונדז אונדזערע צוויי קאָמאַנדירן, און מיר שטעלן אָן די פּיילנבויגנס מיט די ראָדביקסלעך, און נח זינגט:

---

*) וואָס איז דאָס, הריצע?
*) אפנים, רוחלעך?
*) ניין, ס'איז כתרילעווקער יידעלעך.
*) יידן — כלבים
*)און נאָך מיט שטעקלעך, זען!
*) נעמט, בעוורע, קלאַפּט זיי!
*) די הינט אנרייצן!
*) האַלט חברה!
*) עי, חברה! חברה!...

דורך כוכב מיעקב —
אַל תירא, עבדי יעקב —
ווזאַשלאַ זוויעזדאַ אין יעקב;
ניע פוגאַסיאַ, באַרין יעקב!

און מיר כאַפּן־אונטער אַף אַ קול:

ניעט, ניעט, ניטשאַוואָ,
ניע באַימסיאַ ניקאַוואָ,
טאַלקאַ באַגאַ אַדנאַוואָ!

און די מילחמה פון די „בני־ישראל" מיט די „פּלשתים" האָט זיך אָנגעהויבן.

. . . .

קוועטשט מיך נישט, ייִדישע קינדער, איך זאָל אײַך דערציילן, וויאַזוי איז געגאַנגען די מילחמה צווישן די „בני־ישראל" און צווישן די „פּלשתים"! פרעגט מיך נישט, ווער פון זיי האָט גובר געווען? למאַי זאָלט איר מיר אָנטאָן יסורים?... איך קאָן אײַך נאָר עדות זאָגן, אַז די „קינדער פון ישראל" האָבן זיך געשטאַרקט, ווי די לייבן, געלאָפן ווי די הירשן, און געשלאָגן זיך מיט מסירות־נפש, ווי די אמתע גבורים, אַזוי אַז אפילו „טאַפּעלע טוטאַריטו" איז געשפרונגען אין פײַער אַרײַן, ווי אַ מזיק, און האָט געקוויטשעט אַף זײַן דין קולכל:

— טינדער! טלאַפּט זיי! האַרדעט זיי! זיי זאָלן אונדז דערדענטען!...

נאָר, אוי וויי, וואָס האָבן נעבעך געקאָנט טאָן די „בני־ישראל", אַז עס האָבן זיך אַרײַנגעמישט די כלבים, די הינט פון די „פּלשתים", און האָבן אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכע מהומה, אַ טומל אין אונדזערע צוויי מחנות, און די „בני־ישראל" האָבן געמוזט אַנטלויפן צוריק מיט בזיונות (פריִער פון אַלע איז געלאָפן יואליק דעם נגידס פּײַל אויסן בויגן!) נישט אַזוי פאַר די „פּלשתים", ווי פאַר זייערע הינט, וואָס האָבן אונדז נאָכגעיאָגט ביז אין שטאָט אַרײַן... אוי וויי, פון אונדזערע צוויי מחנות איז געוואָרן איין מחנה! מיר האָבן שוין מער נישט געזונגען קיין „אַל תירא עבדי יעקב, ניע פוגאַסיאַ באַרין יעקב"... ניין! מיר האָבן שוין געזונגען אַן אַנדער לידל. מיר האָבן געשריגן:

— גוואַלד, רבונו של עולם! הושענא!... שמע ישראל!!!...

ז.

געקומען אהיים זײַנען מיר שוין שפּעטלעך, ארום מנחה־צײַט, און האָבן זיך ארײַנגעגנבעט, איך און מײַן ברודער מאָטל, איינציקווײַז, און האָבן זיך באַזעצט אין אַ ווינקעלע שטיל, ווי די טײַבעלעך, מע זאָל חלילה נישט דערזען אַף אונדז קיין סימנים, די צעפּליקטע קאַפּאָטקעלעך. באַדאַרף אָבער דער גוטער יאָר אָנטראָגן אַ גאַסט, אונדזערע אַ מומע רייזל פון יאַמפּעלע, אַ גדולה, זי האָט זיך נישט געזען מיט אונדז שוין אַנדערהאַלבן יאָר!

— יאָסל! מאָטל! — רופט אונדז די מאַמע, — די מומע רייזל איז געקומען!

מיר רירן זיך נישט פון די ערטער.

— ווו זײַט איר ערגעץ? — שרײַט די מאַמע. — וואָס האָט איר זיך באַגראָבן דאָרטן?

מיר שווײַגן שטיל.

גייט צו די מאַמע, דערזעט אונדז און טוט אַ פּלעסק מיט די הענט:

— אַ דונער איז מיר! אַ שלאַק איז מיר! ירחמיאל, ווו ביסטו? קום נאָר אַהער, וועסטו זען אַ שיינס!

גייט צו דער טאַטע, אַ ייִד אַ קראַנקער, פון זינט איך געדענק אים הוסט ער, בלײַבט שטיין, באַטראַכט אונדז ביידן פון קאָפּ ביז פּיס, און עס הייבט זיך אָן אַ חתונה — מיר זאָלן אים זאָגן: ווו זײַנען מיר געווען? וואָס האָבן מיר געטאָן? און מיט וועמען האָבן מיר זיך געשלאָגן? מיר שטייען ביידע, איך און מײַן ברודער מאָטל, און קוקן אַראָפּ אַף דער ערד און טראַכטן זיך: „הלוואי וואָלט זיך איצטער געעפענט אַ קבר, וואָלטן מיר פּטור געוואָרן פון אַלע צרות!"... און דער טאַטע הערט נישט אויף צו פרעגן:

— נו, זאָגט שוין: ווו זײַט איר געווען? וואָס האָט איר געטאָן? מיט וועמען האָט איר זיך געשלאָגן?

און די מאַמע שטייט בײַ דער זײַט און טאַטשעט אים:

— אויך מיר אַ טאַטע! ער זאָל דאָס זאָגן אַ קרום וואָרט! בײַ לײַטן אַ טאַטע לייגט אַנידער און פּיצקעט אָן, אַ קינד זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל! סע זאָל פּילן! סע זאָל געדענקען!...

דער טאַטע אָבער שלאָגט אונדז נישט. ער שלאָגט אונדז קיינמאָל

נישט. ער נעמט אונדז נאָר מיט ווערטער. ער הערט אונדז נישט אויף צו פרעגן: וואָס וועט זײַן פון אונדז דער תּכלית? ער עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ. ער פאַרהוסט זיך און זאָגט, אַז מיר זײַנען אים מקצר ימים... וויינען מיר שטילערהייט, און זאָגן זאָגן מיר נישט אַ וואָרט נישט.

— וואָרט! וואָרט! — זאָגט צו אונדז די מאַמע. — לאָמיר נאָר דערלעבן מאָרגן, אם ירצה השם, איך וועל אײַך שוין צושטעלן אַ בענקעלע באָם רבין!...

* * *

אַף מאָרגן נאָך ל"ג־בעומר, אַז מיר זײַנען געקומען אין חדר אַרײַן, האָבן מיר שוין געטראָפן די מאַמע אין חדר מיט נאָך עטלעכע מאַמעס, וואָס זײַנען געקומען אונדז צושטעלן בענקעלעך צום רבין. און דער רבי, רב יודל מלאך־המוות, האָט זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָט אונדז מקיים פּסק געווען אַלעמען פון זײַן ברייטער האַנט, אַזוי ווי ער האָט אונדז צוגעזאָגט, חלילה נישט דורכגעלאָזט קיינעם. און אַז ס'איז געקומען צו ליפּא שלום־אײַזיקס, האָט ער מיט אים לאַנג־לאַנג געראַנגלט זיך, געבאָרעט. ליפּא, אַ בר־מצווה־יינגל און אַ חתן מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קופּערטע, האָט נישט געוואָלט בשום אופן זיך לייגן פאַר די ווײַבער — און ליפּא האָט אויסגעפּירט זײַנס: די ווײַבער זײַנען זיך צעגאַנגען, און דער רבי האָט אים אַרײַנגעצימבלט אַריבער פּופּציק.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך געגעבן דאָס וואָרט, און אײַך, קינדער, זאָג איך אויך אָן דאָס אייגענע, אַז איר זאָלט קיינמאָל, קיינמאָל נישט מילחמה האַלטן מיט די „פּלשתּים"!...

געשריבן אין יאָר 1901.

גרינס אַף שבועות

א.

ערב שבועות האָב איך אויסגעבעטן בא דער מאַמע, עליה השלום, איך זאָל מיר אַליין גיין הינטער דער שטאָט, אָנרײַסן און ברענגען אַהיים גרינס אַף שבועות.

און די מאַמע האָט מיך געלאָזט איינעם אַליין גיין הינטער דער שטאָט, אָנרײַסן און ברענגען אַהיים גרינס אַף שבועות. לאָז זי האָבן דערפאַר אַ ליכטיקן גן־עדן.

אָן אמתע נסיעה קאָן מען אָנרופן נאָר די נסיעה, וואָס אַ מענטש מאַכט איינער אַליין, אָן חברים, אָן שום איבערשלאָג. איך בין איינער אַלײן, אַ פרײַ פייגעלע, אין דער גרויסער ברייטער וועלט; איבער מיר איז די גרויסע בלויע יאַרמעלקע, וואָס מע רופט זי „הימל"; מיר איינעם אַליין לײַכט די שיינע ליכטיקע טאָג־מלכה, וואָס מען רופט זי „זון"; פון מײַנעטוועגן אַליין האָבן זיך עס צונויפגעקליבן דאָ, אין פרײַען פעלד, די אַלע זינגערס, מיט אַלע פײַפערס, מיט אַלע שפרינגערס, און נאָר צוליב מיר אַליין האָט זיך צענומען די שמעקנדיקע רויז, צעשפרייט דער לאַנגער, דער געלער „סאָנישניק", צעצוויקלט און צעשפּרענקלט דאָס גאַנצע ברייטע פעלד מיט אַלע אַנטיקלעך פון דער מילדער נאַטור. קיינער קוועטשט מיך נישט, קיינער שטערט מיר נישט, קיינער זעט מיך נישט. אַ חוץ גאָט, און איך קאָן מיר טאָן וואָס איך וויל: וויל איך — זינג איך מיר אַ שיינעם „כבקרת". וויל איך — שרײַ איך משוגענערווײַז און רײַס זיך אַפּן האַלדז. וויל איך — לייג איך צונויף די האַנט, ווי אַ שופר, און בלאָז מיר אַ „תקיעה גדולה" און שפּיל מיר אַ „טרובאַטש". וויל איך — טו איך מיך נאָר אַ וואַלגער, ווי איך שטיי און גיי, אַפּן גרינעם

גראָז און קאַטשע מיך אַף אַלע זײַטן, ווי אַ לאַשעקל. ווער וועט מיר זאָגן אַ דעה און ווערמען הער איך? איך בין פרײַ! איך בין פרײַ!

דער טאָג איז געווען אַזוי וואַרעם, די זון אַזוי שיין, דער הימל אַזוי לויטער, דאָס פעלד אַזוי גרין, דאָס גראָז אַזוי פריש, און אָפן האַרצן איז מיר געווען אַזוי גרינג, און אַף דער נשמה אַזוי גוט, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין דאָ אַ ווילד־פרעמדער און אַז איך בין אַרויס־געקומען אַהער צו אָנרײַסן גרינס אַף שבועות, און האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז איך בין דאָ אַ מושל, אַ פּרינץ, און דאָס גאַנצע פעלד, וואָס מײַן אויג כאַפּט אַרום, מיט אַלצדינג וואָס אין פעלד, און אַפילו מיט דעם גאַנצן בלויען שטיק הימל — דאָס אַלץ געהערט צו מיר, איך בין דערויף דער איינציקער בעל־הבית, און א י ך האָב דערויף צו שאַפן — און ווײַטער קיינער נישט. און ווי אַ מושל, וואָס אים אַלץ געהערט און ער אַף אַלץ געוועלטיקט, הייבט זיך מיר אָן וועלן אַרויסבאַווײַזן מײַן ממשלה, מײַן כח און מײַן גבורה — אַלץ וואָס איך קאָן און וואָס איך וויל...

קודם כל געפעלט מיר נישט אָט דער לאַנגער דראַנג מיט דעם געלן היטל (דער סאָנישניק), וואָס באַקומט מיט אַ מאָל באַ מיר אין די אויגן אַ פּנים פון אַ שונא, אַ מין „גלית הפלישתי". און די אַלע איבעריקע פלאַנצונגען, מיט שטעקלעך און אָן שטעקלעך (באָב און פּאַסאָליעס) — דאָס זײַנען לויטער שונאים, דאָס זײַנען די „פלשתים", וואָס האָבן זיך באַזעצט דאָ באַ מיר אַף מ ײַ ן ערד, — ווער האָט געשיקט נאָך זיי? און יענע נידעריקע, די גראָבע מיט די גרינע קוטשמעס, וואָס זיצן אַזוי געדיכט, האַרט באַ דער ערד (קרויט), — וואָס טוען זיי דאָ די דאַזיקע קוטשמעס? זיי וועלן זיך נאָך אָנשכורן און מאַכן מיר אָן אומגליק... לאָזן זיי גיין אין דער ערד אַרײַן — איך דאַרף זיי נישט! און בייזע מחשבות, ווילדע אינסטינקטן וואַכן אויף אין מיר, און אַ מאָדנע געפיל פון נקמה נעמט מיך אַרום דורך און דורך און איך הייב זיך אָן נוקם זײַן אין די שונאים — און נאָך ווי אַזוי נוקם זײַן!...

געהאַט האָב איך מיט זיך, אַף אָנצורײַסן גרינס אַף שבועות, מיטגע־נומען כלי־זיין: אַ מעסערל מיט צוויי קלינגלעך און אַ שווערד, אַפילו אַ הילצערנע, נאָר אַ שאַרפע.

די דאָזיקע שווערד איז באַ מיר פאַרבליבן פון ל"ג־בעומר. און כאָטש איך בין מיט דעם געגאַנגען ל"ג־בעומר אַף מלחמה מיט מײַנע איבעריקע

חברים הינטער דער שטאָט, פונדעסטוועגן קאָן איך אײַך שווערן (איר מעגט מיר גלייבן אָן אַ שבועה), אַז עס האָט נישט פאַרגאָסן קיין איין טראָפּן בלוט. דאָס איז געווען אַ כלי פון דעם מין כלי־זיין, וואָס דאָס מיליטער טראָגט בשעת שלום. ס'איז טאַקע, הייסט עס, נישטאָ קיין שום סימן פון מילחמה, שטיל און רויק אַרום און אַרום, נאָר גאָרנישט, גלאַט אַזוי, פון „דרך־שלום" וועגן, לאָזן זיך שטיין צוגעגרייט שווערדן, ביקסן, האַרמאַטן, קאַנאָנען, פערד, סאָלדאַטן — הלוואי זאָל מען זיי נישט באַדאַרפן, ווי מײַן מומע עטל פלעגט זאָגן, בשעת זי האָט געפּרעגלט מאַלינעס...

ב.

דאָס איז ידוע אויף דער גאַנצער וועלט, אַז משעת מילחמה צילט מען זיך טרעפן דעם עלטערן, דעם אָפיציר; דעם גענעראַל אַז מע קאָן טרעפן, איז נאָך בעסער; דעמאָלט פאַלן שוין במילא די סאָלדאַטן, אַזוי ווי שטרוי. דערפאַר וועט אײַך שוין קיין חידוש נישט זײַן, וואָס איך בין צו אַלעם ערשטן אָנגעפאַלן אויף דעם „גלית הפלשתי", אים דערלאַנגט מיט דער שווערד אַ געשמאַקן האַק איבערן קאָפּ מיטן געלן היטל און היבשע עטלעכע זעץ פון הינטן, — און דער רשע האָט זיך אויסגעצויגן, ווי לאַנג ער איז, פאַר מײַנע פיס. נאָך אים האָב איך אַנידערגעלייגט נאָך היבשע עטלעכע געזונטע רשעים, די שטעקנס פון זייערע הענט אַרויסגעריסן און פאַרוואָרפן צו אַלדי שוואַרצע יאָר. און די נידעריקע די גראָבע, מיט די גרינע קוטשמעס, האָב איך גענומען צו דער אַרבעט גאָר אויף אַן אַנדער אופן: ווען איך האָב געקאָנט, האָב איך אַראָפּגענומען די גרינע קוטשמע, און די איבעריקע האָב איך געטראָטן מיט די פיס, געמאַכט פון זיי אַ תל־עולם!

בשעת מילחמה, אַז דאָס בלוט צעהיצט זיך און מע גייט אַרײַן אין התפעלות, שנײַדט מען אויף וואָס די וועלט שטייט. אַז מע האָלט באַ פאַרגיסן בלוט, פאַרלירט מען זיך און מע ווייס נישט, וווּ מע איז אין דער וועלט. דעמאָלט לייגט מען נישט קיין כבוד אויף קיין עלטערס, מע קוקט נישט אויף קיין שוואַכע פרוי, מע האָט נישט קיין רחמנות אויף קיין קליינע קינדער, און בלוט, בלוט גיסט זיך, אַזוי ווי וואַסער... איך, בשעת אָנפאַלן אויף דעם שונא, האָב נאָך נישט געפילט אין זיך אַזאַ כעס מיט

אַזאַ ברען, ווי נאָך די ערשטע עטלעכע גוטע קלעפּ, וואָס איך האָב אײַנגעטײלט דעם שונא; נאָר וואָס ווײַטער האָב איך מיר אַלץ מער געהיצט, זיך אַליין אונטערגעגעבן אַלע מאָל מער חשק, און איך בין אַזוי אַרײַן אין דער אַרבעט, איך בין געווען אַזוי אין עקסטאַז, אין אַזאַ רציחה, אַז וואָס ס'איז מיר געקומען פאַר די אויגן — דאָס האָב איך געבראָקט, געשניטן אויף אַלע זײַטן, און מער פון אַלעמען האָבן, פון מיר געליטן נעבעך „קליינוואַרג"... די יונגע קײַלעכיקע אַרבוזלעך, קאַבאַקלעך מיט די גראָבע בײַכלעך, די קליינע פּיצלעך אוגערקעלעך, וואָס קריכן נאָר־וואָס אַרויס פון דער גרינער „האָדענע" מיט די געלע נאָפּעלעך, — זיי האָבן מיך צערייצט נאָר מיט זייער שטילשווײַגן און מיט זייער קאַלטקייט; און איך האָב זיי אײַנגעטײלט אַזוי, אַז זיי וועלן מיך האָבן צו געדענקען: איך האָב געהאַקט קעפּלעך, געשניטן בײַכלעך, געריסן אויף האַלב, געבראָקט אויף שטיקלעך, צעשלאָגן, צעהרגעט, געמזיקט אויף טויט, — לאָז מיך אַזוי וויסן שלעכטס, ווי איך ווייס, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ רציחה! אומשולדיקע קאַרטאָפּליעס נעבעך, וואָס זײַנען געזעסן טיף אין דער ערד, האָב איך פון דער ערד אַרויסגעגראָבן און האָב זיי מוסר מודעה געווען, אַז פון מיר באַהאַלט מען זיך נישט!... יונגן קנאָבל מיט גרינע ציבעלקעלעך האָב איך אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל, רעטעכלעך זײַנען געפלויגן בא מיר, ווי די האַלעשקעס — און לאָז מיך גאָט שטראָפן, אויב איך האָב נהנה געווען אַפילו אַ שטיקל רעטעך, וואָרעם איך געדענק גאָנ, גוט פון דער מגילה די ווערטער: „ו ב ב ז ה ל א ש ל ח ו א ת י ד ם" — ראַבעווען האָבן יידן נישט געראַבעוועט... און אַלע מינוט אַז דער יצר־הרע איז געקומען צו מיר און מיך אָנגערעדט, איך זאָל געניסן אַ ציבלקע, פאַרזוכן אַ קנאָבלקע, איז מיר דער פּסוק פון דער מגילה געקומען אַקעגן מיט די ווערטער, מיטן טראָפּ און מיט דער נגינה: ו ב ב ז ה ל א ש ל ח ו א ת י ד ם!... און איך האָב נישט אויפגעהערט צו שלאָגן, האַקן, בראָקן, מזיקן, ממיתן און שנײַדן אויף שטיקלעך יונג און אַלט, קליין און גרויס, אָרעם און רײַך, אָן אַ שום רחמנות...

אַדרבה, איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך הער זייער שרײַען מיט זייער וויינען מיט זייער בעטן זיך בײַ מיר — און עס זאָל דאָס מיך אָנהייבן אַרן! מערקווירדיק! איך, וואָס האָב נישט געקאָנט זען, ווי מע קוילעט אַן עוף, ווי מע שמײַסט אַ קאַץ, ווי מע באַליידיקט אַ הונט, ווי מע שלאָגט אַ פערד, — זאָל איך זײַן אַזאַ מין טיראַן, אַן אַכזר?!...

„נקמה! — האָב איך אַ פאַרשכורטער נישט אויפגעהערט צו שרײַען. — נקמה! איך וועל זיך מיט אײַך אָפּרעכענען פאַר יידיש בלוט! איך וועל אײַך שוין באַצאָלן פאַר ירושלים, און פאַר ביתר, און פאַר די יידן אין שפּאַניע מיט פּאָרטוגאַל, און פאַר די יידן וואָס אין מאַראָקאָ, און אויך פאַר אונדזערע, וואָס אין אומאַן אַמאָל און וואָס אין אַנדערע ערטער הײַנט... און פאַר די יידישע ספר־תורהס, וואָס מע האָט צעריסן, און פאַר די... אַי! אַי! אַי! אַי! גוואַלד! ראַטעוועט! ווערט האַלט דאָס מיך פאַרן אויער?״...

צוויי רעכטע סטוסאַקעס פון הינטן און אַ פּאָר כפול־שמונהדיקע פּעטש פון פאָרנט האָבן מיך אין איין כהרף־עין אויסגעניכטערט, און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ באַקאַנטן פּאַרשוין, וואָס איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס׳איז אָכרים דעם באַשטאַנשטשיק.

ג.

אָכרים דער באַשטאַנשטשיק האָט פון קדמונים געהאַלטן אַ „באַש־טאַן״, אַ גאָרטן, אָדער אַ „באַקטשי״, בײַ אונדז הינטער דער שטאָט. דאָס הייסט, ער האָט אָפּגעדונגען אַ דעסיאַטינע ערד און דאָרטן פאַרפירט אַ גאָרטן, געזעצט קאַווענעס און דיניעס, אוגערקעס און קאַרטאָפליעס, ציבע־לעס און קנאָבל און רעטעכלעך און שאר ירקות, און געהאַט דערפון שיין פּרנסה. פון וואַנען האָב איך געקענט אָכרימען? ווײַל ער האָט מיט אונדז געהאַנדלט, דאָס הייסט, ער פלעגט לײַען בײַ מײַן מאַמען געלט אַלע ערב פּסח, און אַרום סוכות־צײַט פלעגט ער אָנהייבן ביסלעכווײַז פונעם פּדיון אײַנצאָלן, און דאָס געלט פלעגט פאַרשריבן ווערן בײַ דער מאַמען אין גראָבן סידור אויף דעם לינקן טאָוול (דאָרט איז געווען איר גאַנצע בוכהאַל־טעריע), אין אַ זײַט, אָפּגעטרעטן פון אָכרימס וועגן אַ באַזונדער פּלאַץ, אַ באַזונדערע קאַנטע, און אָנגעצייכנט פון אויבן מיט גרויסע אותיות: חשבון ערל אָכרים. און נאָכדעם איז שוין געגאַנגען די חשבונות: „פון אָכרים אַ קערבל. פון אָכרים נאָך אַ קערבל. פון אָכרים צוויי קערבלעך. פון אָכרים אַ האַלב קערבל. פון אָכרים אַ זעקל קאַרטאָפ־ליעס״. און אַזוי ווײַטער... און כאָטש די מאַמע איז געווען אַ יידענע נישט קיין גבירטע, אַן אַלמנה מיט קינדער, און האָט געלעבט פון „פּראָ־צענט״, נאָר בײַ אָכרימען קיין פּראָצענט האָט זי נישט גענומען קיינמאָל:

ער פֿלעגט אונדז צאָלן מיט גאָרטן־וואָרג, אַמאָל מער, אַמאָל ווינציקער — מיר האָבן זיך מיט אים קיינמאָל נישט געקריגט.

איז געווען אַ געדעכט, פֿלעגט ער אַליין אָנשיטן אונדז אַ פֿולן קעלער מיט קאַרטאָפֿליעס און מיט אוגערקעס אויפֿן גאַנצן ווינטער; און אַז נישט — פֿלעגט ער זיך אָפּבעטן בײַ דער מאַמע:

— ניע וויבאַטשאַי, אַווראָומיכאַ, באַ נע ווראַדילאַ! — דאָס הייסט: האָב קיין פּאַראיבל נישט, אברהמס ווײַב, ס'איז נישט געראָטן! און די מאַמע פֿלעגט אים מוחל זײַן דאָס מאָל און אָנזאָגן, אַז, אם ירצה השם, אויפֿן אַנדערן יאָר זאָל ער נישט זײַן קיין דבר־אחר. און טאַקע אַזוי פֿלעגט זי אים זאָגן, כהאי לישנא ממש:

— ליאַדיזש, אַכרימאַו סערדצע, יאַק באַה דאַסט נאַ טאַי האַד שאָב טי נע בואוו סווינניאַ!...

— דאָברע, אַווראָומיכאַ, דאָברע! — פֿלעגט איר אַכרים אָפּענטפֿערן און האַלטן וואָרט: די ערשטע גרינע ציבעלעס מיטן ערשטן יונגן קנאָבל האָט ער תּמיד געבראַכט צו אונדז; די ערשטע יונגעטשקע קאַרטאָפֿעלעך מיט די ערשטע גרינע אוגערקעס זײַנען תּמיד געווען בײַ אונדז, גיכער ווי בײַ די נגידים. און איך האָב נישט איין מאָל געהערט פֿון אונדזערע שכנים און שכנהטעס, אַז דער אַלמנה איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי זי מאַכט דעם אָנשטעל. „זעט נאָר, מע טראָגט איר אַרײַן אין שטוב פֿון כל טוב"... סע פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָס באַלד אָפּגעטראָגן דער מאַמען אין אויער אַרײַן. האָט זיי די מאַמע גוט אויסגעשאָלטן:

— זאָלץ זיי אין די אויגן, שטיינער זיי אין האַרצן! ווער סע פֿאַרגינט מיר נישט, דער זאָל אַליין נישט האָבן! איך ווינטש זיי איבער־איאָר אַף מײַן שטייגער!

סע פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַלד איבערגעגעבן אונדזערע שכנהטעס, וואָס די מאַמע האָט זיי געווינטשעוועט... סע פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר אַזעלכע ווערטער זײַנען זיי געווען אַף דער מאַמע להרוג ולאַבד און אָנגערופֿן זי מיט אַזאַ נאָמען, וואָס מיר איז געווען אַ חרפּה צו הערן... סע פֿאַרשטייט זיך, אַז מיך האָט דאָס פֿאַרדראָסן און איך האָב דאָס באַלד אָפּגעטראָגן דער מאַמען. האָט מיך די מאַמע מכבד געווען מיט צוויי פּעטש און אָנגעזאָגט, איך זאָל אויפֿהערן אַרומטראָגן „שלח־מנות" פֿון איינעם צום אַנדערן... פֿון די פּעטש האָב איך געוויינט, און

דאָס וואָרט „שלח־מנות" האָט מיר געפּיקט אין מוח: איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס רופט זי דאָס עפּעס „שלח־מנות"?

אַ יום־טוב פלעגט זײַן בײַ מיר, אַז איך פלעג דערזען פון דער־ווײַטן אַכרימען מיט דע גרויסע שטיוואַלעס און מיט דער גראָבער ווײַ־סער, וואַרעמער, וואָלענער סוויטע, וואָס ער האָט זי געטראָגן זומער און ווינטער. דערזען אַכרימען גיין, האָב איך געוווּסט, אַז דאָס טראָגט ער אונדז אַ פולע פעלענע מיט גאָרטן־וואַרג, און איך פלעג לויפן אין קיך אָנזאָגן דער מאַמע די בשורה, אַז אַכרים איז געקומען.

ד.

בכלל דאַרף איך מודה זײַן, אַז צווישן מיר מיט אַכרימען איז געווען אַ מין ליבע אַ פאַרבאָרגענע, אַ מין סימפּאַטיע, וואָס מע קאָן זי נישט אַרויסגעבן אין ווערטער. גערעדט האָבן מיר צווישן זיך כמעט קיינמאָל נישט; ערשטנס, דערפאַר, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען זײַן לשון און ער האָט נישט פאַרשטאַנען מײַן לשון (דאָס הייסט, איך אים האָב פאַרשטאַנען, נאָר ער מיך — מכות!). און, צווייטנס, האָב איך מיך געשעמט: אַזאַ גרויסער אַכרים — ווי אַזוי רעדט מען מיט אים? פלעג איך דאַרפן אָנקומען צו דער מאַמען, זי זאָל זײַן צווישן אונדז דער טאָל־מאַטש.

— מאַמע, פרעג אים, פאַרוואָס ברענגט ער מיר נישט קיין ווײַנשל?

— ווו זאָל ער דיר נעמען ווײַנשל? אין אַ באַשטאַן איז נישטאָ קיין ווײַנשל.

— למאַי איז נישטאָ אין אַ באַשטאַן קיין ווײַנשל?

— וואָרעם אין אַ באַשטאַן וואַקסן נישט קיין ווײַנשל־ביימער.

— למאַי וואַקסן נישט אין אַ באַשטאַן קיין ווײַנשל־ביימער?

— למאַי, למאַי, למאַי — דו ביסט אַ געשלייערטע שיקסע! — מאַכט צו מיר די מאַמע און וואַרפט מיר אויף אַ פּאַטש.

— אַוורומיכאַ, נע בעיי דעטינאַ! — מאַכט צו איר אַכרים און שטעלט זיך אײַן פאַר מיר.

אָט אַזאַ מין ערל איז געווען אַכרים, און בײַ אים בין איך דאָס געלעגן אַצינד אין די הענט.

מיטן שכל באַדאַרף מען פאַרשטיין, אַז ס׳איז מן הסתם אַזוי געווען

די מעשה! אַכרים, אַז ער איז אָנגעקומען און דערזען בא זיך אפֿן באַ־שטאָן אַזאַ חורבן, האָט ער תחילת באַדאַרפֿט נישט פֿאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך דאָ. דערזען אַזאַ נפש, ווי איך, אַרבעט מיט דער שווערד אַף אַלע זײַטן, האָט אַכרים באַדאַרפֿט איבערקלערן אַף מיר מי יודע וואָס: אַ נישט־גוטער, אַ שרעטעלע, אַן אָנשיקעניש, — און האָט גע־ווים זיך איבערגעצלמט עטלעכע מאָל. נאָר נאָכדעם, אַז ער איז צוגע־גאַנגען נענטער און דערזען, אַז דאָס אַרבעט אַזוי געטרײַ דווקא אַ יידיש יינגל, און דווקא מיט אַ הילצערנעם שווערד, האָט ער מיך אָנגענומען באַם אויער, נאָר אַזוי געשמאַק, אַז עס האָט מיך צוגעצויגן צו דער ערד, און איך האָב אָנגעהויבן שרײַען נישט מיט מײַן קול:

— אי! אי! אי!!! ווער ציט דאָס מיך פֿאַרן אויער?

ערשט העט־שפּעטער, נאָך די רעכטע סטוסאַקעס און נאָך די אמתע פּעטש, וואָס אַכרים האָט מיר אײַנגעטיילט, האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט די אויגן און האָבן זיך ביידע דערקענט איינס דאָס אַנדערע, און מיר זײַנען ביידע געווען איבערראַשט, געבליבן אָן לשון.

— אוורומיכינע דעטינאַ!? — האָט אַכרים אַרויסגעשרײַען און האָט זיך איבערגעציילמט, און האָט גענומען באַטראַכטן די הזקות, וואָס איך האָב אים דאָ אָנגעאַרבעט, באַקוקט יעדע גראָדקע מיט איטלעכס שטיקל ערד, און עס האָט אים אַזוי אָנגענומען באַם האַרצן, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַקעגן מיר, צעגויפֿגעלייגט ביידע הענט בא זיך אפֿן בויך און אַ פֿרעג געטאָן מיך נאָר איין וואָרט:

— זאַ שטשאָ? — פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר, הייסט דאָס...

ערשט דאָ האָב איך צעקײַט, וואָס פֿאַר אַ חתונה איך האָב אָנגע־אַרבעט און וועמען איך האָב אַזוי שטאַרק גורם היזק געווען. און איך האָב זיך אַליין געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס?"

— כאָדים! — מאַכט צו מיר אַכרים און נעמט מיך אָן פֿאַר אַ האַנט, און איך בייג זיך צו דער ערד פֿאַר שרעק; איך מיין, אָט־אָט מאַכט ער פֿון מיר אַ פּרעזשעניצע. נאָר אַכרים טשעפּעט מיך נישט; ער האַלט מיך נאָר שטאַרק פֿאַר דער האַנט, נאָר אַזוי שטאַרק, אַז עס שפּרינגען מיר די אויגן פֿונעם קאָפּ, און פֿירט מיך אַפּ אַהיים צו דער מאַמע, און דערציילט איר אויס אַלצדינג, און גיט מיך איבער אַף אירע הענט...

ה.

זאָל איך אײַך דערציילן, וואָס איך האָב געהאַט פון דער מאַ־מע? זאָל איך אײַך אויסמאָלן איר שרעק מיט איר כעס, מיט איר ברעכן די הענט, בשעת אַכרים האָט איר איבערגעגעבן מיט אַלע פּיטשעווקעס דעם גאַנצן חורבן, וואָס איך האָב אים אָנגעמאַכט אין באַשטאַן? אַכרים האָט זיך נישט געפּוילט, גענומען דעם שטעקן און באַוויזן מיט אים דער מאַמען, ווי אַזוי איך האָב געאַרבעט אַהער און אַהין, אַף אַלע זײַטן, ווי אַזוי איך האָב געהאַקט און געבראָקט און געשטאָכן און געטרעטן מיט די פיס, און די קאַרטאָפלעס פון דער ערד אַרויסגעגראָבן, און די האָדענע פון די אוגערקעלעך, נאָר־וואָס אויפגעגאַנגענע אוגערקעלעך... און פאַר וואָס? פאַר ווען?

— זאַ שטשאָ, אוורומיכאַ, זאַ שטשאָ?...

מער האָט אַכרים נישט געקאָנט ריידן: עס האָבן זיך אים, אַפּנים, געשטעלט די טרערן אין האַלדז.

דעם רעכטן אמת מוז איך אײַך זאָגן, קינדער: איך וואָלט בעסער געוואָלט זײַן געפּאַטשט פון אַכרימס הענט, איידער האָבן דאָס, וואָס איך האָב געהאַט פון דער מאַמען פאַר שבועות און פונעם רבין נאָך שבועות... הײַנט די בזיונות, וואָס איך האָב נאָכדעם געהאַט אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר פון מײַנע חברים אין חדר, וואָס האָבן מיר צוגעזעצט אַ זייער לײַטישן נאָמען: „באַשטאַנשטשיק", „יוסל באַשטאַנשטשיק"!... דער דאָזיקער שיינער נאָמען איז מיר פאַרבליבן העט־העט כמעט ביז דער חתונה...

אָט ווי אַזוי איך בין געגאַנגען רײַסן גרינס אַף שבועות.

געשריבן אין יאָר 1903.

שוין איין מאָל אַ סוכה!

א.

פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן קיין זאַך נישט געלערנט און קענען אַלצדינג, אין ערגעץ נישט געווען און ווייסן אַלצדינג, אַף קיין זאַך נישט פאַרטראַכט זיך און פאַרשטייען אַלצדינג.

„געבענטשטע הענט”! — אַזוי רופט מען זיי, די דאָזיקע גליקלעכע מענטשן, און די וועלט איז זיי מקנא, חידושט זיך און האָט אַפשיי.

אַט אַזאַ מענטש איז געווען באַ אונדז אין כתרילעווקע, און גערופן האָט מען אים: ש ו י ן א י י ן מ אָ ל מ ש ה.

דערפאַר האָט מען אים גערופן ש ו י ן א י י ן מ אָ ל מ ש ה, ווײַל אַף יעדער זאַך, וואָס ער האָט געזען, געהערט אָדער געמאַכט, האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן: ש ו י ן א י י ן מ אָ ל אַ ז ו י”.

— באַ אונדז אַ חזן אין שול — שוין איין מאָל אַ חזן!

— מע האָט געטראָגן אַן אינדיק אַף פסח — שוין איין מאָל אַן אינדיק!

— מאָרגן וועט דאָס זײַן אַ פראָסט אין דרויסן — שוין איין מאָל אַ פראָסט!

— איז דאָס געפלויגן פעטש צו די הקפות — שוין איין מאָל פעטש!

— אוי, ייִדן, בין איך אַן אָרעמאַן — שוין איין מאָל אַן אָרעמאַן!

און אַזוי אַף אַלצדינג.

און געווען איז משה... איך קאָן אײַך נישט זאָגן וואָס ער איז געווען. ער איז געווען אַ ייִד; נאָר פון וואָס ער האָט געלעבט — איז שווער צו ווייסן. ער האָט געלעבט, ווי עס לעבן אַ סך טויזנטער, צענער טויזנטער ייִדן לעבן אין כתרילעווקע. געדרייט זיך אַרום אַ פריץ,

דאָס הייסט, נישט אַרום פּריץ אַליין, נאָר אַרום די פּריצים, וואָס באַם פּריץ, און נישט אַרום די פּריצים גופא, נאָר אַרום די ייִדן, וואָס דרייען זיך אַרום די פּריצים, וואָס באַם פּריץ. און צי האָט ער געהאַט פּרנסה — דאָס איז שוין ווידער אַ באַזונדערע מעשה, וואָרעם שוין איין מאָל משה איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט פֿײַנט געהאַט זיך באַרימען מיט זײַן גוטסקייט און באַקלאָגן זיך אױף זײַן שלעכטסקייט. תּמיד איז ער געווען פֿריילעך, תּמיד זײַנען אים די בעקלעך געווען רויט, איין וואָנצע אַביסל לענגער פֿון דער אַנדערער, דאָס היטל אױף אַ זײַט, און די אויגן תּמיד גוטע, שמייכלענדיקע, שטענדיק קיין צײַט נישט געהאַט און אַלע מאָל, צו יעדער צײַט, געווען גרייט פֿון יענעמס וועגן גיין צען מײַל צו־פֿוס.

אָט אַזאַ מין פּאַרשוין איז געווען אונדזער „שוין איין מאָל משה".

ב.

נישט געווען איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס „שוין איין מאָל משה" זאָל דאָס נישט קאָנען מאַכן: אַ שטוב איז אַ שטוב, אַ זייגער איז אַ זייגער, אַ מאַשין איז אַ מאַשין, אַ לעמפּל, אַ דריידל, אַ קראַן, אַ שפּיגל, אַן עמער, אַ שטײַג — און וואָס נישט?

אמת, קיינער האָט נישט געקענט אָנווײַזן אױף די הײַזער מיט די זייגערס מיט די מאַשינעס, וואָס זײַנען אַרויס פֿון זײַנע הענט. נאָר אַלע זײַנען געווען איבערצײַגט, אַז משה קאָן; אַלע האָבן געזאָגט, אַז ווען ער האָט געצײַג, קערט ער איבער וועלטן. דער גאַנצער אומגליק איז געווען, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געצײַג. מיין איך פֿאַרקערט: דאָס איז טאַקע געווען דאָס גליק, וואָס איבער דעם איז די וועלט נישט איבערגעקערט געוואָרן, און די וועלט, הייסט דאָס, איז געבליבן אַ וועלט.

אַז מע האָט משהן נישט צערײַסן אױף שטיקלעך, איז ער געווען איינער אַ גליקלעכער! האָט זיך איבערגעדרייט אַ שלאָס — צו וועמען איז מען געגאַנגען? צו משהן. האָט זיך געשטעלט דער זייגער — צו משהן. פֿאַרשטאָפּט געוואָרן דער קראַן פֿונעם סאַמאָוואַר און עס קאָן זיך נישט צאַפּן — צו משהן. טאַראַקאַנעס, פּרוסאַקעס און אַנדערע מיאוס־קייטן האָבן זיך פֿאַרפֿירט אין שטוב — וועמען פֿרעגט מען? משהן.

אַ טכויר האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט און שטיקט אַלע נאַכט די עופות — מיט וועמען האַלט מען זיך אַן עצה? מיט משהן. ווידער אַ מאָל „שוין איין מאָל משה“, און טאַקע אָבער אַ מאָל „שוין איין מאָל משה“!

אמת, דעם איבערגעדרייטן שלאָס האָט מען טאַקע נאָכדעם פאַרוואָרפן אין איבערגעדרייטן ערגעץ אויף אַ שאַפע, דעם זייגער האָט מען געמוזט אָפּגעבן צום זייגערמאַכער, און דעם סאַמאָוואַר — צום קעסלער, די טאַראַקאַנעס מיט די פּרוסאַקעס מיט די אַנדערע מיאוסקייטן האָבן זיך, אַפּנים, פאַר משהן ווינציק־וואָס איבערגעשראָקן, און דער טכויר האָט זיך געטאָן דאָס, וואָס אַ טכויר דאַרף טאָן... נאָר „שוין איין מאָל משה“ איז געבליבן דער אייגענער „שוין איין מאָל משה“, וואָס פריִער. פאָרט „געבענטשטע הענט“! און מסתמא איז דאָך אין אים עפּעס געווען אַזעלכעס — אַ וועלט איז דאָך נישט מעשוגע! אַ סימן האָט איר: פאַר וואָס גייט מען נישט צו מיר, אָדער צו אײַך, מיט קיין איבערגעדרייטע שלעסער, מיט קיין זייגערס, סאַמאָווארן, טכוירן, טאַראַקאַנעס, פּרוסאַקעס און אַנדערע מיאוסקייטן? נישט אַלע מענטשן זײַנען גלײַך, און טאַלאַנטן אויף דער וועלט זײַנען, אַפּנים, פאַראַן געציילטע.

ג.

מיט דעם דאָזיקן „שוין איין מאָל משה“ זײַנען מיר געוואָרן גאַנץ נאָענטע שכנים אין איין דירה, אונטער איין דאַך. איך זאָג „געוואָרן“, ווײַל ביז אַהער זײַנען מיר געזעסן אין אונדזער אייגענער דירה. נאָר עס האָט זיך באַ אונדז פּלוצים געגעבן אַ דריי דאָס רעדל, די צײַט איז אונדז געוואָרן שלעכט. קיין „אָנזעצערס“ האָבן מיר נישט געוואָלט זײַן, — האָבן מיר די דירה פאַרקויפט, אַרומגעצאָלט זיך מיט די חובות און אַרויבערגעצויגן זיך (ערב ראש־השנה איז דאָס געווען) צו הערשקע מאַמציס, אין אַן אַלטער חורבה, אָן אַ גאָרטן, אָן אַ הויף, אָן אַ גאַניק, אָן לײַב און אָן לעבן.

— נו, אַ „כאַטע“! — זאָגט די מאַמע בלומרשט מיט אַ געלעכטער, און איך זע באַ איר טרערן אויף די אויגן.

— זינדיק נישט! — זאָגט צו איר דער טאַטע, שוואַרץ ווי די ערד. — דאַנקען גאָט דערפאַר.

פאַר וואָס „דערפאַר“ — ווייס איך נישט. אפשר דערפאַר, וואָס

מיר זיצן נישט אין דרויסן? איך וואָלט ליבערשט געזעסן אין דרויסן, אייִדער דאָ, באַ הערשקע מאַמצים אין שכנות, מיט פרעמדע יִינגלעך און מיט פרעמדע מיידלעך, וואָס איך ווייס זיי נישט און קען זיי נישט, און איך וויל זיי נישט וויסן און וויל זיי נישט קענען מיט זייערע געלע הערלעך, מיט זייערע נאַסע נעזעלעך, מיט זייערע דינע פיסעלעך און גראָבע בײַכעלעך, וואָס אַז זיי גייען קאַטשען זיי זיך, ווי די קאַטשקעלעך, אַליין האַלטן זיי אין איין עסן, און אַז יענער עסט, קוקן זיי אין מויל אַרײַן... איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע עולה פון גאָט, וואָס ער האָט באַ אונדז צוגענומען די דירה. מיר האָט נאָך נישט אַזוי באַנג געטאָן די דירה, ווי די סוכה, וואָס מיר האָבן דאָרטן געהאַט, אַ שטענדיקע, פון יאָר צו יאָר, מיט אַ פליגל, וואָס הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ, און מיט אַ שיינער געמאָלענער סטעלע פון גרינע און געלע שטעקעלעך, אויסגעלייגט אין קעסטעלעך מיט מגן־דודן. אמת, גוטע פרײַנט האָבן אונדז אויסגערעדט דאָס האַרץ, אַז מיר וועלן זי נאָך אַמאָל אָפּקויפן צו־ריק, אָדער גאָט וועט העלפן, מיר וועלן אויסבויען אַן אַנדער דירה, אַ סך אַ בעסערע און אַ גרעסערע און אַ שענערע פון יענער דירה... דאָס איז אָבער געווען אַלץ נישט מער ווי טרייסטווערטער, קאַלטע רפו־אות, פּונקט אַזעלכע טרייסטווערטער, ווי בשעת איך האָב צעבראָכן (אומגערן, געוויינטלעך) דאָס בלעכענע זייגערל מײַנס אויף שטיק־שטיק־לעך, האָט מיך די מאַמע מכבד געווען מיט פּעטש, און דער טאַטע האָט מיר אויסגעווישט די אויגן, מיר צוגעזאָגט קויפן אַן אַנדער זייגערל, אַ סך אַ בעסערס און אַ גרעסערס און אַ שענערס פון יענעם זייגערל... וואָס מער דער טאַטע האָט מיר געלויבט דאָס נײַע זייגערל, וואָס מע וועט מיר אַמאָל קויפן, אַזוי מער האָב איך געוויינט נאָך יענעם, נאָכן אַלטן זייגערל... שטילערהייט, אַז דער טאַטע זאָל נישט זען, האָט די מאַמע געוויינט נאָך דער דירה. און דער טאַטע האָט געזיפצט און געקרעכצט, און אַ שווארצער וואָלקן האָט צוגעדעקט זײַן פּנים, און ברייטע קנייטשן האָבן זיך געלייגט אויף זײַן גרויסן ווײַסן שטערן.

איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער עולה פונעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט צוגענומען באַ אונדז אונדזער אייגענע דירה...

— איך בעט דיך, זאָלסט מיר געזונט זײַן, וואָס וועלן מיר טאָן מיט אַ סוכה?

אַזוי רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטן אין איינעם פון די עשרת־ימי־תשובה.

— דו קערסט אַוודאי וועלן זאָגן: וואָס וועלן מיר טאָן אָן אַ סוכה?

אַזוי ענטפערט איר דער טאַטע, כלומרשט מיט אַ שפּאַס, און איך זע, אַז עס קאָסט אים געזונט; איך זע, אַז ער קערט זיך אָפּ אויף אַ זייט, מע זאָל נישט זען זײַן פּנים, וואָס איז באַדעקט מיט אַ פינצטערער שוואַרצער כמאַרע, און די מאַמע שנײַצט די נאָז אין פאַרטעך, שלינגט די טרערן, און איך — אויף זיי קוקנדיק. פּלוצים קערט זיך אויס דער טאַטע מיטן פּנים צו אונדז עפּעס זייער לעבעדיק.

— שאַ! מיר האָבן דאָך דאָ עפּעס אַ שכן משה.

— „שוין איין מאָל משה”? — העלפט אים אונטער די מאַמע, און איך וויים נישט, צי זי לאַכט, צי זי מיינט דאָס ערנסט? אַפּנים, אַז ערנסט, וואָרעם אין אַ האַלבער שעה אַרום דרייען זיך אַרום בײַ דער שטוב אַלע דרײַ, דאָס הייסט: דער טאַטע און משה און הערשקע מאַמצים, אונדזער בעל־הבית, און מע זוכט אָן אָרט, וווּ צו שטעלן די סוכה.

ד.

הערשקע מאַמציסעס דירה איז אַפילו אַזוי אַ גאַנץ פײַנע דירה, נאָר איין חסרון: זי שטייט אין דרויסן און האָט נישט קיין פּיצל הויף. זי זעט־אויס, ווי מע האָט זי פאַרלאָרן אין מיטן גאַס: עמעצער איז געגאַנגען און האָט פאַרלאָרן אַ דירה. אָן אַ הויף, אָן אַ הויז, אָן אַ דאָך. די טיר פון יענער זײַט געסל, ווי אַ קאַפּאָטע מיטן סטאָן פון פאָרנט און מיט די קנעפּלעך פון הינטן — און רעדט מיט הערשקען, וועט ער אײַך פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ מיט זײַן דירה: ווי אַזוי ער האָט זיך געלאָדן פאַר דער דירה, ווי אַזוי ער האָט אויסגעלאָדן די דירה, ווי אַזוי מע האָט געוואָלט צונעמען בײַ אים די דירה, ווי אַזוי ער האָט זיך געשלאָגן פאַר דער דירה, און ווי אַזוי די דירה איז געבליבן זײַן דירה...

— ווו רעכנט איר, רב משה, צו שטעלן די סוכה? — פרעגט דער טאַטע בײַ „שוין איין מאָל משהן”, און „שוין איין מאָל משה”, פאַרריסן דאָס היטל און פאַרטראַכט, ווי אַ גרויסער אַרכיטעקטאָר, וואָס באַקלערט זייער אַ גרויסן פּלאַן, ווײַזט מיטביידע הענט פון דאַנען אַהער און פון

דאָרטן אַהין, און וויל געבן צו פאַרשטיין, אַז ווען די דירה שטייט נישט אין דרויסן און האָט אַ הויף, פאַרשפּאָרט מען דעמאָלט צוויי ווענט, און די סוכה ווערט באַ אים פאַרטיק אין איין טאָג — וואָס זאָג איך אין איין טאָג? אין איין שעה! נאָר אַזוי ווי די דירה האָט נישט קיין הויף און מע דאַרף האָבן פיר ווענט, ווערט דאָס באַ אים אַביסל געדויערן, נאָר דערפאַר ווערט דאָס זײַן אַ סוכה — שוין איין מאָל אַ סוכה! דער עיקר, ס׳זאָל נאָר זײַן מאַטעריאַל.

— מאַטעריאַל ווערט זײַן, האָט איר זשע אינסטרומענטן? — פרעגט אים הערשקע.

— אינסטרומענטן וועלן זיך געפינען, האָט איר זשע געהילץ? — פרעגט אים משה.

— געהילץ איז פאַראַן, האָט איר זשע צווֿעכעס? — פרעגט אים הערשקע.

— צווֿעכעס קאָן מען קריגן, האָט איר זשע סכך? — פרעגט אים משה.

— עפּעס זײַט איר מיר הײַנט צו „דאָסיק"! — מאַכט הערשקע.

— צו וואָסיק? — פרעגט אים משה און קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן, אוןביידע צעלאַכן זיי זיך.

ח.

נאָר אַז הערשקע מאַמצים האָט געבראַכט צו שלעפּן די ערשטע עטלעכע ברעטלעך מיט די ערשטע פּאָר קלעצלעך, האָט „שוין איין מאָל משה" געזאָגט, אַז עס ווערט, אם ירצה השם, זײַן „שוין איין מאָל אַ סוכה". און איך בין געווען זייער נײַגעריק צו וויסן, ווי אַזוי ווערט ער דאָס מאַכן פון די דאָזיקע עטלעכע ברעטלעך מיט די פּאָר קלעצלעך אַ סוכה? איך האָב מיך אויסגעבעטן באַ דער מאַמע, זי זאָל מיך לאָזן זײַן דערבײַ, בשעת משה ווערט מאַכן די סוכה, און באַ משהן אַליין האָב איך דאָס באַלד געפּועלט; נישט נאָר ער האָט מיר דערלויבט צו זײַן דערבײַ, אדרבה — ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל אים זײַן אַ „פּאָמעטש", דאָס הייסט, איך זאָל אים העלפן דערלאַנגען און צוהאַלטן וואָס ער ווערט מיר הייסן.

סע פאַרשטייט זיך, אַז איך בין פון אַזאַ מעשה געווען אָפּן זיבעטן

הימל. אַ קליניקייט — איך וועל העלפן בויען אַ סוכה! און געהאָלפן האָב איך זייער אַ סך: געהאָלפן מאַכן מיט די ליפּן, בשעת משה האָט געקלאַפּט מיטן האַמער, געהאָלפן גיין אין שטוב אַרײַן גלײַך מיט אים עסן, געהאָלפן שרײַען אויף די איבעריקע קינדער, זיי זאָלן אונדז נישט שטערן די אַרבעט, און געהאָלפן אונטערטראָגן אים אַלע מאָל דעם האַמער, בשעת ער האָט באַדאַרפט דעם זאַסטופּ, און דערלאַנגען אים די אָפּצוועגנע, בשעת ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ צוויאַק. אָן אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט פאַר אַזאַ מין „העלפן" מיט אַזאַ מין „אונטערטראָגן" געוואָרפן אין קאָפּ אַרײַן דעם האַמער אָדער די אָפּצוועגנע; נאָר „שוין איין מאָל משה" איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל; אים האָט נאָך קיינער נישט געהאַט די זכיה צו זען, ער זאָל זײַן אין כעס.

— כעס, האָט ער געזאָגט, איז עבודה־זרה; אַזוי ווי די עבודה־זרה העלפט, אַזוי העלפט כעס...

און מחמת איך בין געווען זייער פאַרטיפט אין דער אַרבעט, האָב איך גאָרנישט באַמערקט, ווי אַזוי און פון וואַסערע נסים ס'איז בײַ אונדז פאַרטיק געוואָרן די סוכה.

— קום, וועסטו זען די סוכה, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט! — אַזוי זאָג איך דעם טאַטן און שלעפּ אים אַרויס פאַר דער פּאָלע אין דרויסן אַרויס, און דער טאַטע קוועלט־אָן פון אונדזער אַרבעט, קוקט אויף משהן מיט אַ שמייכעלע און זאָגט צו אים, באַווײַזנדיק אויף מיר:

— האָט איר כאָטש געהאַט פון אים, רב משה, אַ שטיקל „פּאַמעטש"?

— שוין איין מאָל אַ „פּאַמעטש"! — זאָגט משה און קוקט־אַרויף אויפן דאַך פון דער סוכה מיט יסורים. — אונדזער הערשקע זאָל שוין ברענגען צו טראָגן דעם סכך, וואָלט שוין געווען שוין איין מאָל אַ סוכה!

ז.

הערשקע מאַמצים האָט אונדז געפירט מיטן סכך, אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג, ביז גאָר האָט געהאָלפן דעם טאָג פון ערב סוכות, האָט ער געבראַכט צו פירן אַ וואָגן מיט דינע, דינע שטעקעלעך, אַ מין קאַמיש, וואָס וואַקסט בײַ אונדז אויף יענער זײַט טײַך אין געמייזעכץ, און מיר האָבן זיך גענומען דעקן די סוכה; דאָס הייסט, דעקן האָט געדעקט

משה אַליין, און איך האָב געהאָלפֿן צעטרײַבן די ציגן, וואָס האָבן זיך צוגעכאַפּט צום דאָזיקן סכך, ווי צו עפּעס רעכטס. איך ווייס נישט, וואָס פֿאַר אַ טעם האָבן זיי געפֿונען אין די דאָזיקע ביטערע, גרינע שטעקעלעך.

מחמת הערשקע מאַמציסעס שטוב שטייט אין דרויסן, דאָס הייסט, אין אַ רשות־הרבים, איז פֿון די ציגן געווען נישט אָפּצוטרײַבן זיך. אַט האָט איר אָוועקגעטריבן איינע, איז געקומען די אַנדערע, נאָך נישט אָוועקגעטריבן די אַנדערע — אהאַ, אַט איז שוין די ערשטע נאָך אַ מאָל אויסגעוואַקסן!

איך האָב זיי געטריבן מיט שטעקנס:

— אַ קאָזאַ, וואָן פֿון דאַנען! ווײַטער ביסטו דאָ, דו נאַרישע ציג? אַ קאָזאַ!

דער רוח ווייס זיי, פֿון וואַנען זײַנען זיי געוואָר געוואָרן, אַז ס'איז בײַ אונדז פֿאַראַן גרינער סכך! אַפּנים, זיי האָבן געגעבן צו וויסן איינס דאָס אַנדערע — נישט אַנדערש; וואָרעם עס האָבן זיך צענויפֿגעקליבן אַרום אונדז אַלע ציגן פֿון דער גאַנצער שטאָט, און איך, איינער אַליין, האָב געמוזט מיט זיי אַלע מילחמה האַלטן!

אַז גאָט האָט געהאָלפֿן, דער גאַנצער סכך איז שוין געלעגן אויף דער סוכה, זײַנען די ציגן געבליבן שטיין, ווי די נאַראָנים, געקוקט אַרויף מיט נאַרישע אויגן און נאַריש געמעקעה־גרהט. איך האָב דערלעבט אָן זיי אַ נקמה און האָב זיך אָנגערופֿן צו זיי:

— פֿאַר וואָס שלעפּט איר איצטער נישט קיין סכך, נאַרישע ציגן?

עס ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן מיך פֿאַרשטאַנען: זיי האָבן זיך איינציקווײַז אָנגעהויבן צעגיין זוכן זיך אָן אַנדער עובדא, און מיר האָבן זיך גענומען אויספּוצן די סוכה פֿון אינעווייניק. קודם כל האָבן מיר אויסגעשאָטן די ערד מיט געל זאַמד; נאָכדעם האָבן מיר אַרומגעהאַנגען די ווענט מיט אַלערליי קאָלדרעס פֿון אַלע דרײַ שכנים, און דאָרט, וווּ עס האָט נישט געכאַפּט קיין קאָלדרעס, איז געהאַנגען אַ שאַל, און אַז עס האָט נישט געכאַפּט קיין שאַלן, איז געהאַנגען אַ טישטעך אָדער אַ לײַלעך; און ערשט נאָכדעם האָבן מיר אַרויסגעטראָגן די טישן מיט די בענקלעך, די לײַכטער מיט די בענטשליכט, דאָס געפֿעס מיט די מעסערס מיט די גאָפּלען מיט די לעפֿל, און אַלע דרײַ בעל־הביתטעס זײַנען געגאַנגען בענטשן ליכט און מאַכן אַ ברכה „לישב בסוכה".

ז.

מײַן מאַמע, עליה השלום, איז געװען אַ יִדענע, װאָס האָט ליב געהאַט װײנען. ימים נוראים — דאָס זײַנען געװען א י ר ע ימים טו־בים, און פון זינט מיר האָבן פאַרשפּילט אונדזער אײגענע דירה, האָבן זיך איר די אױגן נישט אױסגעטריקנט אַף קײן מינוט. דער טאַטע, װאָס איז אַלײן אױך אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ, האָט דאָס נישט געװאָלט לײַדן, איר געזאָגט, זי זאָל מורא האָבן פאַר גאָט, זי זאָל נישט זינדיקן, װאָרעם ס׳איז פאַראַן נאָך ערגערס, דאַנקען גאָט דערפאַר... נאָר דאַ אין סוכה, בשעת ליכט־בענטשן, האָט זי פאַרשטעלט די אױגן מיט בײדע הענט און האָט געקאָנט װײנען און װײנען שטילערהײט, קײנער זאָל נישט װיסן, אַז זי װײנט. נאָר נישט מיך נאַרט מען: איך האָב גאַנץ גוט געזען, װי די פּלײצעס טרײסלען זיך איר און טרערן רינען דורך די װײַסע, דינע פינגער, און זײ פאַלן אַפן װײַסן טישטעך. און איך װײס אַפילו װ אָ ס זי װײנט!... איר גליק, װאָס דער טאַטע גרײט זיך אין שול אַרײַן, טוט־אָן די שבתדיקע, שױן אַפילו צעהאַקטע, נאָר פאַרט זײַדענע קאַפּאָטע, נעמט זיך אַרום מיטן געפלאָכטענעם זײַדענעם גאַרטל, שטעקט־אַרײַן בײדע הענט אין גאַרטל אַרײַן און מיט אַ טיפן יום־טובדיקן זיפץ זאָגט ער צו מיר:

— קום, לאָמיר גײן, שױן צײַט גײן אין שול אַרײַן דאַװנען.

איך נעם די סידורים מיט די מחזורים, און מיר לאָזן זיך מיטן טאַטן אין שול אַרײַן, און די מאַמע בלײַבט דאַװנען אין דער הײם, און איך װײס פריִער װאָס זי װעט טאָן: ז י װ ע ט װ ײ נ ע ן. זי װעט זיך קאָנען גוט אָנװײנען! והראיה, אַז מיר זײַנען געקומען צוריק און אַרײַן אין סוכה מיטן שײנעם ברײטן „גוט־יום־טוב״, און דער טאַטע האָט זיך געשטעלט מאַכן קידוש, דעם שײנעם יום־טובדיקן קידוש מיטן שײנעם יום־טובדיקן ניגון, האָב איך זיך צוגעקוקט צו אירע אױגן — זײַנען זײ געװען רױטלעך און אונטערגעשװאָלן די קישעלעך פון אונטן. אױך די נאָז האָט שטאַרק געגלאַנצט, געבלישטשעט — און דאָך האָט זי מיר אױסגעװיזן שײן, װי די מוטער רחל, אָדער װי אביגיל. אָדער װי די מלכּה שבא, אָדער װי אסתּר המלכּה. און קוקנדיק אַף איר, דערמאָן איך מיך אָן אַלע אונדזערע שײנע יִדישע טעכטער, די יפת־תוארס, װאָס איך בין מיט זײ פאַרפרי באַקאַנט געװאָרן אין חדר. און

קוק איך אַף מײַן שײנער מאַמען מיט איר שײן קלאָר־װײַס פּנים, װאָס שײַנט־אַרױס פֿון דער שײנער זײַדענער יום־טובדיקער פּאַטשײלע, מיט אירע שײנע גרױסע פֿאַרזאָרגטע אױגן, פֿאַרקלעמט מיך באַם האַרצן, װאָס אַזעלכע שײנע אױגן דאַרפֿן שטענדיק װײנען, װאָס אַזעלכע שײנע װײַסע הענט דאַרפֿן נעבעך אַלײן קאָכן און באַקן, און עס פֿאַרדריסט מיך אַפֿן רבונו־של־עולם, פֿאַר װאָס ער גיט אונדז נישט קײן געלט אַ סך, און איך בעט באַ גאָט, ער זאָל מיך באַגליקן, איך זאָל געפֿינען עפּעס אַן אוצר פֿון אַ סך גאָלד און דימענטן מיט בריליאַנטן, אָדער לאָז קומען משיח, װעלן מיר אַלע גײן קײן ארץ־ישׂראל, און דאָרטן װעט דאָך שױן אונדז אַלעמען זײַן גוט!...

אַזױ טראַכט איך מיר, און מײַנע געדאַנקען הײבן מיך אױף און פֿאַרטראָגן מיך װײַט־װײַט, אַהין, צו מײַנע גילדענע חלומות, װאָס איך װעל זײ נישט פֿאַרבײַטן אַף כּל הון דעלמא. און דער שײנער יום־טובדיקער ניגון פֿונעם טאַטנס שײנעם יום־טובדיקן קידוש גיסט זיך מיר אַרײַן אין די אױערן אַרײַן:

כּי בנו בחרת,
ואותנו קדשת
מכּל העמים!...

און איך פֿאַרשטײ די טײַטש פֿון די דאָזיקע שײנע, גוטע װערטער:

דען אונדז האָסטו אױסדערװײלט,
און אונדז האָסטו אױסגעקליבן
פֿון אַלע פֿעלקער!...

אַ קלײניקײט, אַ פֿאָלק אַ מיוחס באַ גאָט? אַ פֿאָלק אַ בן־יחיד? און עס װערט מיר גוט אַפֿן האַרצן: פֿונעם דאָזיקן גליקלעכן אױסדערװײלטן פֿאָלק! און עס שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך בין אַ פּרינץ... יאָ, אַ פּרינץ. און די סוכּה — דאָס איז אַ פּאַלאַץ, און דאָ רוט די שכינה, און דאָ זיצט מײַן מאַמע די יפֿת־תּואר, די מלכּה שבא, און דאָ װעלן מיר מאַכן מאָרגן, אם ירצה השם. דעם שײנעם „שהחינו" איבער דעם שענסטן פֿון אַלע פּירות, איבערן אתרוג — אַך, װער קאָן זיך צו מיר גלײַכן? װער קאָן זיך צו מיר גלײַכן?!

ה.

נאָכן טאַטן מאַכט קידוש „שוין איינמאָל משה" — נישט דער קידוש, וואָס באַם טאַטן, אָבער גאָר לאָ! און נאָך אים — דער בעל־הבית אַליין, הערשקע מאַמצים, — אַ פּראָסטער ייִד, אַ פּראָסטער קידוש, און מיר גייען זיך וואַשן און מאַכן המוציא, און אַלע דרײַ בעל־הביתטעס ברענגען צו טראָגן די ·גוטע, וואַרעמע, פרישע, געפעפערטע, מחיה־שמעקעדיקע פיש — און איטלעכער זיצט זיך מיט זײַן געזינדל באַ זײַן טיש, אַ סך קוילעטשן. אַ סך הענט טונקען־אײַן ווייכן קוילעטש אין הייסער פיש־יויך. אַ סך מײַלער עסן. און אַ ווינטל בלאָזט־אַרײַן אין סוכה דורך די דינע שוואַכע ווענטלעך און דורכן שיטערן סכך, און די ליכטלעך שמעלצן זיך, און אַלע עסן, עסן געשמאַק די יום־טובדיקע סעודה — און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ס'איז נישט קיין סוכה, נאָר אַ פּאַלאַץ, אַ גרויסער, ליכטיקער פּאַלאַץ, און מיר, ייִדן, מיוחסים, פּרינצן, בני־יחידים, זיצן דאָ און עסן און טוען זיך אָן ווױלטאָג. „אַש־ריכם, ישראל! ווויל איז צו אײַך, ייִדעלעך! — טראַכט איך מיר. — קיינעם איז נישט אַזוי גוט, ווי אײַך! מכות האָט נאָך עמעצער אַ זכיה צו זיצן אין אַזאַ שיינער סוכה, געדעקט מיט גרינעם סכך און אויסגע־שאָטן מיט געלן זאַמד און באַהאַנגען מיט די שענסטע קאָלדרעס פון דער וועלט, און אָפן טיש יום־טובדיקע קוילעטשן מיט אמת גוטע יום־טובדיקע פיש, וואָס דאָס אַליין איז אַ מאַכל־מלכים; הײַנט ווער שמור־עסט, אַז מע וועט נאָך..." פּלוצים — טררראַך! ד'ער גאַנצער דאַך מיטן סכך — אַף אונדזערע קעפּ; און נאָכן דאַך — איין וואַנט און די אַנדערע וואַנט בייגן זיך, פאַלן כורעים, און עפּעס אַ ציג פליט פון אויבן אַראָפּ גלײַך אַף אונדז, און מיט אַמאָל ווערט פינצטער־חושך, אַלע ליכט אויסגעלאָשן, אַלע טישן איבערגעקערט, און מיר אַלע, מיט די קוילעטשן, מיטן געפעס, מיט דער ציג, ליגן אין זאַמד. און די לבנה שײַנט, און די שטערן קוקן, און די ציג כאַפּט זיך אויף מיט שרעק אַף די דינע פיסלעך, בלײַבט שטיין אַ ווײַלע און קוקט זיך אַרום מיט נאַרעשע אויגן, ווי אַ זינדיקער מענטש, און באַלד כאַפּט זי די פיס אַף די פּלייצעס און מאַרש, ווי אַן עזות־פּנים, איבער טישן און איבער בענק און איבער קעפּ מיט אַ געשריי: „מע־־ע־ע־ע!" די ליכט אַלע אויסגעלאָשן, דאָס געפעס צעבראָכן, די קוילעטשן אין זאַמד, מיר

אַלע איבערגעשראָקן אױף טויט. די װײַבער קװיטשען, די קלײנע קינ־דער װײנען — אַ חורבן! אַן אמתער חורבן.

* * *

— אַ שײנע סוכה האָט איר אַנידערגעשטעלט, — זאָגט צו אונדז נאָכדעם דער בעל־הבית, הערשקע מאַמצים, מיט אַזאַ טאָן, גלײַך װי מיר װאָלטן באַ אים גענומען פּאַר דער סוכה מי יודע װיפל, — אַז אײן ציג האָט זי געקאָנט אַנידערלײגן. אַ שײנע סוכה!

— שוין אײנמאָל אַ סוכה! — זאָגט „שוין אײנמאָל משה", שטײט װי אַן אױסגעפּאַטשטער און באַטראַכט מיט קאָפּ, פּונװאַנען, אײַנגנטלעך, האָט זיך גענומען דער דאָזיקער חורבן. — שוין אײנמאָל אַ סוכה!

— יאָ שוין אײנמאָל אַ סוכה — קרימט אים איבער דער בעל־הבית מיט סם־המות, און אַלע העלפן אים אונטער אין אײן קול:

— שוין אײנמאָל אַ סוכה!...

געשריבן אין יאָר 1903.

די ערשטע קאָמונע

אַ מעשה לכבוד פסח

קאַפּיטל א.

אַ מענטש ווערט מיט אַלצדינג געוווינט

הערט איר? ס'איז גאָר נישטאָ די צרה אַף דער וועלט, וואָס אַ מענטש זאָל מיט איר ניט קאָנען געוווינט ווערן. דאַכט זיך, וואָס קאָן שוין זײַן ערגער פון ציינווייטיק? פונדעסטוועגן קאָן איך אײַך ברענגען אַ ראיה פון מײַן רבין רב מאָניש. מײַן רבי רב מאָניש האָט געזאָגט, אַז ווען ער זאָל חלילה לײַדן אַף ציינווייטיק, וואָלט ער זיך מעשה אָנגעטאָן. כך הוה. אַז ס'איז געקומען די צײַט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן רײַסן זיך אַף די ציין, האָט ער תחילת געשריגן נישט מיט זײַן קול, געקראָכן אַף די גלײַכע ווענט, ארומגעטאַנצט איבער דער שטוב און צעטריבן דעם גאַנצן חדר אהיים. אַף מאָרגן, אַז מיר זײַנען געקומען אין חדר אַרײַן, האָבן מיר אים געטראָפן מיט אַן אונטערגעבונדענער באַק און מיט אַן אויפגעטראָגענער ליפּ, און ער האָט שוין געקרעכצט שטילערהייט. אַף איבערמאָרגן זײַנען שוין געווען בײַ אים אַרומגעלייגט ביידע באַקן מיט קישעלעך, דאָס פּנים האָט געגלאַנצט, ווי באַשמירט מיט פּוטער, און געזעסן איז ער שטיל, ווי אַ קעצעלע, ניט אַרויסגעלאָזט אַפילו קיין פּיפּס.

— וואָס הערט זיך, רבי, מיט אײַער צאָן?

— וואָסער צאָן? — מאַכט צו אונדז דער רבי מיט אַ ביטער שמייכעלע: — עס רײַסן מיך שוין, ברוך השם, אַלע ציין.

איך האָב דאָס אײַך געבראַכט אַהער, בכדי עס זאָל אײַך קיין

חידוש ניט זײַן, וואָס מיר זײַנען זיך געוווינט געוואָרן מיט הערשקע מאַמציסעס דירה, כמעט פאַרגעסן שוין, אַז מיר האָבן געהאַט אַמאָל אַן אייגענע דירה, אַ גרויסע דירה, מיט אַ הויף, און מיט אַ גאָרטן, און מיט אַ סוכּה, און מיט אַ שפּיזאַרנע, און מיט וואָס ניט? אמת, די מאַמע האָט נאָך אַלץ גאַנץ אָפט אונטערגעזיפצט און געגעבן אָנצוהערעניש דעם טאַטן, אַז ס'איז נישטאָ ווי עפּעס אַוועקצולייגן פון דאַנען אַהין. דערויף האָט איר דער טאַטע, געוויינטלעך, אָדער גאָרניט געענטפערט, אָדער געענטפערט מיט אַ זיפץ.. און זי האָט אים גוט דערגאַנגען מיט ווערטער, אויסגעוויזן מיט ראיות, אַז אין בעל־הבתיש־קייט מוז מען האָבן אַ שטיקל קעמערל, כאָטש אַ ווינקעלע אַ באַזונדערס, האָט איר דער טאַטע אַ זאָג געטאָן: „זינדיק נישט, דאַנקען גאָט דערפאַר". און דאָס איז שוין געווען אַ תירוץ אויף אַלצדינג: אויף דעם, וואָס זיי דאַרפן, דרײַ בעל־הביתטעס, שטיין בײַ איין אויוון; אויף דעם וואָס אַלע דרײַ שכנים באַדאַרפן שעפּן וואַסער פון איין דייזשקע און גיסן אין איין פּאָמעניצע; אויף דעם, וואָס פאַר אַלע עופות איז פאַראַן סך הכל איין שטײַג, און אויף דעם, וואָס אַז עמעצנס ציגן טוען־אָן שאָדן — ווייס מען אַפילו ניט וועמענס.

— צביה־לאה, אײַער ציג טוט מיר צום טויט: זי האָט מיר הײַנט געפּטרט דאָס מילכיקע טעפּל! — קלאָגט זיך די מאַמע פאַר דער בעל־הביתטע.

— און אַז אײַער ציג האָט מיר נעכטן אויסגעזעצט אַ טאַפּליע? — ענטפערט איר אָפּ צביה־לאה, אַ יידענע אַ גראָבע מיט אַ קול פון אַ מאַנצביל.

— פון וואַנעט ווייסט איר, אַז מײַן ציג האָט אײַך אויסגעזעצט אַ טאַפּליע? — זאָגט די מאַמע.

— פון וואַנעט ווייסט איר, אַז מײַן ציג האָט אײַך צעבראָכן דאָס טעפּל? — זאָגט צביה־לאה.

— מײַנע געווים ניט! — מישט זיך אַרײַן די דריטע שכנה, אַ קליין ווײַבל מיט שוואַרצע אייגעלעך, וואָס הייסן הייסט זי פּערעלע, און רופן רופט מען זי „שוועבעלע", דערפאַר, וואָס זי צינדט זיך גיך אָן און ווערט באַלד פאַרלאָשן — פּונקט דער היפּך פון איר מאַן,

אונדזער אַלטן באַקאַנטן משה, דער וואָס מע רופט אים „שוין איינמאָל משה". איר דאַרפט אים געדענקען פונעם פאַרגאַנגענעם סוכות, אויב איר האָט געלייענט מײַן מעשה „שוין איינמאָל אַ סוכה".

קאַפּיטל ב.

אַ ים שכנות — וואָלוול שלייערס

די וואָס מיינען, אַז די דרײַ שכנות, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַ איין אויוון, גענומען וואַסער פון איין דייזשקע, געגאַסן אין איין פאַר־מעניצע און אַזוי ווײַטער, האָבן חלילה שטענדיק געהאַט צווישן זיך אַ שלעכט לעבן, — האָבן זיי אַ גרויסן טעות. אמת, מע קאָן ניט זאָגן, אַז ס'איז בײַ זיי געווען אַ לעבן ווי אונטער אויוון; מע זאָל זיך, הייסט דאָס, שטאַרק ליב האָבן, חלשן איינס נאָך דאָס אַנדערע — דאָס אויך נים. אַ מענטש איז אומעטום, קודם כל, נישט מער ווי אַ מענטש, און מענטשן בכלל האָבן זיך ליב נאָר פון דערווײַטן. די אַלע שיינע ביל־דער, וואָס מענטשן מאָלן־אָפּ, וויאַזוי מע וועט לעבן אַמאָל אַלע אײנ־איינעם גאַנץ ברידערלעך, אַלע אַף איין קעשענע, מע וועט צעשטויסן די שווערדן אַף גראָבאײַזנס און ביקסן אַף שנײַדמעסערס, און מע וועט זיך מער נישט קריגן, נישט זידלען, נישט טאָן אַף צו־להכעיס, לעבן ווי גאָט אין אָדעם — דאָס אַלצדינג וועט זײַן, אַז משיח וועט קו־מען. און ביז דעמאָלט וועלן דרײַ שכנות, וואָס שטייען בײַ איין אויוון, מוזן אַמאָל צעקריגן זיך, צעאַמפּערן זיך, רעכט אויסזידלען זיך און אפשר נאָך עפּעס ערגער אויך...

מילא, פון צביה־לאהן, הערשקע מאַמציסעס ווײַב, שמועסט מען נים. זי איז דאָך די בעל־הביתטע פון דער שטוב, האָט אַן אייגענע „נחלה", מיינט זי גלאַט, אַז אַלע באַדאַרפן האָבן פאַר איר דרך־ארץ, און אָן אַ „זײַט־זשע מוחל" טאָר מען גאָר מיט איר ניט ריידן. בײַ מײַן מאַמען האָט זי דאָס דווקא געפּועלט; מײַן מאַמע רעדט גאָר־אַנדערש נישט מיט איר:

— זײַט־זשע מוחל, צביה־לאה, די פאַמעניצע איז שוין פול, ווי אַן אויג.

אָדער:

— זײַט־זשע מוחל, צביה־לאה, אײַער קלײנינקער האָט שוין דאָרטן מחילה אָנגעאַרבעט אַ שײנע חתונה!...

דערפּאַר טאַקע האַלט צביה־לאה פֿון מײַן מאַמען אַן עולם ומלואו, און זי זאָגט דאָס איר אַלע מאָל אין די אויגן, בשעת זי צעקריגט זיך מיט דער דריטער שכנה, מיט פּערעלען.

— איר װײסט, בתיה־לעבן, — זאָגט זי צו איר מיט אַ זיס שמײכל: — איר װײסט, פֿאַרװאָס איך האַלט מיט אײַך אַזױ? נאָר דערפֿאַר, װאָס איר זײַנט ניט קײן שװעבעלע.

פּערעלע פֿאַרשטײט דעם שטאָך, רופֿט זי זיך אָן הויך צו מײַן מאַמע, און אויך זיס, װי קאַנדלצוקער:

װײסט איר, בתיה־לעבן, פֿאַרװאָס איך האָב אײַך אַזױ ליב? נאָר דערפֿאַר, װאָס איר האָט ניט קײן אײגענע „באָטע", װאָס סע רינט פֿון די װענט און סע קאַפּעט פֿון דער סטעליע, און װאָס איר מײנט נישט, אַז סע שפּילט זיך מיט אײַך דער מלאך המות.

און אַזױ טענהען זיך אױס בײדע װײַבער מיט מײַן מאַמען, גיבן איר צו פֿאַרשטײן, פֿאַרװאָס מע האָט זי ליב, און רעכענען איר אױס אַזעלכע מעלות, װאָס האָבן ניט קײן שיעור.

די גרעסטע פֿון אַלע מעלות אָבער, װאָס מײַן מאַמע האָט באמת, איז די מעלה, װאָס זי האָט ליב שלום. זי צענעמט די צדדים, פֿאַררעדט זײ די צײן.

— װאָס טויג אײַך, זײַט־זשע מוחל, מיר דערצײלן, פֿאַרװאָס איר האָט מיך ליב? איר דערצײלט מיר בעסער, זײַט־זשע מוחל, צביה־לאה־לעבן, װיאַזױ איז אײַך געגאַנגען מיטן לעצטן טראָגן.

אָדער:

— איר דערצײלט אונדז בעסער, זײַט־זשע מוחל, פּערל־קרוין, נאָך אַמאָל, פֿאַרװאָס האָט איר זיך צעקריגט איבער־אַ־נײַס מיט אײַער שװעגערן רחלע די גרינע? איר האָט דאָך ניט לאַנג איבערגעבעטן זיך מיט איר!

יאָ, װען ניט מײַן מאַמע, װאָלט געװען, װי מע זאָגט, דרײַ שלײערס אַ גראָשן. ס'איז אַזױ אויך געװען, מאָלט אײַך, געגנוג בזיונות, אַז מײַן מאַמע, װאָס האָט, זאָגט זי, קײנמאָל ניט געהערט קײן גראָבהײט, באַדאַרפֿט אױסהערן אַזעלכע װערטער מיט אַזעלכע קללות, און מיט אירע אײגענע הענט צענעמען די דאָזיקע צװײ װײַ־

בער, וואָס אַז זיי ווערן אין כעס, זײַנען זיי ערגער, זאָגט זי, פון די חיות רעות; זיי זײַנען גרייט איינס דאָס אַנדערע אָדער אָפּבײַסן די נעז, אָדער אַרויסרײַסן די אויגן! וויפל געזונט דאָס קאָסט דער מאַמע — דאָס ווייס איך. איך האָב ניט איינמאָל געטראָפן די מאַמע זיצן און וויינען (אַף אַלצדינג וויינט זי) און באַקלאָגן זיך אַף וואָס פאַר אַ לעבן זי איז איבערגעקומען! און קומט דער טאַטע, ווישט זי אוים די אויגן, גלײַך ווי גאָרניט געוועזן.

— וואָס איז? — פרעגט זי דער טאַטע דערשראָקן.

— וואָס „וואָס איז"? — מאַכט די מאַמע תמעוואַטע.

— וואָס ביסטו פאַרוויינט?

— איך? — זאָגט די מאַמע כלומרשט פריילעך, און טרערן קײַקלען זיך פון אירע שיינע אויגן איבער אירע ווײַסע שיינע באַקן. ווען איך שעם זיך ניט פאַרן טאַטן, פאַל איך איר אַפן האַלדז און קוש איר אוים יעדער גליד, מײַן טײַערער־טײַערער מאַמען!

קאַפּיטל ג.

מען רעדט פון קליינוואַרג און פון ווײַבער

און מיר, קליינוואַרג, קינדער פון די דרײַ שכנים אין איין שטוב, ווערן דאָ אוודאי וואָס ווײַטער אַלץ נענטער, און מיט דער צײַט — די לעצטע גוטע ברידער, ווי עס געהער צו זיין חברים! און איבער־הויפּט — די ייִנגלעך. אַרום און אַרום זײַנען מיר זיבן ייִנגלעך. איך מוז אײַך זיי אויסרעכענען באַ די נעמען: הערשקע מאַמציסעס פיר בנים, צוויי רויטע און צוויי שוואַרצע — אײַזיק, איציק, היליק און יש־ראליק; „שוין־איינמאָל־משהם" צוויי ייִנגלעך — יואליקל און שוא־ליקל; און איך — אברהמל, דער מחבר פון דער דאָזיקער געשיכטע. אחוץ די זיבן ייִנגלעך, זײַנען פאַראַן זעקס מיידלעך: צוויי צביה־לאהס טעכטערלעך אוןביידע מיט געלע הערלעך: איטקע און בייל־קע; און פיר פערלעס מיידלעך: רייזעלע און פייגעלע און חנהלע און יענטעלע.

די ייִנגלעך מיט די מיידלעך זײַנען צווישן זיך פײַער מיט וואַ־סער. מע האָט זיך אַזוי פײַנט, אַז ממש מע קאָן זיך איינס דאָס אַנ־

דערע ניט אָנקוקן. טאָמער טרעפט זיך עפּעס אין שטוב אַ שאָדן, לייגט מען אַרויף די באַד איינס אַף דאָס אַנדערע, די יִינגלעך אויף די מיידלעך און די מיידלעך אַף די יִינגלעך, ביז מע הייבט זיך אָן געבן קלעפּ. מיר יִינגלעך, פּלאָנטען זיך אײַן אין די רויטע הערעלעך פון די מיידלעך, און זיי, די מיידלעך, מאַכן אַזאַ קוויטשערײַ, ביז עס קומט צו לויפן הערשקע מאַמציס, אַ בייזער ייִד, וואָס האָט פײַנט „ספּראַ־וועס"; ער גיט פּעטש פון דער פולער האַנט אַף אַלע זײַטן: „פּיטש־פּאַטש — זאָגט ער — אי ניקאַקיך!" אַ גליק, וואָס סע מישט זיך אַרײַן „שוין־איינמאָל־משה", רײַסט־אַרויס די יִינגלעך פון הערשקעס הענט:

— לאָז שוין זײַן איינמאָל אַן עק!

אַ מאָדנער מענטש דער „שוין־איינמאָל־משה" — אַ קינדערשע נשמה באַ אים. טאָג ווי נאַכט וואָלט ער זיך מיט אונדז אָפּגעגעבן. פון העלפן אונדז מאַכן, בויען, צעגויפּשטעלן, צענויפּלייגן וכדומה — פון דעם שמועסט מען ניט; דערויף איז דאָך עפּעס „שוין־איינמאָל־משה" אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט אַ שם אַף דער וועלט. ווי קאָן ער שטיין און קוקן בשעת יענער שניצט, שנײַדט, טוט עפּעס? „גיב אַהער, דו שייגעץ איינער, וועל איך דיר ווײַזן, וויאַזוי מע שניצט מיט אַ מע־סער!" — נאָר דאָס איז בלאָטע. איך דאַרף אײַך זאָגן בסוד, אַז „שוין־איינמאָל־משה" האָט זיך ניט געפוילט פאַרקאַטשען די פּאָלעס און כאַפּן מיט אונדז אינאיינעם אַ שפּיל אין „קאַמער־קאַמער־הויז", „עקאָך־און־מקח", „אום־צי־גראַד" וכדומה. און מיט אים שפּילן איז געווען, זאָג איך אײַך, אַ פאַרגעניגן! פרייליכער, ווי שמחת־תורה! וואָס־זשע טוט גאָט? באַדאַרף ער אים געבן אַ ווײַב פּערעלע, וואָס מע רופט זי „שוועבעלע", לאָזט זי אים נישט מישן זיך צווישן קינדער. אָט אַן אומגליק! איך וועל זאָגן מיטן לשון פון מײַן רבין רב מאָניש. מײַן רבי רב מאָניש, אַז די רביצין האָט אים דאָקוטשעט מיט געלט, פלעגט ער זיך כאַפּן באַ דער לינקער פּאה און שרײַען: „גוואַלד! ווער האָט אויסגעטראַכט דאָס מין ווײַב אַף דער וועלט?"... אין יענער צײַט, ווען איך בין, למשל, קיסר און מען קומט צו מיר און מע פרעגט מיך: וואָס טוט מען מיט ווײַבער? — וואָלט איך געווים געזאָגט: מע זאָל זיי אַלע אויסקוילען, ווי די גענדז, נאָר איינע זאָל מען איבער־לאָזן — די מאַמע מײַנע.

אצינד, אַז מיר האָבן זיך אַביסל באַקענט מיט אַלע שכנים און שכנות, וואָס זיצן בײַ הערשקע מאַמצים, און מיט זייערע גזזינדלעך, — גייען מיר איבער צום ענין המעשה, דאָס הייסט צו דער „קאָמונע" גופא, פונוואַנען זי האָט זיך גענומען, וויאַזוי זי איז געוואָרן, און וואָס מיט איר איז געווען דער סוף.

קאַפּיטל ד.

דער ערשטער געדאַנק פון „קאָמונע"

ס'איז שוין לאַנג ידוע פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אַלע גרעסטע אידעען קומען אומגעריכט, דורך אַ קלייניקייט. אויך די אידעע פון „קאָמונע" בײַ אונדזערע דרײַ שכנות איז געבוירן געוואָרן אומגעריכט, דורך אַ נאַרישקייט. ס'איז אַזוי געווען די מעשה: באַלד נאָך פורים, אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן שמועסן מכח מצה אויף פסח און אויסרע־כענען וויפל יעדער באַדאַרף האָבן מעל, האָט זיך געטראָפן אַ מאָדנער נס: עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז מיר אַלע באַדאַרפן האָבן גלײַך, ניט מער און ניט ווינציקער. אָט האָט איר אײַך דעם חשבון פון אויבן־אויף: דער טאַטע, די מאַמע און איך — זײַנען דרײַ אירע; הײַנט וואַרטן מיר, עס דאַרפן קומען צו אונדז געסט: מיין עלטערע שוועס־טער אסנה מיט איר מאַן דניאל מיט דרײַ קינדערלעך פון אַ קליין שטעטל פון בעסאַראַביע (עס איז זיי הײַנט נעבעך נישט גוט די צײַט און זיי קלײַבן זיך קיין אַמעריקע) — האָט איר אַ קיימא־לן פון אַכט אירע. הײַנט הערשקע מאַמצים מיטן ווײַב, מיט זייערע פיר בנים און מיט צוויי טעכטערלעך — האָט אין אײַך פונקט אַכט. איצט נעמט „שוין־איינמאָל־משהן" מיטן ווײַב, מיט צוויי ייִנגלעך און פיר מיידלעך, — ווידעראַמאָל אַכט.

— פּלאַי־פּלאַים! טאַקע נאָר מן השמים! — האָבן אַ זאָג געטאָן די מאַנצבילן אויף צו־כלומרשט.

— אַ באַשערטע זאַך! — האָבן אונטערגעכאַפּט די ווײַבער שוין אַביסל ערנסטער.

— הערט נאָר אויס, ייִדישע קינדער, טאָמער וואָלט געווען אַ סברא, אַז מע זאָל מאַכן אויף די אַכט טאָג אַ מין יד־אחת?

אזוי האָט זיך אַ זאָג געטאָן איינער פון די מאַנצבילן, דאַכט זיך, „שוין־איינמאָל־משה", און הערשקע מאַמצים האָט אים אונטערגעכאַפּט:

— אַ מין שותּפות, בחברותא הייסט דאָס, וואָס גאָט גיט, אַבי אינאיינעם, אי ניקאָקיך!

— אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופן „קאָמונע". — שטעלט־אַרײַן דער טאַטע, און „שוין־איינמאָל־משה" מאַכט דערויף אַ פּירוש, צעלייגט די זאַך אויף טעלערלעך:

— „קאָמונע" הייסט: מײַנס־דײַנס, שלי־שלך, שלך־שלי, איין שיסל, איין קעשענע, איין דעה.

— ובפרט פּסח, — זאָגן שוין אַלע מאַנצבילן מיטן איין מאָל, — וואָס אַלע ייִדן עסן איין ברויט, די אָרעמע מצה, אַלע ייִדן טרינקען איין משקה, צימוקים־ווײַן, און אַלע — צו פיר כּוסות, און אַלע עסן איין מאכל, מרור, און אַלע זאָגן פון איין הגדה. פּסח איז דער בעסטער יום־טוב. פּסח וואָלטן אַלע ייִדן געמעגט מאַכן „קאָמונע".

אָפּגעזאָגט, האָבן די מאַנצבילן געכאַפּט אַ קוק אויף די ווײַבער: וואָס וועלן זיי עפּעס זאָגן דערויף? די ווײַבער האָבן אָבער גאַנץ קלוג אונטערגעשוויגן. זיי האָבן זיך, אפנים, געטראַכט: „וואָס דאַרפן מיר, ווײַבער, נעמען אויף זיך דעם האַרמידער? איר ווילט „קאָמונע" — לאָז זײַן „קאָמונע"! אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער מאַכט זיך נאָכדעם, עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם, — זאָלט איר אויף אונדז ניט אַרויפלייגן די באַד"... בקיצור, די ווײַבער האָבן דאָס אָפּגעאַרבעט גאַנץ דיפּלאָמאַטיש, ווי געוויינלעך ווײַבער, און דער פּלאַן פון „קאָמו־נע" איז אָנגענומען געוואָרן, נאָר ניט מיט אַמאָל, ביסלעכווײַז.

קודם כּל האָבן אַלע דרײַ שכנות געקויפט בשותּפות אַ זעקל מעל, און מען איז אַוועק אין איין קלאַפּ באַקן מצות. און די מצות זײַנען דאָס יאָר דווקא געראָטן. און מע האָט געבראַכט צו פירן די מצות, און מע האָט זיך געווינטשעוועט איינס דאָס אַנדערע, מע זאָל דערלעבן איבעראיאָר מיט די מאַנען און מיט די קינדערלעך געזונטערהייט און מע זאָל ווידער אַלע אינאיינעם באַקן מצות. ס'איז געווען אַ חיות אָנ־צוקוקן די גוטפרײַנטשאַפט מיט דער ליבשאַפט פון די ווײַבער, גלײַך ווי מע האָט זיך קיינמאָל נישט געקריגט, נישט געזידלט, נישט פאַר־בימן מיט קיין וואָרט אפילו. און נישט נאָר די ווײַבער — די מאַנצ־בילן, און אויך מיר, קליינוואַרג, האָבן זיך אין יענעם טאָג געפילט

אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט, זיינט מיר זיצן אַלע אונטער איין דאַך. און מערקווירדיק! אפילו הערשקע מאַמצים, וואָס איז תמיד בייז און אין כעס אַף דער גאַנצער וועלט (דערפאַר, וואָס זיינע צוויי שוואָגע־ריקעס האָבן אַמאָל געוואָלט אויסלאָדן באַ אים די דירה), איז דעם טאָג געווען עפּעס מאָדנע אויפגעלייגט, נישט געגעבן פּעטש, „פּיטש־פּאַטש אי ניקאַקיך", ווי זיין שטייגער איז, און האָט גאָר אונטערגע־זונגען לידלעך שטילערהייט! און צביה־לאהס מאַנצבילשע שטימע איז יענעם טאָג געווען עפּעס דינער און ווייכער. מיט איינעם וואָרט, אַ גוּ־טער מלאך איז דורכגעפלויגן איבער הערשקע מאַמציסעם דירה. די שכינה האָט גערוט אַף איר.

נעפּטרט די מצות, האָבן די ווייבער אָוועקגעשטעלט אַלע אינ־איינעם אַ דייזשקעלע באָרשט (דאָס דייזשקעלע האָט פּאַרזאָרגט, גע־וויינלעך, „שוין־איינמאָל־משה"), און מע האָט ווידעראַמאָל געווונטשן זיך, מע זאָל דערלעבן איבעראַיאָר מיט די מאַנען און מיט די קינדער־לעך געזונטערהייט און מע זאָל ווידער שטעלן אַלע אינאיינעם פּסחיקן באָרשט, און אין שטוב איז ווידער געווען ששון ושמחה, גוט אַפן הארצן. נאָכדעם האָט מען אָנגעקויפט אַלע אינאיינעם עטלעכע פּאָר עו־פות מיט אַ פּאָר אינדיקעס, וואָס גאָט האָט זיך צוגעשיקט אַ כשרע מציאה (אַ משוגענער גוי האָט זיך מער ניט געהייסן באַצאָלן ווי צען גילדן פּאַר צוויי אינדיקעס, ווי די קעלבלעך די גרוים), און מע האָט אַלע עופות פּאַרוואָרפן אין איין שטייג (די שטייג האָט צורעכט געמאַכט, געוויינלעך „שוין־איינמאָל־משה"), און די אינדיקעס האָט מען געלאָזט שפּאַצירן איבער דער שטוב, און פּאַר אונדז, קליינוואַרג, איז דאָס געווען אַ שטיקל געשעפט: מיר האָבן זיך מיט זיי גערייצט, מיר האָבן צו זיי געפייפט, און זיי האָבן געשריגן: „האָלדיר־האָלדיר!" — און קיינער האָט אונדז ניט געזאָגט קיין וואָרט. און די ווייבער האָבן זיך געווינטשעוועט, מע זאָל דערלעבן איבעראַיאָר מיט די מאַנען און מיט די קינדערלעך געזונטערהייט און מע זאָל ווידער קויפן בשותפות אַלע אינאיינעם אַזעלכע עופות און אַזעלכע אינדיקעס. נאָכדעם האָט מען געקויפט אַלע אינאיינעם צוויי זעקלעך קאַרטאָפלעס אין גלייכן געלט, און אייער עפּעס גאָר אַ מציאה פון אַ גנב — דריי גילדן אַ שאָק! גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ גויע מיט אייער, אַף קיין שלעכט אָרט זאָל זי ניט שטיין! — און די ווייבער האָבן געלאַכט פון דער גויע, אַ נאַ־

רישע גויע אַ געשלייערטע האַנזי! און מע האָט זיך ווידער געווינטשעוועט, מע זאָל דערלעבן איבעראַיאָר מיט די מאַנען און מיט די קינדערלעך געזונטערהייט און מע זאָל ווידער אײַנקויפן אַלע אינאײינעם בחברותא אַזעלכע געראָטענע קאַרטאָפּלעס און אַזעלכע פרישע אייער! וואָס דאַרפט איר מער? פּסחדיקע קוילן צום סאַמאָוואַר האָט מען געקויפט אַלע אינאײינעם אַ זעקל כמעט אומזיסט, ס'איז גאָר אַ חרפּה אויסצוזאָגן פאַר וויפל; הײַנט כריין און פּאַסטערנאַק און שאָר ירקות — אַלצדינג בזיל הזול! „אָן ערב פּסח פון גאָלע מציאות" — האָבן געזאָגט די ווײַבער און האָבן געלאַכט, און מיר, קליינוואַרג, האָבן געפּײַפט צו די אינדיקעס, און די אינדיקעס האָבן געשריגן: „האָלדיר־האָלדיר!", און מען האָט זיך געווינטשעוועט, מע זאָל דערלעבן איבעראַיאָר מיט די מאַנען און מיט די קינדערלעך געזונטערהייט און מע זאָל ווידער מאַכן אינאײינעם אַלע איין פּסח. מע האָט אַרויסגעזען באַשיינפּערלעך, אַז עס קאָן גאָרניט זיין קיין גרעסערע חכמה אױף דער וועלט, ווי אַז מע מאַכט יד־אחת.

— קאָמונע! איר שפּילט זיך מיט קאָמונע? — האָבן אַ זאָג געטאָן די מאַנצבילן אױף אַ ליצנות. און די ווײַבער האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס וואָרט „קאָמונע", נאָר געררופן האָבן זיי דאָס „קאָמונעס", און האָבן אַרויסגעזאָגט בפירוש, אַז זיי וואָלטן זיך ניט אָפּגעזאָגט, ס'זאָל אַ גאַנץ יאָר זײַן בײַ זיי „קאָמונעס". און די ווײַבער זײַנען געווען אויפגעלייגט, און די מאַנצבילן — אוודאי, און מיר, קליינוואַרג, — אוודאי און אוודאי!

געבליבן איז אפן לעצטן טאָג נאָר פיש און פלייש און ווײַן אױף אַרבע כוסות, מילא, פיש — דאָס האָט גענומען אױף זיך, געוויינלעך, „שוין־איינמאָל־משה", וואָרעם ווו האָט איר אױף דער וועלט נאָך אַזאַ בריה אױף קויפן פיש, ווי ער? ער וועט ברענגען צו טראָגן פיש, וועט זײַן שוין איינמאָל פיש! מיט ווײַן און מיטן חרוסת האָט מען זיך פאַרלאָזט אינגאַנצן אױף מײַן טאַטן, מחמת דער מבין אױף ווײַן איז ער. און טובלען דאָס געפעס האָט מען געשיקט אונדז, יונגלעך (פאַר די מיידלעך האָט מען געפונען אַן אַנדער אַרבעט: העלפן די מאַמעס כשרן און רײַבן און שײַערן און פוצן), און מיר האָבן פאַרקאַטשעט די הייזלעך און זײַנען אַוועק צום טײַך לעבעדיק, פריילעך. בקיצור, ס'איז געווען „ליהודים", אַלע זײַנען געווען פאַרנומען, אַלע הענט האָבן געאַרבעט, קיינער

איז ניט געזעסן לײדיק אַ מינוט אַפילו, ביזן לעצטן טאָג ערב פּסח, ביז מע האָט פאַרברענט דעם חמץ, געגאַנגען אַלע אין מרחץ אַרײַן, געקומען אַהײם, איבערגעטאָן זיך אַלע יום־טובדיק און מע האָט גענומען גרײטן זיך צום סדר.

קאַפּיטל ה.

די זײַלן פון דער קאָמונע שאָקלען זיך

עס פאַרשטײט זיך פון זיך אַלײן, אַז צענויפשטעלן די טישן מיט די בענקלעך, אויסשטעלן די כוסות מיט די קערות און אויסבעטן די הסב־בעטן האָט גענומען אויף זיך „שוין־אײנמאָל־משה". װער עס האָט אים נישט געזען אַרומטאַנצן דעם דאָזיקן פאַרנאַכט, דער האָט גאָר קײן שײנס ניט געזען! די בעקלעך האָבן אים געפלאַמט, דאָס היטל איז אים אַראָפּגעפאָרן אויף אַ זײַט, אײן װאָנצע, די לאַנגע, האָט זיך באַ אים אויסגעצויגן נאָך לענגער. ער האָט אויסגעזען, װי אַ קאָמאַנדיר פון אַ שיף, אָדער װי אַ פעלדמאַרשאַל אויף דער מילחמה, אָדער װי אַ גבאי צו הקפות. ער האָט נישט געלאָזט קײנעם זיך צורירן צו קײן זאַך: אַלײן האָט ער צענויפגעטראָגן בענקלעך, אַלײן צענויפגעשטעלט די כוסות, אויסגעשטעלט דאָס זאַלצװאַסער מיטן חרוסת מיט די שאָר ירקות, און אַלײן אויסגעבעטן אַלע פיר הסב־בעטן (מײַן שװאָגער דניאל איז אויך געװען פאַררעכנט אין קאָן). און אַז ס'איז געקומען צו די הסב־בעטן, האָט ער געקאָמאַנדעװעט, מע זאָל אים צענויפטראָגן װאָס מער קישנס.

— נאָך אַ קישן!

— נאָט אײַך נאָך אַ קישן.

— נאָך אַ קישן!

— נאָט אײַך נאָך אַ קישן.

— נאָך אַ קישן!

— װאָס טויג אײַך אַזױפיל קישנס?

— נאָך אַ קישן!

און ס'איז אויסגעװאַקסן פיר הויכע הסב־בעטן... װאָס זאָג איך הסב־בעטן? פיר הויכע מויערן, װאָס אַז מע איז געקומען פון שול, האָבן

די פיר בעלי־הבתים באַדאַרפֿט זיך מיט אַנגסטן אַרויפֿדראַפּען אַרויף. און אַז זיי האָבן זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אַרויף און באַזעצט זיך, האָבן זיי מורא געהאַט, זיי זאָלן חלילה ניט אַראָפּפֿאַלן.

דער ערשטער האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט דער בעל־הבית, הערשקע מאַמצים. ער האָט ניט געזאָגט חס ושלום קיין שום חסרון אויף די הסב־בעטן; ער האָט נאָר אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס, אַ מאַך געטאָן מיט כּעס:

— נ־נ־אָ, אַ עסעבעט!

— האַ? שוין איינמאָל אַ עסעבעט? — האָט זיך אָנגערופֿן צו אים „שוין־איינמאָל־משה" מיט אַ שמייכעלע פֿון אַ גרויסן קינצלער, וואָס איז אַליין צופֿרידן מיט זײַן אַרבעט.

— ס'זאָל ניט זײַן דאָס אייגענע, וואָס מיט דער סוכּה. — רופֿט זיך אָן דער בעל־הבית, הערשקע מאַמצים, מיט אַ שטאָך.

— איך האָב שוין אויך געקלערט דאָס אייגענע. — זאָגט דער טאַטע מײַנער און מאַסטעט זיך אויף דעם הסב־בעט, האַלט זיך מיט ביידע הענט אָן גאַרטל און טרעט־אײַן די קישנס, ווי מע טרעט־אײַן אַ וואָגן היי.

— מיט פֿרעמדע הענט איז גוט פֿײַער שאַרן. — רופֿט זיך אָפּ די בעל־הביתטע צביה־לאה מיט גאַל, און „שוועבעלע" שטעלט זיך אײַן פֿאַר איר משהן און טוט אַ זאָג צום מאַן מיט כּעס:

— אומעטום באַדאַרפֿסטו אַרויסבאַווײַזן, אַז דו קאָנסט! עסעבעטן וואָלט איך זיי געבעט! לאָזן זיי זיך בעטן!

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז צביה־לאה קאָן דאָס נישט איבערטראָגן און טוט אַ זאָג צו מײַן מאַמען כּלומרשט אין גוטן מוט:

— איר זעט, בתיה־לעבן? דאָס שוועבעלע האָט זיך שוין אָנגעצונדן...

— און „שוועבעלע" בייגט זיך אָן צו מײַן מאַמען און רוימט איר אײַן אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראַד:

— איר הערט, בתיה־לעבן? דער סאַמאָוואַר, ברוך השם, זידט שוין...

און אַלע דערפֿילן, אַז אַ כּמאַרע רוקט זיך אָן אויף הערשקע מאַמציסעס שטוב, און די פֿריילעכקייט מיט דער לעבעדיקייט, וואָס ס'איז געווען ערב פּסח, איז ניטאָ — אַוועק, אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך.

— זאָלט איר מיר זיין געזונט און שטארק, צביה־לאה־לעבן און פערל קרוין, פארגעסט נישט, אז ס'איז יום־טוב און מיר זיצן בא איין טיש! — זאָגט זיי די מאַמע שטילערהייט, און אף איר פנים ליגט אזוי פיל טרויער, אזוי פיל אנגסט, אז עס נעמט מיך באַם הארצן.

איך פארשטיי איר טרויער, איך פיל איר אנגסט. איך האָב באַמערקט נאָך בשעת ליכט־בענטשן, אז זי וויינט, וויינט אף דער דירה, וואָס מיר האָבן פארלאָרן, און וואָס מיר באַדאַרפן זיצן אין שכנות מיט אַזעלכע גראָבע מענטשן, זיצן מיט זיי בא איין טיש, בא איין סדר! ערשט פאראיאָרן אין דער צייט איז געוועזן בא אונדז אביסל א שענערער טיש, אביסל א רייכערער סדר. פאראיאָרן איז דער טאַטע געוועזן איין מלך, די מאַמע איז געוועזן איין מלכה, און איך בין געוועזן איין פרינץ. היינט זיצן דאָ צענויפגעקוועטשט עטלעכע מלכים, עטלעכע מלכות, און א סך־א סך פרינצן, און אלע פרינצן גייען אָנגעטאָן יום־טובדיק, אזוי שיין, ווי איך, און אפשר נאָך אביסל שענער... ניין, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, ס'איז נישט דער פאראיאָריקער פסח! ס'איז נישט דער פאראיאָריקער סדר!

מאַמע, איך פארשטיי דיין טרויער! איך פיל דיין אנגסט!

קאַפּיטל ו.

דער פּרינץ נעמט זיך איבער

און כאָטש עס זיצן דאָ א סך פרינצן, און אלע גייען אָנגעטאָן יום־טובדיק, אזוי שיין, ווי איך, און אפשר נאָך שענער — דאָך פיל איך, אז איך בין נישט דאָס, וואָס אלע. און כאָטש עס זיצן דאָ עטלעכע מלכים מיט עטלעכע מלכות, דאָך פיל איך, אז מיין טאַטע איז נישט דאָס, וואָס אלע טאַטעס, און מיין מאַמע איז נישט דאָס וואָס אלע מאַמעס. אויבן זיצן די מלכים, איז ער א מלך איבער די מלכים, וואָרעם ער איז דאָ דער שענסטער און דער איידלסטער פון אלע; און אויך די מאַמע איז די שענסטע און די איידלסטע פון אלע. ער קוקט־אריין אין סידור אריין, פירט דאָס רעדל, ווי אַן עלטערער, ווי א פעלדמאַרשאַל, און אף אים קוקנדיק וואָס ער טוט, טאָן אים נאָך אלע. אויך די מאַמע איז א וועג־ווייזער פאַר די איבעריקע ווייבער, האַלט פאַר זיך א גרויסן

גראָבן קרבן־מנחה, מישט־מישט די בלעטלעך מיט אירע שײנע װײַסע פינגער, און דאָס װײַס, ליכטיק פּנים בשעת מעשה שײַנט איר, װי די זון, און די איבעריקע װײַבער זעען־אויס קעגן איר עפּעס מאָדנע שוואַרץ, װי די ציגײַנערנס. מאָלט אײַך, מײַן שוועסטער אסנה איז, קאָן מען זאָגן, אויך נישט קיין מיאוס װײַבל, נאָר װי קומט זי צו דער מאַמע! אַנו, פאַרט־אויס די גאַנצע װעלט און געפינט מיר נאָך אַזאַ יפת־תואר, װי מײַן מאַמע! אַן עבירה, װאָס פונעם אָפּט װײנען, װאָס זי װײנט, װאַקסן איר קישעלעך אונטער די אויגן. אַן עבירה, װאָס פונעם קאָכן, װאָס זי קאָכן אַליין, װערן איר די שײנע װײַסע הענט באַ־צויגן װי מיט אַ קאָרע פון אויבן. אַן עבירה, װאָס צוליב מײַן שוועסטער אסנה האָט זי נעבעך געמוזט נישט־לאַנג פאַרקויפן די פּערל אירע מיט די אויערינגלעך מיט די פינגערלעך, און זי קאָן זיך איצט נישט באַװײַזן מיט איר גאַנצער שײנקייט און מיט איר גאַנצן גלאַנץ פון אַמאָל. די מוטער רחל, אסתר המלכה, שולמית פון שיר־השירים, די מלכה־שבא — די זײַנען נאָר אַ דמיון! גיט איר אָפּ צוריק די פּערל מיט די אויערינג־לעך מיט די פינגערלעך, װעט איר זען, װאָס הייסט אַ יפת־תואר!... נאָר פאַרפאַלן! ניטאָ קיין פּערל! ניטאָ קיין אויערינגלעך! ניטאָ קיין פינגערלעך! אויסגעטאָן! אװעקגעגעבן! גוואַלד, װאָס האָט צו אונדז דער רבונו־של־עולם? פאַר װאָס שטראָפט ער אונדז אַזוי?...

. . . .

— ק־ד־ש! — זינגט־אויס דער מלך פון די מלכים, דאָס הייסט, דער טאַטע מײַנער, קוים־קוים װאָס ער קריכט־אַרויס פון דעם הסב־בעט, נעמט דעם כוס אין אײן האַנט, שפּאַרט זיך אָן מיט דער אַנדערער האַנט אָן טיש, פאַררײַסט דעם קאָפּ אַרויף, מאַכט־צו די אויגן און הייבט־אָן דעם שײנעם פּסחיקן קידוש מיטן שײנעם פּסחיקן נוסח, נאָר מיט אַ עפּעס אַ מאָדנעם טרויעריקן ניגון, — נײן, ס'איז נישט דער ניגון, װאָס פאַראַיאָרן! און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז אינעם טאַטנס קידוש הערט זיך אַ קלאָג צום בית־דין־של־מעלה, אַ קלאָג פאַר דער דירה, פאַר דעם אײן־שכנות־זיצן, פאַר דער מאַמעס פּערל מיט די אויערינגלעך מיט די פינגערלעך און פאַר די איבעריקע צרות, יסורים און האַרצווייטיק, װאָס גאָט האָט אונדז מיט זיי באַוויליקט הײַנטיקס יאָר פון זײַן ברייַ־טער האַנט.

איר ווייסט נישט, וואָס האָט צו אונדז דער רבונו־של־עולם? פאַר וואָס שטראָפט ער אונדז אַזוי?!...

קאַפּיטל ז.

די זיילן פון דער קאָמונע הייבן אָן פאַלן

ווי אַלע גרויסע אידעען, אַזוי אויך אַלע גרעסטע אומגליקן, וואָס טרעפן זיך אַף דער וועלט, נעמען זיך אָפּטמאָל פון אַ קלייניקייט, פון אַ נאַרישקייט. אויך די „קאָמונע", וואָס ווערט באַשריבן בא אונדז אָט דאָ, איז פּלוצים אַנידערגעפאַלן אין סאַמע אָנהייב, און איבער אַ קליי־ניקייט, איבער אַ נאַרישקייט. ומעשה שהיה כך היה:

ווי באַלד דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט דעם קידוש און האָט צוריק אַרײַנגעזעצט זיך אין דעם הסב־בעט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט ביידע מיט אַ מאָל, מיין שוואָגער דניאל און אונדזער בעל־הבית הערשקע מאַמציס, און האָבן זיך אָבער באַלד ביידע צוריק אַנידערגעזעצט, געוואָרן רויט, ווי פײַער, זיך פאַרשעמט, אָפּנים.

מאַכט דער טאַטע צו הערשקע מאַמציס אַף שטום־לשון (מחמת נאָך קידוש טאָר מען שוין נישט מפסיק זײַן): „נו־אַ!" — דאָס הייסט, ער איז אים מכבד, ער זאָל מאַכן פרײַער קידוש. ענטפערט אים הערשקע מאַמציס אַף דער זעלביקער שפּראַך: „אי־אַ!" — און באַווײַזט מיט דער האַנט אַף מײַן שוואָגער דניאל (אַ גראָבער יונג! ער מיינט, אַז ער טאָר שוין אויך נישט מפסיק זײַן!). רופט זיך אָן מײַן שוואָגער דניאל און מאַכט מיטן קאָפּ: „אי־אי!" — דאָס הייסט: איך ניט, לאָז אַן אַנדערע מאַכן פרײַער קידוש! מישט זיך אַרײַן „שוין־איינמאָל־משה" (ער האָט תמיד ליב אַרײַנמישן זיך!) און טוט אַ מאַך מיט די הענט: „מי־אַ־נו?" — דער פּשט איז: „ממה־נפשך, אָדער דער, אָדער יענער!" ענטפערט אים דערויף דער טאַטע אַלץ אַפן ווונק: „מע־אַ־אי!" — דאָס הייסט: „אַז נישט דער און נישט יענער — טאָ מאַכט שוין איר פרײַער קידוש!"

איך ווייס ניט, וואָס פאַר אַ פריילעכקייט עס ליגט פאַרבאָרגן אין דער דאָזיקער מימיקע, נאָר אַף אונדז, קליינוואַרג, פאַלט־אָן דערפון פּלוצים אַ געלעכטער, און נאָך וואָס פאַר אַ געלעכטער! מיר שטיקן

זיך שטילערהייט אין די קולאָקעס, האָבן מורא אַ קוק טאָן איינס אויף דאָס אַנדערע, מע זאָל חלילה נישט אויסשיסן. נאָר וויפל קאָן זיך אַ מענטש איינהאַלטן? אַ מענטש איז דאָך נישט קיין אייזן, ובפרט, אַז סע זיצן בײַם טיש, קיין עין־הרע, אַזוי פיל קלאַפּערס, ווײַסע־חברה־ניקעס, וואָס קאָנען לאַכן, — איז געוווּג, אַז עמעצער פון אונדז זאָל געבן אַ כליפּ, אַ הוסט, אָדער אַ שלוקערץ, זאָל זיך דער איבעריקער חברה אויסווייזן, אַז דאָס האָט שוין איינער געווים אויסגעשאָסן. אין אַזעלכע מאָמענטן, הערט איר, איז געפערלעך, מע שפּילט זיך מיט פײַער, וואָרעם וואָס מער מע האָט מורא — מער לאַכט מען. איר קאָנט דאָס פּרוּוון אויף אייערע קינדער. לאָזט־אַרויס אַ באַפעל, אַז מע טאָר בײַם טיש נישט לאַכן, וועט איר זען וואָס ס'וועט זיך טאָן: תחילת וועט מען זיך שטיקן ווי ווײַט מע וועט קאָנען, נאָכדעם וועט ווערן אַזאַ שי־סערײַ, אַז איר וועט סוף־כל־סוף אַליין אויך אויסשיסן אַ געלעכטער. דעם שׂכל דערפון וויסן מיר נישט; לאָזן די חכמים, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט אַלערליי חכמות, אויפקלערן די דאָזיקע חכמה אויך, און מיר וועלן זיך אומקערן צוריק צו אונדזער קידוש.

אַז גאָט האָט געהאָלפן, די מלכים האָבן שוין מיט גאָטס הילף אַלע אָפּגעמאַכט קידוש, און ס'איז געקומען צו אונדז, קליינוואַרג, איז אויפגעשטאַנען הערשקע מאַמציסעס בן, דער עלטערער (אײַזיק), און האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם „סברי מרנן ורבנן ורבותי" אויף אַ מאָדנעם קול, גלײַך ווי עמעצער ווערגט אים. האָט דער יינגערער ברודער זײַנער (איציק) אַרויסגעלאָזט אַ מין „קכי". האָט זיך דער דריטער (הילי̇ק) צעלאַכט, און דער קליינער (ישראליק) — נאָך אים, און נאָך זיי שוין מיר אַלע, און אײַזיק אַליין אויך בתוכם, און אַזוי איז ער זאַסטרעמפּעט געוואָרן אין מיטן, ניט אַהין, ניט אַהער, אַזש געוואָרן ברוין און בלוי. ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים! איז אויפגעשטאַנען הערשקע מאַמציס און האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש פון אויבן אַראָפּ און אַרויסגעוואָרפן אים פונעם טיש און אַ זאָג געטאָן דערבײַ, ווי זײַן שטייגער איז: „פּיטש־פּאַטש אי ניקאַקיך!" און אַ מאַך געטאָן צום אַנדערן (צו איציקן), ער זאָל אויפשטיין מאַכן קידוש.

האָט זיך איציק אויפגעכאַפּט, ווי אַ מזיק, און אַ זאָג געטאָן דעם אייגענעם „סברי מרנן ורבנן ורבותי" שוין אַביסל צו הויך, צו גײַציק, אַזוי אַז ער האָט זיך, אַפּנים, אַליין איבערגעשראָקן פאַר זײַן קול און

האָט זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן נידעריקער מיט אַ טאָן. האָט איינער פון דער חבריא אַ מאַך געטאָן: „עהיט!" — האָט שוין איציק דערפאַר נישט געקאָנט זאָגן אַ וואָרט, אַזוי שטאַרק האָט דאָס אים געשטיקט. האָט ער נעבעך געכאַפּט פון זײַן טאַטן, הערשקע מאַמצים, דעם זעלבן פּסק, וואָס אײַזיק, דאָס הייסט: „פּיטש־פּאַטש אי ניקאַקיך!" און אױף איציקס אָרט איז שוין געשטאַנען דער דריטער (הילוק).

דער דאָזיקער הילוק האָט נאָר אָפּגעזאָגט אַ האַלבן „סברי מרנן" — דעם „רבנן ורבותי" האָט ער שוין נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. אים איז געפעלן געוואָרן גראָד אַצינד אַ קוק טאָן אױף מײַן שוואָגער דניאלס קינדערלעך און דערזען, ווי די דרײַ האַלטן זיך בײַ די נעזלעך, אָנגע־בלאָזן די בעקלעך, ווי די פּאַכירלעך, אָט־אָט ווערן זיי צעזעצט.

און אָט אַזוי האָט איטלעכער באַזונדער באַקומען פון הערשקע טאַמצים זײַן פּסק: „פּיטש־פּאַטש אי ניקאַקיך!", געמוזט אָפּטרעטן דעם אָרט איינער דעם אַנדערן, ביז ס'איז געקומען צו „שוין־איין־מאָל־משהס" קינדער (צו יואליקלען מיט שואליקלען). און אַז יואליקל האָט זיך אָוועקגעשטעלט מאַכן קידוש, האָט ער שוין ניט געקאָנט אַרויסלאָזן אַפילו דאָס ערשטע וואָרט „סברי" און האָט זיך באַלד אָפּן אָרט פאַרגאַנגען אױף טויט. דעמאָלט איז אָנגעפאַלן אַ געלעכטער שוין אױף אַלעמען. עס האָבן געלאַכט גרויס און קליין: דער טאַטע און די מאַמע און „שוין־איין־מאָל־משה" און אַלע ווײַבער. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אין דער מינוט, אַז עס לאַכן די כוסות, די טעלער מיט די לעפל, מיט דעם לאָמפּ, מיט די ווענט — אַלע און אַלץ האָט געלאַכט.

נישט געלאַכט האָט נאָר איין הערשקע מאַמצים מיט די בייזע אויגן. ער האָט געלאָזט יואליקלען אַביסל זיך אויסלאַכן; נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען, פאַר כעס, אַפּנים, פאַרגעסן, אַז יואליקל האָט אַליין אַ טאַטן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ טאַטן, וואָס האָט אַליין אויך הענט און קאָן זיך אַליין אָפּרעכענען מיט זײַן קינד, און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט דעם אייגענעם „פּיטש־פּאַטש אי ניקאַקיך!", וואָס זײַנע אייגענע פיר בנים, און דער גאַנצער עולם איז געוואָרן איבער־ראַשט. געוויינטלעך, האָט די דאָזיקע מעשה באַדאַרפט פאַרדריסן יואליקלס מאַמע, און „שוועבעלע" האָט אַ בלישטשע געטאָן מיט די אייגעלעך און אַ זאָג געטאָן צו צביה־לאָהן:

— טאָמער וואָלט איר געזאָגט אײַער מאַן, סע זאָל אים אָפּדאַרן די הענטעלעך?

האָט צביה־לאה לאַנג נישט געקלערט און באַלד אָפּן אָרט אַ זאָג געטאָן צו „שוין־איין־מאָל־משהן“ אַף איר מאַנצבילשער שטימע:

— טאָמער וואָלט איר געזאָגט אײַער ווײַב, ס'זאָל זיך איר שטעלן דאָס שוואַרצע פּיסקעלע אַף אַ זײַט?

וואָס ווײַטער איז געווען — קאָן איך אײַך נישט באַשרײַבן. דאָס הייסט, קאָנען קאָן איך, נאָר איך וויל נישט. עס פּאַסט נישט. ס'איז נישט שיין פאַר קיין מלכהס, וואָס זיצן אויבן־אָן בײַ דער רעכטער האַנט פון זייערע מלכים, ס'איז נישט שיין נישט פאַר זיי און נישט פאַר אונדז און נישט פאַר אײַך, ס'איז אַ חרפּה, אַ בזיון פאַר לײַטן... לאָמיר בעסער מאַכן אַ שווײַג.

עפּילאָג פון דער קאָמונע

אַף מאָרגן, צום צווייטן סדר, איז שוין יעדער געזעסן בײַ זיך, בײַ זײַן טיש, און אָפּגעריכט דעם סדר, ווי גאָט האָט געבאָטן, — געזעסן טאַקע אַלע אין איין חדר, בײַ הערשקע מאַמצים אין זאַל, נאָר איינס צום אַנדערן מיטן הינטן, שטאַרק אָנגעדרודלט... און מע האָט קוים דערלעבט דעם ערשטן טאָג חול־המועד, מע זאָל זיך קאָנען צעטיילן צוריק מיט די מצות, מיט דער שמאַלץ און מיט די אייער און מיט די קאַרטאָפּלעס און מיט די שאַר ירקות, אַפילו דאָס דייזשקעלע באָרשט האָט מען געמוזט צעגיסן אין באַזונדערע טעפּ, און בשעת מעשה האָבן די ווײַבער, געוויינטלעך, נישט געלייגט קיין כבוד איינע אַף דער אַנדערער, זיך דורכגעוואָרפן מיט שטעכווערטלעך און אָנצוהערענישן אַף די מאַנצבילן.

— „קאָמונעס“ האָט זיך זיי פאַרגלוסט! משוגעים האָבן דאָס אויסגעטראַכט און נאַראָנים טאַנצן נאָך! נאָט אײַך גאָר „קאָמונעס“! זיבעצן „קאָמונעס“ די שונאים אין קאָפּ און אין האַרצן און אין די קישקעס!

נאָך פּסח איז דער טאַטע געגאַנגען איבער דער שטאָט זוכן אַן אַנדער דירה אַף צו דינגען, און אַף אים קוקנדיק — אויך „שוין־איין־

מאָל־משה״. צביה־לאה איז אפילו געוואָרן ווייך ווי טייג, און הערשקע מאַמצים האָט אַ זאָג געטאָן, כלומרשט פאַרביייגייענדיק, אַז תיכף נאָך שבועות, אם ירצה השם, שטעלט ער זיך איבערדעקן דעם דאַך; עס האָט זיי אָבער געהאָלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס. מײַן מאַמע האָט געזאָגט שטילערהייט דעם טאַטן, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אומזיסט וויל זי דאָ אויך נישט זיצן! אין דרויסן חלילה, אָבי נישט באַ הערשקע מאַמצים!

אָט אַזוי האָט זיך פון דער ערשטער „קאַמונע״ באַ אונדז אין כתרילעווקע אויסגעלאָזט אַ טײַך.

(געשריבן אין יאָר 1904.

ד אָ ס   ד ר ײ ד ל

א.

מער פון אַלע מײַנע חברים אין חדר און מער פון אַלע ייִנגלעך פון דער גאַנצער שטאָט און מער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט — האָב איך ליב געהאַט מײַן חבר בעניע מאיר פֿאַלקאָוואָים. דאָס איז געווען אַ מין ליבשאַפֿט מיט אַ מאָדנער צוגעבונדנקייט מיט אַ מורא־האָבן אינאיינעם. ליב האָב איך אים געהאַט דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען שענער און קליגער און בריהשער פון אַלע ייִנגלעך, און צו מיר איז ער געווען צוגעלאָזט, געטרײַ, זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר מיר, געגעבן פּעטש, געמאַכט אַ „פּזר״ מיט אַ „שלשלת״, דאָס הייסט, גע־ריסן פֿאַר די אויערן אַלע ייִנגלעך, וואָס האָבן מיר געוואָלט זאַטשעפּען.

און מורא האָב איך געהאַט פֿאַר אים דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ גרויסער און שלאָגט זיך. און שלאָגן האָט ער געקאָנט **ווּעמען** ער האָט געוואָלט און **ווען** ער האָט געוואָלט, מחמת בעניע איז געווען דער עלטערער, דער גרעסטער און דער רײַכסטער פון אַלע ייִנגלעך אין חדר. דער פֿאָטער זײַנער, מאיר פֿאַלקאָוואָי, כאָטש ער איז געווען נישט מער ווי פֿאַלקאָוואָי שנײַדער, איז ער אָבער געווען דערפֿאַר אַ ייִד אַ נגיד און האָט געשפּילט אין שטאָט אַ ראָל פון אַ שיינעם בעל־הבית: געהאַט אַ שיינע שטוב און אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט (די דריטע פונעם אָרון־קודש), פּסח — די בעסטע מצה־שמורה, סוכות — דעם שענסטן אתרוג, שבת גענומען צו זיך אַן אורח, אַ נדבה געגעבן די שענסטע, אַ גמילת־חסד געטראָגן אַנטקעגן, די קינדער אָפּגעגעבן צו די בעסטע מלמדים — בקיצור, מאיר פֿאַלקאָוואָי האָט זיך „געמענטשלט״, גע־וואָלט ווערן אַ בעל־הבית צווישן אַלע בעלי־בתים, זיך אײַנשרײַבן צווי־

שן חברה — נאָר בלאָטע! נישט אַזוי גיך קויפט מען זיך אײַן באַ אונדז אין כתרילעווקע אין חברה אַרײַן, נישט אַזוי גיך פאַרגעסט מען באַ אונדז אין כתרילעווקע יענעמס יחוס, פון וואַנען ער שטאַמט־אַרויס. אַ שנײַדער מעג זיך „מענטשלען" צוואַנציק יאָר כסדר, אויספּײַנען זיך אפן שענסטן אופן, וועט ער באַ אונדז אין כתרילעווקע בלײַבן שנײַדער. נישטאָ גאָר, מיין איך, אַזאַ זייף אַף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אָפּוואַשן באַ אונדז דעם דאָזיקן פלעק. אַך! וויפל, מיינט איר, וואָלט, אַשטייגער, מאיר פאָלקאָוואַי געלאָזט זיך קאָסטן, מע זאָל אים אויסמעקן דעם נאָמען „פאָלקאָוואַי"? דאָס אומגליק זײַנס איז געווען, וואָס אַ פאַמיליע האָט ער געטראָגן נאָך טויזנט מאָל ערגער, ווי דער נאָמען. שטעלט אײַך פאָר, אַז אין פּאַס איז ער געשטאַנען פאַרשריבן: „קאַניעוסקי מעשטשאַנין מאיר מאָוושאָוויטש טעלעצע".

אַ מערקווירדיקע זאַך! מאירס עלטער־עלטער־זיידע, זאָל האָבן דאָרטן אַ ליכטיקן גן־עדן, וואָס איז מסתמא געווען אויך אַ שנײַדער, אַז ס'איז געקומען צום אויסטראַכטן זיך אַ פאַמיליע, האָט ער גאָר נישט געקאָנט געפינען קיין לײַטישערן נאָמען; נעבײַ־בײַ וואָלט ער געהייסן, מע זאָל אים פאַרשרײַבן: „פינגערהוט", „אונטערשלאַק", „קניפּנאָדל", „גרויסלאַטע", „לאַנגערסטאָן" — אפילו אויך נישט אַזעלכע שיינע נעמען, נאָר גאַרנישט, זיי האָבן כאָטש אַ שייכות מיט שנײַדערײַ. אָבער טעלעצע! וואָס איז אים געפעלן געוואָרן אַ טעלעצע? וועט איר זאָגן: למאי ביק? ס'איז דען נישטאָ קיין מענטשן, וואָס טראָגן דעם נאָמען ביק? זאָגט אײַך אָבער וואָס איר ווילט — ביק און טעלעצע זײַנען טאַקע פון איין יחוס, ס'איז אָבער פאָרט נישט דאָס; ביק איז פאָרט נישט טעלעצע... נאָר מיר קערן זיך אום צו מײַן חבר בעניע.

ב.

געווען איז בעניע אַ פײַן בחורל, אַ פּעמפּיקוואַטער, אַ ראַבעטיניער, מיט געלע שטעכעדיקע האָר, מיט ווײַסע פּעבקע בעקלעך, מיט שיטערע ציינדלעך און מיט מאָדנע רויטע בולבעוואַטע אייגעלעך, ווי באַ אַ פיש. די דאָזיקע בולבעוואַטע אייגעלעך האָבן תמיד געשמייכלט

און געקוקט ממוריש, און דערצו האָט ער געהאַט אַ פאַרריסן נעזל, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פּנימל האָט אויסגעזען בײַ אים, ווי בײַ אַ גרויסן עזות־פּנים — און דאָך איז מיר דאָס דאָזיקע פּנימל דווקא געפעלן, און מיר זײַנען געוואָרן מיט בעניען חבר פון דער ערשטער שעה אָן, וואָס מיר האָבן זיך דערקענט.

די ערשטע קענטשאַפט אונדזערע איז געשלאָסן געוואָרן אונטערן טיש, זיצנדיק מיטן רבין באַם חומש. אַז די מאַמע האָט מיך געבראַכט צופירן אין חדר, האָב איך געטראָפן דעם רבין, אַ ייִד מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ שפּיצעכיקער יאַרמעלקע, זיצן מיט אַלע תלמידים באַם חומש איבער דער סדרה בראשית. נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות — אָפּגעבן עקזאַמען האָט מען נישט געדאַרפט, צושטעלן מע־טריקעס אויך נישט, — האָט מיר דער רבי אַ זאָג געטאָן:

— קריך אַהינצו, אויף יענער באַנק, צווישן יענע צוויי ייִנגלעך.

און איך בין אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק, זיך אַרײַנגעכאַפּט צווי־שן צוויי ייִנגלעך און האָב שוין געהייסן אַ „צוגענומענער”. קיין באַזונ־דערע שמועסן צווישן מײַן מאַמען מיטן רבין האָט אויך נישט באַדאַרפט זײַן. ס'איז בײַ זיי געווען אָן אָפּגערעדטע זאַך נאָך פון יום־טוב.

— געדענק־זשע, זאָלסט זיך לערנען, ווי סע געהער צו זײַן! — זאָגט צו מיר די מאַמע, שוין שטייענדיק בײַ דער טיר, און דרייט־אויס נאָך אַמאָל דעם קאָפּ צו מיר און קוקט, קוקט אויף מיר מיט גע־פיל, אויסגעמישט מיט פרייד, ליבשאַפט און רחמנות. דער מאַמעס קוק פאַרשטיי איך זייער גוט: זי האָט הנאה, וואָס איך זיץ צווישן בעל־הבתישע קינדער און לערן, און סע טוט איר ווי דאָס האַרץ, וואָס זי דאַרף זיך מיט מיר שיידן.

איך בין זיך מודה, אַז מיר איז געווען אויפן האַרצן אַ סך פרייל־עכער, ווי מײַן מאַמען; איך זיץ צווישן אַזויפיל נײַע חברים, קיין עין־הרע, וואָס באַטראַכטן מיך און איך באַטראַכט זיי — מיר באַטראַכטן זיך איינס דאָס אַנדערע. נאָר דער רבי לאָזט אונדז לאַנג נישט זיצן אָן אַרבעט. ער צעשאָקלט זיך און שרײַט־אויס אויף אַ קול, מיט אַ ניגון. און מיר אַלע — נאָך אים, איינער איבערן אַנדערן, אויף קול־קולות:

— והנחש — און דער שלאַנג! היה — איז געווען ערום — קליגער! מכל — פון אַלע! חית — חיות! השדה — פון־נעם פעלד! אשר — וואָס! עשה — ער האָט געטאָן!

יינגלעך, וואָס זיצן אַזוי נאָענט איינס מיטן אַנדערן, כאָטש זיי שאָקלען זיך און שרייען, ווי איז דאָס מעגלעך, זיי זאָלן נישט ווערן באַקאַנט, זיך דורכוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער כאָטש? און ס'איז טאַקע אַזוי געווען.

בעניע מאיר פּאַלקאָוואָיס, וואָס איז געזעסן מיט מיר אינאיינעם שטאַרק צענויפגעקוועטשט, פּרוּווט מיך פריער מיט אַ קניפּ פאַר דעם פּוס און קוקט זיך איבער מיט מיר מיט די אויגן, און נאָכדעם צע־שאָקלט ער זיך שטאַרק און זינגט גלייך מיטן רבין און מיט אונדז אַלע אויף אַ קול דעם חומש און וואַרפט־אַריין זיינע אייגענע ווערטער, בזה הלשון:

— והאדם — און דער מענטש! ידע — האָט באַוווסט! נאָ דיר אוועקעט די דאַזיקע קנעפּלעך! את חוה — חוהן! אשתו — זיין ווייב! גיב מיר אַ באָקסער, וועל איך דיר געבן אַ צי פון מיין פּאַפּיראָס!

און איך פיל עמעצנס וואַרעם הענטל אין מיין האַנט, און איך טאַפּ־אָן עטלעכע קליינע, גלאַטע, גליטשיקע הויזן־קנעפּלעך. איך בין זיך מודה, אַז נישט איך דאַרף קנעפּלעך, נישט איך האָב באָקסערן, נישט איך רויכער פּאַפּיראָסן. נאָר מיר איז געפעלן דער דאַזיקער איינפאַל, און איך ענטפער אים מיטן זעלבן ניגון, וואָס ער, און שאָקל זיך גלייך מיט אַלע:

— ותהר — און זי איז טראָגעדיק געוואָרן! ווער האָט דיר געזאָגט! ותלד — און זי האָט געווונען! אַז איך האָב באַ זיך באָקסערן?...

און אַזוי האָבן מיר זיך איבערגעשמועסט די גאַנצע צייט, ביז דער רבי האָט, אפנים, אָנגעשמעקט, אַז כאָטש איך שאָקל זיך גאַנץ געשמאַק, נאָר דער קאָפּ איז מיר נישט באַם חומש; האָט ער מיך פּלוצים גע־געגעבן אַ כאַפּ אויף דער ווענטקע, צום עקזאַמען הייסט דאָס:

— זאָג נאָר, דו! הער נאָר, וויאַזוי הייסטו דאָרטן? דו מוזט אוודאי וויסן, וועמענס זון איז געווען קין און וויאַזוי האָט געהייסן קינס ברודער?

די דאַזיקע קלאָץ־קשיא האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי ווילד, גלייך ווי מע וואָלט מיך, אַשטייגער, פּלוצים אַ פרעג געטאָן: ווען איז אָפּן הימל אַ יריד? אָדער וויאַזוי מאַכט מען פון שניי גאָמעלקעס און זיי

זאָלן נישט צעגיין? — אַז בסך־הכל איז מיר גאָר דער קאָפּ געווען ערגעץ ווייס איך וווּ — אונטן, באַ די קנעפּלעך.

— וואָס קוקסטו אַף מיר אַזוי? — פרעגט מיך דער רבי. — דו הערסט נישט, וואָס מע רעדט צו דיר? איך פרעג באַ דיר, זאָלסט מיר זאָגן אַף אַ ווײַלע, וואָזוי האָט געהייסן אדם הראשון קינס פאָטער, און וואָס האָט זיך אָנגעהערט מיט קינען זײַן ברודער הבל, וואָס חוה האָט זיי געהאַט?

איך זע, אַלע יינגלעך שמייכלען, שטיקן זיך פאַר געלעכטער, און פאַרשטיי נישט, וואָס לאַכט מען דאָ?

— זאָג, נאַרעלע, אַז דו ווייסט נישט, וואָרעם מיר האָבן דאָס נאָך נישט געלערנט — שעפּטשעט מיר בעניע אַפן אויער און שטורכעט מיך מיטן עלנבויגן. און איך פאָלג אים און זאָג אים נאָך וואָרט באַ וואָרט, ווי אַ פּאַפּוגאַי, און אין חדר ווערט אַ געלעכטער ביזן הימל.

„וואָס לאַכן זיי?" — טראַכט איך מיר און קוק אַף די קינדער און אַפן רבין, ווי זיי קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און בשעת מעשה לייג איך איבער אונטן די קנעפּלעך פון איין האַנט אין דער אַנדערער: דאָרט איז פּונקט אַ האַלב טוץ.

— אַנו, ווײַז נאָר, בחורל, אַקאָרשט די הענטלעך דײַנע! וואָס טוסטו דאָרטן מיטן זיי? — מאַכט צו מיר דער רבי און בייגט זיך אָן צו מיר אונטערן טיש...

. . . .

איר זײַט דאָך קלוגע קינדער, פאַרשטייט איר דאָך שוין מסתמא אַליין, וואָס פאַר אַ מין פּסק איך האָב געכאַפּט פון מײַן רבין אַפן ערשטן אַרויספאָר מיט די קנעפּלעך!

ג.

שמיץ פאַרהיילן זיך, בזיונות פאַרגעסן זיך. איך מיט בעניען זײַנען מיר גיך געוואָרן גוטע ברידער, אָבער וואָס גוטע ברידער הייסט — נפש אחת, גאָר ווי אַנדערע צוויי. אָט וויאַזוי די מעשה האָט זיך געטראָפן:

געקומען אַפן אַנדערן טאָג אין חדר אַרײַן, מיטן חומש אין איין

האנט און מיטן אָנבײַסן אין דער אַנדערער האַנט, האָב איך געטראָפֿן חברה שטאַרק האַפּערדיק, פֿריילעך, דאָס, וואָס ווערט אָנגערופֿן בגי־לופֿן. וואָס איז די מעשה? אַ גדולה — דער רבי איז נישטאָ! ווו איז ער? אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אויף אַ ברית, אינאיינעם מיט דער רביצן. דאָס הייסט, חלילה נישט אינאיינעם; אַ רבי גייט קיינמאָל נישט אינ־איינעם מיט אַ רביצן. פֿריִער גייט דער רבי, און נאָכדעם, הינטן, גייט נאָך די רעביצן.

— אַ לאָמיר זיך וועטן! — רופֿט זיך אָן איין יִנגל מיט אַ בלוי־ער נאָז, יהושע־העשל הייסט ער.

— צו וויפֿל געוועט? — זאָגט דער אַנדערער, קאָפּל־בונעם, אַ יִנגל מיט אַ צעריסענעם אַרבל און סע זעט זיך אַרויס דער שפּיץ פֿונעם שוואַרצן עלנבויגן.

— צו פֿערטל פֿונט באָקסערן.

— לאָז זײַן צו פֿערטל פֿונט באָקסערן. איז וואָס, זאָגסטו, לאָ־מיר האַרכן?

— איך זאָג, אַז מער ווי פֿינף־און־צוואַנציק וועט ער נישט אויס־האַלטן.

— און איך זאָג — זעקס־און־דרײַסיק!

— זעקס־און־דרײַסיק? אָט וועלן מיר באַלד זען! חברה נעמט אים!

אָט אַזוי האָט אויסקאָמאַנדעוועט יהושע־העשל מיט דער בלויער נאָז, און עטלעכע יִנגלעך מיטאַמאָל האָבן מיך אַ נעם געטאָן, ווי דער רוח דעם מלמד, מיך אַנידערגעלייגט, אויף דער באַנק, און דווקא מיטן פּנים אַרויף. צוויי האָבן זיך געזעצט מיר אויף די פֿיס, צוויי — אויף די הענט, איינער האָט מיר צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, איך זאָל זיך נישט דרייען, און נאָך איינער האָט אָנגעשטעלט אַקוראַט אַקעגן מײַן נאָז צוויי פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט (אַפּנים, ער איז געווען אַ לי־וואַק, אַ געלינקטער!); די צוויי פֿינגער האָט ער צענויפֿגעלייגט, ווי אַ בייגעלע, איין אויגל אַביסעלע צוגעמאַכט, דאָס מויל האַלב געעפֿנט, און גענומען מיר שנעלן אין נאָז אַרײַן — אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, שנעלן? יעדער שנעל האָט מיר געגעבן צו זען זיך מיטן טאַטן פֿון יענער וועלט. רוצחים! קוילערס! וואָס האָבן זיי געהאַט צו מײַן נאָז? וואָס האָט זי זיי ווי געטאָן? וועמען האָט זי געשטערט? וואָס האָבן זיי אויף איר דערזען? אַ נאָז ווי אַלע נעזער!

— חברה, ציילט! — קאָמאַנדעוועט יהושע־העשל — אחת ואחת! אחת ושתים! אחת ושלוש!

נאָר פּלוצים...

כמעט אַלע מאָל, זינט די וועלט שטייט, טרעפן זיך אַלע נסים פּלוצים. למשל: סע טרעפט זיך הלילה אַן אומגליק מיט אַ מענטשן. גזלנים פאַלן־אָן אַף אים אין מיטן פעלד, בינדן אים די הענט אַרונטער, שאַרפן־אָן דאָס מעסער און הייסן אים זאָגן ודוי; און טאָמע דעמאָלט, ווען מע וויל שוין מאַכן כיק, טראָגט עס אָן פּלוצים אַ סטאַנאָוואָי מיט אַ גלאָק — די גזלנים צעלויפן זיך, און יענער ווערט ניצול, הייבט אויף די הענט צו גאָט און בענטשט נאָכדעם גומל.

מיט מיר און מיט מײַן נאָז איז אויך אַזוי געווען. איך געדענק נישט אַקוראַט, צי באַם פינפטן, צי באַם זעקסטן שנעל האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַרײַנגעקומען בעניע־מאיר פּאָלקאָוואָס, און חברה האָבן מיך באַלד אָפּגעלאָזט פרײַ, געבליבן שטיין, ווי די סטאַטקעס, און בעניע האָט זיי גענומען איינציקווײַז צו דער אַרבעט: ער האָט זיי אָנגענומען איטלעכן באַזונדער בײַ די אויערן, גוט אָנגעדרייט, געמאַכט דערבײַ מיט אַ ניגון: „פּו־־־־ר!” אָדער „שלשל־־־־־־ת!!!” און בשעת מעשה געזאָגט אַלעמען מיטן אייגענעם נוסח:

— נו? הײַנט וועסטו שוין וויסן, וואָס הייסט זאַטשעפּען אַן אַלמנהס אַ יונגל?

פון דעמאָלט־אָן האָבן שוין חברה מער נישט צוגערירט זיך, נישט צו מיר, נישט צו מײַן נאָז; זיי האָבן מורא געהאַט זיך אָנהייבן מיט אַן אַלמנהס אַ יונגל, וואָס בעניע מאיר פּאָלקאָוואָס איז זײַן חבר, זײַן אויסלייזער, זײַן באַשיצער.

ד.

„דער אַלמנהס יונגל” — קיין אַנדער נאָמען האָב איך נישט געהאַט אין חדר. וואָס עפּעס „דער אַלמנהס יונגל”? מחמת מײַן מאַמע איז געווען אַ ייִדענע אַן אַלמנה, זיך דורכגעשלאָגן אַליין מיט איר אייגענער האָרעוואַניע, געהאַלטן אַ באַקאַליינע קלייט, וואָס מער פון אַלצדינג איז דאָרטן געווען, ווערליק איך געדענק, קרײַד און באַקסערן — די צוויי מינים, וואָס האָבן אַ שאַרפן אָפּגאַנג בײַ אונדז אין כתרילעווקע:

קרייד באַדאַרף מען האָבן אויף שמירן די שטיבער, און באַקסערן איז אַ נאַשערײַ, וואָס איז אַ זיס, אַז עס גייט אַ סך אויף דער וואָג, אַז סע קאָסט וואָלוול. חדר־יינגלעך ברענגען־אויס דערויף דאָס גאַנצע געלט פון די אַנבײַסנס מיט די מיטאָגס, און די קרעמער באַ אונדז ציִען דער־פון שיין פרנסה. בשום אויפן האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַר־וואָס די מאַמע קלאָגט זיך שטענדיק, זאָגט, אַז עס טראָגט איר קוים־קוים אויף קלייט־געלט און אויף שכר־למוד. און וואָס עפּעס גראָד שכר־למוד? ווי זײַנען די איבעריקע זאַכן, וואָס אַ מענטש באַדאַרף האָבן, למשל, עסן, אַ קלייד, אַ שוך, וכדומה? דער גאַנצער קאָפּ אירער איז געלעגן אינעם שכר־למוד: „אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, זאָגט זי, און האָט צוגענומען באַ מיר מײַן מאַן, אַזאַ מאַן, און מיך געלאָזט אַן אַלמנה, אַ יונגט, איינע אַליין, ווייל איך כאָטש, אַז מײַן זון זאָל קאָנען גוט לערנען". וואָס זאָגט איר אויף דעם משל? איך מיינט אפשר, אַז זי איז נישט געגאַנגען אַלע מאָל אין חדר אַרײַן געוואָר ווערן, וויאַזוי איך לערן? פון דאַוונען שמועסט מען נישט, אַז זי האָט אַכטונג גע־געבן אויף מיר, איך זאָל דאַוונען אַלע טאָג. זי האָט מיך נאָר געוואָלט אײַנריידן, איך זאָל זײַן כאָטש האַלב, ווי מײַן טאַטע, עליו השלום, איז געווען. און אַלע מאָל, ווען זי האָט זיך גוט צוגעקוקט צו מיר, פלעגט זי זאָגן, אַז איך בין אינגאַנצן „ער", מיר צו לאַנגע יאָר. און בשעת מעשה זײַנען באַ איר די אויגן געווען ווי באַנעצט, און מאָדנע פאַר־זאָרגט איז געווען דאָס פּנים אירס, באַצויגן מיט אַ שוואַרצן טרויער.

לאָז ער מיר מוחל זײַן, דער טאַטע מײַנער, אויף יענער וועלט. איך האָב אים נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז ער געווען פאַר אַ מענטש, וואָס ווערדליך די מאַמע דערציילט זיך אָן פון אים, פלעגט ער כסדר אָדער לערנען אָדער דאַוונען? שוין־זשע האָט אים קיין־מאָל נישט געצויגן, ווי מיך, אינדרויסן אַרויס זומער אינדערפרי, בשעת די זון ברענט נאָך נישט אַזוי שטאַרק, הייבט ערשט אָן אַרויס־טרעטן אויפן גרויסן הימל, שפּאַצירט מיט אַ גרויס אײַלעניש, ווי אַ פײַעריקער מלאך אין אַ פײַעריקער קאַרעטע מיט פײַעריקע פערד, וואָס ס'איז אוממעגלעך צו קוקן זיי אין זייערע שטאַרק לויטערע, ברענענ־דיקע, גין־גאָלדענע פּנימער? וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אײַך, האָט אַזאַ אַזאַ געטלעכן פרימאָרגן דאָס וואָכעדיקע דאַוונען? וואָס פאַר אַ טעם האָט נאָכדעם דאָס זיצן און לערנען אינעם ענגן ווײַסטן חדר, בשעת

די גין־גאָלדענע זון האַלט אין רעכטן סמאַליען, אָנגלייִענדיק די ערד, ווי אַן אײַזערנע סקאָוורעדע? דעמאָלט ציט דאָס אײַך גאָר אַהין, אַראָפּ־באַרג, צום טײַך, צו יענעם שיינעם טײַך, וואָס איז באַדעקט פֿון אויבן מיט גרינעם, און אַ מאָדנער ריח, אַ ריח פֿון שוויץ־באָד, לאָזט זיך הערן פֿון דער ווייטן; דעמאָלט גלוסט זיך אײַך אויסטאָן זיך אַף דער גיך און אַרײַנשפּרינגען העכער האַלב אין דעם אָנגעוואַרעמטן וואַסער, וואָס אונטן, באַם דנאָ, איז דאָס קילבלעך און מאָדנע גליטשיק און ווייך־בלאָטיק, און פֿאַרשיידענע באַשעפֿענישן, וואָס ווידמענען זיך אין די אָפּגרונטן פֿונעם טײַך, האַלב פֿישלעך, האַלב זשאַבקעלעך, שוועבן, שוועבן אָן אַ שיעור פֿאַר די אויגן, און מאָדנע פֿליגן, קאָמאַרעס מיט די לאַנגע פֿיס, גליטשן זיך, שליטלען זיך איבערן וואַסער פֿון אויבן; דעמאָלט גלוסט זיך אײַך אַריבערשווימען אַף יענער זײַט, אַהין ווו די ברייטע, קײַלעכיקע, גרינע בלעטער וואַקסן, און עס שעמערירן פֿון זיי אַרויס ווײַסע און געלע צוויקלעך, און סע קוקט אַף אײַך אַ גרינע פֿרישע ווערבע מיט ווייכע פֿרישע צווײַגן, און איר טוט זיך אַ לאָז און פֿאַלט־אַרײַן מיט די הענט אין בלאָטע, און פּאָליאָסקעט־פּאָליאָסקעט מיט די פֿיס פֿון יענער זײַט, מען זאָל מיינען, אַז איר שווימט. וואָס פֿאַר אַ טעם, פֿרעג איך אײַך נאָכאַמאָל, האָט דאָס זיצן אין שטוב אָדער אין חדר זומער פֿאַרנאַכט, בשעת דער גרויסער רויטער הימל־קוגל לאָזט זיך אַראָפּ פֿון יענער זײַט שטאָט אַף דער ערד, צינדט־אָן דעם שפּיץ קלויסטער און באַלײַכט אויך דעם רויטן שינדל־דאַך פֿון באָד און, להבדיל, די גרויסע אַלטע פֿענצטער פֿון דער גרויסער קאַלטער שול, און פֿון דאָרטן, פֿון הינטער דער שטאָט, גייט די טשערעדע, ציגן לויפֿן, שעפֿעלעך מעקען, דער שטויב וואַקסט, גייט ביזן הימל, און זשאַבעס קוואַקען, זשאַבעס גראַגערן, סע רעשט, סע גרילצט — אַ טאַראַראַם, יריד, האַרמידער! ווער האָט אין זינען איצטער דאַוונען? וועמען קריכט אין קאָפּ אַרײַן איצטער לערנען? גייט־זשע רעדט אָבער מיט מײַן מאַמען, — וועט זי אײַך זאָגן, אַז ער, עליו השלום, האָט נישט אַזוי געטאָן; ער, עליו השלום, איז געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. וואָס פֿאַר אַ מענטש איז ער געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, — ווייס איך נישט; איך ווייס נאָר, אַז מיר דערקוטשעט די מאַמע זייער שטאַרק, דערמאָנט מיך אַלע מאָל, אַז איך האָב געהאַט אַ טאַטן, און וואַרפֿט מיר אויס צען מאָל אַ טאָג דאָס שכר־למוד, וואָס זי צאָלט פֿאַר מיר.

און פארלאנגט פון מיר נאר צוויי זאכן, זאגט זי: גוט לערנען און ווע לן דאווגען.

ה.

מע קאן נישט זאגן, אז „דער אלמנהס יינגל" האט זיך שלעכט געלערנט. ער איז נים אפגעשטאנען פון זיינע איבעריקע חברים אף קיין האר. נאר ווילן דאווגען — דאס בין איך אייך נישט ערב. אלע קינדער האבן איין נשמה, און א קונדס איז ער געווען גלייך מיט אלעמען; ליב געהאט א שטיף־טאן: אנטאן דעם קהלשן צאפ אף די הערנער א שטריימל פון דער רביצנס וויכעט, וואס זי שמירט מיט אים די ערד, און לאזן אים איבער דער שטאט; אנהענגען דער קאץ א פאר־פירענע שלאנג אפן ווידל, זי זאל לויפן משוגענערהייז און ברעכן טעפ אף וואס די וועלט שטייט; אויפהענגען א שלאס אף דער ווייבערשער שול פריטיק־צו־נאכט פון דרויסן, מע זאל נאכדעם די ווייבער דארפן ראטעווען פון הלשות; צושלאגן דעם רבינס פאנטאפל צו דער ערד מיט צוויי צוויעקעס, אדער צוזחתמענען אים מיט טריפוואקס די בארד צום טיש בשעת ער שלאפט, און לאז ער פרוון אויפשטיין, וכדומה. וויפל שמיץ דאס קאסט אונדז נאכדעם, אז מע דערגייט זיך ווער דאס האט געטאן — פרעגט שוין נים! סע פארשטייט זיך פון זיך זעלבסט, אז יעדע זאך מוז האבן אף זיך אן עלטערן, אן אויבערהאר, וואס ער איז דער קאפ, דער פירער, דער וועגווייזער.

אונדזער קאפ, אונדזער פירער, אונדזער וועגווייזער איז געווען בעניע מאיר פאלקאוואים.. פון אים האבן זיך אלע זאכן אנגעהויבן און צו אונדזערע קעפ האט זיך דאס תמיד אויסגעלאזט. בעניע, דער פעמ־פיקעוואטער רויטער בעניע מיט די בולבעוואטע רויטע אויגן, איז תמיד פון אלע אומגליקן ארוים טרוקן, ווי פעפער, ריין, ווי א טרער, און גאט די נשמה שולדיק, ווי א טייבעלע. ווו ערגעץ א שיינע תנוע, א מין העויתלע, א שפיצל, אן אפשניצל, האבן מיר דאס גענאשט פון בעניען. ווער האט אונדז אויסגעלערנט בגנבה רויכערן א פאפיראס, ארויסלאזן דעם רויך פון ביידע נאזלעכער? בעניע. ווער האט אונדז ארויפגעפירט זיך גלימשן ווינטער מיט אלע גויישע שקצימלעך אפן אייז? בעניע. ווער האט אונדז אויסגעלערנט שפילן אין קנעפלעך,

אין קניפּלעך, אין מ״ם־שי״ן־ה״א, אין „אום־צי־גראַד״, און פאַרשפּילן די אַנבײַסנס מיט די מיטאָגס? בעניע. אַף שפּילן איז בעניע געווען אַ מזיק, דאָס הייסט: ער האָט אונדז אַלעמען געמזיקט, אָפּגעווּוּנען בײַ אונדז ווו מיר האָבן געהאַט אַ גראָשן, און געקומען צו צפּעס — אָפּגעווישט די ליפּן, שאַ, נישטאָ בעניע! דאָס שפּילן איז בײַ אונדז געווען איינע פון די בעסטע זאַכן אין דער וועלט, און פאַרן שפּילן האָבן מיר אַלע מאָל געכאַפּט פונעם רבין דעם גרעסטן פּסק; ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז דאָס אויסקאָרעניִען, אַרויסרײַסן בײַ אונדז מיטן וואָרצן.

— שפּילן וועט איר בײַ מיר? מיטן מלאך־המוות וועט איר זיך בײַ מיר שפּילן! — אַזוי פלעגט זאָגן דער רבי און אויסטרייסלען אונדז די קעשענעס, צונעמען וואָס ער האָט געפונען און אײַנטיילן אונדז שמיץ פון דער ברייטער האַנט.

נאָר איין וואָך אין יאָר איז געווען בײַ אונדז אַזעלכע, וואָס מע האָט געמעגט שפּילן. וואָס זאָג איך, מע האָט געמעגט? ס׳איז געווען אַ מצווה צו שפּילן, אַ מצווה!

די וואָס איז געווען — די וואָך פון חנוכה, און געשפּילט האָבן מיר אין „דריידל״.

ה.

אמת, אין די הײַנטיקע שפּילן, וואָס מע שפּילט אין קאָרטן, למשל: אָקע, סטוקעלקע, טערטל־מערטל, סטאָס וכדומה, שטעקט אוודאי מער שכל, ווי אין אונדזער אַמאָליקן דריידל; נאָר דאָרט, ווו מע שפּילט אַף געלט, איז קיין חילוק נישט. איך אַליין האָב געזען מיט מײַנע אויגן, ווי צוויי שקצים זײַנען געזעסן און האָבן זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט. און אַז איך האָב זיי געפרעגט: וואָס טוט איר דאָס? איר זײַט משוגע, צי חסר־דעה? האָבן זיי מיר געזאָגט, איך זאָל נעמען דעם וועג. וואָרעם זיי שפּילן אַף געלט — ווער פון זיי וועט זיך גיכער אײַנמידן... הײַנט גייט טענהט! דאָס שפּיל פונעם דריידל איז אַ הייס, אַ מוראדיק אַזאַרט שפּיל. עס קאָן אַרײַנטרײַבן אײַך אין אלף השׂשׂי אַרײַן, איר זאָלט פאַרשפּילן די נשמה. און נישט נאָר דאָס געלט, ווי דער פאַרדראָס: למאַי געווינט יענער? למאַי פאַלט בײַ יענעם דאָס דריידל אַף דער גימל, און בײַ אײַך אַף דער נון, אַף דער הא אָדער אַ

דער שין? און דאָס ווייסט איר דאָך מסתמא, וואָס באַדײַטן די פיר אותיות פונעם דריידל: נ מאַכט נ י י ן, ה מאַכט ה א ל ב, ש מאַכט ש ל ע כ ט און ג מאַכט ג ו ט. דאָס דריידל איז אַ מין לאָטעריי: וועמען די הצלחה שפּילט, דער געווינט. אָט נעמט, למשל, בעניע מאיר פּאָלקאָוואָס: וויפל מאָל ער זאָל נישט לאָזן דאָס דריידל, מוז דאָס פאַלן בײַ אים אויף דער גימל.

— ס'איז דיר אַן אַנטיק מיט דעם בעניען! — זאָגן אַלע יונגלעך און שטעלן אַלע מאָל פריש געלט, און בעניע „ענטפּערט" אַלעמען, וואָרעם וואָס הערט ער דאָס? „אַ נגידס אַ יונגל"!

— גימל! ווידער גימל! אַן אַנטיק מיט אים! — שרײַען אויס אַלע מיטאַמאָל און מע נעמט זיך צו די בײַטעלעך און מע שטעלט פריש געלט, און בעניע „ענטפּערט" אַלעמען, לאָזט דאָס דריידל „קאָזאָרעם", מיטן קעפּעלע אַרויף. דאָס דריידל דרייט זיך, קאַטשעט זיך אַהין און אַהער, ווי אַ שכור, און פאַלט־אַנידער.

— גימל! — זאָגט בעניע.

— גימל? גימל? ווײַטער גימל? חידושים מיט אים! — שרײַען אויס חברה און קראַצן זיך און נעמען זיך ווידער צו די בײַטעלעך.

דאָס שפּיל ווערט וואָס ווײַטער פײַעריקער. די שפּילערס היצן זיך, שטעלן געלט, שטופּן זיך אַלע צום טיש, קריגן זיך, דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן אין זײַט אַרײַן, זײַנען זיך מכבד מיט מאָדנע ווערטער: „דו סמאַרק איינער! דו פּאַנפּאַטש! שוואַרצער קאָטער! צעקנייטשטע יאַרמלקע! צעשפּאָלטענע קאַפּאָטקע!" וכדומה אַזעלכע קאָמפּלימענטן, באַמערקן גאָר נישט, אַז בײַ דער זײַט שטייט דער רבי, אַנגעטאָן אינעם וואַרעמען טיזליק מיטן וואַטענעם מיצל אויף דער יאַרמלקע און מיטן טלית ותפילין אונטער דער האַנט! דאָס קלײַבט ער זיך אין קלייזל אַרײַן דאַווענען, נאָר דערזען די קינדער היצן זיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אַ קוק טאָן פון דער ווײַטן, ווי מיר שפּילן אין דריידל. הײַנט מישט זיך נישט דער רבי; ס'איז חנוכה, זײַנען מיר פרײַ אַכט טאָג כסדר און קאָנען שפּילן אין דריידל וויפל מיר ווילן, אַבי נישט שלאָגן זיך, נישט רײַסן זיך בײַ די נעזער. גאָר נישט אַזאַ שלעכטער מענטש, דער רבי, כ'לעבן. אויך די רביצן האָט געכאַפּט דאָס קליינע, קראַנקע ראָובלע אויף די הענט, אים פאַרשטופּט דאָס מײַלכל מיט דער ברוסט, ס'זאָל נישט שרײַען, האָט זיך אוועקגעשטעלט הינ־

טערן רבינס פּלייצעס און קוקט־קוקט, ווי די ייִנגלעך שטעלן געלט. און בעניע „ענטפערט" אַלעמען, בעניע ברענט, בעניע פלאַמט, בעניע פלאַטערט, בעניע לאָזט דאָס דריידל, און דאָס דריידל דרייט זיך, קאַטשעט זיך און פאַלט־אַנידער.

— ווידער אַמאָל גימל? אַ טרעיאַטער מיט דעם בעניען!

און בעניע האָט אונדז אַזוי לאַנג באַוויזן זײַן בריהשאַפט מיט זײַנע גרויסע קונצן, ביז ער האָט אונדז מחילה אויסגערייניקט אַלעמען די בײַטעלעך, צוגענומען ווו ס'איז געווען ערגעץ אַ פּרוטה, אַרײַנגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, ווי איינער רעדט: „נו, ווער וויל נאָך?"... און מיר זײַנען זיך צעגאַנגען אַהיים, אָוועקגעטראָגן מיט זיך אַ וויטיק אין האַרצן און אַ בזיון פאַר זיך אַליין, און נאָך געמוזט אין דער היים אויסטראַכטן „ליגנים" — דער אַזאַ ליגן און דער אַזאַ ליגן. איינער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דאָס גאַנצע חנוכּה־געלט פאַרנאַשט, אויסגעגעבן אַף באַקסערן! דער אַנדערער האָט אויסגעטראַכט אַ פּזמון, אַז מע האָט דאָס בא אים אַרויסגעגנבהט פון קעשענע נאָך באַנאַכט. און דער דריטער איז געקומען אַהיים מיט אַ געוויין. „וואָס איז? וואָס וויינסטו?" — סטײַטש, ער האָט זיך געקויפט פאַרן חנוכּה־געלט אַ מעסערל! — „וואָס־זשע איז דער געוויין?" — סטײַטש, ער האָט דאָס גייענדיק פאַרלוירן!

אויך איך האָב אויסגעטאַקט אַ גרויסן ליגן, דערציילט דער מאַמען אַ גאַנצע מעשה פון טויזנט־איין־נאַכט און אויסגעבעטן בא איר נאָך אַמאָל חנוכּה־געלט — אַ האַרטן זעקסער מיט צוויי צוויייערס, אָוועקגעטראָגן זיי צו בעניען און אָפּגעטרייסלט זיך אין פינף מינוט, און אויסגעטראַכט דער מאַמען אַ נײַעם ליגן. בקיצור, קעפּ האָבן געטראַכט, מוחות האָבן געאַרבעט און ליגנס, ליגנס זײַנען געפלויגן, אַזוי ווי האָלץ, און דאָס גאַנצע חנוכּה־געלט אונדזערס איז אַוועק מיטן דריידל, אַוועק צו בעניען אין קעשענע אַרײַן, און פאַרפאַלן לעולם ועד!

נאָר איינער פון אונדז האָט זיך אַזוי אַרײַנגעלאָזט אינעם דריידל, אַז ער האָט זיך נישט באַנוגט מיטן חנוכּה־געלט אַליין און האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן און שפּילן מיט בעניען אין דריידל כּמעט אַלע טאָג, ביזן לעצטן טאָג פון חנוכּה.

און דער דאָזיקער איינער בין געווען טאַקע, מחילה, איך אַליין, „דער אַלמנהס ייִנגל".

ז.

וווּ האָט געגומען „דער אַלמנהס יוּנגל" געלט אַף צו שפּילן — דאָס זאָלט איר גאָר נישט פרעגן. די גרויסע שפּילערס פון דער וועלט, די, וואָס האָבן געפּרוּווט געווינען און פאַרשפּילן גאַנצע פאַרמעגנס און מאַיאָנטקעס, — די ווייסן, די פאַרשטייען!... אוי־וויי, די שעה זאָל גאָר נישט זײַן, אַז דער יצר־הרע פון שפּילן קומט אָן, איז גאָר נישטאָ קיין שווערע זאַך אַף דער וועלט! ער ברעכט־דורך מויערן, אײַזערנע ווענט, ער טוט מעשים אשר לא יעשו — אַ ווערטעלע אויסצורײדן: דער יצר־הרע פון שפּילן!

ראשית חכמה, האָב איך זיך גענומען מאַכן געלט פון שוה־כסף, דאָס הייסט, עס זאָל אײַך צו קיין חרפּה נישט זײַן, פאַרקויפן אַלצדינג, וואָס איך האָב, איין חפץ נאָכן אַנדערן, פריער דאָס מעסערל, נאָכדעם דאָס בײַטעלע, נאָכדעם די קנעפּלעך אַלע. און אַ קעסטעלע האָב איך געהאַט, וואָס פלעגט זיך עפענען און פאַרמאַכן, און עטלעכע רעדעלעך און אַן אַלטן זייגער, גוטע, מעשענע, אַז מע רײַבט זיי אויס, גלאַנצן זיי מיט סכנת־נפשות, כמעט אַזוי ווי גאָלד, — אַלצדינג אַוועקגעגעבן בחצי־חנם, געשניטן אַף וואָס די וועלט שטייט, און געלאָפן אַלע מאָל מיט פרישע געלט צו בעניען אַהיים און פאַרשפּילט אים ביזן לעצטן גראָשן, אַוועקגעגאַנגען אַלע מאָל אָבער פון אים אָבל וחפוי־ראש, מיט אַ האַרץ פול מיט ווונדן, מיט אַ שרעקלעכן פאַרדראָס, שטאַרק אויפגעטראָגן — נישט אַף בעניען! חלילה! וואָס האָב איך צו בעניען? וואָס איז בעניע שולדיק, אַז סע גייט אים אינעם שפּיל? ס'זאָל בײַ מ י ר, זאָגט ער, פאַלן דאָס דריידל אַף דער גימל, וואָלט איך געוווּנען; עס פאַלט בײַ א י ם, זאָגט ער, אַלע מאָל אַף דער גימל, געווינט ע ר. אַזוי זאָגט בעניע און איז נעבעך זייער גערעכט... ניין, מיך פאַרדריסט אַף זיך, אַף מיר אַליין, למאַי איך האָב צעטרענצלט אַזוי פיל געלט, דער מאַמעס פאַרהאָרעוועט געלט, און צעפּלאָכטן אַלע מײַנע זאַכן, געבליבן, ווי מע זאָגט, נאַקעט, ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט! אַפילו דאָס סי־דורל אויך פאַרקויפט. אוי, דאָס סידורל! דאָס סידורל!... דערמאָן איך מיך אָנעם קליינעם סידורל, פאַרקלעמט מיך באַם האַרצן און דאָס פּנים ברענט מיר פאַר בזיון! דאָס איז געווען אַ צאַצקע, נישט קיין סי־דורל! בײַ פּתחיה דעם פּאַקנטרעגער האָט דאָס מיר די מאַמע גע־

קויפֿט, אַקוראַט צום טאַטנס יאָרצײַט. און אַ סידורל איז דאָס געווען,
— צווישן סידורימלעך אַ סידורל! אַ „כּל־בוניקל", אַן אַמתדיק כּל־בוניקל! אַ גראָבס, אַ געפּאַקטס. פֿון כּל טובֿ האָט זיך דאָרטן געפֿונען, פֿון פֿויגל־מילך, פֿון וואָס אַ מויל קאָן ריידן: שיר־השירים און פּרק, און ברכי־נפֿשי, און די הגדה, און אַלע תּפֿילות, און אַלע דינים ומנהגים פֿון אַ גאַנץ יאָר. און אַ תּהילימל צום סוף. הײַנט די טעוועלעך מיט די גאָלדענע אותיות! דער שניט! דאָס רוקנדל! אַ יצר־הרע, זאָג איך אײַך, אַ שטן, נישט קיין סידורל! אַלע מאָל ווען פּתיחה מיט די בעל־מעס און מיט די שטאַרק־ אונטערגעשאָרענע וואָנצעס, וואָס דאָס מאַכט דאָס פֿאַרזאָרגטע פּנים זײַנס שמייכלענדיק, אַלע מאָל ווען דער פּתיחה האָט זיך צעלייגט מיט זײַן קראָם אין בית־המדרש בײַ דער טיר, האָב איך קיין אויג נישט אָראָפּגעלאָזט פֿון דעם כּל־בוניקל.

— וואָס וועסטו זאָגן, יינגעלע? — פֿרעגט מיך כּלומרשט פּתיחה, גלײַך ווי ער ווייס נישט, אַז איך האָב געוואָרפֿן אַן אויג אויפֿן כּל־בוניקל, שוין אַ מאָל זיבעצן איבערגעטאַפּט מיט די הענט און איבערגעפֿרעגט וואָס סע קאָסט.

— גאָרנישט, — זאָג איך, — גלאַט אַזוי... — און גיי־אַוועק פֿון אים, איך זאָל נישט זען פֿאַר זיך דעם יצר־הרע.

— אוי, מאַמע! זאָלסט זען, איז בײַ פּתיחהן פֿאַראַן אַ כּל־בוניקל!

— וואָס פֿאַרא כּל־בוניקל? — פֿרעגט מיך די מאַמע.

— אַ סידורל אַזעלכעס! ווען איך האָב אַזאַ סידורל, וואָלט איך — איך ווייס אַליין נישט וואָס!

— האָסט דען נישט קיין סידור? און ווו איז דעם טאַטנס סידור?

— וואָס גלײַכסטו, מאַמע? יענץ איז אַ סידור, און דאָס איז אַ כּל־בוניקל!

— אַ כּל־בוניקל! — זאָגט די מאַמע. — אין אַ כּל־בוניקל איז דען פֿאַראַן מער צו דאַוונען, צי עס דאַוונט זיך געשמאַקער?

גייט גיט צו פֿאַרשטיין אַ מאַמען, וואָס הייסט אַ כּל־בוניקל, אַן אַמתדיק כּל־בוניקל, מיט רויטע טאָוועלעך, מיט אַ בלויען שניט און מיט גרינעם רוקן!

— קום — זאָגט צו מיר די מאַמע איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט און נעמט מיך אָן פֿאַר אַ האַנט — קום מיט מיר אין בית־המדרש. מאָרגן, אם ירצה השם, האָסטו יאָרצײַט נאָכן טאַטן, וועלן מיר שטעלן ליכט

און זיך זען אין איין וועג מיט פּתחיהן, וואָס איז בײַ אים פֿאַ אַ כּל־בוניקל אַזעלכעס?

איך ווייס פֿריִער, אַז צום טאַטנס יאָרצײַט וועל איך בײַ מײַן מאַמען פּועלן, ווי מע זאָגט, דאָס טעלערל פֿונעם הימל, און עס קלאַפּט מיר שוין דאָס האַרץ פֿאַר פֿרייד.

געקומען אין בית־המדרש, טרעפֿן מיר פּתחיהן מיטן זאַק, נאָך נישט אויסגעפּאַקט די סחורה. פּתחיה איז, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ ייִד נישט קיין באַפֿנדיקער. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז ער איז איינער אַפֿן יריד. זײַנס וועט פֿון אים נישט אַוועק. איידער ער בינדט־אויף דעם זאַק און צעלייגט די קראַם, געדויערט אַ יאָר. איך ציטער, איך פֿלאַטער, קוים וואָס איך האַלט מיך אַף די פֿיס, און ער — גאָרנישט, גלײַך ווי נישט צו אים רעדט מען!

— ווײַזט שוין דאָרטן, — זאָגט צו אים די מאַמע — וואָס איז דאָרט בײַ אײַך פֿאַר אַ כּל־בוניקל?

פּתחיה האָט צײַט. דער טײַך ברענט נישט. פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט, בינדט ער אויף דעם זאַק און לייגט־אויס די גאַנצע קראַם זײַנע: חומשים און קליינע חומשלעך, מאַנצבילשע סידורים און ווײַבערשע קרבן־מנחהס, תּהלימס און תּהלימלעך, חק־לישׂראלס און תּקונים־לעך, מחזורים, סליחות און תּחינות ובקשות אָן אַ שיעור! און ספֿורי־מעשׂיות, שבֿחי בעל־שם־טובֿ און ווידער אַ מאָל תּחינות! עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז עס וועט זיך קיינמאָל בײַ אים נישט אויסנעמען — אַ קוואַל, אַ ברונעם! קוים אַמאָל דערלעבט צו זען דאָס קליינוואַרג, אין בתוכם האָט אַ שײַן געטאָן דאָס כּל־בוניקל.

— אָט דאָס איז גאָר? — רופֿט זיך אָן די מאַמע. — אַזאַ קליי־ניטשקע?

— דאָס קלייניטשקע — זאָגט פּתחיה — קאָסט טײַערער פֿון אַ גרויסעטשקע.

— וואָס קאָסט בײַ אײַך, גאָט זאָל נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, דאָס דאָזיקע קליינע וועוורקל?

— אַף אַ סידור זאָגט איר וועוורקל? — מאַכט צו איר פּתחיה און נעמט בײַ איר פּאַוואָלינקע דאָס כּל־בוניקל פֿון די הענט, און מיר רײַסט זיך אָפּ אין האַרצן.

— נו, זאָגט שוין, זאָגט, וואָס קאָסט דאָס? — בעט באַ אים די מאַמע. נאָר פּתחיה האָט זיך צעוויינט און ענטפערט מיט אַ ניגון:

— דאָס סידורל וואָס קאָסט? אוי, סע קאָסט, סע קאָסט! איך האָב מורא, ס׳איז נישט פאַר אייער בייטל.

די מאַמע בענטשט די שונאים מיט בייזע, וויסטע חלומות, און הייסט זיך זאָגן אַ מקח.

פּתחיה זאָגט אַ מקח, און די מאַמע ענטפערט אים נישט; זי דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער טיר, נעמט מיך פאַר אַ האַנט און זאָגט צו מיר:

— קום, לאָמיר גיין, מיר האָבן דאָ נישט וואָס צו טאָן. דו ווייסט דען נישט, אַז רב פּתחיה איז אַ ייִד אַ יקרן?

מיט אַ ביטער האַרץ גיי איך נאָך דער מאַמע ביז דער טיר, מיט אַ שטיקל האָפענונג, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבן און פּתחיה וועט אונדז אומקערן צוריק. נאָר פּתחיה איז נישט אַזאַ ייִד. ער ווייס, אַז מיר וועלן אַליין זיך אומקערן. והראיה, מיר האָבן זיך טאַקע אומגע־קערט, און די מאַמע בעט אים, ער זאָל זאָגן „ווי אַ מענטש". פּתחיה רירט זיך נישט, קוקט אויף דער סטעליע, און די ווייסע בעלמע פונעם לינקן אויג גלאַנצט, און מיר גייען אַוועק און קערן זיך אום נאָך אַ מאָל צוריק.

—אַ פאַהאַנער ייִד אָט דער פּתחיה! — זאָגט צו מיר נאָכדעם די מאַמע. — מכּות מיינע שונאים וואָלט איך באַ אים געקויפט אַ סי־דורל! היינט קאָסט דאָס טאַקע אַ יקרות! אַן עבירה, כ׳לעבן, דאָס געלט וואָלט צונויץ געקומען אויף שכר־לימוד! נאָר גאָרנישט, צוליב דעם, וואָס דו האָסט מאָרגן, אם ירצה השם, יאָר־צייט נאָכן טאַטן, עליו השלום, און דו זאָגסט נאָך אים קדיש, האָב איך דיר צוליב געטאָן. טו זשע מיר צוליב, מיין זון, דו אויך, און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט כאַטש דאַווענען אַלע טאָג.

צי איך האָב טאַקע אַזוי געטריי געדאַוונט, ווי איך האָב צוגע־זאָגט, צי ניין — פון דעם לאָמיר נישט ריידן. נאָר דאָס כל־בוניקל האָב איך ליב געהאַט דאָס חיות! איר קאָנט פאַרשטיין, אַז איך בין מיט דעם געשלאָפן, כאָטש — איר ווייסט? — מע טאָר דאָס נישט. דער גאַנצער חדר האָט מיר מקנא געווען אויף דעם סידורל, ווי דאָס שוואַרצ־

אַפּל פונעם אויג האָב איך דאָס אָפּגעהיט, — און איצט, דעם דאָזיקן חנוכה, האָב איך דאָס — ווי גערשריגן! — אַליין מיט מײַנע אייגענע הענט אוועקגעטראָגן צו משה דעם סטאָליער יִנגל, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָרפן דערויף אַן אויג, און נאָך געדאַרפט בעטן אים, אויסשלאָגן אַ קני ערד, ביז ער זאָל דאָס בײַ מיר קויפן. כמעט אומזיסט אוועקגעגעבן דאָס קליינע סידורל! אוי, דאָס סידורל, דאָס סידורל! און דערמאָן איך מיך אָן דעם קליינעם סידורל, פֿאַרקלעמט מיך בײַם האַרצן און דאָס פּנים פֿלאַמט מיר פֿאַר בזיון. פֿאַרקויפֿט, פֿאַרהאַנדלט, און צוליב וואָס? צוליב וועמען? צוליב בעניען. בעניע זאָל האָבן אַף צו געווינען בײַ מיר נאָך עטלעכע קאָפּיקעס. נאָר וואָס איז שולדיק בעניע, אַז ס'גייט אים אַזוי אין דריידל?

— דערויף איז דאָס אַ דריידל. — רעדט מיר אויס בעניע דאָס האַרץ און לייגט־אַרײַן צו זיך אין בײַטעלע מײַנע לעצטע עטלעכע גראָשנס. — ס'זאָל דיר אַזוי גיין, ווי ס'גייט מיר, וואָלסטו געווונען! עס גייט אָבער מיר, געווין איך.

און בעניעס בעקלעך פֿלאַמען, און אין שטוב איז בײַ זיי ליכטיק און וואַרעם. און אַ זילבערן חנוכה־לעמפּל שטייט בײַ זיי גרייט מיטן גוטן בוימל, מיטן שיינעם שמש און מיט אַלדאָס גוטס, און פֿון קיך בײַ זיי לאָזט זיך הערן אַ ריח פֿון פֿרישע, נאָר־וואָס אויסגעפּרעגלטע שמאַלץ.

— מע באַקט הײַנט בײַ אונדז לאַטקעס. — זאָגט מיר בעניע אָן אַ בשורה אַף דער טיר שוין, און מיר קלעמט דאָס האַרץ פֿאַר הונגער. און איך לויף מיטן צעריסן טולופּל אַהיים און טרעף די מאַמע געקומען שוין פֿון קלייט, רויט די נאָז, רויט די הענט, און אָנגעדראָלן, איבערגעפֿרוירן דורך און דורך, שטייט און וואַרעמט זיך בײַם אויוון. מיך דערזען, הייבט איר דאָס פּנים אָן צו שײַנען.

— פֿון שול? — פֿרעגט מיך די מאַמע.

— פֿון שול. — זאָג איך איר אַ ליגן.

— געדאַווענט מעריב?

— געדאַווענט מעריב. — זאָג איך איר אַ נײַעם ליגן.

— וואַרעם זיך אָן, מײַן זון, וועסטו מיר בענטשן חנוכה־ליכטלעך. ס'איז הײַנט, דאַנקען גאָט, דאָס לעצטע ליכטל.

ח.

אוודאי, אַ מענטש זאָל טראָגן אַף זיך נאָר צרות אַליין און נישט האָבן קיין פּיצל פאַרגעניגן, קיין ברעקל נחת, וואָלט ער דאָס געוויס נישט איבערגעטראָגן און וואָלט זיך געוויס גענומען דאָס לעבן. איך זאָג עס אָקעגן מײַן מאַמען דער אלמנה נעבעך, וואָס האָט טאָג ווי נאַכט געהאָרעוועט, געפּרווירן, געהונגערט, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, און נאָר צוליב מיר, נאָר פון מײַנעטוועגן. פאַר וואָס זשע קומט דאָס איר, אַז זי זאָל נישט האָבן טאַקע אַמאָל קיין שטיקל פאַרגעניגן אויך? איטלעכער מענטש פאַרשטייט דאָס וואָרט „פאַרגעניגן" נאָך זײַן השגה נאָך. בײַ מײַן מאַמען איז נישט געווען גאָר קיין גרעסער פאַרגעניגן אַף דער וועלט, ווי בשעת איך האָב **איר** שבת און יום־טוב געמאַכט קידוש, פּסח **איר** אָפּגעריכט דעם סדר, און חנוכה **איר** געבענטשט חנוכה־ליכטלעך. וואָס פאַר אַ קידוש — צי איבער ווײַן, צי איבער ביר? וואָס פאַר אַ סדר — צי מיט כרעמזלעך, צי מיט צוגעפּרישטע מצה מיט וואַסער? וואָס פאַר חנוכה־ליכטלעך — צי אין אַ זילבערנעם לעמפּל, צי פון געשניטענע קאַרטאָפּלעס? — גלייבט מיר, נישט אינעם ווײַן, נישט אין די כרעמזלעך, נישט אין דעם זילבער שטעקט דער גאַנצער יחוס; דער עיקר איז גאָר עפּעס אַנדערש: דער עיקר איז דאָס **מאַכן** פונעם קידוש, דאָס **אָפּריכטן** פונעם סדר און דאָס **בענטשן** פון די חנוכה־ליכטלעך. אָנקוקן, בשעת איך מאַך די ברכה, מײַן מאַמעס פּנים, ווי סע שײַנט און סע לײַכט און סע שמייכלט, באַדאַרף מען קיין סך ווערטער נישט ריידן און קיין גרויסע פּירושים נישט מאַכן! מע זעט, אַז דאָ איז דאָס רעכטע פאַרגעניגן, דאָס אמתע גליק! איך בויג מיך אָן איבער די צעשניטענע קאַרטאָפּלעס און מאַך די ברכה מיט אַ ניגון. איך זאָג, און זי זאָגט מיר נאָך שטילערהייט, וואָרט בײַ וואָרט, מיטן זעלבן ניגון, וואָס איך. איך זאָג, און זי קוקט מיר אין די אויגן אַרײַן און מאַכט מיט די ליפּן. און איך ווייס, וואָס זי טראַכט זיך בשעת מעשה אין האַרצן. זי טראַכט: „אײַנגאַנצן **ער**! **ער** מיט די ביינער, אים צו לענגערע יאָר!"... און איך פיל, אַז איך בין ווערט, מע זאָל מיך נעמען און צעשנײַדן אַף שטיקלעך, אַזוי ווי די צעשניטענע קאַרטאָפּלעס: סטײַטש, אָפּגענאַרט די מאַמע, און אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט! פאַרקויפט דאָס קליינע סידורל און

דאָס געלט פאַרשפּילט אין דריידל! פאַרקויפט, פאַרקויפט פון קאָפּ ביז פּיס!

די קנויטלעך אין די קאַרטאָפּלעס, מײַנע חנוכה־ליכטלעך, טשאַדען, טשאַדען אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן פאַרלאָשן. און די מאַמע זאָגט צו מיר:

— גיי וואַש זיך, וועלן מיר עסן קאַרטאָפּלעס מיט שמאַלץ! לכבוד חנוכה האָב איך געקויפט אַ גלעזעלע גענדזן־שמאַלץ, פרישע מחיהדיקע שמאַלץ!

מיט פאַרגעניגן גיי איך מיך וואַשן, און מיר זעצן זיך צום טיש.

— בײַ לײַטן איז אַ מנהג, צום לעצטן טאָג חנוכה באַקט מען לאַטקעס. — זאָגט די מאַמע מיט אַ זיפץ, און עס קומט מיר אַרויף אויף דער מחשבה בעניעס לאַטקעס מיט בעניעס דריידל, וואָס קאָסט מיך אַזאַ פאַרמעגן, און עס טוט מיר אַ שטאָך אין האַרצן, ווי מיט אַ נאָדל, און מער פון אַלצדינג טוט מיר וויי דאָס האַרץ און איך האָב חרטה אויפן סידורל.

אויך באַם שלאָפן לאָזן מיך די געדאַנקען נישט רוען. איך הער אַלץ דער מאַמעס קרעכצן מיט איר קנאַקן פון די פינגער. איך הער דאָס בעטל, ווי סע סקריפּעט, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס בעטל אירם נישט סע סקריפּעט, נאָר סע קרעכצט. און אין דרויסן בלאָזט דער ווינט, קלאַפּט אין פענצטער, רײַסט דעם דאַך, פײַפט אין קוימען, לאָזט אויס מיט אַ לאַנגן־לאַנגן וויו־ו־ו־ו! און אַ גריל האָט זיך צו אונדז פאַרנאַדעט פון אַ צײַט און טשערעריקעט פון דער וואַנט אַרויס: טשירערי־טשירערי! און די מאַמע הערט נישט אויף צו זיפצן און צו קרעכצן און צו קנאַקן מיט די פינגער, און יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רופט זיך אָפּ בײַ מיר אין האַרצן. קוים־קוים וואָס איך האַלט מיך אײַן; אָט־אָט נעם איך, דאַכט זיך, און שפּרינג אַראָפּ פון מײַן געלעגער און גיי־צו צו מײַן מאַמען און פאַל איר צו די פיס און קוש איר די הענט און בין זיך מודה ומתודה אויף אַלע מײַנע גרויסע זינד. נאָר איך טו דאָס נישט; איך דעק מיך אײַן מיט אַלע קליידלעך שטאַרקער־שטאַרקער, איך זאָל נישט הערן, ווי דער מאַמעס בעטל סקריפּעט און ווי די מאַמע זיפצט און קרעכצט. און די אויגן שליסן זיך בײַ מיר, און דער ווינט פײַפט און סווישטשעט וויו־ו־ו־ו! און די גריל מאַכט: טשירערי־טשירערי! טשירערי־טשירערי! און סע דרייט זיך עפּעס פאַר מײַנע אויגן, ווי אַ דריידל, אַ מענטש אַזעלכער, אַ קענטיקער פאַרשוין. איך וואָלט גע־

מעגט שווערן, אז ס'איז דער רבי מיט דער שפּיצעכיקער יאַרמלקע. אַף איין פוס שטייט פאר מיר דער רבי מיטן חומש און דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך, ווי אַ דריידל, און די שפּיצעכיקע יאַרמלקע אַפן קאָפּ שע־מערירט אין די אויגן, און די פאות פליִען אין דער לופטן. ניין, ס'איז נישט קיין רבי, ס'איז גאָר אַ דריידל! אַ מאָדנע דריידל, אַ לעבעדיקס, מיט אַ שפּיצעכיקער יאַרמלקע און מיט פאות. ביסלעכוויַיז, ביסלעכוויַיז הערט אויף דאָס רבידיקע דריידל אָדער דער דריידלדיקער רבי זיך צו דרייען, און אַף זיַין אָרט וואַקסט אויס פּרעה דער קעניג פון מצרים פון דער סדרה „מקץ", וואָס מיר האָבן געלערנט די וואָך וואָס פאר חנוכה; נאַקעט שטייט פּרעה דער מלך פון מצרים פאר מיַינע אויגן, נאַקעט, נאָר וואָס פון טיַיך אַרויס, און האַלט אין האַנט מיַין סידורל, מיַין קליין כל־בוניקל, און איך פאַרשטיי נישט, ווי קומט דאָס צו אים, צו דעם דאָזיקן רשע, וואָס האָט זיך געבאָדן אין יודיש בלוט?... און איך זע זיבן קי, מאָגערע, דאַרע, אויסגעדיווערטע הויט און ביינער, מיט גרויסע הערנער און מיט לאַנגע אויערן, לאָזן זיך צו מיר אַלע מיט אַ מאָל, איינע נאָך דער אַנדערער, עפענען די מיַילער און ווילן מיך איַינשלינגען. פּלוצים וואַקסט אויס בעניע, מיַין חבר בעניע, כאַפּט זיי פאר די לאַנגע אויערן און דרייט זיי אַ לאַנגן „פּזר" מיט אַ „שלשלת", און עמעצער ווײנט שטי־לערהייט, זיפצט און כליפּעט, קרעכצט און פּיַיפט און סווישטשעט און טשירעריקעט, און אַ מענטש שטייט לעבן מיר און מאַכט צו מיר שטי־לערהייט:

— זאָג נאָר, זונו, ווען האָסטו נאָך מיר יאָרציַיט? ווען זאָגסטו נאָך מיר קדיש?

און איך שטויס מיך, אַז דאָס איז דער טאַטע מיַינער, פון יענער וועלט, מיַין טאַטע, וואָס די מאַמע דערציילט זיך אָן פון אים אַזויפיל גוטע זאַכן. איך וויל אים זאָגן, ווען איך האָב נאָך אים יאָרציַיט, ווען איך זאָג נאָך אים קדיש, — האָבן איך אָבער פאַרגעסן. גראָד אַצינד האָב איך פאַרגעסן! איך מוטשע מיך, איך ריַיב דעם שטערן, וויל מיך דער־מאָנען, נאָר איך קאָן נישט! האָט איר געהערט אַ מעשה? איך האָב פאַרגעסן, ווען איך האָב יאָרציַיט נאָך מיַין טאַטן! גוואַלד, יודישע קינדער! צי ווייסט איר נישט, צי ווייסט איר נישט, ווען איך האָב יאָרציַיט נאָך מיַין טאַטן? וואָס שוויַיגט איר? גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!...

. . . .

— גאָט איז מיט דיר! וואָס שרײַסטו? וואָס גוואַלדעוועסטו? וואָס טוט דיר, חלילה, ווײ?

איך פֿאַרשטײ דאָך, אַז דאָס זאָגט צו מיר די מאַמע. זי שטײט איבער מיר, האַלט מיך באַם קאָפּ, און איך פֿיל, ווי זי ציטערט און ווי זי פֿלאַטערט. דאָס האַלב־פֿאַרדרײטע לעמפּל נישט סע לײַכט, נאָר סע טשאַדעט, און איך זע דער מאַמעס שאָטן טאַנצט משונה אױף דער וואַנט, און ווי צוויי הערנער זעען אויס די שפּיצן פֿון איר נאַכט־פֿאַטשײלע, און די אויגן אירע גלאַנצן שרעקלעך אין דער פֿינצטער.

— ווען האָב איך יאָרצײַט? מאַמע, זאָג! ווען האָב איך יאָרצײַט?

— גאָט איז מיט דיר! ערשט נישט לאַנג געווען דער יאָרצײַט! דיר האָט זיך עפּעס געחלומט? שפּײַ אויס דרײַ מאָל: טפֿו־טפֿו־טפֿו! לאָזט זײַן צו גוטן! אָמן, אָמן, אָמן!...

* * *

קינדער! איך בין אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער. אויך בעניע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער, אַ יונגערמאַן מיט אַ בערדל אַ געלס. און אַ בײַכל טראָגט ער. ווײַזט אויס, אַ נגיד בעניע. געווען אַמאָל אַ נגידס אַ יִנגל, הײַנט איז ער אַליין אַ נגיד.

מיר האָבן זיך באַגעגנט, פֿאַרנדיק אין באַן. איך האָב אים דערקענט נאָך די בולבעוואַטע אויגן, ווי בײַ אַ פֿיש, און נאָך די שיטערע ציין. אַזאַ צײַט נישט געזען זיך, האָבן מיר זיך ארומגעכאַפּט קושן און צערעדט זיך פֿון אַמאָליקע גוטע, ליבע, זיסע קינדער־יאָרן, און דערמאָנט זיך אָן אַלע נאַרישקייטן פֿון אַמאָל.

געדענקסט, בעניע, יענעם חנוכה, ווי ס'איז דיר געגאַנגען אין שפּיל, אינעם דריידל? אַלע מאָל איז בײַ דיר געפֿאַלן גימל!

איך טו אַ קוק אױף מײַן בעניע — ער איז ברויז און בלוי פֿון גע־לעכטער. ער האַלט זיך בײַ די זײַטן, ער קאַטשעט זיך, ממש ער עקט זיך.

— גאָט איז מיט דיר, בעניע! וואָס איז אױף דיר אַזאַ געלעכטער פּלוצים אָנגעפֿאַלן, בעניע?

— אוי! — מאַכט ער צו מיר מיט ביידע הענט. — גיי שוין אוועק

מיט דײַן דריידל! דאָס איז געווען דאָס גוטע דריידל! שוין איין מאָל א דריידל! דאָס איז געווען אַ קוגל פון גאָלע שמאַלץ, אַ צימעס פון גאָלע ראָזשינקעס! מיט אַזאַ דריידל איז שווער צו פאַרשפּילן. וויאַזוי ס'זאָל נישט פאַלן, מוז עס פאַלן אַפן, כאַ־כאַ־כאַ, אַפן גימל!

— וואָס זשע איז דאָס געווען פאַר אַ מין דריידל, בעני?

— דאָס איז געווען, כאַ־כאַ־כאַ, אַ דריידל פון גאָלע, כאַ־כאַ־כאַ, פון סאַמע גימל, כאַ־כאַ־כאַ!...

געשריבן אין יאָר 1903.

אסתר

דערציילט לכבוד פורים.

נישט קיין מעשה פונעם חדר, נישט פונעם רבין און נישט פון דער רביצין וויל איך אײַך דערציילן אָט דאָ. איך האָב אײַך שוין פון דעם נענוג מאָל דערציילט. אפשר וועט מיר זיין דערלויבט איצטיקס מאָל, לכבוד פורים, צו דערציילן אײַך אַ מעשה פון דעם רבינס טאָכטער אסתר?

א.

אויב אסתר פון דער מגילה איז געווען אַזאַ יפת־תואר, ווי די אסתר, וואָס איך דערצייל אײַך דאָ, איז קיין חידוש נישט, וואָס זי האָט אַזוי אויסגענומען בײַם קעניג אחשורוש. די אסתר, וואָס איך דערצייל אײַך דאָ, האָט אויסגענומען בײַ אַלעמען. אַלע האָבן זי ליב געהאַט. אַלע. אַלע. אַפילו איך, און אַפילו מײַן עלטערער ברודער מאָטל אויך, כאָטש ער איז שוין לאַנג בר־מצווה, און מע רעדט אים שוין לאַנג שידוכים, און ער טראָגט שוין לאַנג אַ זייגער מיט אַ קייטל. (אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט זיך אים שוין דעמאָלט געשיט אַ בערדל אויך). אײַן אַז מײַן עלטערער ברודער מאָטל האָט זי ליב געהאַט — פרעגט מיך. איך וועל אײַך זאָגן אַקוראַט. ער מיינט, איך ווייס נישט, אַז דאָס, וואָס ער גייט אַלע שבת בײַטאָג אין חדר אַרײַן כלומרשט לערנען פרק מיטן רבין, איז אַ נעכטיקער טאָג. דער רבי כראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטייט. די רביצין שמועסט מיט די ווײַבער אינדרויסן אויף דער פריזבע. און מיר, חדר־יינגלעך שפּילן אין „מם־שין־הא". און מאָטל מיט אסתרן קוקן מיט אויגן. ער אויף איר און זי אויף אים. און אַ מאָל מאַכט זיך, אַז מיר חדר־

יינגלעך שפּילן גאָר אין „קוציבאַבע". ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט „קוציבאַבע"? אָט וועל איך אײַך זאָגן וואָס דאָס איז. מע נעמט אײַך און מע פאַרבינדט אײַך די אויגן מיט אַ פאַטשיילע. מע שטעלט אײַך אַוועק אין מיטן שטוב, און אַלע דרייען זיך אַרום אײַך, און מע זאָגט אײַך: „גער־גער־גער, כאַפּ מיך!"

מאָטל און אסתר שפּילן אויך מיט אונדז. „קוציבאַבע", זאָגן זיי, געפעלט זיי. איך ווייס פאַרוואָס סע געפעלט זיי. ווארעם אַז זיי שפּילן מיט אונדז אין „קוציבאַבע", האַלטן זיי אין איין יאָגן זיך, אין איין כאַפּן זיך. ער זי, און זי אים.

און נאָך אַ סך סמנים האָב איך, וואָס איך וואָלט אײַך געקאָנט דערציילן, נאָר איך בין נישט אַזעלכער...

איינמאָל האָב איך זיי געכאַפּט, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן בײַ די הענט. ער זי, און זי אים. דווקא נישט שבת. דווקא אין אַ וואָכעדיקן טאָג. פאַרנאַכטלעך איז דאָס געווען, בין מנחה למעריב. ער איז כלומרשט געגאַנגען אין שול אַרײַן. פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין חדר. „ווו איז דער רבי?" — „דער רבי איז נישטאָ". און ער גייט און גיט איר די האַנט. אסתרן הייסט עס. שטיי איך און קוק. נעמט זי צו איר האַנט. גיט ער מיר אַ גראָשן איך זאָל קיינעם נישט דערציילן. זאָג איך — צוויי. גיט ער מיר צוויי. זאָג איך — דרײַ. גיט ער מיר דרײַ. איר מיינט וואָס? ווען איך זאָל זאָגן פיר, וואָלט ער מיר געגעבן פיר. און פינף, און זעקס? נאָר איך בין נישט אַזעלכער...

נאָך איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַ מעשה... נאָר גענוג מעשות. לאָם איך אײַך בעסער דערציילן די רעכטע מעשה, וואָס כ'האָב אײַך צוגעזאָגט.

ב.

מײַן ברודער מאָטל, ווי כ'האָב אײַך געזאָגט, איז שוין אַ גרויסער. אין חדר אַרײַן לערנען גייט ער שוין מער נישט. אינדערהיים לערנען וויל ער אויך נישט. רופט אים דעריבער דער טאַטע „פּרא־אָדם". קיין אַנדער נאָמען האָט ער נישט פאַראַים, נאָר „פּרא־אָדם". וויל דאָס די מאַמע נישט לײַדן. „וואָס פאַר אַ תנועה, אַ בחור צו לײַטן, שוין באַלד אַ חתן, רופן „פּרא־אָדם?" זאָגט דער טאַטע: „אַז ער איז פּאַרט אַ

פּרא־אָדם!״ קריגן זיי זיך. איך ווייס נישט, וויאַזוי אַנדערע טאַטע־מאַ־מעס. מײַנע טאַטע־מאַמע האַלטן אין איין קריגן זיך; טאָג ווי נאַכט, טאָג ווי נאַכט נאָר מע קריגט זיך.

איך זאָל אײַך דערציילן פון מײַן טאַטע־מאַמע, ווי זיי קריגן זיך, וואָלט איר זיך געהאַלטן באַ די זײַטן. נאָר איך בין נישט אַזעלכער...

הכּלל, לערנט שוין מײַן ברודער מאָטל מער נישט אין חדר. פונ־דעסטוועגן פאַרגעסט ער נישט דעם רבין שיקן אַלע פּורים שלח־מנות. פּאַרט אַמאָל געווען אַ תּלמיד. שיקט ער אים אַ שיינעם שיר, אויף לשון־קודש געשריבן, מיט אַ מגן־דוד אויסגעמאָלט, מיט צוויי פּאַפּירענע קערב־לעך אַ מתּנה. מיט וועמען שיקט מען אַ רבין אַזאַ מין שלח־מנות? פאַר־שטייט זיך, מיט מיר. זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאָטל: „נאַ דיר. טראָג אָפּ דעם רבין שלח־מנות, און אַז דו וועסט קומען צוריק, וועל איך דיר געבן צען גראָשן״. צען גראָשן איז טאַקע אַ מטבע, מע קאָן נישט זאָגן. נאָר וואָס דען? „איך וויל, זאָג איך, די מטבע באַלד״. זאָגט מיר מײַן ברודער, אַז איך בין אַ שייגעץ. זאָג איך: „סע קאָן זײַן, זאָג איך, אַז איך בין אַ שייגעץ, איך וועל זיך מיט דיר נישט קריגן; נאָר איך וויל זיך זען, זאָג איך, מיט געלט״. ווי מיינט איר, ווער האָט אויסגעפירט?

באַצאָלט מיר די צוגעזאָגטע צען גראָשן, גיט ער מיר דעם רבינס שלח־מנות, אַ פאַרחתמעט בריוול, און אַז איך האַלט שוין באַם אַוועקגיין, רוקט ער מיר אַרײַן אין האַנט נאָך אַ בריוול און זאָגט צו מיר שטיל און גיך: „און דאָס וועסטו אָפּגעבן אסתרן״... „אסתרן?״ „אסתרן״... אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט זיך שוין הייסן באַצאָלן פאַר אַזאַ זאַך צוויי מאָל אַזויפיל, נאָר איך בין נישט אַזעלכער...

ג.

„רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר, גייענדיק מיטן שלח־מנות. — וואָס קאָן מײַן ברודער אַזעלכעס שרײַבן צו מײַן רבינס טאָכטער? מע דאַרף אומיסטנע אַ קוק טאָן. מער נישט נאָר אַ קוק טאָן. איך וויל דאָך זיי דערמיט נישט אָפּבײַסן״... און איך עפן אויף דאָס בריוול וואָס צו אסתרן און איך לייען איבער אַ גאַנצע מגילה. וועט איר הערן. איך גיב זי אײַך איבער וואָרט אין וואָרט:

פ ו ן   מ ר ד כ י ן   צ ו   א ס ת ר ן.

„איש — אַ מענטש, יהודי — אַ בחור, חיה — איז געווען, בשושן הבירה — באַ אונדז אין שטעטל, ושמו מרדכי — זײַן נאָמען איז מאָטל, ויהי אומן — ער האָט ליב געהאַט, את הדסה — דאָס הדסל, היא אסתר — דאָס איז אסתר. והנערה — און דאָס מיידל, יפת — איז אַ שיינע, תואר — אַ קראַסאַוויצע. ותיטב הנערה — און דאָס מיידל איז אים געפעלן. לא הגידה אסתר — אסתר זאָגט נישט אוים קיינעם, כי מרדכי — ווארעם מאָטל, צוה עליה — האָט איר אָנגעזאָגט, אשר לא תגיד — זי זאָל נישט אויסזאָגן. ובכל יום ויום — אַלע טאָג, מרדכי מתהלך — גייט מאָטל פאַרביי, לדעת שלום אסתר — כאַפּן אַ קוק אַף אסתרן. ובהגיע תור אסתר — און אַז ס'וועט קומען די צײַט פון אסתרן, בת אביחיל — זי וועט דאַרפן חתונה האָבן, ותלקח אסתר — וועט ער נעמען אסתרן, וימליכה — און ער וועט מיט איר גיין, תחת ושתי — אונטער דער חופּה".

וואָס זאָגט איר אַף מײַן ברודער, ווי ער האָט דאָס אויסגעטײַטשט די מגילה? איך וואָלט אַ בעלן געווען הערן, וואָס וואָלט זאָגן, למשל, דער רבי אַף אַזאַ פּירוש? נאָר ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? שאַ! ס'איז דאָ אַן עצה, ווי איך בין אַ ייִד! איך וועל איבערדרייען די יוצרות: דעם רבינס שיר וועל איך אוועקגעבן אסתרן, און אסתרס מגילה וועל איך אוועקגעבן דעם רבין, — לאָז ער זיך קוויקן. אי, ס'וועט נאָכדעם ווערן אַ חתונה? וואָס בין איך שולדיק? טרעפט זיך דען נישט, אַ מענטש האָט אַמאָל אַ טעות? למאַי דער בריוועטרעגער פון דער פּאָסט — מאַכט זיך דען נישט, אַז ער גיט נישט אָפּ קיין בריוו? באַ מיר וועט זיך אַזעלכע זאַכן קיינמאָל נישט טרעפן. איך בין נישט אַזעלכער...

ד.

— אַ גוט יום־טוב, רבי! — פאַל איך אַרײַן אין חדר מיט אַן אימ־פּעט, אַז דער רבי טוט זיך אַזש אַ וואָרף. — מײַן ברודער האָט אײַך געשיקט שלח־מנות און געווינטשעוועט אײַך, איר זאָלט דערלעבן איבער אַ יאָר.

און איך גיי און גיב אַוועק דעם רבין די מגילה. מײַן רבי עפנט אויף די מגילה, קוקט און טראַכט און זוכט און דרייט די מגילה אויף אַלע

זײַטן. אַפּנים, ער זוכט עפּעס נאָך. „זוך, זוך, — טראַכט איך מיר, — דו וועסט דאָרט עפּעס געפינען"...

און מײַן רבי טוט אָן די זילבערנע בריל, לייענט דורך די מגילה און — איר זאָלט זאָגן, ער זאָל זיך דאָס אַפּילו פאַרקרימען. נאָר אַ זיפץ געטאָן, נישט מער. נאָכדעם מאַכט ער צו מיר: „וואָרט אויס, אַט וועל איך דיר אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער". איך טו מיך דערווײַל אַ דריי אַרום איבערן חדר, נעם בײַ דער רביצן אַ לעקעכל און אַ פלאָדל, און בינו־לבינו, אַז קיינער זעט נישט, טו איך אַ גיב איבער אסתרן אין האַנט אַרײַן דעם רבינס שיר מיטן שלח־מנות. ווערט זי רויטלעך, באַהאַלט זיך אין אַ ווינקעלע, עפנט אויף פּאַוואָלינקע דאָס בריוול און ווערט אָנגעצונדן, ווי אַ ליכט, און די אויגן ברענען — סכנת־נפשות! „אַפּנים, נישט צו־פרידן מיטן שלח־מנות". — טראַכט איך מיר און גיי צו צום רבין. גיט ער מיר די „פּאָר ווערטער", וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

— אַ גוטן יום טוב אײַך, רבי! — זאָג איך מיטן אייגענעם אימ־פּעט, וואָס באָס אַרײַנקומען. — דערלעבט איבער אַ יאָר! — און איך לאָז מיך אַהיים.

שוין אַז איך בין געווען אויף יענער זײַט טיר, לויפט מיר נאָך אסתר מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן: „נאַ, — זאָגט זי צו מיר מיט כעס — אָט דאָס וועסטו אָפּגעבן דײַן ברודער!"

אויפן וועג עפן איך אויף פריִער דעם רבינס בריוול — דער רבי איז בילבער. שטייט דאָרט אַזוי: „מײַן ליבער און געטרײַער תלמיד נ"י! איך דאַנק דיר פיל מאָל פאַרן שלח־מנות, וואָס דו האָסט מיר אַרײַנגע־שיקט. פאַראיאָרן און פאַר צוויי יאָרן האָסטו מיר אַרײַנגעשיקט שלח־מנות טאַקע, שלח־מנות ממש... הײַנטיקס יאָר האָסטו מיר אַרײַנגע־שיקט אַ נײַעם פּירוש אויף דער מגילה. דאַנק איך דיר פאַר דער מגילה. איך דאַרף דיר אָבער זאָגן, מאַטל, אַז דער פּירוש דײַנער הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן. ראשית, איז „שושן הבירה" די „הויפּט־שטאָט", נישט, ווי דו זאָגסט „אונדזער שטעטל". והשנית, וואָלט איך וועלן וויסן, וווּ שטייט דאָס, אַז מרדכי איז געווען אַ בחור? און וואָס רופסטו אים עפּעס מאַטל? וואָס פאַר אַ מאַטל? און פון וואַנען האָסטו דאָס גענו־מען, אַז „אומן" איז די טײַטש „ליב געהאַט"? אומן איז די טײַטש „דערצויגן", פונעם וואָרט „אָמן פדגוג". און וואָס דו טײַטשט: „וימליבה

תחת ושתי" — אַז ער וועט מיט איר גיין אונטער דער חופּה, — קומט דאָס שוין אויס גלאַט ווילד, אָן אַ שום טעם. ערשטנס, גייט דער „וימליכה" אַף אחשורושן, נישט אַף מרדכין. און צווייטנס, איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט אין דער מגילה, אַז אחשורוש איז געגאַנגען מיט אסתרן צו דער חופּה. אַ קונץ נעמען אַ פּסוק און פאַרדרייען אים משוגענערווייז? יעדער פּירוש דאַרף זײַן מיט אַ גאַנג. פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן האָסטו מיר אַרײַנגעשיקט עפּעס אַנדערש. הײַנטיקס יאָר איז דיר געפעלן שיקן דעם רבין אַ פּירוש אַף דער מגילה, און נאָך אַ פאַרדרייטן פּירוש דערצו. נו, מהיכא־תיתי, מסתמא דאַרף אַזוי צו זײַן. לכן שיק איך דיר דײַן מגילה אָפּ צוריק, און לאָז דיר גאָט געבן אַ גוט יאָר, ווי עס ווינטשט דיר דײַן רבי"...

אָט דאָס הייסט געריבן אַ מאָרדע! אַ מצווה אַף מײַן ברודער! ער וועט שוין מער אַזעלכע מגילות נישט שרײַבן, מײַן איך.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן רבינס בריוו, דאַרף מען שוין אין איינוועגס אַ קוק טאָן, וואָס שרײַבט זי, דעם רבינס טאָכטער הייסט עס? איך עפן אויף איר בריוו — פאַלן נישט אַרויס די צוויי קערבלעך? וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? איך לייען איבער — אײַנגאַנצן צוויי שורות:

„מאָטל, איך דאַנק דיר פאַר די צוויי קערבלעך. קאָנסט זיי נעמען צוריק. אַזאַ שלח־מנות פון דיר האָב איך נישט דערוואַרט. קיין מתנות פון דיר פאַרלאַנג איך נישט, און קיין נדבה אַוודאַי נישט"...

כאַ־כאַ, וואָס זאָגט איר דערויף? קיין נדבה פאַרלאַנגט זי נישט! אַ שיינע געשיכטע, ווי איך בין אַ ייִדיש קינד! הכלל, וואָס טוט מען ווײַטער? אָן אַנדערער אַף מײַן אָרט וואָלט מסתמא ביידע בריוו צעריסן און דאָס געלט אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. צוויי פײַגן וואָלט ער געבראַכט אַהיים, נישט קיין צוויי קערבלעך. נאָר איך בין נישט אַזעלכער... איך האָב בעסער אָפּגעטאָן אַ שענערע זאַך. וועט איר הערן. איך האָב מיך מיישב געווען אַזוי: שכר־טרחה פאַרן וועג האָב איך דאָך פון מײַן ברודער מאָטל שוין באַקומען — הײַנט וואָס זשע דאַרף איך אים? און איך גיי און גיב אָפּ ביידע בריוו גאָר דעם טאַטן. איך וועל הערן, וואָס וועט דער טאַטע זאָגן? ער וועט בעסער פאַרשטיין די מגילה, ווי מײַן רבי, כאָטש דער טאַטע איז אַ טאַטע און דער רבי איז אַ רבי...

ה.

וואָס איז געווען, אַז דער טאַטע האָט איבערגעלייענט ביידע בריוו מיט דער מגילה און האָט אַ נעם געטאָן מײַן ברודער מאָטל אַפּן צימבל. ער זאָל געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך? — פרעגט שוין גאָרנישט. איך זאָל וועלן נאָכטאָן מײַן ברודער מאָטל, וואָלט איך באַדאַרפט זאָגן מיטן לשון און מיטן ניגון פון דער מגילה:

„והעיר שושן נ־ב ו־כה"...

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. איר ווילט דאָך אוודאי וויסן דעם סוף: וואָס איז געווען דער סוף מיטן רבינס טאָכטער אסתרן און מיט מײַן ברודער מאָטל? וואָס זאָל זײַן? גאָרנישט. אסתר האָט חתונה גע־האַט. אַן אַלמן האָט זי גענומען. אַך, האָט זי געוויינט! איך בין געווען אױף דער חתונה. וואָס, אייגנטלעך, האָט זי אַזוי געוויינט — ווייס איך נישט. אפּנים, דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט זיך מיט איר זיווג לאַנג נישט עלטערן. און כך הוה. זי האָט אָפּגעלעבט מיט אים אינ־גאַנצן אַ האַלב יאָר און איז אָוועקגעשטאָרבן. פון וואָס — קאָן איך אײַך נישט זאָגן. איך ווייס נישט. קיינער ווייס נישט. דער רבי און די רביצן ווייסן אויך נישט. געזאָגט האָט מען, אַז זי האָט זיך געסמט, פּשוט, גענו־מען און אַליין אָוועקגעסמט זיך. נאָר ס'אַ ליגן. „דאָס האָבן שונאים אויס־געטראַכט". אַזוי האָב איך געהערט פון דער רביצן אַליין...

און מײַן ברודער מאָטל? אַהאַ! ער האָט נאָך פריִער חתונה געהאַט, נאָך איידער אסתר איז אַ כלה געוואָרן, און איז אָוועקגעפאָרן אַהין, צום שווער. ער איז אָבער גיך געקומען צוריק. און דווקא אַליין. וואָס איז די מעשה? ער וויל זי גטן. זאָגט אים דער טאַטע: „ביסט אַ פּרא־אָדם!" וויל די מאַמע נישט ליַדן. קריגט מען זיך. ס'איז פרייליך! פונדעסטוועגן האָט זיך נישט געהאָלפן. ער האָט זיך מיט איר געגט און חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערע. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך אפילו. אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע. הייסט דאָס ייִנגעלע הערצל, נאָכן דאָקטאָר הערצל. און דאָס מיידעלע הייסט אסתרל. דער טאַטע האָט אפילו געזאָגט, זי זאָל הייסן גיטל, נאָך זײַן מאַמע, דער באָבע גיטל. און די מאַמע האָט געוואָלט, געחלשט, זי זאָל הייסן לאהצי, נאָך איר מאַמע, דער באָבע לאה. איז אַרויס צווישן טאַטע־מאַמע אַ מחלוקת. אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ גאַנצן

טאָג האָבן זיי זיך געקריגט. איז געבליבן, דאָס קינד זאָל הייסן לאה־גיטל, נאָך ביידע מאַמעס. אָן עק. האָט זיך דער טאַטע אַרומגעקוקט. ער וויל ניט לאה־גיטל. „וואָס איז דער שכל?" „אזוי. פאַרוואָס קומט איר, אַז איר מאַמעס נאָמען זאָל גיין פריִער?" קומט צו גיין מײַן ברודער מאָטל פון שול און זאָגט, אַז ער האָט איר גאָר געגעבן אַ נאָמען אסתר. זאָגט אים דער טאַטע: „פּרא־אָדם"! פֿון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען אַ נאָמען אסתר?" ענטפערט אים מאָטל: „האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן באַלד פורים?"... נו, וואָס וועט איר אים, אַ שטייגער, איצטער זאָגן? אָן עק. מע הערט שוין מער נישט קיין „פּרא־אָדם" פונעם טאַטן. נאָר ביידע, אי דער טאַטע, אי די מאַמע, קוקן עפּעס מאָדנע איינס אױף דאָס אַנדערע און מע כאַפּט אַ שווײַג.

וואָס האָבן געהייסן דער דאָזיקער קוק מיט דעם דאָזיקן שווײַג — ווייס איך נישט. אפשר ווייסט א י ר?...

געשריבן אין יאָר 1910.

די ערב־פּסחיקע עמיגראַציע

אַרויס פון גן־עדן

א.

— דאַנקען השם יתברך, געפּטרט דעם פּורים געזונטערהייט און מע קאָן שוין אָנהייבן אין זינען האָבן אַרײַנברענגען דעם פּסח אין אַ גוטער שעה!

אַזוי האָט זיך אָנגערופן די מאַמע צו זיך אַליין אַף מאָרגן נאָך שושן־פּורים און אויסגעקוקט מיט די אויגן אַלע ווינקעלעך אין זאַל, אַרומגעגאַנגען און געזוכט אַן אָרט, ווי אַ הון בשעת זי דערפילט, אַז זי באַדאַרף זיך לייגן. אין עטלעכע טעג אַרום איז באַשאַפן געוואָרן אַביסל היי מיט צוויי קלעצלעך, און אַף די קלעצלעך — אַ שפּאָגל־נײַ דייזשקעלע, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבן נאָר אַ ווײַסן ציכטיקן לײַוונט, און מיך האָט מען צוגערופן אינאיינעם מיטן טאַטן און אָנגעזאָגט אַ מאָל דרײַסיק, איך זאָל זיך גאָרניט דערוועגן ניט צוגיין פון דער נאָענט, ניט אַ קוק טאָן פון דערווײַטן, ניט אַ שמעק טאָן אפילו „אין יענעם ווינקל אַרײַן". און טאַקע באַלד נאָכדעם איז צוגעמאַכט געוואָרן די טיר פון זאַל, און אונדז ביידן, מיך מיטן טאַטן, האָט מען געבעטן מחילה, מיר זאָלן זיך אָפּטראָגן פון דאַנען אין אַ גוטער שעה אין אַ מזלדיקער און מער נישט אַרײַנטרעטן אין זאַל אַרײַן ביז פּסח.

פון דער מינוט אָן האָט דער זאַל באַקומען בײַ מיר אין די אויגן דווקא גאָר אַ באַזונדער חן, און עס האָט מיך אַהינצו געצויגן, ווי אַ מאַגנעט, און איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן חשק אַ קוק טאָן אַהינצו, אין „יענעם ווינקל אַרײַן", כאָטש פון דערווײַטן. אַוועקשטעלן זיך פון

יענער זײַט טיר, בשעת מעשה געקײַט דעם אָנבײַסן, ברויט מיט שמאַלץ, האָב איך אַרײַנגעקוקט און געשפּיגלט זיך אין אונדזער שײנעם ליכטיקן זאַל מיט דער רויטער קאַנאַפּע פֿון פּידל־האָלץ, מיטן האַלב־קײַלעכיקן טיש אױף דרײַ לאַפּעס, מיטן האַלב־קײַלעכיקן שײן־געשניצטן שפּיגל און מיטן גרױסאַרטיקן מזרח, װאָס דער טאַטע אַלײן האָט אים אױסגעמאָלט בשעת ער איז נאָך, זאָגט ער, געװען אַ חתן. װײ־װײ, װאָס איז נישט געװען אױפֿן דאָזיקן מזרח! בערן, און לײבן, און װילדע קעץ, און אָדלערס, און פֿױגלען, און שופֿרות, און מנורות, און אתרוגים, און שיסעלעך מיט מגן־דודלעך, און בלעטלעך, און קנעפּלעך, און רעדלעך, און פּאַסיקלעך, און פּינטעלעך אָן אַן עק, אָן אַ שיעור! ס׳איז געװען נישט צו גלײבן, אַז אַ מענטשלעכע האַנט זאָל דאָס אַלצדינג קאָנען אױסמאָלן, קױם־קױם װאָס דאָס אױג קאָן כאַפּן! „אַ מושלם דער טאַטע מײַנער! — טראַכט איך מיר. — אַ בריה! אַ מזיק!”

— פֿאַרכאַפּט זאָלסטו נישט װערן! מיטן גאַנצן חמץ בײַ דער טיר, ברענען זאָלסטו נישט אױפֿן פֿײַער?!

אַזױ זאָגט די מאַמע, נעמט מיך אָן מיט צװײ דינע שאַרפֿע פֿינגערלעך פֿון איר רעכטער האַנט בײַ מײַן לינקן אױער און פֿירט מיך צום טאַטן:

— נאַ, זע, קוק כאָטש אָן דעם קדיש דײַנעם! מיטן ברױט האָט ער זיך אַװעקגעשטעלט קוקן אַהין, װוּ דער פּסחיקער באַרשטש!

דער טאַטע מאַכט כלומרשט אַן ערנסט פּנים, שאָקלט מיטן קאָפּ, שטעלט־אױף די ליפּן און קנאַקט מיט דער צונג:

— טץ־טץ־טץ! אַװעק, דו ימח־שמוניק אײנער!

און די מאַמע קערט זיך אָפּ אין אַ זײַט, דערזע איך אױפֿן טאַטנס ליפּן אַ גרינג באַהאַלטן שמײכעלע; און קערט זיך אום צוריק די מאַמע, מאַכט ער װידער אַן ערנסט פּנים. ער נעמט מיך פֿאַר אַ האַנט, זעצט מיך אַנידער נעבן זיך אױף אַ בענקל און זאָגט מיר אָן, איך זאָל אַהינצו נישט קוקן — מע טאָר נישט!

— פֿון דער װײַטן אױך נישט?

נאָר דער טאַטע הערט מיך שױן נישט. ער זיצט פֿאַרטיפֿט אין אַ ספֿר און לערנט שטילערהײט, און איך פֿאַרגנבֿע מיך פּאַװאָלינקע צו דער טיר און קוק־אַרײַן דורך אַ שפּעלטל אַהין, אין זאַל אַרײַן, און זע דאָרטן פֿון כל־טוב אַ גן־עדן: נײַע טעפּ אַ סך מיט מאַקערטעס אױף

דער ערד, און אַ האַקמעסער, אַ זאַלצבריטל, ציבעלעס צוויי קרענצלעך הענגען אַף דער וואַנט און באַשײַנען די זאַל, — שוין פּסחיק די זאַל, פּסחיק, פּסחיק, פּסחיק!...

ב.

פון האַנט צו האַנט

— טאָמער וואָלט איר זיך מטריח געווען פון דאַנען מיט די ספרים אַהין, אין גרויסן אַלקער אַרײַן?

אַזוי רופט זיך אָן צו אונדז די מאַמע, אָנגעטאָן אין ווײַסן, מיט אַ ווײַס סערוועטל אַפן קאָפּ און מיט אַ לאַנגן שטעקן אין איין האַנט און מיט אַ נײַעם פלעדערוויש אין דער אַנדערער האַנט, פאַררײַסט דעם קאָפּ אַרויף און קוקט אַף דער סטעליע.

— סאָסל! ווּ ביסטו ערגעץ מיט דער באַרשט? נו, ריר זיך שוין, מויד! באַווײַז זיך!

און סאָסל די מויד, אויך אַ פאַרבונדענע מיט אַ ווײַסער שמאַטע, באַווײַזט זיך מיט אַ נאַסער באַרשט און מיט אַ שעפל ווײַס ליים, אוןביידע זעען־אויס, ווי לעבעדיקע מתים אין ווײַסע תכריכים. און סאָסל מיטן נאַסן בערשטל פליאַסקעט איבער דער סטעליע הין און צוריק: פליאַק — פליאַק! און ביידע זײַנען זיי אין כעס, בייז, ווי די בינען.

לאַנג אָבער שטיין און קוקן אַף דער דאָזיקער זעלטענער קאָמעדיע לאָזט מען מיך נישט. פרײַער הייבט מען מיר אָן געבן אָנצוהערעניש, אַז אַ ייִנגעלע באַדאַרף נישט שטיין בשעת מע שמירט די שטוב אַף פּסח. נאָכדעם הייבן זיי ביידע שוין אָן אַביסל האַרבער:

— הער נאַר, טאָמער וואָלסטו געגאַנגען אַהין, אין אַלקער אַרײַן?

און בשעת מעשה נעמט מיך אָן די מאַמע פאַר אַ האַנט און באַווײַזט מיר, ווּהין איך זאָל גיין. איך בין אָבער קיין בעלן ניט אַוועקגיין, טרעט איך אָפּ אַביסל אַף אַ זײַט און באַגעגן זיך מיט סאָסלען; טוט מיך סאָסל אַ שטויס־אָפּ פון זיך: „אומעטום אָבער פּלאָנטערט ער זיך אונטער די פיס!”

— גיי שוין גיי צו אַלדע גוטע יאָר אַהין, צום טאַטן! — זאָגט מיר די מאַמע און טוט מיך אַ וואָרף צו סאָסלען, און סאָסל כאַפּט מיך

אונטער און טוט מיך א שלײדער צוריק צו דער מאמען: „אַף מײַן לעבן האָב איך אַזאַ מין אײַנגעגעסן יינגל ניט געזען!"

— סע נעמט אים גאָר קײן קויל נישט! — זאָגט די מאמע און דערלאַנגט מיר א סטוסאַק פון הינטן, און סאָסל כאַפּט מיך אונטער און פאַרליאַפּעט מיך מיט ווײַסן ליים, און איך פאַל־אַרײַן, ווי א קיטשקע, צום טאַטן אין אַלקער אַרײַן און פאַרגיי זיך פון געוויין.

דער טאַטע רײַסט זיך אָפּ פון די ספרים, נעמט מיך אײַן מיט וואָס ער קאָן, זעצט מיך אַנידער אַף די קניִעס און פאַרטיפט זיך צוריק אין די ספרים.

ג.

פון די אַלקערס אין דער שפּיזאַרניע

— זײַט־זשע מוחל, בעל־הבית! די בעל־הביתטע האָט געזאָגט, איר זאָלט מוחל זײַן אַריבערטראָגן זיך פון דאַנען אינעם קלײנעם אַלקערל אַרײַן.

אַזוי זאָגט צום טאַטן סאָסל די מויד און קומט־אַרײַן מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג, אויסגעשמירט, ווי א רוח, און מיר טראָגן זיך מחילה אַריבער מיט די ספרים פונעם גרויסן אַלקער אינעם קלײנעם אַלקערל אַרײַן. דאָס קלײנע אַלקערל איז גרויס, ווי א פּײַג; דאָרטן שטייט מער נישט ווי איין בעטל, שלאָף איך און, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, סאָסל די מויד. סאָסל איז, פאַרשטייט איר, טאָקע אונדזערע אַן אייגענע און בײַ אונדז איז זי שוין כמה וכמה יאָרן; איך בין נאָך דערמאָלט, זאָגט זי, אַף דער וועלט נישט געווען. איך בין בײַ איר, זאָגט זי, אַף די הענט אויסגעוואַקסן. ווען ניט זי, וואָלט איך שוין לאַנג, זאָגט זי, אַנגעשפּאַרט מי יודע ווו. וואָרעם ווו ערגעץ אַן אַנשיקעניש, א משולחת, א שלאַק־פּורעניות, איז דאָס בײַ מיר, זאָגט זי, געווען, און פון אַלע צרות האָט זי מיך, זאָגט זי, אַרויסגעשלעפּט; און הײַנט דאַנקט ער מיך, זאָגט זי, אָפּ מיט שטײנער, — נו? איז ער נישט ווערט קײן פּעטש?

אַזוי לאָזט אויס סאָסל און שענקט מיר א פּאָר סטוסאַקעס מיט א רײַס בײַ די האָר פּאַר א צוגאָב. און — מערקווירדיק! — קײנער זאָגט איר נישט קײן וואָרט. נישט די מאַמע, נישט דער טאַטע נעמען

זיך אָן פאַר מיר. וואָס סאָסל וויל, דאָס טוט זי מיט מיר, גלײַך ווי איך בין סאָסלס, ניט זייערע.

אין קליינעם אַלקערל פּאַרקלויב איך מיך אין אַ ווינקעלע, באַזעץ מיך אױף דער ערד און קוק אָפּן טאַטן, ווי ער רײַבט דעם שטערן, קנײַט די באָרד און שאָקלט זיך און ציט־אויס יענעם שיינעם לאַנגן „און יאַ — — — —". נאָר אָט קומט אַרײַן סאָסל מיטן קלאַפּערגעצײַג און לאָזט אונדז בעטן, מיר זאָלן זיך אויספּעקלען פון דאַנען ווײַטער אַבי־סעלע.

— ווּהין נאָך? — פרעגט זי דער טאַטע, אַן איבערגעשראָקענער.

— איך וויים ווּהין? — זאָגט סאָסל און שטעלט זיך אַוועק מיטן בערשטל אין מיטן אַלקערל.

— אין קעמערל אַרײַן! אין דער שפּיזאַרניע אַרײַן! — זאָגט די מאַמע און קומט־אַרײַן מיטן לאַנגן שטעקן און מיט דעם נײַעם פּלע־דערוויש, זעט־אויס ווי אַן אָנגעוואָפּנטער שונא, וואָס פאַלט־אָן אָפּן לאַנד מיט געווער אין די הענט.

— אין שפּיזאַרניע איז איצטער קאַלט, ווי אין אַ פּוסטקע, — פרווט זיך דער טאַטע אָפּבעטן מיט גוטע ווערטער.

— אַ ווילדע קעלט אױף אים! — זאָגט די מאַמע.

— מע געפינט געפּרווירענע אין דרויסן! — כאַפּט אונטער סאָסל און הייבט־אָן פּליאַסקען מיט דער נאַסער באַרשט איבער די טרוקענע ווענט. און מיר מוזן זיך, במחילת כבודנו, אַריבערפּעקלען פונעם קליי־נעם אַלקערל אין קליינעם קעמערל אַרײַן, און ביידע כאַפּן מיר דאָרט אַ רעכטן ציטער. מען קאָן נישט זאָגן, אַז פאַרן טאַטן זאָל דאָ זײַן גוט צו זיצן און אַרײַנקוקן אין אַ ספר: די שפּיזאַרניע איז אַ קליין ענג קעמערל און אַ פינצטערס, קוים וואָס צוויי מענטשן קאָנען זיך דאָרט אויסדרייען. דערפאַר אָבער איז דאָס פאַר מיר אַ גאַנצער גן־עדן. סטײַטש, עס איז דאָ פּאָליצעס, און מע קאָן אױף זיי קלעטערן. — אמת, דער טאַטע לאָזט מיר נישט קלעטערן. ער זאָגט, איך קאָן חלילה זיך הרגנען. נאָר ווער הערט אים? ער האָט זיך נאָר פאַרטיפט אין זײַנע ספרים, בין איך שוין — אַהאַ! — געווען אױף דער ערשטער פּאָליצע, פון דער ערשטער — אױף דער צווייטער, און פון דער צווייטער — אױף דער דריטער.

— קוקאַריקו! — האָב איך אויסגעשריִען אױף אַ קול, געוואַלט

באוווּנזן דעם טאַטן מײַן גרויס בריהשאַפט, און האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך דערלאַנגט אַ זעץ אין דער סטעליע, אַז די ציין זײַנען מיר שיער נישט אַרויסגעפאַלן פונעם מויל. האָט זיך דער טאַטע איבער־געשראָקן און געמאַכט אַ גוואַלד. איז געקומען צו לויפן פרײַער סאָסל און נאָכדעם די מאַמע, און ביידע האָבן זיי מיר אַרײַנגעלייגט וויפל ס'איז אין מיר אַרײַן.

— אַ קינד זאָל האָבן אין זיך אַזעלכע קינדערשע תנועות! — טענהט די מאַמע.

— אַ קינד איז דאָס? אַ שד, נישט קיין קינד! — העלפט איר אונטער סאָסל, און איז מודיע, אַז מע וועט אונדז באַלד לאָזן בעטן, מיר זאָלן זיך אַריבערטראָגן פון דאַנען, מחילה, אין קיך אַרײַן, וואָרעם אין שטוב איז שוין כמעט העכער האַלב פּסחיק.

ד.

פון דער שפּיזאַרניע אין קיך

דאָרטן טרעף איך משה־בערן מיט די גרויסע ברעמען זיצן מיטן טאַטן אויף דער מילכיקער באַנק. איצט לערנען זיי נישט; זיי ריידן זיך אויס איינס פאַר דאָס אַנדערע זייערע ביטערע הערצער. דער טאַטע קלאָגט זיך פאַר אים אויפן גלות פונעם ערב פּסח, וואָס מע טרײַבט אים אַרום שוין פון עטלעכע טעג. „אַ מין נע־ונד, אַ גלות, אַ מין עמי־גראַציע פון איין אָרט אויפן אַנדערן!" און משה־בער זאָגט, אַז דאָס איז נאָך בלאָטע; אים איז, זאָגט ער, נאָך אַ סך ערגער.

— מיך — זאָגט ער — האָט מײַנע גאָר דורכגעטריבן פון שטוב.

איך קוק אויף משה־בערן מיט די גרויסע ברעמען און קאָן מיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן, וואָס הייסט, מע האָט אים, משה־בערן, אַזאַ גרויסן ייִדן מיט אַזעלכע גרויסע ברעמען, גענומען און דורכגעטריבן? ביסלעכווײַז גייען זיי אַריבער אויף זייערע שטענדיקע ענינים, מאָדנע דבורים! „רמב"ם", „כוזרי", „פילוסופיא", „שפינאָזאַ" וכדומה, וואָס קריכן מיר נישט אין דער לינקער פּאה.

אַ סך מער אינטערעסאַנט איז די גרויע קאַץ, וואָס זיצט אויפן פּריפּעטשיק און וואַשט זיך. סאָסל זאָגט, אַז די קאַץ וואַשט זיך, איז אַ

סימן אַף געסט. פאַרשטיי איך נישט. פון וואַנען ווייס די קאַץ, אַז ס׳וועט זײַן אַ גאַסט? איך גיי־צו צו דער קאַץ און הייב זיך אָן מיט איר אונטערשפּילן. פּרוּער פּרוּוו איך איר אָנטרעטן מיטן פינגער אַף דער לאַפּקע — וויל זי נישט. נאָכדעם לערן איך זי, זי זאָל „דינען", שטיין אַף די צוויי הינטערשטע פיסלעך — וויל זי אויך נישט. „סטאָי! סלוזש!" — זאָג איך צו איר און שענק איר אַלע מאָל אַ שנעל אין נעזל אַרײַן. פאַרמאַכט זי די אויגן און דרייט־אויס דאָס קעפּל, שטעלט־אַרויס דאָס צינגל און מאַכט אַ מאָדנע פּנימל, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר דאָס דאָזיקע בחורל? וואָס וויל ער האָבן פון מײַן לעבן " מיך פאַרדריסט די מעשה: „אַ קאַץ זאָל זײַן אַזאַ מין עקשנטע!" און איך מוטשע זיך מיט איר אַזוי לאַנג, ביז זי דערלאַנגט מיר אַ קרעל מיט אירע שאַרפע נעגל איבער דער האַנט, און איך לאָז־אַרויס אַ מוראדיקן קוויטש: „אוי, מאַ־אַ־מע!" קומט צו לויפן די מאַמע מיט סאָסלען מיט אַ געפּילדער, און איך באַקום אַ רעכטן פּסק פון זיי ביידע, איך זאָל דאָס אַנדערע מאָל וויסן, ווי אַזוי צו שפּילן זיך מיט קעץ! (סך־הכל איין קאַץ — הייסט בײַ זיי „קעץ"!)

— גיי נאָר וואַש זיך, — רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטן — וועלן מיר אַראָפּגיין אין קעלער אַרײַן „אָפּעסן"...

סאָסל כאַפּט די קאָטשערע און נעמט זיך צום אויוון מיט די טעפּלעך, לייגט נישט קיין כבוד נישט אַף מיר, נישט אַפן טאַטן און נישט אַף משה־בערן. אדרבה, משה־בערן גיט זי אָנצוהערעניש, אַז זי פאַרשטייט נישט, וואָס ער דרייט זיך דאָ אַרום ערב־פּסח? דאַכט זיך, ס׳איז גלײַכער, זאָגט זי, זיצן בײַ זיך אין דער היים, און נישט אַרומדרייען זיך אין אַזאַ צײַט אין פרעמדע הײַזער! משה־בער שטויסט זיך, ווען זי מיינט, געזעגנט ער זיך אָפּ, און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין קעלער אַרײַן „אָפּעסן"...

ה.

פון קיך אַראָפּ אין קעלער

איך פאַרשטיי נישט, וואָס קרימט זיך אַזוי דער טאַטע און וואָס קנייטשט ער מיט די פּלייצעס און בורטשעט אונטער דער נאָז: „נאַ דיר אָן עמיגראַציע!"... אַשטייגער, וואָס פאַר אַן אומגליק איז דאָס,

אז מען עסט איין מאָל אין קעלער? וואָס קאָן שאַדן דער ריח פֿון געזויערטע אוגערקעס, פֿאַרשטונקענע קרויט, מילכיקע קריגלעך? וואָס איז אַזוי ביטער, אַז מע נעמט צוויי איבערגעקערטע פֿעסלעך און מע לייגט־איבער אַ לאָקשנברעט, און אַליין זעצט מען זיך אויך אויף איבער־געקערטע פֿעסלעך און מען עסט? אדרבה, מיר דאַכט, אַז אַזוי איז נאָך פֿיל בעסער און אַ סך פֿריילעכער. מע קאָן זיך בשעת מעשה קאַטשען מיטן פֿעסל איבערן גאַנצן קעלער. אי, מע פֿאַלט? שטייט מען אויף און מע קאַטשעט זיך נאָך אַ מאָל. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס סאָסל גיט אַכטונג, מע זאָל זיך נישט קאַטשען.

— ער האָט זיך שוין געפֿונען — זאָגט זי — אַ נײַ שפּילעכל; ער וויל זיך אַ האַנט אָדער אַ פֿוס אויסברעכן...

מײַנע שונאים זאָלן אַזוי לעבן, ווי איך וויל זיך אויסברעכן אַ האַנט אָדער אַ פֿוס! איך ווייס נישט, וואָס די סאָסל וויל האָבן פֿון מײַנע יאָרן און טעג! שטענדיק רודפֿט זי מיך, און אַלצדינג לייגט זי אוים צום ערגסטן. לויף איך — זאָגט זי, אַז איך וועל בלײַבן אָן אַ קאָפּ. ריר איך זיך צו צו עפּעס אַ זאַך — זאָגט זי, אַז איך וויל דאָס צעברעכן. האַלט איך אַ קנעפּל אין מויל — מאַכט זי אַ גוואַלד: „דער שלים־מזל וויל זיך ווערגן!" דערפֿאַר רעכן איך זיך מיט איר אָפּ דער־מאָלט, ווען איך בין שלאָף. ווער איך עפּעס נישט מיט אַלעמען, אַזוי לייגט זי אײַן די וועלט, מאַכט אַ געפּילדער.

— אַצינד נעם דאָס קינד און גיי מיט אים אַרויף. מע דאַרף אויסרייניקן דעם לעצטן חמץ פֿונעם קעלער אויך.

אַזוי זאָגט די מאַמע נאָכן בענטשן, און איידער דער טאַטע פֿרעגט זי, וווהין מיר זאָלן גיין, פֿאַרכאַפּט זי אַליין און טוט אַ זאָג:

— אויף אַ פּאָר שעה אויפֿן בוידעם.

— וואָרעם אין שטוב האָט מען נאָר־וואָס אָפּגעוואַשן די בריקן.

— כאַפּט אונטער סאָסל. — נאָר זעט, דער שלים־מזל זאָל דאָרט נישט אַראָפּקאַטשען זיך פֿונעם בוידעם און נישט ברעכן זיך רוק און לענד.

— בײַס זיך אָפּ די צונג! — זאָגט איר די מאַמע, און סאָסל שטופּט מיך אונטער, איך זאָל גיין אַביסל גיכער.

— נו, קריך שוין, קריך, שלים־מזל!

דער טאַטע גייט הינטער מיר, און איך הער, ווי ער בורטשעט אונ־טער דער נאָז: „אויפֿן בוידעם גאָר! אַזאַ מין עמיגראַציע! נ־נ־אַ!"

אַ מאָדנער מענטש דער טאַטע מײַנער! מע זאָגט אים: אַפֿן בוי־דעם — איז ער אויך נישט צופֿרידן! איך ווייס? מיר דאַכט, איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל זײַן אַלע וואָך ערבֿ־פּסח און מע זאָל אַלע וואָך דאַרפֿן קריכן אַפֿן בוידעם. ערשטנס, איז דאָס קריכן אַליין עפּעס אויך אַ שטיקל עסק. אַשטייגער, אין מיטן וואָך איך זאָל זיך אויסציִען, וועט מען מיך דען לאָזן קריכן אַפֿן בוידעם? און איצט שפּאַן איך אַף די טרעפּ, ווי אַ מזיק. הינטן שפּאַנט מיר נאָך דער טאַטע און זאָגט מיר: „פּאַוואָלינקע! פּאַמעלעכן!״ וואָס מיר פּאַוואָלינקע? ווער מיר פּאַמעלעכן? איך פֿיל, אַז בײַ מיר זײַנען אויסגעוואַקסן פֿליגל, איך פֿלי, איך פֿלי!

ז.

פֿון קעלער אַפֿן בוידעם — און אַ סוף

וואָס ווייסט איר, וואָס בײַ אונדז אַפֿן בוידעם טוט זיך? — אוצ־רות! גאַנצע אוצרות!

צעבראָכענע גלעזלעך פֿון לאָמפּן, שאַרבנס פֿון טעפּ, אַלטע מלבו־שים, וואָס ס'איז שווער צו דערקענען, צי איז דאָס ווײַבערשע, צי מאַנצבילישע תּחתונים. און פּוטער אַ שטיקל וואַלגערט זיך, וואָס אַז מע רירט זיך צו צו דעם, ווערט דאָס צעקראָכן, אַזוי ווי שניי, און בלעטער פֿון ספֿרים, צעריסענע שמות, און אַ דורכגעברענטער קוימען פֿון אַ סאַמאָוואַר, און פֿעדערן, און אַ צעריסענע זיפּ, און אַן אַלטער לולבֿ ליגט אויסגעצויגן, ווי אַ בעל־הבית. הײַנט די לעזשנעס! הײַנט די קראָקוועס! הײַנט דער דאַך! דער דאַך איז פֿון גאָלע שינדלען, און איך קאָן אים דערלאַנגען מיט די הענט! אַ קלייניקייט — האַלטן דעם דאַך מיט די הענט!

דער טאַטע זעצט זיך אַוועק אַף אַ באַלקע, נעמט־צענויף די שמות־בלעטלעך, לייגט־צענויף אַ בלעטל מיט אַ בלעטל, קוקט אַרײַן אין זיי און פֿאַרטיפֿט זיך דערווײַל אין די שמות־בלעטלעך. און איך שטעל מיך אַוועק באַם קליינעם פֿענצטערל וואָס אין דאַך און דערזע פֿאַר זיך די גאַנצע שטאָט, גאַנץ כּתרילעווקע, ווי אַף אַ טעלער! אַלע הײַזער מיט אַלע דעכער — שוואַרצע, גרויע, רויטע און גרינע דעכער. און

די מענטשן, וואָס גייען, זעען אויס קליינע מענטשעלעך, און מיר דאַכט זיך אויס, אַז קיין שענערס און קיין בעסערס פון אונדזער שטאָט קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר נישט זײַן אַף דער וועלט. אויך צו אונדז אין הויף אַרײַן כאַפּ איך אַ קוק, און דערזע, ווי בײַ אונדז און בײַ אַלע איבעריקע שכנים וואַשט מען און מע רײַבט און מע שאַבט און מע רייניקט און מע כשרט טיש און בענק, און מע טראָגט גרויסע טעפּ מיט הייס זודיק וואַסער, מיט ברענעדיקע פּרעסלעך, מיט גליִענדיקע שטיינער, און אַ פּאַרע זעצט אַרויף, אַ ווײַסע פּאַרע; די פּאַרע קנײַקלט זיך, קנײַקלט זיך, און ווערט צעגאַנגען, אַזוי ווי רויך. און אין דרויסן שמעקט מיט וועסנע. ריטשקעס לויפן, ציגן מעקען, און עפּעס אַ יידל מיט גרויסע אונטערגעבונדענע שטיוול און מיט אַ ווײַס פערדל שלעפּט זיך אין דער בלאָטע. דאָס איז נעבעך עזריאל דע בעל־עגלה, עזריאל שמײַסט דאָס ווײַסע פערדל, דאָס פערדל קוים וואָס עס שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע. דאָס פירט מען עמעצן אַ וועגעלע מיט מצות. און איך דערמאָן מיך, אַז מיר האָבן שוין לאַנג מצות, שוין לאַנג פאַרשלאָסן אין שאַפע און פאַרהאַנגען מיט אַ ווײַסן לײַלעך. און אייער אין שאַפע איז אָנגעגרייט אַ פולע מאַקערטע, און שמאַלץ פּסחיקע אַ גאַנצער סלאָי, און ציבעלעס צוויי קרענץ הענגען אַף דער וואַנט, און נאָך אַ סך גוטע זאַכן פונעם ליבן זיסן יום־טוב. און איך דערמאָן מיך אָן די נײַע מלבושימשלעך, וואָס מע האָט מיר צוגעזאָגט ברענגען אַף יום־טוב, און דאָס האַרץ וואַקסט מיר, וואַקסט, ווי אַף הייוון.

— בעל־הבית! — לאָזט זיך הערן אַן אויסגעצויגן קול פון אונטן. — זײַט זיך מטריח אַראָפּ אין הויף אַרײַן איבערלופטערן די ספרים!

דער טאַטע שטייט־אויף, שפּײַט־אויס מיט כעס: „טפו זאָל דאָס ווערן! נאַ דיר אַן עמיגראַציע!"

איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין דעם טאַטן, פאַר וואָס ער איז נישט צופרידן? וואָס קאָן דען זײַן נאָך בעסער און ליבער, ווי שטיין אין דרויסן און לופטערן ספרים? און איך רײַס מיך אָפּ פון פענצטערל און טו מיך אַ לאָז צו דער טיר פונעם בוידעם און... טראַך־טאַראַראַך מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, איבער אַלע טרעפּ!

. . . .

וואָס ווײַטער איז געווען — געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר,

אַז פונעם פאַל האָב איך צוגעקרעגקט נאָכדעם אַ היבש שטיקל צײַט. איך בין, זאָגט מען, געווען גאָר פאַרבײַ. און, ווי איר זעט, בין איך געבליבן געזונט און שטאַרק, הלוואי וויַיטער נישט ערגער, בלתי־נאָר דער איינער שראַם, וואָס בּאַ מיר אַפן פּנים, און וואָס דער אָטעם איז מיר געוואָרן פון דעמאָלט אָן קורצלעך, און וואָס אַז איך רייד, פּינטל איך מיט די אויגן עד היום הזה.

געשריבן אין יאָר 1903.

Este tomo se acabó de imprimir
el 20 de octubre de 1953, en
la "IMPRESORA BAIRES" de
Simón Eidelman, Cangallo 2981
T. E. 86-0119, - Buenos Aires